STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05632

A VALFISH IN YAFO

Shmuel Izban

Permanent preservation of this book was made possible
by Ruth Berlowitz
in memory of
Charles Berlowitz

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל איזבאַן

★

אַ וואָלפּיש אין יפו

דאָס בוך דערשײַנט מיט דער מיטהילף
פון דעם פאָנד א. נ. פון לעאָן באַנקיר ז״ל
עטאַבלירט דורך דער משפחה באַנקיר אין שטאָקהאָלם

שמואל איזבאַן

אַ וואַלפיש אין יפו

דערציילונגען

פאַרלאַג י.ל. פרץ ישראל

תל־אביב תש"ם — 1980

Shmuel Izban

A WALFISH IN JAFFA

(A WHALE IN JAFFA)

Short Stories

I. L. PERETZ Publishing House

31, Allenby st. Tel Aviv

Copyright 1979

by Samuel Izban

2475 East 22th St.

Brooklyn, ~~New York~~, N. Y. 11235

©

Printed in Israel

נדפס בישראל

נסדר בדפוס א. ינקלביץ בני־ברק

נדפס בדפוס מ. ערבה תל־אביב

אַ וואַלפיש אין יפו

— א —

ווי אַ נישרף, וואָס איז אָפּגעברענט געוואָרן אין זײַן אייגן הויז און ר׳לויפט אַרויס אין גאָס וואָרענען די שכנים זיי זאָלן זיך אויסהיטן פון דעם פײַער, וואָס קען חרוב מאַכן די שטאָט, אַזוי האָט ניסן, דער יפוער בעל-עגלה, נישט אויפגעהערט זײַן גאַנץ לעבן צו דערציילן פון אַן אויס־טערלישער פאַרלויפעניש מיט יאָרן פריער אין דעם אַלטן האַפן. נישט גלאַט אַ פאַרלויפעניש איז דאָס געווען, נאָר אַן אמתער נס, טאַקע אויף יענעם אָרט, וווּ דער פּאַרצײַטיקער וואַלפיש האָט אײַנגעשלונגען יונה הנביא, ווען ער האָט אויף גאָטס באַפעל, געזאָלט גיין קיין נינוה צו שטראָפן די זינדיקע, אָבער ר׳איז פון יפו אַנטלאָפן מיט אַ שיף קיין תּרשיש. אין שטאָט זענען געווען געוווּג אָפּשפּעטערס, סײַ מאמינים, סײַ אַפּיקורסים, וואָס האָבן נישט געגלייבט די מעשה. ס׳האָבן אויך נישט געפעלט קיין באַרוישטע לײַט, צעפּלאָמטע מוחות און היצקעפּ צווישן ייִדן און אַראַבער, וואָס בײַ זיי איז אויסגעגאַנגען ס׳חיות צו הערן וואָס מער פּלאַי־פּלאַים וועגן דער פּראָסטער מויד, אַ יצאָנית, וואָס האָט פאַרכּישופט אַ ריזיקע ים־חיה און נישט דער־לאָזט די שטאָט זאָל פאַרוויסט ווערן.

ניסן בעל-עגלה איז דענסטמאָל נאָך אַ ייִנגל געווען. זײַן טאַטע אפרים האָט געטריבן די סוסים און ער איז געזעסן לעבן אים אויף דער קעלניע. ס׳איז געווען אין יענער צײַט, ווען די שליסלען פון שטאָט האָט געהאַלטן דער יפוער בעל-עגלה. דער טערק האָט טאַקע רעגירט אין לאַנד. אָבער נישט דעם סולטאַנס שליח פון סטאַמבול איז געווען דער גובערנאַטאָר, נאָר דער פורמאַן אין האַפן. ניסנס טאַטע, אפרים, איז געווען דער עלטסטער בעל-עגלה און זײַנע סוסים זענען געשפּרונגען אַזוי ווי האָזן אויף אַלע סכּנהדיקע וועגן. ווען אַ מלך, אַ וויזיר, צי אַ קאַליף פון אַ ווײַטער מדינה האָט זיך באַוויזן אין יפוער פּאָרט, האָט זײַן סוויטע געוווּסט ווער ס׳וועט זיי אַרומפירן איבער די גאַסן און מערק. ווען אַ שיף מיט ייִדן איז אָנגעקומען פון אָדעס, האָבן די יפוער בעל-עגלהס זיי געבראַכט אין די ייִדישע קאָלאָניעס. אין פּאָרט האָבן זיך אַרומגעדרייט אַראַבישע קעמל-פירערס און אייזל־

טרײַבערס, אָבער ווער האָט זיך אויף זיי אומגעקוקט? אַלע האָבן געוווּסט, אַז אפרים איזוואַשטשיק איז געווען דער אמתער שומר פון שטאָט. אַ שומר איז ער געווען? אַן אַלצווייסער, אַן אומעטום פאַראַנענער. ער האָט די געסט געפירט צו אַלע באַזאַרן, צום מאַרק פון מציאות, צו די טרינקשטיבער און צו די אַראַבישע מכשפות.

ער האָט געהאַט אַ שם פון אַן ערלעכן מאַן. מען האָט אים אַנגעטרויט געלד. אָבער ער האָט זיך נישט צוגערירט דערצו. אַזעלכע בעל־עגלהס זעט מען הײַנט נישט. מיט דער בײַטש האָט ער געטריבן די סוסים, אָבער פון זײַן צונג האָבן זיך געשאָטן לומדישע ווערטלעך, זאַגעכצער ווי פּערל. ניסן האָט געדענקט דעם טאַטנס אַלע שפּרוכן. גנבים און אַרומשלעפּערס האָבן מורא געהאַט פאַר זײַן מויל. שטאַלצע עפענדיס האָבן אים אַרויס־געוויזן דרך־ארץ, פעלאַכן האָבן געציטערט פאַר זײַן בײַטש. ווי איז געווען צו דעם אַראַבער, וואָס האָט געוואָלט פאַרשווועכן דעם יידישן כבוד. מחמדאַ־נישע העצערס האָבן זיך געהיט פאַר זײַן מתנת־יד.

ווען אפרים איז געקומען אין די יאָרן, האָט זײַן זון ניסן איבערגענומען די לייצעס. דער טאַטע האָט אים איבערגעגעבן די בײַטש און געזאָגט: אַל תּבטח בנדיבים, זאָלסט נישט רײַטן אויף אַ זאָטל אַן סטרעמעניעס. אין דעם טאָג ווען דו וועסט אָנהייבן גלייבן די רמאים, וועט געשען ווי אין פּסוק שטייט: אָבדו עשתונותיו!.. וועסט פאַרלירן די סוסים. ניסן איז בטבע געווען אַ סבלן. ווען ער איז אונטערגעוואַקסן, איז אים געבליבן אײַנגעבאַקן אין זכרון דעם טאַטנס ווערטלעך. ער האָט גוט געדענקט די זאָגעכצער: אַן עגלה איז אַ פּלינקער וואָגן, אָבער אַן אַן אָנטרײַבער ווערט ער אַ שליטן. דאָס זעלבע מיט די פערד. אָן דער בײַטש ווערן זיי טשערע־פּאַכעס. נוץ אויך די בײַטש אויף די רמאים. האָב נישט קיין עסקים מיט די אַפּנאַרערס. אַנטלויף פון די אַרחי־פּרחיניקעס. ואכלת ושבעת וברכת... זאָלסט אָפּעסן, אָפּבענטשן און מאַכן ויברח.

אין האָפן האָט דענסטמאָל זיך אַרומגעדרייט אַן אַראַבישער רמאי אַבדול ראַשיד, אַ גנב און אַ נואף. ער האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ שד, אָבער זײַנע הענט זענען געווען דין און איידל ווי ער וואָלט נישט געווען קיין רוצח, נאָר געזעסן בײַם שפּינראַד און געוועבט טײַערע טעפּעכער. אין יפוער ים זענען דעמאָלט אַרומגעשוווּמען ריזיקע פיש. מאַכט זיך, אַז צווישן די פישערלײַט האָבן אין איינעם אַ טאָג זיך פאַרשפּרייט שמועות וועגן אַ וואַלפיש, וואָס שפּרינגט אַרויס פונעם אָפּגרונט און וואַרפט אַן אַ פּחד אויף דער וועלט. מ'האָט דערציילט, אַז דער וואַלפיש בילט, בײַסט אָפּ

שטיקער פֿון שיפֿן און די ים־פֿאַרערס זענען אויסגעשטעלט אויף דער סכּנה פֿון אונטערגאַנג. ס׳האָט אויף געטראָפֿן, אַז די ים־חיה האָט אויפֿגעפֿרעסן אַ פּאָר לעבעדיקע מענטשן.

בײַ די אַראַבער איז דער וואַלפֿיש געווען אַן אמתער ים־מערדער, אָבער די יפֿוער ייִדן האָבן געגלייבט, אַז ס׳איז דער לוויתן אַליין, אין אַ גילגול. ער שלינגט אײַן רשעים און רירט נישט אָן די רעכטפֿאַרטיקע, ווײַל ווען דער געאַכפּערטער נדיב משה מאָנטעפֿיאָרע פֿון ענגלאַנד איז אָנגעקומען אין יפֿו, האָט דער וואַלפֿיש אויפֿגעהערט צו טרייסלען דעם ים, די שטורעמדיקע כוואַליעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט. די מעכטיקע וואַסערן זענען געוואָרן רויִק ווי אַ טײַך. דער וואַלפֿיש איז אויסגערונען גלײַך ער וואָלט צוריק אײַנגעזונקען אין תּהום. דער נדיב מאָנטעפֿיאָרע אַליין האָט בנעימותדיק אַראָפּשפּאַצירט פֿון שיפֿדעק ווי ער וואָלט ערשט אַרונטער פֿון אַ באַן. ער האָט געוואַרט ביז מ׳האָט אַראָפּגעפֿירט זײַן גאָלדענע קאַרעטע. און ווי די קאַרעטע האָט זיך אַ ריס געטאָן, זענען די פֿערד נישט געלאָפֿן, נאָר זענען געפֿלויגן ווי אָדלערס. פֿײַער האָט געשפּריצט אונטער זייערע פּאָדקאָוועס. אַ צײַט שפּעטער איז אָנגעקומען דער קייסער פֿראַנץ יאָזעף, קיר״ה פֿון מלכות עסטרײַך־אונגאַרן. האָט אין יענעם טאָג דער ים זיך איבערגעקערט און זײַן שיף איז שיִער נישט צעבראָכן געוואָרן אויף שפּענער. פֿאַר וואָס? אַלע האָבן געוווסט, אַז דער קייסער ירום הודו איז געווען אַן אוהב־ישׂראל. פֿאַר וואָס האָט דער וואַלפֿיש אויף אים געצאָרנט? איז עס געווען דערפֿאַר, ווײַל רשעים האָבן אין איינער פֿון זײַנע מדינות דענסטמאָל גערודפֿט ייִדן? קיינער האָט נישט געהאַט אַ באַשייד אויף דער רעטעניש.

און דער יפֿוער ים, דאַרף מען וויסן, איז אַנדערש פֿון אַלע ימען אויף דער וועלט. בײַם טערק האָט קיין שיף נישט געקענט פֿאַראַנקערן בײַם ברעג. ים־פֿעלדזן ווי בערג האָבן פֿאַרצוימט דעם אַרײַנפֿאָר צום פּאָרט. ווער קאָן פֿאַרגעסן יענע טעג, ווען אַראַבישע טרעגערס האָבן אויף פֿישער־לאָדקעס מיט רודערס אַרומגעקרײַזט די פֿעלדזן און אין מיטן וואַסער אַראָפּ־געלאָדן פֿון שיף די סחורות מיט די מענטשן צוזאַמען? ווען די אַראַבישע טרעגערס האָבן געהערט פֿון דעם ים־רוצח, האָבן זיי מורא געהאַט אײַנצו־שטעלן ס׳לעבן און זענען אַנטלאָפֿן פֿון האַפֿן. ס׳איז געווען אַ סכּנה, אַז יפֿו זאָל אָפּגעשניטן ווערן פֿון דער וועלט. אַ גריך, אַ סוחר פֿון דעם אינדזל קרעטאַ, איז געקומען מיט אַ פּלאַן צו כאַפּן דעם וואַלפֿיש מיט אַ ריזיקער נעץ, געפֿלאָכטן פֿון קייטן, אָבער מען האָט אים פֿאַרשריִען פֿאַר אַ חסר־דעה.

גראָד דענסטמאָל איז דער רמאי אַבדול ראַשיד אַוועק צום יפֿוער

גובערנאַטאָר כאַיקעל כאַסאַן און געזאָגט, אַז ער האָט אַ פּאַרטל צו כאַפּן דעם וואָלפיש דורך צויבערשטיק פון אַ נקבה. אַ יונגע בויכטענצערין וועט דעם לויתן פאַרכּישופן און ר'וועט זיך אונטערגעבן ווי אַ לעמעלע. פאַר דעם פרײַז פון טויזנט באַשליקן וועט ער, אַבדול ראַשיד, ראַטעווען די שיפן פון אונטערגאַנג.

דער גובערנאַטאָר, אַ געבראַטענער טערק, איז אַליין געווען אַ קאַפּאַר־ניק, אַ כיטראַק און זײַן גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען אויפצוהענגען אין מיטן מאַרק אַראַבישע רוצחים. ער האָט פריילעך צום אים אַ זאָג געטאָן:

— ברענג מיר די אויסגעלאַסענע, וואָס קען פאַרפירן דעם ים־שד. געדענק! טאָמער וועט דער וואָלפיש זי אײַנשלינגען, וועט דײַן גוף פוילן אויף דער תליה!

— ב —

אַבדול ראַשיד האָט געהויבן די פיס און איז אַוועק אויפזוכן די בויכ־טענצערין. ער האָט זי געפונען אין אַן אַראַבישער טרינקשטוב. זי האָט געהאַלטן אין מיטן טאַנצן אַ לוסטטאַנץ, וואָס האָט אויפגעזאָטן דאָס בלוט בײַ די היציקע זכרים. חמודה האָט זי געהייסן. אַזאַ יפת־תואר האָט מען אין יפו צווישן די אויסגעלאַסענע מוידן נישט געזען. איר ברוינהויטיקער קערפּער איז געווען אויסגעשניצט ווי אַ פידל, איר בויך אַפּגעדעקט, אָבער פון די היפּטן אַראָפּ האָט זי געטראָגן לויזע שלייערן. דער אייבערשטער טייל לײַב איז געווען אײַנגעהילט אין דינע צעפליגלטע טיולן. די בײַטשן שוואַרצע האָר צעלאָזן, די אַנטבלויזטע הענט באַהאָנגען מיט קופּערנע בראַנדזועלעטן ווי קייטן. ווי פאַרשײַט חמודה האָט זיך געפירט אין די טרינקשטיבער, האָט זי אָבער געהאַט אַן איידל פּנים פון אַ צנועה. אין אירע אויגן, וואָס האָבן געהאַט די קאָלירן סײַ בלוי און סײַ גרין, האָט נישט געגליט דער טײַוולאָנישער פלאַם פון אַ צויבער־מאַכערין.

קיינער אַחוץ אַבדול ראַשידן און חמודהן האָט נישט געוווּסט, אַז זי איז אַ ייִדיש קינד, אַ טאָכטער פון אַ מאַראָקאַנער משפחה, וואָס איז יונגער־הייט פאַרשלעפּט געוואָרן דורך אַ גײַציקן בעדוּינער הינטער באר־שבע. דער בעדוּינער האָט דאָס מיידל פאַרקויפט פאַר עטלעכע טערקישע באַשליקן אויפן באַזאַר אין דמשק. דאָרט האָט אַן אַרמענישער חיות־צוימער דערזען אירע שיינע פיס און זי געלערנט טאַנצן אונטער די שמיץ פון אַ בײַטש. חמודה האָט געבעטלט בײַ די שווּעלן פון די שפּילהײַזער און אַכסניהס. ווען זי איז אַ פּאָר יאָר שפּעטער אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון אַבדול

ראַשידן, האָט ער זי געבראַכט קיין יפו און זי פֿאַרדונגען אין די אַראַבישע טרינקשטיבער. פֿאַר די לוסטיקע עפּענדים האָט איר לײַב געהאַט מער לוסט און זינד פֿון אַלע בויכטענצערינס אין שטאָט. אַבדול ראַשיד איז געוואָרן איר האַר און געביטער. ווען זי האָט געפֿאָלגט ווי אַ דינסט, האָט ער זי באַלוינט מיט מתּנות. ווען זי האָט אים ווידערשפּעניקט, האָט ער זי געשלאָגן מיט אַ רימען. חמודה האָט קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן, אַז זי איז אַ ייִדישע טאָכטער און געהאַלטן אונטער איר קישן צוויי מזוזות אין גאָלדענע רעמלעך, וואָס האָבן געלויכטן ווי מזלות.

ווי אַבדול ראַשיד האָט זי געטראָפֿן אין דער טרינקשטוב, האָט זי אַ פֿאַרשײַטע זיך געדרייט אין אַ ראָד פֿאַר אַ הײַפֿל פֿעטלײַביקע מחמדאַנער, ווערפֿלשפּילערס און רײַכע לײדיקגײערס, וואָס זענען געווען אויסגעזעצט מיט די פֿיס פֿאַרלײגט אונטער זיך און גערייכערט נאַרגילעס. אַ יאַניטשאַר, אַ טערקישער מוזיקאַנט אין אַ לאַנגן קאַלירטן קאַפֿטאַן און אין אַ פּאָר רויטע שטעקלאַטשן, האָט מיט די פֿינגער פֿון איין האַנט געצופּט די סטרונעס פֿון אַ אַלטער גיטאַרע און מיט דער צווייטער האַנט געקלאַפּט אויף אַ פּויק. די צעפֿלאַמטע חמודה האָט זיך געטראָגן ווי אַ וויכער. איר בויך האָט זיך געטרייסלט, אירע שענקלען האָבן געציטערט, פֿון די אויגן האָבן געשפּריצט פֿײַערלעך, וואָס האָבן געקענט פֿאַרצערן די שטאַרקסטע מאַנסבילן.

אַבדול ראַשיד האָט געוואָרפֿן אַ בליק פֿון פֿאַראַכטונג אויף די אָנגעפּרעסענע פּוילענצערס, וואָס האָבן געפֿרעסן די טענצערין מיט די אויגן. ער האָט זיך גערוימט אַ וועג אַריבער די קאַפּטיכער און רויטע פֿעסקעס און אַרויסגעשלעפּט חמודהן פֿונעם ראָד.

— טאַנץ נישט פֿאַר די זויפֿערס! — האָט ער אַ געשריי געטאָן — זיי פֿאַרדינען נישט, דו זאָלסט אָפּדעקן פֿאַר זיי דײַן לײַב!

חמודה איז געווען פֿאַרגאַפֿט, זי האָט נישט געגלייבט, אַז דער גנב און נואף איז געקומען שאַנעווען איר צניעות.

— וווּהין פֿירסטו מיך? — האָט זי געפֿרעגט.

— קום צום גובערנאַטאָר, צו כאַיקעל כאַסאַן. ער שלאָפֿט נישט קיין נעכט. די גאַנצע שטאָט ציטערט פֿון פּחד. אַ וואָלפֿיש, אַ ים־שד, קערט איבער דעם ים. שיפֿן ווערן אײַנגעזונקען.

— וואָס וועל איך טאָן בײַם גובערנאַטאָר פֿון יפו? — איז זי געוואָרן בלייך פֿון שרעק.

— ער וועט דיך אַראָפּפֿירן צום ים, וועסט אָפּטאָן אַ כּישוף דעם וואָלפֿיש.

חמודה האָט אויסגעבראָכן אין אַ געלעכטער.

— כ׳קען נישט אָפּטאָן קיין כּישוף־זאַכן. מײַנע פּיס טאַנצן פאַר פריילעכע מאַנסבילן, נישט פאַר שלאַנגען און חיות.

אַבדול ראַשיד האָט זי געצויגן בײַ אַן אַנטבלויזטן אָרעם און געמורמלט.

— שווײַג און קום. מיט דײַנע זינדיקע גלידער קענסטו מאַכן אַ לייב שלאָקריריק און אַ טיגער קען געליימט ווערן. ווען דער וואַלפיש וועט דערזען דעם נאַפּל פון דײַן ווײַסן בויך, וועט ער אין איין רגע ווערן פאַרקריפּלט.

ס׳איז חמודהן געפעלן זײַן חניפה. זי האָט ליב געהאַט צו הערן וועגן דער קראַפט פון איר לײַב, אָבער זי האָט ווײַטער אים געלאָכט אין פּנים אַרײַן און אים פאַרשעמט פאַר די באַזויפענע אַראַבער אין טרינקשטוב. אַ דערצאָרנטער האָט אַבדול ראַשיד זי אַרויסגעפירט אין גאַס. זי האָט זיך באַפרײַט פון זײַנע קנאָכיקע הענט.

— דו ווילסט מיך אומברענגען, אַבדול ראַשיד, — האָט זי געזאָגט — ווילסט מיך אַרײַנוואַרפן אין ים, אַז דער וואַלפיש זאָל מיך אײַנשלינגען.

— אַ וואַלפיש פרעסט ים־לייבן, וואַסער־פייגל און קליינע פיש, אָבער נישט קיין אויסגעלאַסענע מוידן. דײַן פעט לײַב וועט פאַר אים נישט זײַן קיין געשמאַקער ביסן.

אירע אויגן זענען פאַרוואָלקנט געוואָרן פון טרויער. זי האָט געפרעגט:

— פאַר וואָס ווינטשסטו מיר דעם טויט?

ער האָט פאַרשטעלט איר מויל מיט דער האַנטפלאַך. ער האָט געזאָגט:

— ביסט פאַר מיר מער ווערט אַ לעבעדיקע, חמודה. פאַר וואָס זאָל איך דיך, די פאַרפירערין פון רײַכע זכרים, טרײַבן צום טויט?

חמודה האָט זיך דערמאָנט אָן דעם ערלעכן אפרים בעל־עגלה. ווען איר האַרץ איז געוואָרן שווער, אין מיגוטן פון אומעט, איז זי אַוועק אין האָפן אים אויפזוכן און אויסגיסן פאַר אים איר ביטער האַרץ. דער בעל־עגלה פלעגט אָפּווישן אירע טרערן. ער האָט רחמנות געהאַט אויף יתומות, אויף די ערלעכע און די פאַרפירטע. אָבער מער ווי טרייסטווערטער האָט ער פאַר חמודהן נישט געהאַט. פון דעסטוועגן פלעגט זי תּמיד אַוועקגיין פון אים אַן אויפגעהײַטערטע. אויך אַצינד האָט זי געהאַט אַ באַגער צו ריידן צו דעם באַרעמהאַרציקן אפרים.

בײַם בלויזן אײַנפאַל צו גיין זען אפרים בעל־עגלה האָבן די אויגן בײַ איר אויפגעלויכטן. פלאַמען האָבן אַרויסגעזעצט אויף אירע באַקן. דער אומרו איז מיט אַ מאָל אַוועק און אַן אויפגעמונטערטע האָט זי דערשפּירט דעם כּוח פון אַ פרוי, וואָס קען צווינגען אַ הערשער זיך צו שטעלן אויף

די קני. זי האָט אַ וואָרף געטאָן אויף אַבדול ראַשידן אַ שעלמישן בליק און געפרעגט:

— אַז כ׳וועל קומען צום גובערנאַטאָר, צי וועל איך מוזן פּאָלגן אַלע זיינע ווונטשן?

— קיין פרוי האָט נאָך נישט ווידערגעשפּעניקט כאַיקעל כאַסאַנס באַגערן.

— און איך? וועל איך קענען פאַרלאַנגען אַ פּרייַז אויב כ׳וועל פאָלגן זיינע באַגערן?

אַבדול ראַשיד האָט אַ צעהיצטער אויסגערופן:

— האָסט דאָס שענסטע לייַב, חמודה! דייַנע אָרעמעס זענען שטאַרקער פון זייַן שווערד. קענסט אים איינשלעפערן און באַצווינגען. ער וועט ווי אַ לאָם זיך לייגן צו דייַנע פיס און באַוויליקן אַלע דייַנע פאַרלאַנגען.

— אַלע מייַנע פאַרלאַנגען? שווער מיר, אַבדול ראַשיד!

— ביַים לעבן פון אַללאַ! כ׳שווער ביַי מייַן מאַמעס וויַיסע פלעכטן האָר! כ׳שווער ביַי מייַנע געפּוצטע וואָנצעס!

און ער האָט מיט די פינגער האַסטיק גענומען מעלקן די שפּיצן פון זייַנע קוילן־שוואַרצע וואָנצעס.

חמודה האָט זיך פאַרטראַכט. נאָך אַ רגע פון קווענקלעניש האָט זי זיך אָנגערופן:

— כ׳וועל זיך איבערקלערן, אַבדול ראַשיד. גיב מיר צייַט ביז זונ־פאַרגאַנג.

— ג —

חמודה האָט נישט געדאַרפט וואַרטן ביז זונפאַרגאַנג. ס׳איז נישט נייטיק געווען זי זאָל זיך איבערקלערן. אויפן אָרט האָט זי באַנומען וואָס צו טאָן. זי האָט געהאַט איר אייגענעם פּרייַז פאַר איר אונטערטעניקייט צום גובער־נאַטאָר. צי האָט זי דען נישט געוווּסט די פּינצטערע פּלענער פון אַבדול ראַשידן? פון דעם טערקישן מאַכטהאָבער האָט ער מסתמא פאַרלאַנגט גאָלד, אַז זי, חמודה, זאָל מיט אירע צויבערשטיק באַצווינגען דעם טערק און פאַר־כּישופן דעם וואָלפּיש. זי וויל אַן אַנדערע באַלוינונג. זאָל דער גובערנאַטאָר באַפרייַען איר געליבטן פון תּפיסה. סאַבאַח, וואָס איז געווען אירס אַ לייַב־קרוב. אויף זייַנע הענט האָט מען אָנגעטאָן קייטן און אים אַרייַנגעוואָרפן אין געפענקעניש, ווען ער האָט זיך אָנגענומען פאַרן ייִדישן כּבוד. אַן אַראַבער האָט אין אַ טרינקהויז פאַרשפּילט אין קאַרטן ביַי סאַבאַחן און אים צעב־לוטיקט מיט אַ מעסער. ער האָט געפאָדערט צוריק דאָס געלט און אים

גערופֿן בן־זנונים. סאַבאַח האָט געלאַכט פֿון דעם פֿאַרשפּילער און דער צעקאָכטער אַראַבער האָט געשאָלטן זײַן אמונה. ער האָט זיך געוואָרפֿן אויף אים אַ צווייט מאָל מיטן מעסער און געשריִען, אַז ער וועט אַרויספֿירן דאָס פּעבל צו שעכטן די ייִדן אין יפֿו. סאַבאַחס לעבן איז געווען אין סכּנה. ער האָט אַרויסגעריסן ס׳מעסער פֿונעם רוצח. אין דעם געפֿעכט איז דער אַראַבער דערשטאָכן געוואָרן.

בײַ חמודהן האָט אויפֿגעבליצט דער מוח בײַם געדאַנק, אַז זי האָט דעם כּוח אַרויסצוּנעמען סאַבאַחן פֿון תּפֿיסה. דער אומגעדולד צו לויפֿן צום גובערנאַטאָר האָט אַרויסגעטריבן פֿון איר ס׳חיות, אָבער זי האָט געמוזט וואַרטן ביז זונפֿאַרגאַנג.

ווען דער טאָג האָט זיך געלאָשן, איז חמודה אַרויס פֿון דער יפֿוער אַלטשטאָט צום אָפֿענעם וועג. זי האָט אָן אומרויִקע אויסגעקוקט אויף אַבדול ראַשידן. די לעצטע קילע זונשטראַלן האָבן געצונדן פּורפּור אויפֿן הימל. אַ דינער, גאָלדענער שטויב האָט באַדעקט דעם שמאָלן, געטרעפּלטן וועג, וואָס איז געווען אויסגעהאַקט צווישן פֿעלדזן און זיך געקאָלערט אַראָפּ צום האַפֿן. אירע ווײַכע אויגן האָבן געמיניעט מיט ליכטיקע קאָלירן, דאָ בלוי, דאָ גרין אַזוי ווי דער ים צופֿוסנס די שימלדיקע פֿעלדזן. חמודה איז מער נישט געווען ענלעך אויף אַ בויכטענצערין. די שוואַרצע לאָקן האָר, פֿאַרנומען מיט טאַשמעס, זענען געפֿאַלן איבער איר שיינעם נאַקן. זי האָט געטראָגן אַ שאַרלאַך־רויט קלייד, צעבלאָזן בײַ די אַקסלען און ענג אײַנגע־שניטן בײַ די היפּטן. אויף די הענט אַרעמבענדער, אויף די פֿיס קניגלעקלעך, פֿון די אויערן־לעפֿלעך זענען אַראָפּגעהאַנגען באַגילדטע רייפֿן גרויס ווי בראַנדזעלעטן. אירע טריט אין די שמאָלע שיך האָבן זיך געוויגט ווי בײַ אַ געשיקטער דראָטן־גייערין.

זי האָט אַראָפּגעקוקט צום ים. דאָס מילדע ווינטל האָט זיך אָפּגעשטעלט. אירע אויערן האָבן פֿאַרנומען יעדן שאָרך הינטער די פֿאַרשפּיצטע שטיינער. אונטער די אויסגייענדיקע זונפֿלאַמען האָבן די קאָכיקע כוואַליעס זיך אײַנ־געשטילט, געפֿלאַסן גרינלעך־מאַט. חמודה האָט טיפֿער אײַנגעאָטעמט די געזאַלצענע לופֿט. זי האָט אײַנגעזאַפּט אַלע קאָלירן און ריחות פֿונעם אַרום. דאָס האַרץ האָט אויפֿגעצאַפּלט. די שוואַכע שײַן פֿונעם צאַנקענדיקן טאָג האָט באַלויכטן איר הייס פּנים און פֿאַרטריבן דעם אומעט, וואָס נידערט אַראָפּ אויף דער וועלט אין דער שעה פֿון בין־השמשות.

ווען אַבדול ראַשיד איז אָנגעקומען, האָט זי אים קוים דערקענט. זײַן מיאוס פּנים, ס׳פּרצוף פֿון אַ שד, איז געווען אויסגעגלעט מיט שמעקעדיקע

איילן. ער איז געווען אײַנגעהילט אין אַ שוואַרצער זײַדענער אַבאַיע ווי ס׳טראָגט אַן עולה־רגל קיין מעקאַ. אויפן קאָפּ איז געזעסן אַ רויטער סאַמעטענער טורבאַן. אַפילו זײַנע וואָנצעס זענען געווען אויפגעוויקלט און פאַרשפּיצט ווי בײַ אַ בכּבודיקן עפענדי. זי האָט זיך געוואָלט צעלאַכן. ער האָט אַ פרייליכער איר אַ קניפּ געטאָן אין ווייכן פליישׁ און געזאָגט:

— דאָס מזל איז מיט אונדז, חמודה, קום, וועסט משוגע מאַכן דעם גובערנאַטאָר.

— כ׳וויל בלויז משוגע מאַכן דעם וואָלפיש — האָט זי זיך אָנגערופן.

— צו ערשט מוזסטו ווייך מאַכן דעם גובערנאַטאָר. געדענק, ער איז דער היטער פון אַלע געזעצן. צווישן לעבן און טויט שטייט זײַן תּליה.

זײַנע רייד האָבן געוועקט חמודהס שטאָלץ. זי האָט געהאַט אַ באַגער זיך צו רייצן מיט אים.

— אויב דו שרעקסט זיך פאַר דעם היטער פון די געזעצן, פאַר וואָס זאָל איך זײַן אַ פּאַנצער פאַר דיר? אין דער רגע ווען כ׳קום אַרײַן אין גובערנאַטאָרס הויז, ווערט ער מײַן האַר, און איך זײַן דינסט. כ׳האָב געהערט, אַז דער טערקישער הערשער האָט אַ געפעפערטע צונג.

— דײַן זאַפטיק מויל, חמודה, קען אָפּווישן דאָס פעפער פון זײַן צונג. כ׳וועל אים זאָגן, ער זאָל דיך באַלוינען.

חמודה האָט אויף אים אַ וואָרף געטאָן אַ בליק פון צאָרן. זי האָט טראַציק געזאָגט:

— איך אַליין וועל פאַרלאַנגען מײַן באַלוינונג!

אַזוי פיל ווידערשפעניקע רייד אויף איין מאָל האָט אַבדול ראַשיד פריִער נישט געהערט פון חמודהן. ער האָט אָבער געשוויגן. טויזנט באַשליקן און די גנאָד פון דעם טערקישן הערשער זענען געשטאַנען אין קאָן. ער האָט אין אײַלעניש זי אָוועקגעפירט צום גובערנאַטאָר.

— ד —

ווען דער גובערנאַטאָר האָט דערזען חמודהן אין זײַן הויז, האָט ער פון צעטומלעניש האַסטיקער גענומען רייכערן זײַן נאַרגילע. זײַנע טענצל־דיקע אויגן האָבן אויפגעלעבט אַזוי ווי די פונקען אויפן בערגל אַש פון דער בײַכיקער נאַרגילע־פלאַש. ער איז געלעגן אויף אַ שטויס סאַמעטענע קישנס. די קאַמער איז געווען טונקל. אַ גרינער לאַמטערן האָט געברענט אין מיטן דער סטעליע. דער דיל איז געווען באַלייגט מיט קאָלירטע טעפּעכער און פעלשטיקער. ער האָט געטראָגן אַ בלוי־געשטרײַפטן מאַנטל, פאַרבונדן

מיט אַ באַגילדטן גאַרטל. אויף אַ מאַרמאָרטישל בײַ זײַנע פיס איז געשטאַנען אַ קרוג אַראַק מיט צוויי גלעזערנע בעכערס.

ער האָט געהאַט אַ טונקל פּנים, האַרט ווי בראָנדז. די שפּיציקע באַקנביינער האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַנטציקונג. אָבער די אַנטציקונג איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גלײַכגילטיקייט פון אַ דורכגעטריבענעם ווײַבער־יעגער, ווען ס׳פּאַלט צו אים אַרײַן נאָך איין אומגעריכטער פאַנג.

ער האָט אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער די קורצע האַרטע האָר, צוגעשוירן ווי בײַ אַ יאָזש. זײַנע ברייטע נאָזלעכער האָבן געשניפּט די ריחות פון איר לײַב.

— ווער האָט דיך געבראַכט אַהער? — האָט ער האַלב לוסטיק, האַלב שטרענג געפרעגט.

חמודה האָט זיך פאַררייטלט ווי אַ צנועה.

— אַבדול ראַשיד האָט מיך באַגלייט ביז צום הויז. דער שוועלהיטער האָט געעפנט די טיר. וואָס ווילסטו מיט מיר טאָן, מײַן האַר?

דער גובערנאַטאָר האָט געקוקט אויף איר שאַרלאַך־רויטן קלייד, וואָס האָט צוגעדעקט אַ שטורעמדיק לײַב. ער האָט זי אָפּגעמאָסטן פון דעם ווײַסן נאַקן ביז אַראָפּ צו די קנעכלעך מיט דער געניטשאַפט פון אַ חיות־צוימער אין אַ צירק.

— דיך וועל איך פירן צום וואַלפיש און אַבדול ראַשידן צו דער תּליה — האָט ער אויסגעבראַכן אין אַ געלעכטער — דרײַ מאָל האָט ער אָפּגענאַרט דעם תּלין. זײַנע גזילות זענען אַזוי פיל, אַז כ׳מעג אָן אַ מישפּט אַרויס־שלעפּן זײַנע געדערעם און זיי וואַרפן צו די הינט.

די רייד האָבן געוועקט אין חמודהן אַ ווידערווילן. זי האָט געזען ווי זײַן צאָרנדיק, קאַנטיק פּנים צעפלאַמט זיך. די פלינקע אויגן ווי מײַזלעך וואַנדערן איבער אירע אָפּגעדעקטע טיילן. די מאַנסבילישע לוסט האָט אויפ־געוואַכט און דאָס בלוט האָט געבריט אין זײַנע אָדערן. קען עס זײַן, אַז דער שטאַרקער גובערנאַטאָר ווערט אויך באַוועלטיקט פון תּאווה?

אין איין רגע האָט זי אין זיך דערשפּירט גענוג כּוחות צו ווערן ווידער־שפּעניק צום באַרעמלאָזן מאַן. זי האָט געזאָגט:

— כ׳בין נישט געקומען אַהער פלעכטן שטריק פאַר אַבדול ראַשידס האַלדז.

זײַן קול איז געוואָרן צאָרנדיקער.

— ביסט געקומען שוינען זײַן לעבן?

— נישט שוינען זײַן לעבן, מײַן האַר. כ׳וויל העלפן פאַנגען דעם

וואָלפּיש.

— אָן אַ באַלוינונג פאַר דעם נידערטרעכטיקן אַבדול ראַשיד ביסטו גרייט איינגעשלונגען צו ווערן פון אַ ים־חיה?

— כ'וויל יאָ אַ באַלוינונג. באַפרײַ סאַבאַחן פון תפיסה.

זײַנע לוסטיקע אויגן האָבן זיך צעברענט. ער איז געוועזן נײַגעריק.

— ווער איז סאַבאַח? דײַן ברודער צי דײַן בײַשלאָפער, איינער, וואָס טיילט מיט דיר זײַן געלעגער? ביים נביא! ער מוז זײַן אַ גנב אָדער אַ רוצח! די ערלעכע זיצן בײַ מיר נישט אין געפענקעניש.

— נישט קיין גנב, נישט קיין רוצח. ער אַליין האָט זיך געווערט קעגן אַ רוצח אין אַ טרינקשטוב. אַ געשלעג האָט אויסגעבראָכן ביים קאַרטנשפּיל. סאַבאַח האָט אַרויסגעכאַפּט דאָס מעסער פון דעם מערדערס האַנט און אים דערשטאָכן. אַ לעבן פאַר אַ לעבן! פאַר וואָס זאָל ער פוילן אין געפענקעניש?

בײַם גובערנאַטאָר האָבן די נאָזלעכער זיך צעפּײַפט. ער האָט זיך דערנענטערט צו איר מיט זאַכטע טריט. די טראַכטענישן אין זײַן מוח האָבן אויפגעבליצט מיט אַ שווינדלדיקער גיכקייט: די פריילעכע טענצערין האָט חוצפה און ער איז פול מיט גלוסטעניש. זי וויל באַלוינונג און ער פאָדערט אַ פרײַז. מיט איין ריס פון זײַן האַנט קען ער באַפרײַען איר לײַב פון די אַרעמבענדער און בראַנדזועלעטן. ער קען אַראָפּפליקן דאָס דינע געוואַנט ווי שפּינוועבס און זי אַוועקטראָגן אויף זײַן געלעגער. האַלט אײַן דײַן קעמל, גובערנאַטאָר פון יפו! דו, דער מאַכטהאָבער, וואָס קען זײַן אַ שטראָפער און אַ סלחן, וואָס קען פאַרציִען אַ פּעטליע אויפן האַלדז און אַראָפּנעמען קייטן פון די הענט, דו מוזסט צוימען די תאווה, וואָס באַפאַלט די שוואַכע זכרים!

ער האָט צוגעלייגט דעם ווײַזפינגער צו איר גאָמבע.

— ווי הייסטו, שיינע טאָכטער?

— כ'הייס חמודה און כ'טאַנץ אין די יפוער טרינקשטיבער.

זײַן בליק איז געוואָרן אומהיימלעך־פריילעך. דער אָטעם האָט געכאַר־כלט, ווי ער וואָלט דערשטיקט אַ זיפץ פון פאַרגעניגן. ער האָט געזאָגט:

— אויף אַזעלכע ווי דו וואַרט אַ קאַליף און אַ סולטאַן. דו קענסט ווערן די אויסדערוויילטע אין יעדן האַרעם, אָבער וועלכער אַרומשלעפּער האָט דיך אײַנגערעדט, אַז דו קענסט בײַקומען אַ גובערנאַטאָר און פאַרפירן אַ וואָלפּיש?

די צולהכעיסדיקייט פון אַ פרוי, וואָס וויים, אַז זי קען באַוועלטיקן

אַ מאַנסביל אין זײַן שיפלות, האָט אין איר אויפגעוואַכט. אין אירע אויגן האָבן אויפגעלויכטן בלויע פּײַערלעך ווי סאַפּירן. זי האָט אים צערטלעך אײַנגערוימט:

— כ'וועל טאַנצן פאַר אײַך ביידן. די באַזויפענע און די ניכטערע זאָגן, אַז כ'פאַרמאָג צויבער אין מײַנע אָרעמס און פײַער אין מײַנע היפטן. און ווער ווייס דען נישט, אַז דאָס לײַב פון אַ פרוי קען אָפּקילן ס'בלוט סײַ בײַם מאַנסביל, סײַ בײַ דער חיה?

זײַנע שווערע הענט זענען געווען אויף איר נאַקן. ער האָט זי אַ צי געטאָן צו זיך, אָבער זי האָט פלינק באַפרײַט אירע ווײקלדיקע אָרעמס פון זײַנע האַנטפלאַכן. איר גוף האָט זי דערווײַטערט, אָבער אירע הייסע אויגן האָבן אים גערופן. מיט אַ שעמעוודיקייט, וואָס איז הוילער אָנשטעל, האָט זי שטיל געזאָגט:

— פּאַסט עס פאַר אַ גובערנאַטאָר צו באַצווינגען אַ בויכטענצערין?

ער האָט געפּליסטערט:

— פּאַסט עס פאַר אַ בויכטענצערין צו ווידערשפּעניקן איר האַר?

— כ'וועל בלײַבן ווידערשפּעניק — האָט זי צו זיך געזאָגט — אָבער מיט געפעלשטער צערטלעכקייט. אונטער זײַן דראָונג וועל איך ווערן צו־געלאָזענער, אָבער מײַן לײַב טאָר ער נישט פאַראומרייניקן. כ'וועל אים אַרויסווײַזן חניפה אַנשטאָט זינד, באַטרוג אַנשטאָט שמאַך. צו ראַטעווען סאַבאַחס לעבן וועל איך זיך אַנטבלויזן ,אָבער דער האַר פון שטאָט וועט מיך נישט שענדן. חמודה, די געהאַרכזאַמע בויכטענצערין, די פאַר־ווײַלערין פון לוסטיקע, זאַטע מאַנסבילן אין די טרינקהײַזער, זי וועט באַלד ווערן די האַרינטע איבער דעם מאַכטהאָבער פון יפו.

ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם בלוי־געשטרײַפטן מאַנטל און געבליבן שטיין אין זײַנע גרינע, ברייטע פאַלע־הויזן. זי האָט דערזען די מוסקלען ווי אָנגעצויגענע באַלעמס אויף זײַנע אָרעמס. די הויט אויף זײַן האַריקן ברוסטקאַסטן איז געווען ברוין און שטײַף, זײַנע היציקע נאָזלעכער האָבן שטאַרקער געפּײַפט, דער אָטעם האָט שווערער געסאָפּעט.

דער גובערנאַטאָר האָט אָנגענומען אירע הענט און זיי אַרויפגעלייגט אויף זײַן באַוואַקסן האַרץ. די העלקייט פון אירע לאַנגע פינגער האָט געבלענדט אויף זײַן בראָנדזענער הויט, און אַזוי ווי ער האָט געקוקט אויף איר מיט זײַנע הונגעריקע אויגן, האָט ער דערשפּירט ווי אַ ברענענדיקע קויל וואָלט געגליט אין זײַן האַלדז. ווי לויטער און שיין זי איז! — האָט ער געטראַכט. אַ ווײַסער גוף, אויסגעשטעלט צו גוואַלדטאַט, אַ קילער פלאַקער

ווי דאָס לבנה־פּיַער, וואָס קען אים פאַרצערן.

זײַנע פינגער האָבן מער נישט אָנגעטראָפן אויף איר ווידערשטאַנד, ווען זיי האָבן זיך פאַרגנבעט אונטער די פאַלדן פון איר לויזן געוואַנט. „כ׳האָב היץ אין קאָפּ ווי אַ דאַרשטיקער בעדויִנער" — האָט ער צו איר געדעדט. זײַן בלוט האָט אויפגעזאָטן, ווען ער האָט דערשפּירט די וואַרעמ־קייט אויף די אָפּגעדעקטע טיילן פון איר לײַב.

זי האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זײַנע הענט און שטום אים אָנגעוויזן אויף אַ קופערנעם דרײַפוס. דאָרט איז געשטאַנען אַ מעשענער גראַמאָפאָן מיט אַ ברייטן שופר ווי אַן אויסגעפוצטער טראָמפּייט. אויף איר ווונק איז ער צוגעלאָפן און געגומען דרייען בײַם הענטל פון גראַמאָפאָן. ס׳האָט אויפגעשפּילט אַ רווישיקער ניגון פון סטאַמבול, פאַר חמודהס אויגן האָט זיך געשטעלט אַ נעפּל. אין איין רגע איז דעם גובערנאַטאָרס קאַמער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טרינקשטוב. פאַר חמודהס וויגנדיקע פיס זענען נישט געלעגן קיין טעפּעכער און פעלשטיקער, נאָר פלעשער מיט געטראַנקען. דער גובערנאַטאָר כאַיקעל כאַסאַן האָט געקניט ווי אַ בעטלער און געזופט דעם אַראַק פון אַ פולן קרוג. ווי דורך אַ פאַרבלענדעניש איז פון חמודהן אַראָפּגעפאַלן דאָס שאַרלאַך־רויטע קלייד און איר לײַב האָט זיך אײַנגעהילט אין דורכזיכטיקע שלייערן. דער לאַמטערן איבער איר קאָפּ האָט געפלאַקערט ווי אַ גליִענדיקע קרוין. און זי, חמודה, צעפלאַמט און צעשויבערט, האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ באַגײַסטערטן בויכטאַנץ.

אין די רווישיקע טענער פון גראַמאָפאָן זענען געווען אויסגעמישט הייזע־ריקע ניגונים פון אַלערליי שפּיל־כּלים, אַ טראָמפּייט און אַ גיטאַרע, אַ פידל און אַ פויק, אַ צימבל און אַ פאַסטעך־פײַפל. חמודה האָט געטאַנצט ווי אַ באַרוישטע געצנדינערין פאַרן מזבח. צו די נאָגנדיקע טענער פון דער פידל האָט זי אויסגעשפּרייט די אָרעמס ווי פליגלען און צו די קנאַלערײַען אויף דער פויק האָבן אירע היפטן געציטערט ווי אין קאַנוווּלסיעס. אונטערן אויפשאַל פון דעם טראָמפּייט האָבן אירע שענקלען זיך געטרייסלט. דאָס דינע געוויין פון דעם פאַסטעך־פײַפל האָט זי פאַרוויגט און זי האָט געלאָזן זיך געדרייט אין אַ קרײַז אַרום דעם גובערנאַטאָר, וואָס האָט געזשליאָקעט דעם אַראַק אַזוי תּאווהדיק, אַז דאָס שאַרפע געטראַנק האָט זיך געגאָסן איבער די פליישיקע ליפּן.

פאַר זײַנע אויגן האָבן געפלאַטערט די שלייערן איבער איר ווײַס לײַב. הינטער די שלייערן האָט זיך געבאַמבלט אַ זײַדענער גאַרטל מיט זילבערנע פרענדז. איין שלעפּ פון זײַן האַנט און אַלץ מיטאַנאַנדער וועט זיך צעפאַלן

און זי, חמודה, וועט בלײַבן שטיין אַ נאַקעטע אַזוי ווי חוה פֿאַר דער ערשטער באַהעפֿטונג מיט אָדמען. ער האָט אויסגעשטרעקט אַן אָרעם און געזאָגט:

— וואַרף אַראָפּ דאָס לעצטע געוואַנט פֿון לײַב, חמודה! אַזוי זאָלסטו טאַנצן פֿאַר דעם וואַלפֿיש, ווי אַן אָפּגעשײלטער עפּל. דו וועסט די חיה פֿאַרשפּילן אַזוי לאַנג ביז זי וועט געלײמט ווערן און אַרײַנפֿאַלן אין דער אויסגעשפּרייטער נעץ.

בײַ חמודהן האָבן די אויערינגלעך זיך געצונדן ווי בלויע בליצן. די אָרעמבענדער האָבן געפֿלאַמט מיט שרפֿות. ער האָט געוואָלט אַ ריס טאָן פֿון איר דעם ערשטן שלייער, אָבער די בויכטענצערין, לײַכטער פֿון אַ גליפֿליג, האָט זיך פֿאַרבײַגעגליטשט פֿאַר דעם אַנמעכטיקן כאַיקעל כאַסאַן. דער גובערנאַטאָר האָט אַ דערצאָרנטער אָוועקגעשאָרט פֿון זיך דעם קרוג אַראַק און זיך געשטעלט אויף די פֿיס. ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום גראַמאָפֿאָן און די שפּיל־כּלי איז כּהרף־עין שטום געוואָרן. אַן אויסגעשטרעקטער, אַ שטאָלצער האָט ער געקוקט אויף איר ווי אַ באַזויפֿענער יונג, וואָס האָט פּלוצעם פֿון אַן אומגעריכטן קלאַפּ זיך אויסגענילכטערט. ווער זאָגט, אַז דער גובערנאַטאָר פֿון יפֿו גייט ווערן אַ געפֿאַנגענער בײַ אַ בויכטענצערין? צי האָט דער רמאי אַבדול ראַשיד איר נישט דערציילט, אַז נישט אַזוי ווי די אָרומשלעפּערס פֿון די הינטערגאַסן איז דער מעכטיקער האַר פֿון שטאָט, כאַיקעל כאַסאַן?

ער האָט אַ געשריי געטאָן.

— שטעל אָפּ דעם טאַנץ, חמודה! דער סולטאַן אַליין וואָלט פֿון דיר געקראָגן היץ אין קאָפּ. ער וואָלט געפֿאַלן אויפֿן פּנים און וואָלט צו דיר געזאָגט: כ'וועל דיך אַרויפֿזעצן אויף אַ פֿליִענדיקן קעמל... כ'וועל אויסבעטן אַ פּורפּור־געלעגער פֿאַר דײַן גוף און כ'וועל אָנטאָן זיבן קרוינען אויף דײַן קאָפּ... אָבער איך זאָג צו דיר: קום צום וואַלפֿיש, פֿאַרפֿירערין! אויב צוויבערשטיק פֿאַרמאָגסטו, וועסטו דעם ים־שד בײַקומען, אויב נישט, וועסטו אײַנגעשלונגען ווערן אין זײַן בויך ווי אין אַ פֿינצטערע הייל...

— ה —

יענע נאַכט האָבן דעם גובערנאַטאָרס וועכטערס אַראָפּגעפֿירט חמודהן צום יפֿוער ים, זי זאָל אַרײַננאַרן דעם וואַלפֿיש אין דער נעץ. טויזנט מעשׂיות האָט ניסן בעל־עגלה אַלע יאָרן זיך אָנגעהערט וועגן חמודהס פֿאַרפֿירערישע שטיק אין די טרינקהײַזער, אָבער וואָס זענען געווען די

אַלע געשיכטעס אַקעגן דער איינער אויסטערלישער פּאַרלויפּעניש מיט דער בויכטענצערין און דעם וואָלפיש אויפן שטורעמדיקן ים?

ס'איז געווען נאָך האַלבער נאַכט ווען חמודה איז אַראָפּגעקומען אין האַפן, אָבער די וועלט האָט זיך געבאָדן אין ליכט ווי אין מיטן העלן טאָג. דער הימל איז געווען באַשאָטן מיט בליציקע שטערן, די האַלבע לבנה שאַרף ווי אַ מחמדאַנישער קינזשאַל. די וועכטערס זענען געגאַנגען פּאַרויס. אַ לוסטיקע קאַפּעליע האָט זי באַגלייט. חמודה איז באַשטאַנען, אַז די קלעזמאָרים זאָלן פאַר איר אויפשפּילן ווען זי וועט טאַנצן פאַרן וואָלפיש און דער גובערנאַטאָר האָט איר פאַרלאַנג נאָכגעגעבן. קיין מאָל פריִער האָבן די געסלעך, וואָס פירן צום יפוער פּאָרט, נישט אַזוי געלויכטן ווי אין יענער נאַכט. אַרחי־פּרחיניקעס האָבן גיך צעטראָגן די נײַס און אַ המון ייִדן פון די קוואַרטאָלן נוה־שלום און נוה־צדק, אַראָבער פון דער אַלטשטאָט אויפן באַרג און פון די נידעריקע גאַסן האָבן זיך נאָכגעשלעפּט ווי בײַ אַ פּראָצעסיע. די טערקישע זעלנערס האָבן געשלאָגן מיט די שיידן פון די שווערדן, אָבער דער ערב־רב איז נישט אָפּגעטראָטן. ווען חמודה איז פאַרבײַגעגאַנגען די שפּילהײַזער און טרינקשטיבער זענען די ווײַנזויפערס און ווערפל־שפּילערס אַרויסגעלאָפן אין גאַס. ביינדלעך־וואַרפערס און נאַר־גילע־רייכערערס, וואָס זענען געזעסן אויף ראַגאָזשעס בײַ די שוועלן, זענען צעטומלטע אויפגעשפרונגען און איר נאָכגעקוקט.

בײַם מאַרק פון די פישערלײַט האָט מען דעם המון צוריקגעטריבן. חמודהן האָט מען אַרײַנגעזעצט אין אַ הילצערן שיפל, גרויס ווי אַ מולטער און צוויי אַראַבער מיט רודערס האָבן זי צוגעפירט צו אַ גרויסער שיף מיט צוויי קוימענס אין מיטן ים.

עס זאָגן די באַזאַר־הענדלערס אין דמשק, אַז אַ שיינע פרוי איז געגליכן צו אַ טײַערן טעפּעך, וואָס מען מוז דורכקלאַפּן איין מאָל אין מעת־לעת. אָבער ווען חמודה איז אַרויף אויפן דעק פון שיף, איז זי אַליין געטראָטן אויף טײַערע טעפּעכער. פאַר אירע פיס זענען געווען אויסגעשפּרייט רויטע, פלאַמיקע דיוואַנען, אַז זי זאָל אויף זיי טאַנצן אָן אָפּשטעל, ביז זי וועט אַרויסרופן די ים־חיה פון וואַסער. אַלץ איז געווען גרייט פאַר דעם גרויסן פאַנג. אַ ריזיקע נעץ, געפלאָכטן פון דראָטן, איז געווען אויסגעשפּרייט אויף דער אייבערפלאַך. רירעוודיקע פישערלײַט האָבן ווי ים־פייגל געפלאַטערט איבערן דעק. זיבן פעכטערס, ווי ריזן מיט בלאַנקע שווערדן, האָבן געלויערט. אין אַלע טעג פון יאָר איז דער קאַפּיטאַן דער אייניציקער הערשער אויף דער שיף, אָבער אין יענער נאַכט איז חמודה געווען די קעניגין פון

ים. זי האָט באַפוילן צו דערוויַיטערן אַלע נייַגעריקע אַרום איר. אַליין איז זי געבליבן אין אַן אָפּגעשלאָסענעם קרייַז. הינטער איר זענען די קלעזמאָרים געזעסן מיט די פיס פאַרלייגט פון פאַרנט.

די וואָך אין האַפן איז געווען אויסגעשטעלט לענג־אויס דער וואַסער־בוכטע. דער המון האָט באַלעגערט די לאַנגע מויער. אויפן טויער בייַם ים־אַראָפּגאַנג איז געהאַנגען אַ שלאָס. אַפילו די נכבדים פון שטאָט זענען נישט אַרויפגעלאָזט געוואָרן אויף דער שיף. קיינער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי דאָס איז געשען. אָבער הינטער דעם היַיפל, ווו ס'איז געשטאַנען דער גובערנאַטאָר און דער אויסרופער, וואָס רופט אויס די שטאָט־נייַעס אין מאַרק, האָט פּלוצעם זיך באַוויזן אַבדול ראַשיד.

און ווי דער גובערנאַטאָר פון יפו איז געשטאַנען צערודערט און געפּלעפט, האָבן די פישערלייַט דערציילט, אַז מיט אַ נאַכט פריִער האָט דער וואַלפיש זיך באַוויזן אויף דער אייבערפלאַך און ער איז שיִער נישט אַריַינגעפאַלן אין דער נעץ, וואָס האָט געלויערט אונטער די שוימיקע כוואַליעס. די שווערדן־פעכטערס זענען אים באַפאַלן, אים געשטאָכן און געוואָלט אים אַריַינטריַיבן אין דעם דראָטן־געפלעכט. אָבער דער ים־שד איז אַריַין אין גרימצאָרן. ער האָט זיך אַ הייב אויף געטאָן ווי אַ מכשף אַ ריז און אַרויס־געלאָזט אַ מוראדיקן קרעכץ אַזוי ווי דאָס ברומעניש פון אַ לייב, גרייט איַינצושלינגען די, וואָס האָבן אים געוואָלט פאַנגען. די וועכטערס האָבן געהויבן די פיס. די שווערדן־פעכטערס זענען זיך צעלאָפן אין בהלה. דעריבער האָבן אַלע געהאָפט אַז דאָס, וואָס ס'איז די פעכטערס נישט געראָטן מיט די שווערדן, וועט די בויכטענצערין באַוויַיזן מיט אירע לייַב־טרייסלענישן. חמודהס צויבער וועט דער אַשמדאי אַליין נישט קענען בייַ־קומען. מיט איר לוסטטאַנץ וועט זי דעם ים־מערדער לאַשטשען, איַינוויגן און אונטערטעניק מאַכן ביז ער וועט זיך אַריַינגליטשן אין דער נעץ.

ווען חמודה האָט זיך אַ הייב געטאָן אויף די שפּיץ פינגער, האָבן די כוואַליעס פון ים פּלוצעם זיך אָפּגעשטעלט. די לבנה איז אַראָפּ נידעריקער און געוואָרפן ליכטיקע נעצן אויף דער אייבערפלאַך. די שטערן זענען געוואָרן העלער און אַ שטילקייט, ווי דער אָטעם פון באַשעפער אַליין, האָט איַינגעוויגט די וועלט. די קאַפּעליע האָט אויפגעשפּילט אַ וויינענדיקן ניגון און חמודה האָט זיך פאַוואַליע געטראָגן איבערן טעפּעך. פאַרזיכטיק און באַזאַכט, ווי זי וואָלט געשפּאַנט אויף גליִענדיקע דראָטן, האָט זי זיך געדרייט און נישט געקענט אַרויס פונעם אייגענעם קריַיז. די איידלשטיינער אויף אירע אָרעמבענדער האָבן געפינקלט, די קני־בראַנדזועלעטן האָבן אויפ־

געלויכטן. זי האָט איינגענומען די אַקסלען מיט אַ קאָרטש. זי האָט צעפירט די הענט ווי פליגלען. פון דעם וואַלפיש איז נאָך קיין שפור נישט געווען, אָבער אין דער ציטערניש פון אירע אַנטבלויזטע גלידער איז שוין געווען דאָס חנדלען זיך און די שמד־שטיק ,וואָס האָבן געזאָלט פאַרפירן די ים־חיה. די שווערדן־פעכטערס זענען געשטאַנען גרייט, די פישערלייט האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם. ביים גובערנאַטאָר איז איינגעפאַלן דאָס האַרץ. וועט קומען דער ווונדער און דער משחית וועט זיך אַרויסהויבן פון די ים־טיפענישן ?

פלוצעם האָט די קאַפעליע אויפגעשאַלט מיט אַ רעש און חמודה האָט זיך האַסטיקער גענומען דרייען ווי אַ שפינראָד. דער ברייטער קריַיז איז איינגעשרומפּן און ס׳איז געוואָרן אַן ענגע פייערדיקע ראָד. זי האָט גע־טרייסלט מיטן בויך ווי אין הייסע קאַנווולסיעס. די הענט האָבן זיך געקאָר־טשעט און די פיס האָבן זיך געוויקלט מיט אַזאַ אימפעט, אַז די דינע שלייערן האָבן אָנגעהויבן אַראָפּפאַלן פון איר לייַב ווי ס׳פאַלן די לעצטע בלעטער פון אַ בוים אין האַרבסט. ביים גובערנאַטאָר האָט דאָס בלוט געשלאָגן צום קאָפּ. ער האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון אירע האַלדז־בענדער, צירונג־שטיקער און קניגלעקלעך ,וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין אָפּהעקלען און לויז ווערן און געעפנט נייַע פאַרהוילענישן פון לייַב.

אַבדול ראַשיד, וואָס האָט פון זיַין ווינקל אַרויס נאָכגעקוקט איר יעדן קער און ווענד, האָט געקענט זען ווי חמודהס ליפּן פּליסטערן עפּעס. ער האָט נישט געהערט וואָס זי שעפּטשעט, אָבער וואָלט זי זיך געשראָקן פאַר די כּוחות פון הימל ווי ס׳שרעקט זיך אַ פרומע יידישע טאָכטער אין פאַרכטיקע מינוטן, וואָלט זי אין יענער רגע געבעטן ביים דערבאַרעמדיקן, וואָס טיילט אויס גנאָד און באַרעמהאַרציקייט צו אַלע באַשעפענישן אויף דער ערד: „אַלמעכטיקער גאָט, האַר פון דער וועלט! אויב כ׳פאַרמאָג נישט דעם צויבער פון דלילהן, שטעק מיך אָן מיט דער גבורה פון שמשונען און גיב איבער אין מיינע הענט די מערדערישע ים־חיה אַזוי ווי דו האָסט איבער־געגעבן דעם צאַרנדיקן לייב אין די הענט פון דעם גיבור״.

ביזן היַינטיקן טאָג ווייס מען נישט צי חמודה האָט דענסטמאָל געזאָגט אַזאַ געבעט, אָבער אין מיטן פון איר צעפלאַקערטן טאַנץ זענען די, וואָס זענען געווען נאָענט צו איר, געבליבן שטיין ווי געליימטע. אין זייער פאַרבלענדעניש האָבן זיי דערזען ווי פון די ים־כוואַליעס הייבט זיך אַרויס דער וואַלפיש מעכטיק, ווי דער לויתן אַליין. דער ים־רוצח איז געווען בלוי ווי דער הימל אין מיטן העלן טאָג און — ווונדער איבער

װוּנדער! — זײַן לײַב איז געװען באַדעקט מיט שופּן װי בײַ אַ פּשוטן פֿיש, און די שופּן האָבן געבליצט װי ליכטיקע סאַפּירן. אַ נס איז געשען. נישט װי אַ מאָנסטער, װאָס איז גרייט אײַנצושלינגען מענטשן און חרוב מאַכן שיפֿן האָט זיך דער װאַלפֿיש באַװיזן, נאָר װי אַ װײך, איידל באַשעפֿעניש, פֿול מיט שעפּסענער גוטסקייט. חמודה האָט געטאַנצט און ס׳האָט אויסגעזען װי דער װאַלפֿיש האָט זיך געחנדלט און אַפֿילו אַ טריפּהנעם פֿינטל געטאָן מיט אַן אויג צו איר. דער ריזיקער קאָפּ איז געװען אויפֿגעהויבן איבער דער אײבערפֿלאַך און דאָס שװערע שלאַבערדיקע לײַב האָט זיך געטונקט אין די כװאַליעס. מ׳האָט דערקענט, אַז דער ים־מערדער איז געװען זאַט, װײַל אײדער ער האָט זיך אַרויסגעהויבן פֿון אָפּגרונט האָט ער מסתּמא געהאַט אויפֿגעפֿרעסן גענוג ים־לײבן, פּענגװינען און אַלערלײ װאַסער־שרצים.

װאָס פֿײַערדיקער חמודהס טאַנץ איז געװאָרן, אַלץ מער האָט דער װאַלפֿיש אַנגעקװאָלן. די ים־חיה איז געװאָרן אויפֿגעהײַטערט, זי איז געלעגן אויף דער אײבערפֿלאַך באַרויִקט און אונטערטעניק, גלײַך זי װאָלט געװאָרט, אַז חמודהס האַנט זאָל זי לאַשטשען און צערטלען. חמודה האָט אַרײַנגעטאַנצט ביז פֿאַרטאָג און די חיה איז באַװעלטיקט געװאָרן.

די שװערדן־פֿעכטערס האָבן געטאָן דאָס זײעריקע. די פֿישערלײַט זענען אויפֿגעשפּרונגען אויף די פּיס. װען דער װאַלפֿיש איז אַרײַנגעפֿאַלן אין דער נעץ, איז זײַן לײַב געװען אַזוי צעשטאָכן, אַז דער ים איז רויט געװאָרן פֿון די שטראָמען בלוט. זיבן שלעפּשיפֿלעך האָבן דעם טויטן פֿאַנג אַרײַנגעפֿירט אין האַפֿן. דאָרט האָבן אַראַבישע קצבים צעשניטן דאָס פֿלייש אויף שטיקער, אויסגעקװעטשט דאָס פֿעטע אײל און פֿאַרקויפֿט פֿולע לאַגלען אויף אַלע מערק.

— ו —

חמודה האָט געקראָגן איר באַלוינונג. דער טערקישער גובערנאַטאָר האָט פֿון איין תּפֿיסה אַרויסגענומען איר געליבטן סאַבאַח און אין אַ צװײטער געפֿענקעניש האָט ער אַרײַנגעװאָרפֿן אַבדול ראַשידן. אָבער סאַבאַח איז געװען טויט, זײַן גוף האָבן דעם גובערנאַטאָרס װעכטערס איבערגעגעבן חמודהן. די רשעים האָבן אים פֿאַרפּײַניקט אין געפֿענקעניש, און חמודה האָט אים באַװײנט דרײַסיק טעג.

ס׳איז מער נישט געװען קיין סכּנה פֿאַר די שיפֿן אין יפֿוער ים, אָבער ס׳איז אויך פֿאַרשװוּנדן די פֿרייד בײַ דער לוסטיקער בויכטענצערין. אפֿרים

בעל־עגלה און נאָך אים זײַן זון ניסן האָבן געוווּסט צו דערציילן, אַז פון יענעם טאָג אָן איז חמודה געווען נישט צו דערקענען. זי האָט אויפגעהערט טאַנצן און זעלטן געוואָלט צו עמעצן אויסריידן אַ וואָרט. פון דער פריילעכער, זינדיקער מויד איז געוואָרן אַ שטום, טרויעריק באַשעפעניש. זי האָט פײַנט געקראָגן די וועלט. איר שינאה צו מענטשן איז געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז ווער עס האָט זי באַגריסט, דעם האָט זי באַשפּיגן, און ווער עס האָט איר געזאָגט אַ גוט וואָרט, יענעם האָט זי געשאָלטן. אויף איר צונג האָבן שטענדיק געהויערט ביטערע קללות. מ'האָט גערעדט, אַז דאָס האָט דער טויטער וואָלפיש אויס נקמה זי פאַרשאָלטן און חמודה האָט די קללות אַרויפגעוואָרפן אויף די ערלעכע און גוטהאַרציקע. פון דעסטוועגן האָבן פרומע לײַט געפונען אַ זכות אויף איר און געזאָגט, אַז דורך אָט דער שטראָף איז זי אָפּגעקומען פאַר איר זינדיק לעבן.

יאָרן זענען פאַרבײַ און חמודה איז מער נישט אַרויס פון איר איינזאַם שטיבל בײַם ים. אַבדול ראַשיד האָט געפוילט אין תפיסה, אָבער דעם טויטן סאַבאַח האָט זי נישט געקענט פאַרגעסן. אין די נעכט איז זי געזעסן אַ פאַרשלאָסענע, אַנגעטאָן אין אירע שענסטע טאַנצקליידער און האָט געשוויגן. דאָס גערויש פון די צאָרנדיקע כוואַליעס האָט זיך פאַרטראָגן הינטערן פענצטער, אָבער זי האָט זיך געשפּיגלט אין אירע האַלדזבענדער, בײַטשן קרעלן און אָרעם־בראַנדזעלעטן, וואָס האָבן אַ מאָל באַדעקט איר שיינעם, אויסגעקנאָטענעם קערפּער. די בויכטענצערין האָט זיך געעלטערט מיט אַ שווינדלדיקער גיכקייט. אירע חושים האָבן זיך געלאָשן אַזוי ווי די לעצטע שטראַלן פון אַ צאַנקענדיק לעבן.

די יפוער איינוווינער, וואָס האָבן נישט פאַרגעסן ווי די בויכטענצערין האָט באַצויבערט דעם וואָלפיש, האָבן זיך געוווּנדערט: פאַר וואָס איז חמודהן געקומען אַזאַ בייזע שטראָף? זי האָט דאָך אַראָפּגענומען די קללה פון יפוער ים! אפרים בעל־עגלה איז שוין דעמאָלט געווען אויפן עולם־האמת, אָבער זײַן זון ניסן האָט זיך געשוווירן, אַז מ'האָט געקענט באַשײַמפּערלעך זען ווי דער וואָלפיש איז געווען אַ גילגול פון אַ פאַרצײַטיקן מוכיח צי אַ בייזן נביא, וואָס איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן קיין יפו ווי אַ מאָל יונה קיין נינוה, צו באַשטראָפן די זינדיקע שטאָט, אָבער די שיינע בויכטענצערין האָט אים אומגעבראַכט.

חמודה האָט אײַנגעצערט פון טאָג צו טאָג. איר גוף איז אײַנגעשרומפּן, אָבער זי האָט נישט צוגעלאָזט צו זיך די באַרעמהאַרציקע, וואָס האָבן איר געוואָלט העלפן. ווען זי איז קראַנק געוואָרן האָט ניסן בעל־עגלה געזוכט

הילף בײַ די הייליקע ייִדן, די יושבי־אוהל אין ירושלים. גוטע מענטשן האָבן אַרויסגערופן דעם אַרמענישן רופא פון אַלטשטאָט, אַן אמתער כישוף־מאַכער, וואָס האָט מיט בלויזע קרײַטעכצער און שפּרוכן געקענט לעבעדיק מאַכן טויטע. אָבער חמודה האָט אים אַרויסגעטריבן מיט חרפּה. וואָס טיפער זי איז געזונקען אין איר שלאָפקייט, אַלץ שטאַרקער האָט איר שינאה געפלאַ־קערט. ס'איז נישט שווער געווען צו טרעפן אַז ס'זענען איר נישט געבליבן קיין יאָרן.

די, וואָס האָבן זי געדענקט ווי אַ פריילעכע טענצערין, האָבן באַגערט צו ראַטעווען איר שיינעם גוף, און די גאָטפאַרכטיקע, וואָס זוכן פאַר די זינדיקע דעם חסד פון אַלמעכטיקן, האָבן זיך געוווּנטשן, אַז חמודה זאָל רייניקן איר נשמה איידער זי ווערט צוגענומען פונעם באַשעפער. אַלע גוטע באַגערן זענען נישט דערהערט געוואָרן. אַלע פרומע ווינטשן זענען געקומען צו שפּעט. חמודה איז פון דער שלאָפקייט מער נישט אַרויס. אַ לץ פון יפוער פישמאַרק, אַ גאָט־לעסטערער, וואָס האָט זי געזען אויפן טויטנבעט, האָט דערנאָך מיט שפּאָט דערציילט אין די טרינקשטיבער, אַז אַפילו נאָכן פאַרלאָזן די ערד וועט דער צאָרן פון חמודהן זיך נישט אָפּטאָן. ווען זי וועט אַרויף אין הימל, וועט זי פאַרשטעלן די לבנה, זי וועט אויסלעשן די שטערן און אָפּרײַסן די פליגלען בײַ די מלאכים.

דער תּקיף

יענעם פֿאַרטאָג האָט טודרוס מילגרוים זיך אויפֿגעכאַפּט אַ צערודערטער. דער הימל איז נאָך געווען אײַנגעהילט אין אַ געדיכטער פֿינצטערניש. ס'איז געווען פֿאַר זונאויפֿגאַנג, אָבער ס'ליכט פֿון דער וועלט איז נאָך געווען פֿאַרלאָשן. צוויי אומגליקן האָבן אים באַרויבט פֿון שלאָף. דער מבול, וואָס האָט בײַ נאַכט פֿאַרפֿלייצט טבריה און די דינסטמויד, וואָס איז פֿון אים אַנטלאָפֿן. זינט ער איז געוואָרן אַן אַלמן, זענען זײַנע נעכט געווען קורצע. נאָך דרײַ שעה שלאָפֿן איז דער גוף געווען אויסגערוט און די חושים וואַך. אָבער אין יענער נאַכט האָט ער כּמעט קיין אויג נישט צוגעטאָן. ס'איז אים אַליין געווען אַ חידוש: ווי קען אַ מענטש אין זײַן עלטער אויסקומען אָן אַן עוקץ שלאָף? פֿון ערגערניש האָט ער נישט געקענט אײַנליגן אַן איבעריקע רגע. ער איז אַראָפּ פֿון געלעגער און האָט אַרויפֿגעצויגן אויף זיך דעם געשטרײַפֿטן כאַלאַט. ער האָט אַרײַנגעשטעקט די פֿיס אין די ווייכע לאַטשן. דער שלאָף־חדר איז געווען טונקל ווי אַ הייל. אַנשטאָט אָנצוצינדן דעם לאָמפּ, האָט ער אָוועקגעשאַרט דעם שווערן פֿאַרהאַנג. ער האָט קוים געעפֿנט אַ שפּאַלט פֿון דעם שמאָלן פֿענצטער, און אַזוי ווי נח פֿון דער תּבֿה געוואָלט אַרויסקוקן צי די פֿאַרפֿלייצונג האָט זיך אָפּגעשטעלט.

טודרוס מילגרוים האָט די שטאָט נישט דערקענט. טבריה איז געלעגן אַ דערטרונקענע. גאָט אַליין האָט די פֿענצטער פֿון הימל אויפֿגעפּראַלט, אַלע שליוזן האָבן זיך געעפֿנט און דער נידעריקער טייל שטאָט איז געוואָרן פֿאַרגאָסן ווי אַ שוימיקער טײַך. די הײַזער האָבן זיך געווייקט ווי אונטערגעשווענקטע. אויף דער וואַסער־אייבערפֿלאַך האָבן זיך געטראָגן אָפּגעבראָכענע לאַדנס, אַרויסגעריסענע טירן, צעפּאַלענע שינדלדעכער ווי שפּענער. ווען האָבן די אײַנוווינערס געוווּסט פֿון אַזאַ אומגליק? טבריה האָט אויסגעהאַלטן ערד־ציטערנישן, זי איז איבערגעקומען מלחמות, אָבער די סכּנה פֿון אַזאַ פֿאַרפֿלייצעניש האָט קיין מאָל נישט געלויערט אויף איר. אַפֿילו די הילצערנע קלויז קעגן איבער איז אַרומגעשווומען ווי אַן אָפּגעבונדן

שיפל. אויס פחד, אַז גאָט שיקט אַראָפּ אַ צווייטן מבול אויף דער ערד, האָט ער גיך צוגעמאַכט דאָס פענצטער. זײַנע ציטערדיקע ליפּן האָבן געמורמלט אומקלאָרע ווערטער, אַ געמיש פון צאָרן און געבעט. ער האָט באַדאַרפט אָפּגיסן נעגל־וואַסער, אָבער ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אין אַ ווייכן שטול ווי אין אַ היסב־בעט און די וואַכע מחשבות האָבן פּלוצעם אָנגעהויבן אַראָפּזינקען ווי אין אַ ברונעם. אין דער טונקלייט האָט דער אויסגערוטער גוף דערשפּירט אַ שווערע מידקייט, וואָס ציט אַראָפּ אין אַן אויסהוילעניש. אָבער דער אימפּעט, וואָס גיט טודרוסן יעדן פרימאָרגן כּוח אײַנצולייגן וועלטן, האָט נישט געלאָזט די מחשבות אײַנדרימלען.

טודרוס מילגרוים האָט אַריבערגעשפּאַנט זיבעציק יאָר, אָבער די עלטער האָט אים נישט געקענט באַצווינגען. ער איז געווען געוויקסיק, מיט אַ קאָפּ העכער פון זײַנע צוויי זין. ער האָט געהאַט אַ פּאָר אויסגעצויגטע פּלייצעס, לאַנגע אָרעמס, זײַן געדיכטע געל־גרויע באָרד איז געווען צוגעשוירן פּירקאָנטיק און די געקרײַזלטע האָר ביז צום נאַקן האָבן אויף אים אָנגעטאָן די גבורה פון איינעם, וואָס קען אי בײַקומען מענטשן און אי זיך ראַנגלען מיט חיות.

ער איז געווען אַ בעל־נכסים, פאַרמאָגט הײַזער, פּלעצער. די אַראַבישע לאַנדבאַזיצערס האָבן אים געוואָלט פאַרקויפן זייערע שטחים באַדן, זייערע פּרדסים און ווײַנגערטנער. אָבער ער האָט נישט געהאַט בדעה צו זאַמלען פאַרמעגנס פאַר יענער־וועלט. ער האָט געהאַט גענוג פאַר זײַנע קינדס־קינדער. מעקלערס האָבן אָפּגעשלאָגן די טירן, אָבער ער האָט זיי געטריבן ווי זלידנע פליגן. ער האָט חתונה געמאַכט די בנים און זיי געמאַכט פאַר סוחרים.נאָך זײַן ווײַבס טויט האָט די תאווה צום לעבן, די פאַרשפּעטיקטע מאַנצבילשע גלוסטן, וואָס ער האָט דערשטיקט אין זיך אַלע יאָרן, ווידער אויפגעפלאַמט. שדכנים האָבן נישט איבערגעוואָרט דאָס יאָר און אים געבראַכט אַלמנות מיט קניפּלעך. זיי האָבן אונטערגעפירט מיטליאָריקע גרושות. וואָס קענען נאָך געבערן, אָבער טודרוס האָט געזוכט אַ יונגע יפת־תואר, אַ מויד, וואָס זאָל ברענען ווי אַ פלאַם, אַז ער זאָל זיך קענען רייצן מיט יעדן עובר־בטל, וואָס פאַרגינט אים נישט ס׳לעבן. די לצים, וואָס באַריידן אים אין שטאָט, זאָגן אַליין, אַז די ליבשאַפט פון אַ מאַנצביל צו אַ פרוי איז די העכסטע פרייד וואָס מ׳קען האָבן אויף עולם־הזה אָן זינד, די שענסטע שימחה וואָס פאַריאָגט דעם עלנט פון זיקנה. ווען ער האָט ס׳ערשטע מאָל געלאָזט פאַלן אַ וואָרט וועגן אַ צווייטער חתונה, האָבן די זין געשפּעט פון אים, אַז ער מאַכט פון זיך לײַטיש געלעכטער

און ער האָט זיי געוואָלט וואָרענען, אַז ער וועט זיי אויסמעקן פון דער צוואה. די שניר האָבן נישט אַרײַנגעשמעקט אין זײַן הויז. טודרוס האָט אַליין געררימט, געקאָכט זײַנע אייגענע געקעכטסן. איין מאָל אַ חודש האָט ער געדונגען אַ וועשין. פאַר וואָס קומט אים אין זײַנע יאָרן אַזאַ מערכה?

נאָך איידער ער איז געוואָרן אויס אָבל, האָט ער געשיקט נאָך דבורהן די רײַפּערקע און זי האָט אים געברענגט אַ דינסט, בלוט און מילך. ווי זי האָט זיך באַוויזן אויף דער שוועל, איז טודרוס מילגרוים פאַרגאַפט געוואָרן. רויזע האָט זי געהייסן און אַזוי ווי איר נאָמען אַזאַ איז זי געווען. אַ צײַטיקע בלום, אַן אָפּגעטאָקט וואָרעם לײַב מיט אַ פּאָר פיס, וואָס טענצלען אונטער. זי האָט געהאַט אַ מילך־ווײַס פּנים מיט ציין ווי פּערל, פלעמלדיקע אויגן ווי בלויע לעמפּלעך. אירע ברוינע האָר פאַרקעמט מיט קריינדלעך און לעקלעך, וואָס אַזוינס זעט מען נישט בײַ אַ דינסטמויד. געווען איז זי אַ צפתער טאָכטער, אַ קײַלעכדיקע יתומה, אויסגעהאָדעוועט בײַ אַן אָרעמער מומע, אָבער אירע פירעכצן זענען געווען פון אַ הײַנטמאָדישער צעלאָזענער מויד, אַ שטיפערקע, וואָס ווי נאָר זי לאָזט פאַלן אַ וואָרט, צינדט זי אָן פאַרבאָרגענע באַגערן. רויזע האָט נישט געקענט קיין שײַטל עברי, אָבער זי האָט געהאַט אַ מויל ווי אויף שרויפן. טודרוס האָט די ערשטע טעג געטראַכט: איידל אין אויסזען, אָבער פאַרשײַט אין דער נשמה. ער האָט נישט געקענט אַרויסקריגן אַ וואָרט וועגן איר פאַרגאַנגענהייט. פון דעסטוועגן האָט זי איין מאָל אין אַ פרימאָרגן נאָכן אויפראַמען דאָס הויז זיך אַרויסגעכאַפּט, אַז זי האָט אַ מאָל געהאַט אַן אומגליקלעכע ליבע און זינט דעמאָלט וויל זי מער נישט וויסן פון קיין מאַנצביל. זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— אַז איין זכר נאַרט אָפּ אַ מיידל, פאַרלירן אַלע מאַנצבילן דעם חן אין אירע אויגן. כ'קאָן מער קיין איינעם נישט געטרויען...

טודרוס האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר גיריקע אויגן און געזאָגט:

— רעדסט פאַלשע רייד, רויזע. אַזאַ איינע ווי דו האָט גענוג פײַער פאַר אַ מנין זכרים.

רויזע האָט זיך צעלאַכט.

— פײַער ברענט אַזוי לאַנג, ווי מ'לייגט צו קוילן. יענער שוויצער האָט פון מיר געמאַכט אַן אויסגעלאָשענע קויל.

— וווּ האָסטו אים געפונען?

— וווּ טרעפט אַ דינסטמויד אַ האָלדעריגע? אין הויז, וווּ זי דינט. אַ חוצפּהדיק זינדל געווען. אַ בן־יחיד בײַם בעל־הבית.

— האָסט געוואָלט מיט אים חתונה האָבן?

— ער האָט געהאַט פֿון מיר ס׳גענאָר. ווען כ׳האָב אים געטריבן פֿון זיך, האָט ער געשווירן אַז ער וועט מיך פֿירן פֿאַר אַן אויער צו דער חופּה, אָבער זײַנע טאַטע־מאַמע טאָרן נישט וויסן דערפֿון. ס׳איז געווען אַ ווילדער שקר. נישט קיין בער, נישט קיין יאַגדעס... דערווײַל האָט ער געוואָלט נאַשן בײַ מיר. ווען קיינער האָט נישט געזען, האָט ער מיך געקנײַפּט אין ווייכן פֿלייש. איין מאָל בײַ נאַכט איז ער דורכן פֿענצטער אַרײַנגעשפּרונגען אין אַלקער, ווו כ׳בין געשלאָפֿן. כ׳האָב אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און ער האָט מיך שטום געמאַכט מיט זײַנע הייסע קושן. ער איז געפֿאַלן צו מײַנע פֿיס און אויסגעבײַטלט אַלע נאַרישע רייד, וואָס אַ היציקער מאַנצביל פּלוידערט, ווען ער לעכצט נאָך די לאַסקעס פֿון אַ פֿרוי. ער איז געוואָרן ווילד. ס׳האָט שיִער נישט געהאַלטן בײַ אַן עבירה, אָבער כ׳האָב באַצײַטנס אויפֿגעפּראַלט די טיר און אים אַרויסגעוואָרפֿן.

טודרוס האָט געזען, אַז זי איז נישט קיין מלופּים־קינד, האָט ער זי גענומען אויפֿן צימבל:

— אַ פֿרוי אָן אַ מאַן, רויזע, איז ווי אַן אַרבוז אָן קערנער — האָט ער זיך געוויצלט.

— אַ פֿרוי אָן אַ מאַן איז ווי אַ פֿידל אָן אַ סמיטשיק — האָט זי אים שעלמיש אָנגעקוקט.

בײַ טודרוסן האָט די באָרד זיך געטרייסלט פֿון געלעכטער.

— און וואָס איז אַ חתונה ווייסטו, רויזע?

— מײַן מומע אין צפֿת האָט אין מיר אַרײַנגעטענהט: אַ חתונה איז ווי געהאַקטע לעבער... מ׳קען לעבן אָן דעם מאכל. אָבער פֿאַר וואָס, רויזעלע קרוין, זאָלסטו זיך באַגיין אָן דעם?

טודרוס איז געבליבן אָן לשון. די מויד איז אַ בוגרת, שעלמיש און איבערגעשפּיצט. זי איז איין קנויל פֿון בלוט און פֿײַער. איר מויל גייט אויף שרויפֿן. ער האָט אָפּגעמאָסטן איר מילכיקן האַלדז און אירע אויס־געבעטע אָרעמס. זײַנע אויגן האָבן זיך געגליטשט איבער איר בוזעם און אירע היפּטן. פֿון תּאווה האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ שטילן זיפֿץ. פֿאַר וואָס האָב איך זי נישט געטראָפֿן מיט צוואַנציק יאָר פֿריִער? כ׳בין געווען מסוגל אויפֿצועסן אַזעלכע הינדלעך מיט די ביינער. וועל איך קענען אַזאַ איינע הײַנט אויך פֿאַרדײַען?

— ב —

טודרוס מילגרוים האָט זיך אויפגעריסן פון דרימל. ער האָט אויסגעריבן די אויגן. אַ העלקייט איז געווען צעלייגט איבער דער וואַנט אַנטקעגן. שטיקלעך זון ווי שמייכלען האָבן זיך דורכגעזייַט דעם שווערן פאָרהאַנג. ער האָט זיך אַ הייב געטאָן פון אָרט און אויפגעפּראַלט דאָס פענצטער. ס'האָט מער נישט גערעגנט. די פאַרטרונקענע הײַזער האָבן זיך אַרויסגעהויבן ווי אויסגעוואַשענע שטיינערנע געוויקסן. איבערן הימל זענען צעריסענע כמאַרעס אַפּגעשווומען צום אין־סוף.

אָן אויפגעהײַטערטער האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ. פון די הייכן האָט געבלאָזן די קעלט פון טבת. די אָנגעלאָדענע וואָלקנס זענען אויסגערונען ווי רויך. אַ לויטערע ליכטקייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער טאָליקער טבריה. ער האָט זיך אײַנגעוואַשן, האָט אָנגעטאָן טלית־און־תּפילין און אָוועקגעלייגט אַ דאַוונען מיט אַ ברען. ווען ער האָט געהאַלטן בײַם אָפּוויקלען די רצועות, איז ער ווידער צוגעגאַנגען צום פענצטער. פאַר די שווערן פון די הײַזער האָבן ווײַבער אין ברייטע ספּאָדניצעס, מיט שיטערע בעזעמער אויסגעקערט די שטראָמען וואָס זענען אַראָפּגערונען אין די זאָמדיקע ראָוון. מאַנצבילן מיט פאַרקאַשערטע הויזן־נאָגעוויצעס, אײַנגעוויקט ביז צו די קני, האָבן מיט לאָפּעטעס אויפגעהאַקט די ערד און געגראָבן אָן אָפּלויף פאַר די צעבערס וואַסער.

טודרוס האָט אָנגעטאָן וואַרעמע מלבושים, האָט אַרויפגעצויגן אויף די פיס אַ פּאָר גומענע שטיוול און איז אַרויס אין הויף. דער צוגאַנג צום שטאָל אין געווען פאַרגאָסן .ער האָט אַראָפּגענומען די פּרענטעס פון דער הילצערנער טיר און אַרויסגעפירט אַ מאָגערן, ברוינעם אייזל מיט אַ גרויען פלעק צווישן די אויערן. טודרוס האָט נישט געטאָרט הײַנט אויסמײַדן דעם פרימאָרגן־שפּאַציר. נאָך אַזאַ חורבן האָט ער געמוזט אַ רעכטן קוק טאָן אויף זײַנע הײַזער. ווער ווייס צי דער שטורעם האָט נישט אַראָפּגעריסן די דעכער, צי ס'האָבן נישט געפּלאַצט די רערן און די דירות זענען פאַרפּלייצט געוואָרן ? און וואָס איז געשען בײַם נײַעם בנין, וואָס ער האַלט אין בויען ? זענען די ווענט דאָרט נישט אײַנגעזונקען ? ס'האָט אים געטריבן פון אָרט. נאָכן הײַנטיקן מבול, וועט ער מוזן דורכרײַטן די גאַסן, אַנשטאָט צו גיין צו פוס. ער האָט אָפּגעבונדן די טאָרבע פון דעם אייזלס מאָרדע. דאָס פּאַשע־זעקל איז געווען אויסגעליידיקט. ער האָט באַטראַכט די געטרײַע רײַט־חיה און איר אַ פּאַטש געטאָן איין מאָל איבערן

קאַרק, אַ צווייט מאָל אויפן הינטער־חלק, און דערנאָך אַרויפגעלאָדן דעם זאַטל. דאָס מזל האָט אים צוגעשפּילט. דער הימל איז שוין געווען אויס־געלײַטערט. טבריה, אַן אויסגעצוואָגענע, האָט זיך געטונקט אין ליכט פון דער וועלט.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אַהין און אַהער. אין עק הויף איז געשטאַנען אַ הויכער לייטער. ער האָט דעם לייטער צוגעשטעלט צו דער שטאָלוואַנט און איז אַרויפגעקראָכן אויפן העכסטן שטאַפּל. פון אויבן, בײַם ראַנד פון דאַך, האָט ער ווי אַ קאַפּיטאַן אויף אַ שיף אַראָפּגעקוקט אויף דער פּאַר־גאַסענער שטאָט. די זון האָט זיך צעלויכטן איבער די קאַלוזשעס וואַסער. פון דעם ווײַטנס האָט ווי אַ מאַטער שפּיגל זיך אויסגעשפּרייט דער ים כּנרת, אויפגעשוואָלן מיט זײַנע גרינע כוואַליעס. טודרוס האָט זיך געקוויקט מיט דער ווילדער שיינקייט ווי ער וואָלט טבריה צום ערשטן מאָל דערזען.

דורות איז די שטאָט געלעגן פאַרגראָבן ווי אַ שלאָפנדיקע מיוחסת. ווען מלחמות און ערד־ציטערנישן האָבן זי חרוב געמאַכט, האָט אַ דרימל פון יאָרהונדערטער געהויערט איבער איר. צווישן אַראַבישע איבערפאַלן און טריקענישן האָבן ייִדן אויפגעהערט צו קומען אַהער פון ווײַטע מדינות. מען האָט נישט געצונדן קיין הדלקה, נישט געטאַנצט אַרום די קברים פון די צדיקים. טבריה איז געווען אַנגעזעצן מיט אירע כּוללים, אָבער די לומדים האָבן זי אויסגעמיטן. זײַן זיידע האָט אויפגעצויגן אַ דור. זײַן טאַטע איז דורכגעגאַנגען אַ לעבן אין עושר און אין כּבוד, אויסגעגעבן די זין און טעכטער, אָבער ביידע, דער זיידע און דער טאַטע, האָבן אין זייערע טעג נישט אָנגעזען קיין נײַ פּנים, קיין חסיד, קיין פּרוש, קיין בן־תּורה. אײַנגע־מויערט אין אירע ענגע געסלעך און הויפן האָט טבריה גערוט צופוסנס דעם ים כּנרת ביז די באַנײַטע עליה האָט אויפגעבראָכן די טויערן. מחנות חלוצים האָבן ווי שטורעם־פייגל זיך אַרײַנגעריסן אַהער. אומדערשראָקענע, אָן פּחד פאַר די אַראַבער האָבן זיי אויפגעשטאָכן בערג, געשניטן גאַסן, געבויט ווײַסע הײַזער און די שטילע טבריה איז ווידער געוואָרן אַ רוישיקער יאַריד.

טודרוס האָט אַריבערגעקוקט צו די באַרגהייכן. דאָרט האָט זיך אַרויס־געהויבן די קריה, די יונגע שטאָט קרית־שמואל, מיט ווײַסע בנינים, אײַנ־געהילט אין גאָרטנס, מיט אויסגעפּלאַסטערטע וועגן, מיט יונגע וועלדער. די הײַזער זענען באַזעצט געוואָרן מיט יונגוואַרג, ווײַל אַ יונגע טאָכטער צוקאָפּנס דער אַלטער מאַמע איז די נײַע שטאָט. און די אַלטע טבריה, אַן אײַנגעשרומפּענע זקנה, רוט ווײַטער אַ בכּבודיקע אויף דעם זעלבן אָרט. בײַ די חכמי־התּלמוד איז די נידעריקע שטאָט געבליבן די פּערל פון ארץ־

ישראל, דער מיטלפּונקט פון דער וועלט. אירע הייסע קוואַלן, די חמי־טבריה, זענען דאָס אייביקע היילאָרט פאַר שלאָפע און פאַרקריפּלטע. טודרוס האָט געריבן דעם שטערן. ווי לאַנג זענען שוין די וואַרעמע קוואַלן אָן אָרט פון גענעזונג? פון בראשית אָן! קריגסהאַרן, וואָס זענען דורכגעגאַנגען מיט זייערע חיילות, האָבן אין די געבענטשטע וואַסערן געבאָדן זייערע לײַבער. בײַ קרעציקע און שלאַקריריקע זענען אָפּגעוואַשן געוואָרן די אויס־שלאַקן. צו די זעלבע קוואַלן זענען געקומען זיך היילן די קיסרים פון רוים און די מלכים פון יהודה.

שטאַלץ וואָס אין אָט דער שטאָט איז ער, טודרוס מילגרוים, אַ בעל־נכסים, פאַרמאָגט הײַזער און לאַנדשטיקער, האָט ער צוגעפּירט דעם אייזל צום טויער, גרייט אַרויסצורײַטן פון הויף, ווי פון דרויסן איז מיט אימפּעט אַרײַנגעפאַלן אַן איבערגעוואַקסענער מאַנצביל, הויך ווי אַ ריז, ברייט ווי אַ קצב. ס׳איז געווען זכריה קדיש, דער לוסטיקער הײַזער־מעקלער פון אַלזשיר. בײַם דערזען דעם מעקלער האָט טודרוס געמאַכט אַ ביטערע העוויה. ער האָט זיך געשראָקן, אַז דער אַלזשירער רמאי, דער דרייקאָפּ, וואָס קען אין מיטן מידבר צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט, וועט אים אָוועקפּטרן דעם טאָג. זכריה קדיש האָט געהאַט אויפן קאָפּ אַ געפּרעסטן טאַרבוש מיט אַ טראָלד. דער טערק איז שוין לאַנג אַוועק פון ארץ־ישראל, אָבער דער ספּרדישער האָקוס־פּאָקוסניק האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט דער רויטער פּעסקע. זײַן רויטלעך פּנים האָט געשטראַלט. צווישן די ציין האָט געשטעקט אַ פּערלמוטערנע ליולקע און אין דער רעכטער האַנט אַ בײַטשל קאַלירטע קרעלן. ער האָט אַ הייב געטאָן די אויגן צום הימל און אָנגעוויזן אויף דער בלאָטע אין הויף:

— שלום, ר׳ נגיד — האָט ער פריילעך אויסגערופן — נאָך אַזאַ מבול מעגן מיר ביידע גומל בענטשן...

טודרוס מילגרוים האָט אים צוגעוואָרפן אַ בליק פון פאַראַכטונג. אַ באַזאָרגטער, אַז דער ספּרדי איז געקומען אים פאַרטויבן מיט זײַן געהאַקט ציגל, האָט ער בייז אַ ברום געטאָן:

— מ׳עט שוין בענטשן אָן דיר, זכריה קדיש. כ׳בין שטאַרק פאַרנומען. אויב דו גייסט מיר הײַנט ברענגען אַן אויפקויפער פון הײַזער, פאַרשפּאַר דיר די טירחה.

— כ׳וועל דיר ברענגען הײַנט אַן אמתן העכט. ר׳ נגיד! אַ געשוואָלענעם פּריץ, אַ ייִדישן כאַדוש פון באַגדאַד! ער איז אָרעמער פון אַ קאַליף, אָבער רײַכער פון אַן עפענדי, ר׳איז אָנגעשטאָפּט מיט ממון ווי אַן אַבטיח מיט

זאָמען. ער קען אויסקויפן גאַנץ טבריה!

— כ׳האָב גאָרנישט צו פאַרקויפן. ברענג מיר נישט קיין סוחרים.

— אַ באַגלויבטן סוחר אויך נישט?

— אויך נישט.

דער מעקלער האָט אַרויסגעכאַפּט די פּערלמוטערנע ליולקע פון מויל. ער האָט אַ טרייסל געטאָן מיט דעם בײַטשל קרעלן אין דער לופט. ער האָט אַ פּנים אָנגעקוואָלן פון טודרוסעס געבייזער. פון גרויס תענוג האָבן די אויגן לצניש געלאַכט. ער האָט זיך אָנגערופן:

— אויב נישט אַ קויפער אויף הײַזער, טודרוס מילגרוים, קען איך דיך ברענגען אַ זיווג אויך! בײַ זכריה קדיש איז אַלץ עובר לסוחר. כ׳האָב גרייט אַ בתולה, אַ פּראַכט פאַר די אויגן!

— צו שפּעט, זכריה. ביסט געקומען צו שפּעט.

— אַ דערקוויקעניש פאַר די אַלטעביינער איז קיין מאָל נישט צו שפּעט. דו עלטערסט זיך, ר׳ נגיד, אָבער כ׳זע נישט קיין איין קנייטש אויף דײַן צורה. כ׳האָב פאַר דיר אַ ספרדישע טאָכטער, אַ בת־יחידה. שטורעמדיק ווי אַ וויכער, הייס ווי אַ פלאַקער, אַזוי ווי אַלע טעכטער אין מאַראָקאָ. איר מאַמע שטאַמט פון ראַבאַט. זי האָט נושא חן געווען בײַ די מאַראָקאַנישע שרים און דער סולטאַן אַליין האָט אויף איר געוואָרפן אַן אויג. ביסט גרייט אָנצוקוקן די יפת־תואר?

דער מעקלער איז געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל, געוואַרט אויף טודרוסעס הסכמה. אָבער דער אויפגעבראַכטער טודרוס איז אַרײַנגעלאָפן אין שטאַל און אַרויסגעקומען מיט אַן אײַזערנעם שטאַנג. ער האָט אַ הייב געטאָן דאָס שטיק אײַזן איבער זכריהס קאָפּ און זיך צעשריגן:

— אַלע מײַנע בייזע חלומות אויף דײַן האַלדז און נאַקן! פאַר וואָס ביסטו נישט דערטרונקען געוואָרן אין דעם הײַנטיקן מבול? אַרויס פון מײַן הויף, מערזאַוויעץ, איידער כ׳שפּאַלט דיר דעם קאָפּ!

זכריה האָט זיך אַ רוק געטאָן הינטערווײַלעכץ אויף עטלעכע טריט. טודרוסעס גרימצאָרן האָט אויף אים אָנגעוואָרפן אַן אמתע אימה. כהרף־עין האָט דאָס לצנות פון אים זיך אָפּגעטאָן. די צעשראָקענע אויגן האָבן זיך צעטענצלט. ער האָט אויפגעפּראַלט דאָס טויער און איז אַרויסגעלאָפן.

טודרוס האָט אים נאָכגעקוקט און געלאַכט. דער היציקער מעקלער איז אַנטלאָפן ווי אַן אָפּגעשמיסענער פּורים־שפּילער. בײַם אויפגעהײַטערטן טודרוס האָבן די ליפּן זיך צעבלאָזן. ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן אייזל און איז אַרויסגעריטן פון הויף.

— ג —

ער איז געריטן דורך די פֿאַרשוועכטע גאַסן. די הײַזער זענען געשטאַנען אויסגעצוואָגענע. די שטײנערנע טרעפּ פֿאַר די טירן אָפּגעשײַערטע. די זון האָט זיך צעפֿלאַמט. פֿון דער ווײַטנס. אין דער נידערונג, האָט דער צעשוימ־טער ים כּנרת ווי אַ ריזיקער וואַלפֿיש זיך געוואָרפֿן מיט רוגזה. טודרוס האָט געטריבן דעם אײזל צום פּלאַץ וווּ מ׳האָט געבויט זײַן נײַ הויז. ער איז געווען נײַגעריק צי די פֿאַרפֿלײצעניש האָט נישט אָנגעמאַכט אַ חורבן אין די בוי־מאַטעריאַלן, צי די מוליאַרעס האָבן זיך געשטעלט צו דער אַרבעט. פּלוצעם איז אָנגעלאָפֿן אַ מחשבה: פֿאַר וועמען דאַרף ער אַזוי פֿיל אײַנרײַסן ? צו וואָס בויען נײַע הײַזער, אַז ר׳איז אײנער אַלײן ? ס׳איז אים ווידער געקומען אויפֿן זינען רויזע. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם ערשטן שמועס מיט איר, ווען זי האָט גערעדט צו אים די טריפֿהנע רײדלעך. איר לײַב איז דעמאָלט געווען פֿול מיט גלוסט און דאָס שאַרפֿע צינגל האָט געקנאַקט די אמתע דיבורים. זכריה קדיש איז צו אים הײַנט געקומען מיט אײטעלע רײד, אָבער דער רמאי האָט אין אים אויפֿגעוועקט דאָס אײַנרײדעניש, אַז ער קען נאָך אַזאַ אײנע ווי רויזע פֿאַרדינען. פֿאַר וואָס איז זי נעכטן אַנטלאָפֿן פֿון הויז ? נאָר דערפֿאַר ווײַל ס׳האָט זיך אים פּלוצעם פֿאַרגלוסט אַנצוהײבן מיט איר יִינגלשע שטותערײַען ? טודרוס, טודרוס, פֿאַר וואָס שאַנעוועסטו נישט דײַן כּבוד ? — האָט ער זיך אַלײן געמוסרט — כ׳בין געכאַפּט אין דער מעשה. די מויד האָט פֿאַרט זיך אײַנגע־באַקן אין מײַן האַרצן.

ס׳האָט נישט קײן זינען צו לײקענען, אַז רויזע ליגט אים אין די בײנער. איר אַרומדרײען זיך אין הויז האָט אים צערודערט. ער האָט זיך געמאַכט אַ מינהג אַרויסצוגײן יעדן פֿרימאָרגן שפּעטער פֿון הויז און צוריק־קומען פֿריִער. זי האָט געאַרבעט פֿון פֿרי ביז אָוונט. ער האָט זיך געשעמט פֿאַר מענטשן. צו פֿאַרמײַדן לשון־הרע בײַ די שכנים אין גאַס, האָט ער נישט דערלאָזט זי זאָל נעכטיקן אין דעם אַלקער. שלאָפֿן איז זי אַוועק צו אירס אַ קרובה. אָבער דורך די שעהען, וואָס זי איז געווען אונטער זײַן דאַך, האָט זי געראַמט, געוואַשן און צוגעגרייט פֿאַר אים אַלע מאכלים, וואָס ער האָט ליב געהאַט: געבראָטענע הון מיט רויטן פֿעפֿער, אַרבעס־קאָטלעטן, בלינצעס, וואַרעניקעס באַרשטש פֿון בוראַקעס און פֿון שטשאַוו, אַפֿילו אַראַבישן כּומוס. פֿון צוויי תּאוותס האָט טודרוס זיך נישט געקענט באַפֿרײַען, די תּאווה פֿון בלוט און די תּאווה פֿון מאָגן. ווען רויזע האָט

אָפּגעדינט דעם ערשטן חודש, איז בײַ טודרוסן צײַטיק געוואָרן אַ ווילדער באַשלוס. ער וועט נעמען רויזען פֿאַר אַ ווײַב. אָבער די מורא פֿאַר די דערוואַקסענע בנים האָט אַרויסגערופֿן קווענקלענישן. אויפֿן צווייטן חודש האָט ער מער נישט געצעגערט. ער האָט גערופֿן צו זיך ביידע זין, מיכאל און זבולון, און אָן שהיות זיי געלאָזט וויסן:

— קינדער, כ׳קאָן מער נישט זײַן אַליין...

די זין האָבן געקענט דעם טאַטן, געוווסט פֿון זײַנע גלוסטן. דאָס, וואָס ער באַגערט, פֿאַסט פֿאַר אַ געשמדטן האַלדז. זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן וואָס ער מיינט, אָבער זיך געמאַכט תמעוואַטע. מיכאל דער בכור האָט זיך אָנגערופֿן:

— דו ביסט נישט אַליין, טאַטע. האָסט קינדער, האָסט אייניקלעך.

דער טאַטע האָט גענומען קעמען די באָרד מיט די בייניקע פֿינגער און גערעדט בנעימותדיק:

— איר זײַט דאָך מער נישט קיין יינגלעך, בנים מײַנע. ס׳איז אײַך נישט שווער צו פֿאַרשטיין מײַן מעמד. אויסגעגעבענע קינדער האָבן אייגענע משפּחות. דאָס איז דער דרך פֿון דער וועלט. דער באַשעפֿער האָט צוגענומען אײַער מאַמע פֿאַר דער צײַט, אָבער צום הימל קען מען קיין תּרעומות נישט האָבן. דער אמת איז, אַז כ׳בין געבליבן איינער אַליין אויף דער עלטער. אַז ס׳וועלן פֿאַרבײַ נאָך אַ פּאָר יאָר, ווער וועט אויף מיר אַכטונג געבן?

מיכאל האָט געוואָרפֿן שפּאָטבליקן אויף זבולונען. דער עלטערער זון איז געווען געוויקסיק, מיט אַ קנאָכיק פּנים און אַ שאַרף פֿאַרשפּיצטער גאָמבע. זבולון, דער יינגערער, איז געווען קײַלעכדיק, ווייכלײַביק מיט נאָכגיביקע אויגן. ביידע ברידער האָבן זיך איבערגעקוקט, פֿאַרשטאַנען אַז מ׳דאַרף דעם אַלטן לאָזן זיך אויסריידן. זיי האָבן געשוויגן און טודרוסעס צונג איז געוואָרן לויזער.

— האָב איך געטראַכט און געטראַכט, בנים מײַנע, ביז כ׳האָב בײַ זיך אָפּגעמאַכט חתונה צו האָבן. קיין אַנבאָטן פֿעלן נישט. שדכנים שלאָגן אָפּ די טירן, אָבער עפּעס פּאַסיקס איז שווער צו קריגן. איז מיר אײַנגעפֿאַלן... ס׳וועט קלינגען ווילד, איר׳ט מיינען כ׳בין פֿון זינען געררט, אָבער ס׳איז שכלדיק... איז מיר אײַנגעפֿאַלן צו נעמען רויזען. לאַכט נישט פֿון אַלטן טאַטן. אַזוינס טרעפֿט אין אַ סך בכּבֿודיקע משפּחות.

די זין האָבן זייערע אויערן נישט געגלייבט. פֿון בושה האָבן זיי אַראָפּ־געלאָזט די קעפּ און נישט געקענט אַרויסברענגען אַ וואָרט. טודרוס האָט זיך געמאַכט נישט זען זייער פֿאַרלעגנהייט. אַ פֿאַרלאַנג האָט אין אים אויפֿ־

געוואַכט צוריידן סײַ ערנסט, סײַ מיט לצנות. זײַנע זין זענען דערוואַקסן, הײַנטוועלטיש און ער קען זיך פאַר זיי פאַרטרויען ווי אַ מאַנצביל צו מאַנסלײַט. געלויבט דער אייבערשטער, ער איז נישט קיין קריפּל. און וויפל יאָרן ס׳איז אים נאָך באַשערט, זאָל ער זיך אויסלעבן ווי אַ געזונטער זכר. ווער דען, אויב נישט די אייגענע בנים וועלן אים פאַרשטיין?

— וואָס איז דען אַ מאַנצביל? — האָט ער געזאָגט — איין העלפט, וואָס גאָרט נאָך דער צווייטער העלפט. לצים זאָגן, אַ זכר אָן אַ ווײַב איז ווי אַ געבראָטנס אָן קנאָבל. דער באַשעפער אַליין האָט נישט געקענט צוזען די איינזאַמקייט בײַ אָדמען און געזאָגט: ס׳איז נישט גוט דער מאָן זאָל זײַן אַליין. און ער האָט אים געגעבן אָן עזר כּנגדו. יעדער בעל־חי איז עלנט אויף דער וועלט. ס׳לעבן איז אַ רעטעניש, אונדזערע יאָרן דרייען זיך אין אַ משוגענער ראָד. די מאַמע וועט מען שוין לעבעדיק נישט מאַכן. השם נתן, השם לקח... און ווער קען זאָגן פון וואַנען דער עזר כּנגדו דאַרף קומען? אפשר איז ס׳באַגעגעניש מיט רויזען באַשערט געווען פון הימל. כ׳קען זיך נישט העלפן, בנים מײַנע, כ׳האָב זי האָלט געקראָגן. אפשר רייד איך יינגלשע רייד, אָבער ווער מעג דן זײַן לכף חוב אָן עלנטן מענטש? ווי נאָר זי קומט אַרײַן אין הויז, הייבט אַלץ אָן צו לויכטן ווי די זון אין הימל. זי איז אויך אַ בריה. אַלץ ברענט אונטער אירע הענט. אמת, כ׳האָב זי צוגענומען פאַר אַ דינסט צו טאָן פּראָסטע אַרבעט, אָבער זי איז אײדל, די אַצילות אַליין. בנאמנות, פון אַזעלכע ווי זי ווערן געטרײַע ווײַבער. כ׳וויל, זין מײַנע, איר זאָלט זיך ריכטן, אַז הײַנט־מאָרגן...

ביידע זין זענען געשטאַנען קעגן איבער דעם טאַטן צאַרנדיק און אַרויסרופעריש. מיכאל האָט געזאָטן פון כּעס. ער האָט אין יעטער רגע געזען די מאַמע אויפן טויטנבעט. דאָקטוירים האָבן זי נישט געקענט ראַטעווען. די בייזע קרענק האָט איר לײַב פאַרצערט און זי איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט. פאַר דער גסיסה האָט זי נאָך פאַרלאַנגט פון די קינדער זיי זאָלן נישט פאַרשאַפן דעם גוטן טאַטן קיין צער און דאַ, קוים ווי ס׳איז אַ יאָר פאַרבײַ, קלײַבט זיך דער אַלטער חתונה צו האָבן מיט זײַן דינסטמויד!

די זין האָבן שטומע זיך איבערגעקוקט, געהאַט אַזוי פיל צו זאָגן איינער דעם אַנדערן און געשוויגן. מיכאל איז דער ערשטער אויפגעשפּרונגען. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף טודרוסן מיט צאָרן און פאַרוואוּף.

— אויב דו האָלסט זיך, טאַטע, בײַ דער דעה צו שטעלן אַ חופּה מיט דײַן דינסטמויד, וועל איך דײַן שוועל נישט איבערטרעטן!

— איך אויך נישט! — האָט זבולון נאָכגעזאָגט.

און ביידע זענען אַרויס מיט אַ קלאַפּ אין טיר.

ווען טודרוס מילגרוים איז געבליבן אַליין, האָט ער זיך געטרייסלט פון כּעס. ער האָט זיך נישט געקענט שענקען צו וואָס ער האָט זיך שואל־עצה־געווען מיט די עזות־פּנימער. ביי זיי דאַרף ער נעמען אַ היתּר? זיי זענען נישט קיין שותּפים צו זיין עלנט, וועלן זיי אויך נישט האָבן קיין חלק אין זיין שׂימחה. ס'איז זיין לעבן און ס'וועט אויך זיין זיין גיהנום!

אַנטשלאָסן צו טאָן דאָס, וואָס ס'אייגענע האַרץ גלוסט, איז ער צוגעגאַנגען צום קאָמאָד און אַריינגעקוקט אין שפּיגל, דער געוויקסיקער גוף האָט אויס־געהאַלטן די משׂא פון יאָרן. דאָס האַרטע פּנים איז געווען פריש, אָפּגעברענט, נאָר די געקרייזלטע האָר האָבן שוין גענומען ווערן שיטערער און די געלע באָרד דורכגעפלאָכטן מיט ווייסע פעדעם. פעדעם זענען דאָס? שנורן, גע־פלאָכטענע שטריק, וואָס וועלן בינדן דעם מידן גוף און אים שלעפּן צו דער ערד, אויב ער וועט נאָכגעבן זיינע בנים, די מחוצפים.

ער איז אַריין אין אַלקער און זיך צוגעלייגט אויף דער סאָפע. ער האָט צוגעשלאָסן די אויגן אויף אַ פּאָר מינוט און זיך באַרויִקט.

— ד —

טודרוס איז וויטער געריטן אַ פּאַרטראַכטער. ער האָט זיך געוויגט אויף דעם אייזל מיט דער פּוילקייט פון אַ מידבר־רייטער אויף אַ קעמל. דעם אייזלס טריט זענען געווען דריבנע, צעקראַכענע. ער האָט מיט אַ שטעקעלע אונטערגעהעצקעס זיינע באַקעס און די שלעפּ־חיה איז געוואָרן רירעוודיקער. ס'איז געווען טבת, אָבער טבריה איז ווידער געלעגן אונטער זונבראַנד. ער איז פאַרבייגעריטן די שמאָלע גאַסן. פון די גריבלעך איז ס'וואַסער אויסגערונען. די ריטשקעלעך בלאָטע פּאַר די הייזער זענען שוין געווען טרוקן. אויף די נידעריקע מויערן האָבן די נאַקנס געלויכטן ווי באַגאָסן פון די גליִענדיקע זונפלאַמען אין תּמוז.

הינטערן אַלטן מאַרק, אויף אַ טאַליקער זאַמדפּלאַך האָט זיך געבויט אַ נייער קוואַרטאַל. ווייסע, פּירעקיקע הייזער ווי אויסגעזעגטע קאַסטנס זענען געווען צעשטעלט אין רייען. אויף טייל הייזער האָבן באַלאַטן־לייגערס באַדעקט די דעכער מיט רויטן קאַרמיט, פאַרבערס האָבן געקאַלכט די ווענט, סטאָליאַרעס האָבן אַריינגעזעצט טירן, פענצטער. די קלעפּ פון די האַמערס, דאָס שניידן בעלקעס און ברעטער האָט אָפּגעהילכט מיט אַ רעש ווי מען וואָלט געזעגט ביימער. טודרוס האָט אָפּגעשטעלט דעם אייזל ביי אַ הויכן, רויען בנין ווו אַרבעטער אין פאַרקאַלכטע בגדים האָבן אויפ־

געשטעלט לייטערס פון דיקע בעלקעס און זיי אַרײַנגעהאַקט ווי קלינען אין די ווענט. דאָס האָבן זיי אויסגעפּאַרטיקט רושטאָוואַניעס אויף אַ פּיר־שטאָקיקער געבײַדע. פלינקע יונגען האָבן געקלעטערט אויף די הענגברעטער ווי אַקראָבאַטן. אַ שפּרונג אַרויף, אַ שפּרונג אַראָפּ און אָט זענען זיי געשטאַנען אויף העכסטן גאָרן ווי אויף אַ געשפּאַלטענער בריק.

טודרוס האָט אָנגעקוואָלן פון דעם האַרמידער. וואָס איז פון טבריה געוואָרן? אַ נײַע וועלט גייט דאָ אויף, און דאָס יונגוואַרג רעגירט מיט איר. אַנשטאָט מיט ווילנערנערס, מיט קלויזניצערס איז די שטאָט פֿול מיט חלוצים. אַ נײַער דור! אָבער וואָס וויל דאָס הײַנטיקע יונגוואַרג? — ער האָט זיך דערמאָנט אין זײַנע זין — זיי ווילן דער עלטערער דור זאָל געבן די הסכּמה אויף אַ וועלט, וואָס ווערט איבערגעקערט, אָבער אַליין פאַרגינען זיי נישט די טאַטעס די פריידן פון עולם־הזה. ווי צײַטן האָבן זיך געביטן! אַנשטאָט קוועטשן די באַנק אין בית־המדרש, קלעטערן די יונגען אויף רושטאָוואַניעס, זיי זיצן אויף די טראַקטאָרן אין פעלד. די בענקשאַפט נאָך גאולה, וואָס ליגט בײַ דורות ייִדן אין די ספרים, אין די רצועות פון תפילין, שרײַט אַצינד בײַ זיי אַרויס אין דעם גרילץ פון מאַטאָר.

ער האָט אַ האַצקע געטאָן דעם אייזל און דער חמור איז אונטער־געשפּרונגען, ווי הייסע נאָדלען וואָלטן געבריט זײַנע פּיאַטעס. ביז צו טודרוסעס בנין הינטער דער שוחטים־גאַס איז געווען אַ מהלך, אָבער דער חמור, גלײַך ווי די חכמה פון בלעמס אייזל וואָלט זיך באַזעצט אין אים, האָט געטאָן אַ ממזרישן בליק אויף טודרוסן און אָנגעהויבן לויפן מיט גרויס אימפּעט, און כּהרף־עין צוגעפירט דעם בעל־הבית צו זײַן געבײַ. דאָ האָט געראַשט ווי מ׳וואָלט נישט געבויט אַ הויז, נאָר אַ גאַנצע גאַס. די פיר ווענט זענען געווען אַרויפגעצויגן אין דער העלפט. ציגל־טרעגערס, לייממישערס האָבן באַדינט די מוליאַרעס. אויף אַ ווינקל מויער איז געשטאַנען אַ געוויקסיקער יונג. ער האָט געהאַלטן אין איין האַנט אַ קעלניע, אין דער צווייטער אַ פּירעקיקן פאַלירטן ציגל און פאַר די פיס אַ שאַף מיט ליים. ער האָט געלייגט די ציגל אַ שיכט אויף אַ שיכט און אַליין זיך געוואונדערט ווי גיך די וואַנט וואַקסט אים אַריבער. טאַבאַרשטשיקעס און אײַזן־בייגערס האָבן געהאַוועט. אַ ברייטפּלייציקער סטאָליאַר איז געריטן אויף אַ דיקן ברעט און צוגעשניטן אַ שמאָלן קאַסטן אויף אַ בעטאָן־גאַרטל. דערזען אָנקומען טודרוסן, האָט ער אַרויסגענומען דעם טשוואָק, וואָס האָט געשטעקט אין מויל און אַ פריילעכער אַ רוף געטאָן.

— זעט חבריא, אַדון טודרוס מילגרוים! דער בעל־הבית בכבודו האָט אויפגעטויכט פונעם מבול!

די מוליאַרעס האָבן אַרויסגעלייגט די קעלניעס, די אײַזן־בייגערס האָבן אַראָפּגעלאָזט די רערן. די טאַבאַרשטשיקעס האָבן אויפגעהערט צו זעגן די ברעטער און אַלע אין איינעם האָבן באַגריסט טודרוסן. טודרוסן האָט געשמייכלט און היימיש געפּאַכעט מיט אַ האַנט. ער האָט געגאַפּט אַרום זיך. אַלץ איז געווען אײַנגערעדלט, אַלץ אײַנגעשפּאַנט. די וועלט איז געשטאַנען אַן אויסגעוואַשענע און אין דעם לויטערן פרימאָרגן האָט טודרוס דערשפּירט ווי נײַע כוחות זענען אין אים אויפגעגאַנגען. זײַן גוף איז געוואָרן אָנגעגאָסן מיט קראַפט. דאָס בלוט האָט האַסטיקער געריזלט אין די אָדערן. אין אַזאַ טאָג ווערט יעדער בעל־חי אַ שותּף צו גאָטס באַשאַף, האָט טודרוס געטראַכט.

ער האָט פאַרמאַכט דאָס רעכטע אויג, פאַרזשמורעט דאָס לינקע און אָפּגעמאָסטן די פיר ווינקלען פון בנין. זײַן בליק האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן פּלאַץ. אַ לאַסטאויטאָ האָט אויסגעלאָדן זעקלעך צעמענט. קעמלען האָבן אָפּגעליוועוערט טאַרבעס מיט זשוויר און זיפּזיף. אַרום דעם נידעריקן פּאַרקאַן, וואָס האָט אָפּגעצוימט דעם פּלאַץ, זענען געווען אָנגעלייגט אײַזערנע שטאַנגען, געפלאָכטענע דראָטן, קאַכלעס, הילצערנע ראָמען צו טירן און פענצטער.

אַן אויפגעהײַטערטער האָט ער אַ פּאַטש געטאָן דעם אייזל און אָפּגעריטן אַ פּאָר טריט ווײַטער. צוויי תּימנער בעל־מלאכות מיט סאַמעטענע בערדלעך ווי בײַ קאָרטן־מלכים האָבן פּלינק און מיט געניטשאַפט געשטאָפּט שיטערן צעמענט אין פּירעקיקע אײַזערנע פאָרמעס. זיי האָבן אַרויסגעפּרעסט ציגל און דערנאָך זיי סאָרטירט אויף ברעטלעך, זיי זאָלן זיך באַקן אויף דער זון. די תּקיפות פון אַ בעל־הבית האָט אין טודרוסן אויפגעוואַכט. ער האָט צו ערשט געשפּאַנט אַהין און אַהער. דערנאָך איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון אייזל און אַרויפגעקראָכן אויף אַ רושטאָוואַניע. ער איז געבליבן שטיין פאַר דעם ערשטן מוליער, וואָס האָט געהאַלטן אין וואַרפן קעלניעס ליים איבער אַ שיכט ציגל. טודרוס האָט ווילעריש אַרויסגענומען פון דעם מוליערס האַנט די וואַסערוואָג און זי צוגעשטעלט צו דער ווינקלוואַנט. ער האָט געגעבן אַ מבינישין קוק און אַ זאָג געטאָן:

— ס'איז קרום, בעל־מלאכה מײַנער!

— שוין אַזוי פרי זוכט איר חסרונות? — האָט דן דער מוליער אַ געערגערטער געפרעגט.

— אַז מ'זוכט, געפינט מען. ס'איז קרום! — איז טודרוס באַשטאַנען

אויף ס׳זייניקע.

— כ׳ווייס נאָך ווי צו האַלטן אַ וואַסערוואָג אין האַנט! — האָט דער באַליידיקטער דן אָקעגן גערעדט — דער ווינקל איז גלייך ווי אַ ווירע.

— וואָס טויג מיר דיין וואַסערוואָג? די גאַנצע שיכט איז קרום! — האָט טודרוס גערעדט מיט גרינגשאַצונג.

— פון אייך וועל איך אוודאי נישט לערנען ווי צו ציִען אַ וואַנט. אויב עפּעס זאָגן, מעג דער אַרכיטעקט...

— ביי אַן אמתן אַרכיטעקט וועסטו פליִען פון דער מויער!

— אויף אייער באַפעל?

— אויף מיין באַפעל.

— נו דאָס איז שוין בעל־הבתּישע חוצפּה! — האָט דער מולייער אַ פּאַרפּלאָנטער פון כּעס אַ וואָרף געטאָן די קעלניע און אויפגעהויבן די אויגן צו די אַרבעטער אַרום.

פון אַלע זייטן בנין האָבן מולייערעס, סטאָליאַרעס, דראָטן־בייגערס אָוועקגעלייגט די כּלים און נייגעריקע זיך דערנענטערט. איינער האָט אויסגערופן:

— דער מבול איז ערשט אַריבער און שוין הייבט זיך אָן דער קלאַסנ־קאַמף!

דן האָט אַ זאָג געטאָן מיט ביטול:

— אַדון טודרוס מילגרוים וויל אונדז ווייזן, אַז ער איז אַ תּקיף!

— וועמען וויל ער זאָגן דעות? — האָט אַ נידעריקער דאַרער טאַבאַר־שטשיק זיך אַרויסגערוקט.

— אונדז אַלעמען!

— שיק אים ער זאָל זיך אויסטענהן מיט דעם קבלן.

פון הינטער אַ ברעט איז אַרויסגעקראָכן דער פעטלייביקער רערן־לייגער נפתּלי, אַ באַרוועסער מיט אַ בעדויִנישן קאַפּטוך פאַרוויקלט אַרום נאַקן. ער האָט זיך צוגעשאַרט צו טודרוסן און אים אַריינגערוימט:

— זוכט זיך נישט קיין צרות, אַדון מילגרוים. דן איז אַ יונג אַ צעלייגער. אַן אמתער מומחה. ער קען זיין פאַך.

— כ׳דאַרף נישט קיין מליץ־יושר! — האָט טודרוס זיך אַ בייזער געטאָן.

— כ׳בין נישט קיין מליץ־יושר. ס׳איז בלויז אַ זייטיקע עצה ווי אויסצומיידן אַ שטרייק.

— אַ שטרייק?

טודרוס האָט פאַרדעכטיקט זיך אַרומגעקוקט, גלײַך ער וואָלט דער־שנאַפּט, אַז מ׳לויערט אויף אים. אַלע האָבן פון אים ס׳געגאַר, דער קבלן, דער אַרכיטעקט, די פּועלים. אַ מאָל האָט מען אים געחנפעט, הײַנט איז ער אַרומגערינגלט פון שונאים. דער פעטלײַביקער רערן־לייגער האָט ווידער געלאָסן גערעדט:

— די חברה־לײַט העצן אויף אײַך, אַדון מילגרוים. איינער פון זיי, אַן איראַקער טענהט, אַז מ׳טרעט אים מיט די פיס, ער פאַרדינט ווינציקער פון די אַשכנזים. און איר ווייסט דאָך, אַן אויפגערעגטער פרענק איז ערגער פון אַ צעקאָכטן דערוויש. אַ צווייטער, אַ קאַווקאַזער ביינער־ברעכער, הייסט פאַרלייגן די הענט. און קיין עצלנים, אַרומשלעפּערס אויף נישט צו אַרבעטן פעלן אין ערגעץ נישט. כ׳הער, זיי גרייטן זיך צו פאָדערן אַ הוספה. מען סטראַשעט אַפילו אָפּצושטעלן די אַרבעט.

בײַ טודרוסן האָבן די ברעמען זיך פאַרצויגן, די אויגן האָבן זיך צעפלאַמט. מיט די שאַרפע בליקן האָט ער דורכגעבריט איינעם נאָכן אַנדערן די מחוצפים, וואָס זענען געשטאַנען אין אַ רעדל אַרום. בײַ אים האָט געזאָטן דער כעס און זיי האָבן אים אָפּגעמאָסטן מיט לצנות. אין דעם איבערקוקן זיך איז געווען אַ חוצפּהדיקער פאַרמעסט. ווער וועמען וועט מנצח זײַן? נישט אַזוי ווײַט די שפּאַטרייד האָבן אים פאַרדראָסן, ווי די וואָרענונג אָפּצושטעלן די אַרבעט אויפן בנין. ער האָט טראַציק אַ פרעג געטאָן:

— ווער וועט זיך דערוועגן צו וואַרפן די אַרבעט?

— איך וועל זיך דערוועגן! — האָט דער אײַזן־בייגער אַ געשריי געגעבן און זיך געקלאַפּט מיט אַ פויסט אין האַרצן — איך, גילוני, וועל זײַן דער ערשטער!

— מיר אַלע וועלן זיך דערוועגן! — איז אַן אַנגעקרעפּטער ליממישער אַרויסגעשפּרונגען.

— און אַז ס׳וועט האַלטן בײַם לייגן די הענט אין קימפּעט, בין איך אויך נישט קיין שטרײַקברעכער — האָט אַן עלטערער סטאָליער מיט אַ געראָנצלט פּנים זיך אָנגערופן.

דן, דער מולייער, האָט מיט נצחון אַרײַנגעשריגן טודרוסן אין פּנים:

— האָט זיך עס אײַך געלוינט, אַדון טודרוס מילגרוים? מיט אונדזער חברה קען מען נישט קאַמאַנדעווען. ס׳פעלן נישט קיין הײַזערבויער אין שטאָט. איר זײַט אַ נגיד אַ פּיעכאַטניק, אָבער די גאווה האָט איר ווי גאַנץ טבריה וואָלט געווען בײַ אײַך פאַרמשכונט.

טודרוס האָט געפלאַמט פון רוגזה. ער האָט אויפגעהויבן צוויי פויסטן און געשריגן:

— דרך־ארץ, חצוף איינער! ווען דו האָסט נאָך געגעסן ברויט מיט דזשעגעכץ, האָב איך שוין אַליין געצויגן ווענט! און נאָר ווענט? אַ גאַנצן בנין, פון פונדאַמענט ביזן דאַך האָבן מײַנע הענט אויסגעפּאַרטיקט! ווער איז אַרויס בויען דאָס ערשטע הויז אין דער נײַער שטאָט, אויף יענער זײַט מויער? דו, צי איך?

ער האָט ווידער אַ מאָל אַ קוק געטאָן אויף דעם רעדל אַרום. פאַר אים איז געשטאַנען אַן אויפגעהעצט געזעמל. אויף אַלעמענס ליפּן האָט זיך געבלעזלט אַ חוזק. אין אַלעמענס אויגן איז געווען שפּאָט, וואָס איז דאָס? וועלן זיי טאַקע וואַרפן די אַרבעט? און ווו איז דער קבלן? און דער אַרכי־טעקט? די סטאַדע וועלף האָט מען אַרויסגעלאָזט, אָבער דער חיות־צוימער איז נישטאָ. מיט געניטשאַפט האָט ער נאָך אַ מאָל זיי באַטראַכט. מסתּמא וואַרטן זיי, ער זאָל זיך אַרויסכאַפּן מיט נאָך איין שאַרפן זאָג פאַר אַ צולאָג, וועלן זיי מעגן אַראָפּלויפן פון בנין. ער וועט אָבער נישט אַרײַנשפּילן אין זייערע הענט. אמתע וואַלד־גזלנים! ערגער ווי די בעדויִנער אין מידבר! זיי וועלן נאָך קומען אויף ס׳זייעריקע! ער, טודרוס, וועט אַראָפּשלינגען די חרפּה און זיי איבערלאָזן אַצינד.

ער האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן אייזל. ער האָט אַ קיצל געטאָן די באַקעס, אָבער ווי אויף צו להכעיס האָט די חיה גענומען אונטערהיבקען. ער איז קוים אַפּגעריטן עטלעכע שפּאַן, געוואָלט אַ קוק טאָן הינטערווײַלעכץ צי זיי האָבן צוריק אַרויפגעקלעטערט אויף די רושטאָוואַניעס, אָבער דאָס געזמעל האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. הינטער זײַנע פּלייצעס האָט ער פאַרנומען זייערע שפּעטערײַען. ער האָט געקענט הערן זייערע קולות:

— אַזאַ אַלטער תּרח!

— עפּעס יִנגערס פון אים זיצט אין מושב־זקנים.

— טשעפּע נישט זײַן עלטער. ער שטייט ערשט אין שידוכים.

— געהערט, חברה? ער וויל זיך פאַרקנסן מיט זײַן יונגער דינסטמויד.

— און זײַנע זין וועלן אים פאַרגינען אַראָפּצושלינגען אַזאַ ביסן? ער׳ט זיך נאָך קרעקן.

— האָט אַ יאַנדעס, גזלנים! אַ ביסל אַפּשיִי פאַר אַ בכבודיקן חתן־בחור!

— ה —

טודרוס איז געריטן פֿאָרויס און אַ שווייס האָט אים אַרויסגעשלאָגן אויפֿן שטערן. די ווילדע יונגען האָבן זיך געהאַלטן ביי די בייכער פֿון געלעכטער און ביי אים האָבן פֿון ערגערניש די הענט געמומען שוויצן. ער איז אַרויס פֿון דער שוחטים־גאַס. דער אייזל האָט פֿאַמעלעך געטאָפּטשעט אין דער בלאָטע, אָבער טודרוס האָט אים מער נישט אונטערגעיאָגט. זיין כּעס האָט געברענט אויף די שלעגעריונגען. זיי וועלן האָבן אַ ציגענע פּגירה, האָט ער זיך געטרייסט, פֿאַר דעם שפּיכת־דמים, וואָס זיי האָבן אים פֿאַרשאַפֿט.

הינטער דער שוחטים־גאַס איז ער פֿאַרבייגעריטן אַ קליינע בויד איבער־געדעקט מיט אַ שוואַרצער פּלאַכטע. אַ ספֿרדישער זקן אין אַ געשטרייפֿטער אַבאַיע, מיט די האַריקע פּיס פֿאַרלייגט אונטער זיך, האָט געהאַלטן אויף ביידע הענט אַ פּלאַכן הילצערנעם טעלער מיט נאַש־מאכלים פֿון אַ געבראָ־טענער קוקורוזע, אַ קאָטלעט געמאַכט פֿון אַרבעס, ביז אַ געפּעפּערטן פֿאַלאָפֿעל. טודרוס האָט דערשפּירט אַ האַרצנאַגעניש. ער האָט אַ רגע געקוקט אויפֿן טעלער גלייך ער וואָלט זיך געיישובט צי די פֿאַטראָוועס זענען ריין און געקויפֿט אַ פֿאַלאָפֿעל. ווי נאָר ער האָט געטאָן אַ ביס, האָט ער געמאַכט אַ זויערע מינע. די צונג האָט געברענט. די אויגן זענען אים פֿאַרלאָפֿן. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ ברום און אויסגעשפּיגן. דערנאָך האָט ער אַוועק־געוואָרפֿן דעם פֿאַלאָפֿעל און איז געריטן ווייטער.

ווי שטאַרק ס׳האָט אים וויי געטאָן דער בזיון, האָט ער אַצינד נישט געוואָלט ליידן קיין פֿאַרדראָסן. זיי האָבן מיר נאָך נישט אָנגעפּייפֿט אין קיטל. — האָט ער צו זיך גערעדט — כ׳על רופֿן דעם אַרכיטעקט, כ׳על שיקן נאָך דעם קבלן. זיי, וואָס דאַרפֿן מיר צושטעלן אַ פֿאַרטיקע געביידע, וועלן מיר אָפּגעבן דין־וחשבון! צו וואָס האָב איך זיך פֿאַרטשעפּעט מיט יענע מחוצפּים? ס׳איז געזינטער, אַז אַ בעל־הבית היט זיך דעם כּבוד און רעדט נישט מיט די שלעגעריונגען.

אויפֿגעהייטערט פֿון דעם באַשלוס, האָט ער ווידער אַ שטויס געטאָן דעם אייזל, כאָטש ער האָט זיך געקווענקלט וווּהין ווייטער צו רייטן. דער קאָפּ האָט גערוישט. אַלע מחשבות האָבן געזשומעט, זיך געדרייט, געטענצלט. בלויז איין געדאַנק איז געבליבן הענגען ווי אַ ווערעמל אויף אַ האָקן: אַ פֿאַרלאַנג זיך צו טרעפֿן מיט רויזען. אין מוח איז געווען אַ ויתרוצצו. דער שטאָלץ האָט זיך געראַנגלט מיט דעם באַגער, דער ווילן האָט זיך

געשלאָגן מיט דער וואָרענונג, אַז ער דאַרף שאַנעווען זײַן נאָמען. און ווי דער טומל אין זײַן געהירן האָט נישט אויפגעהערט. האָט ער מיט אַמאָל דערזען ווי פון וועג קומט אָן דבורה די רײַפּערקע, אַ ברייטע, צעוויררעטע ייִדענע, איר לײַב אָנגעשטאָפּט ווי מיט פּוך. זי האָט געטראָגן אַ געל קלייד, באַשפּרענקלט מיט ווײַסע בלימעלעך. אויף די פּיס אַ פּאָר מאַנצבילשע שטיוול. איר צעגאָסן פּנים האָט זיך געשמאָלצן פון פרייד.

וואָס נענטער די רײַפּערקע איז צוגעקומען, אַלץ שאַרפער האָט טודרוס זי באַטראַכט פון קאָפּ ביז פּיס. זי איז שווערלײַביק אָבער זי קומט מיט ווינט אין די פּאָלעס... — האָט ער געקלערט — פון אַזאַ גוף קען מען אויסהאַקן אַ צוויי פּאַרשוינטעס און ס'עט נאָך בלײַבן גענוג פלייש אויס־צוקנעטן אַ בתולה פּאַר אַ צולאָג. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף איר צעפּאָלדעוועטן נאַקן און גראָבע פּיס, דערנאָך האָט ער אַ קוק געטאָן אויף זײַן אויסגעדאַרטן אייזל און ס'איז אים אײַנגעפאַלן, אַז בײַם אויספורעמען די לעבעדיקע באַשעפענישן זענען די מלאכים טייל מאָל צו פאַרשווענדעריש.

דבורה האָט זיך אַ שטעל געגעבן פּאַר אים מיט די הענט אויף די היפּטן. זי האָט אַ פאַרחידושטע אויסגערופן:

— ס'קאָצל קומט, ר' טודרוס מילגרוים! איר רײַט מיר אַנטקעגן ווי פון הימל אַראָפּגעשיקט. כ'האָב זיך שיִער נישט אַרויסגעכאַפּט: מ'טראַכט פון גלח און ס'באַווײַזט זיך דער מלאך. טפו, כ'וועל זיך בעסער די צונג אָפּבײַסן — און זי האָט אָנגעוויזן אויף דער צעווייקטער ערד — אַלץ וואָס ס'האָט אונדז געפעלט: טבריה זאָל דערטרונקען ווערן. געלויבט דעם ליבן נאָמען וואָס די סכּנה איז פאַרבײַ. איר קלערט מן־הסתּם ווי כ'קום דאָ אַהער? כ'וועל אײַך פאַרשפּאָרן די שאלה. כ'בין געוועזן אויפן וועג צו אײַער הויז, איז מיר אײַנגעפאַלן אָפּצוטרעטן בײַ אײַער נײַער מויער. כ'זע, איר קומט טאַקע פון דאָרט.

כאָטש ס'האָרץ האָט בײַ טודרוסן אָנגעקוואָלן בײַם דערזען די ייִדענע וואָס איז אין שטאָט אַלץ מיט אַן אַנדער, אַ רײַפּערקע, אַ שדכנטע, אַ רכילות־ניצע און רודף־שלומניצע, האָט ער פון דעסטוועגן געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ תּם:

— צו וואָס זײַט איר געגאַנגען מיך זען, דבורה?

דבורה האָט אויף אים ווילעריש אַ קוק געטאָן. די אַלטע מעשה! — האָט זי געטראַכט. ער חלשט נאָך דער מויד, אָבער ר'שפּילט דעם שעמעוודיקן חתן מיט די כּשרע תּפילין־הענטלעך. וויפל האָט זי זיך שוין אָנגעזען אַזעלכע בכּבודיקע בעלי־בתּים מיט דעם טריפהנעם בלוט אין די אָדערן? פּאַרדינט

האָט ער פון איר אַצינד אַ גאַב, אָבער די צונג ביַי אַ ריַיפּערקע טאָר נישט זיַין גליטשיק. אין דבורהס קוק איז געווען אַ מין פאַרשיַיטע אַנצוהערעניש. זי האָט פאַרשנירלט די ליפּן:

— צו וואָס שפּילן זיך אין באַהעלטעניש, ר' טודרוס מילגרוים? לאָמיר אַרויס מיט לשון. איר ווילט כ'זאָל איַיך צוריקברענגען רויזען?

— זי האָט נישט געדאַרפט אַנטלויפן — האָט טודרוס אַ ברום געטאָן.

— אַ דינסטמיידל אַנטלויפט נישט סתם נישט־מיר, נישט־דיר, סיַידן דער בעל־הבית וויל זי פאַרשעמען.

ביַי טודרוסן האָבן די שלייפן אַ ציטער געטאָן.

— ווער האָט זי געוואָלט פאַרשעמען?

דבורה האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן:

—פּוטיפרע האָט נישט אָפּגעדעקט איר לייַב און יוסף הצדיק איז נישט אַנטלאָפן... לאָמיר נישט ריידן פון די מאַנצבילשע גלוסטן. יעדער זכר האָט זיַינע שוואַכע מינוטן. רויזע איז אָנגעקומען צו איַיך ווי אַ קעכין, אַ וועשערין, אַ ראַמערקע און זי'ט נישט געדאַרפט אָנהייבן די פאַרשיַיטע גענגלעך. כ'האָב איר געגעבן אויסגערעדט: ביסט אַ געראָטענע מויד — האָב איך געזאָגט — מאַנצבילן ווערן פאַרבלענדט פון דיַין לייַב, טאָ מאַך נישט די טריפהנע שטיק...

טודרוס האָט נישט פאַרטראָגן וואָס איר קול ווערט העכער, אירע בליקן חוצפּהדיקער. ער האָט זיך אָנגערופן.

— ס'האָט נישט געהאַלטן ביַי קיין טריפהנע שטיק. באמונות דבורה.

— ס'האָט יאָ געהאַלטן, נישט געהאַלטן! ר'קענט נישט די צפתער טעכטער? ווי זאָגן די טבריהער לומדים: אַ געפּרווירענע מויד פון צפת איז הייסער פון געקאָכטן קוואַס. כ'האָב זי באַציַיטנס געוואָרנט. נאָך איידער כ'האָב זי אַריַינגעפירט אין איַיער הויז, האָב איך מיט איר געלערנט: רויזע, זאָלסט נישט מאַכן קיין חנדלעלעך צום בעל־הבית. ביסט אַ מויד אַ ברען און דער יצר־הרע שלאָפט נישט ביַים אַלטן. זאָלסט ראַמען, קאָכן, וואַשן, אָבער שטיפעריַיען וועסטו פּראָווען מיט דיַינס גליַיכן. געזונט זאָלסטו מיר זיין, רויזע קרוין! אויב ס'איז דיר חלילה באַשערט פאַרפירט צו ווערן, זאָל די עבירה פאַלן אויף איינעם פון די נגידשע זינדלעך, אַ זיַידענעם יונגערמאַנטשיק מיט אַ געהאַקט ציִנגל...

און די ריַיפּערקע האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטשיק געלעכטער.

— וואָס האָט זי איַיך אָפּגעטאָן, ר' טודרוס מילגרוים?

זי האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן און טודרוס איז געוואָרן צעטומלט.

אויב ער וועט נישט אָפּשטעלן איר מענה־לשון, וועט די רכילותניצע פון אים האָבן ס'אמתע גענאַר. ס'איז היינט פאַר אים אַ טאָג פון בזיונות, איז אים דורכגעלאָפן אין מוח.

— זי האָט גאָרנישט אָפּגעטאָן, דבורה — האָט ער פאַוואָליע געזאָגט — כ'וויל זי צוריק.

—איר ווילט זי צוריק, האַ? נישט קיין עוולה. אַז אַ כשרע בהמה, להבדיל, פאַרשווינדט פון הויז, לאָזט מען זיך אויך אַרויס זי זוכן, ווי שוין אַ געטרייַע דינסט? ווען ס'וועגדט זיך אָן מיר, וואָלט איך נישט פאַרגאָסן קיין טרערן אויף אַזאַ פאַרלירעכץ. ס'פעלן דינסטן אין טבריה? צען פאַר איינע! ווען זי איז נעכטן פאַר נאַכט געקומען צו לויפן מיט אַ פאַרווײנט פנים, האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ רחמנות. טרערן ביי אַ יתומה צעברעכן מייַן הארץ. כ'בין צוגעשטאַנען צו איר זי זאָל מיר אַלץ דערציילן, אָבער אירע ליפּן זענען געווען שטום. כ'האָב געפרעגט: פאַר וואָס זאָלסטו פאַר מיר פאַרהוילן דעם אמת. רויזע? בין איך דען נישט אַלע מאָל געווען צו דיר געטרייער פון דייַן צפּתער מומע? די מויד איז געוואָרן רויט און טויט. איר פּנים האָט געפלאַקערט ווי אַ העליש פייַער. זי האָט גענומען אַזוי לאַנג דרייען מיט דער צונג ביז זי האָט אַרויסגעפּלאַצט...

טודרוס האָט אַ צערודערטער אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָט זי געזאָגט?

— זי האָט נישט געזאָגט נאָר געשריגן, אַז אַלע מאַצבילן זענען פאַר־דאַרבן, אַז די גוטע זכרים ליגן אויפן בית־עלמין. זי האָט געגוואַלדעוועט און איך האָב זי באַרויקט: אַז מ'זעט אַ פּאָר שמוציקע טראָפּנס אין ים, טאָר מען זיך דאָרט נישט באָדן? נישט אַלע מאַנסלייַט זענען רוצחים, אָבער זי ווידער דאָס זעלבע: אַן אָרנטלעכער מאַן, עפּעס רעכטס, וועט זיך אויף איר נישט אומקוקן... איך טענה צו איר: בהמה, זייַ נישט געפאַלן ביי זיך... ווען איך האָב דייַן טריפהנעם קוק, דייַנע באַטעמטע ליפּן און דייַנע יאָרן, וואָלטן די בעלי־תאווהניקעס מיך אויך אויפגעפרעסן מיט די אויגן. און דו קלאָגסט גאָר? כ'וויל דעם אמת, רויזע. האָסט דייַן בעל־הבית אויפגערייצט?

— וואָס האָט זי געזאָגט, דבורה? — איז טודרוס געוואָרן אומגעדולדיק.

— זי האָט מיר געזאָגט: ער האָט מיר געמאַכט בלויע צייכנס אויף די אָרעמס, דער שיינער ייד! ווער? האָב איך אויף איר געשריגן, ביסט פון זינען געריירט! ר' טודרוס מילגרוים? בייַס דיר אָפּ די צונג! כ'האָב אויס־געבייַטלט אַלע מייַנע בייזע חלומות אויף איר קאָפּ. רויזע האָט געשווירן

מיט טויטע שבועהס, אַז זי זאָגט דעם אמת... כ׳בין שיִער נישט געפאַלן אין חלשות. כ׳האָב זי אויסגעזידלט און באַפוילן זי זאָל גלײַך צוריקלויפן און אײַך איבערבעטן. זי איז אַוועק. אַ שעה שפּעטער איז זי צוריקגעקומען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ... וואָס האָט זי אײַך אָפּגעטאָן, ר׳ טודרוס מיל־גרוים ?

— זי׳ט גאָרנישט אָפּגעטאָן. כ׳וויל זי צוריק.

דבורה האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט :

— וואָס האָט זי דען געקענט אָפּטאָן ? כ׳האָב אין איר אַרײַנגעשריגן : ווי דערוועגסטו זיך אַזוי צו ריידן וועגן ר׳ טודרוס מילגרוים ? דו מיינסט, האָסט צו טאָן מיט אַ לעשטש ? אַ רמאי ? דײַן בעל־הבית איז אַ געאַכפּערטער מאַן אין שטאָט. אַ בן־תורה, אַ בעל־צדקה מיט אַן אָפענער האַנט, און זי האַלט זיך בײַ ס׳איריקע : כ׳גיי טאַקע דינען אין פרעמדע הײַזער, זאָגט זי, אָבער מ׳האָט מיך נישט געקויפט אויפן פישמאַרק. מיך האָט אויך אַ מאַמע געהאַט. אויב כ׳געפעל אים אַזוי שטאַרק, וויל איך אים פאַר מײַן מאַן ! ווי געפעלט אײַך אַזאַ העזה ? פון איר מויל זאָלן קומען אַזעלכע דיבורים ? כ׳האָב געמיינט, מײַנע אויערן זענען פאַרשטאָפּט געוואָרן. ס׳האָט מיר אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן. קאָן מען אַזוינס גלייבן ?

טודרוס האָט פאַרלוירן די סבלנות. פון כעס האָט ער זיך אַ וויג געטאָן אינעם זאַטל. אין זײַן קול איז געווען אַ געבייזער :

— מ׳קאָן גלייבן, מ׳קאָן גלייבן... ברענגט זי צוריק, דבורה.

ער האָט אַ קיצל געטאָן דעם אייזל, גרייט אָפּצורײַטן. די רײַפּערקע האָט אים פאַרהאַלטן מיט אַן אויספרוווערישן בליק. אין דעם אויסגעצוי־גענעם קוק איז געווען סײַ חניפה, סײַ אומצוטרוי. איין פאַרלאַנג האָט זי אָנגעזאָגט געהאַט : וואָס גיכער צונויפפירן דעם זיווג. אַפילו ווען די בכבודיקע בעלי־בתים פון טבריה וועלן מאַכן פון אים אַ לײַטיש געלעכטער, וועט טודרוס דער תקיף אויך אויספירן ס׳זײַניקע. אַן אויפגעהײַטערטע האָט זי אַ זאָג געטאָן :

— כ׳וועל זי צוריקברענגען, ר׳ טודרוס מילגרוים. נאָך הײַנט נאָך מיטאָג וועט רויזע זײַן בײַ מיר אין שטוב. קומט נישט צו שפּעט. כ׳וויל אַן אָפענעם שמועס.

טודרוס מילגרוים האָט מיט רוגזה אַ פּאַטש געטאָן דעם אייזל אין הינטער־חלק און אָפּגעריטן אין גרויס אײַלעניש.

דבורה די רײַפּערקע האָט אונטערגעהויבן דאָס געבלימלטע קלייד ביז איבער די שטיוול־כאַלעוועס און איז אַריבערגעשפּרונגען אַ ריוו מיט רעגן־

וואַסער. זי האָט זיך געטראָגן פאַרויס איבער דעם בלאָטיקן וועג מיט דעם אימפּעט פון אַ שטורעמווינט. אַלץ איז געווען אויסגעלייגט אויף דער האַנטפלאַך. דער פרומער נגיד איז פאַר איר געווען אַן אָפענע קאָרט. זייער איבערשמועס איז געווען אויף איין פוס, אָבער אַלץ איז אַרויס ווי בוימל אויפן וואַסער: זײַנע מיצוות און זײַנע חטאים, זײַן שטאָלץ און זײַן חרפּה, די פרומע ריידלעך און די טריפהנע גלוסטעניש'ן... דער בלויער הימל איז פאַר דבורהן הײַנט געווען ליכטיקער ווי אַלע מאָל. די לינדע לופט פרישער און די פרייד אין האַרצן גרעסער.

זי האָט געשניפּלט מיט די נאָזלעכער און די ריינע ריחות פון באַשאַף זענען זיך צעגאַנגען אין אירע אברים מיט אַ לויטערער דופטיקייט. דבורה האָט געוווּסט, אַז רויזע איז אים אַרײַן אין בלוט. ער האָט זיך צוגערירט צום פײַער און זיך אָפּגעברענט די פינגער. ס'איז מסתּמא פון אויבן געווען באַשערט. די דורכגעטריבענע מויד ווייס וואָס זי וויל און דער פוקס האָט דערשמעקט זײַן פאַנג. דער ביסן זאָל אים נאָר נישט פאַרשאַטן! וועלכער אַלמן ווערט נישט געשטרויכלט ווען אַ לעבעדיקע מויד, בלוט און מילך, דרייט זיך אַרום אין הויז? נאָר אַ מאַנצביל אַ חלוש פאַסט תּעניתים ווען ר'איז עלנט. טודרוס מילגרוים איז געבליבן בײַ די פולע כּוחות. אַלץ, וואָס מ'האָט אויף אים אָנגערעדט, איז אמת. די עלטער האָט נישט אויס־געלאָשן זײַנע לעכצעניש'ן נאָך אַ פאַרווערטער פּרי.

— ו —

אין האַלבן טאָג איז רויזע שוין געווען אויסגעשטראַצלט ווי אַ כּלה, גרייט צו דער זעונג. דבורה האָט אויפגעראַמט איר שטוב, אַרויפגעלייגט אויפן טיש אַ געבלימלטן טישטעך און צעשטעלט כּיבוד. פאַר איינוועגס האָט זי געהאַט אָפּגעטראָטן בײַ טודרוסעס זין און אַן דעם טאַטנס וויסן זיי פאַרבעטן צו דעם צוזאַמענטרעף. טודרוס האָט צעקעמט די באָרד און אָנגעטאָן דעם אַטלאַסענעם שניטראָק, וואָס ער פלעגט טראָגן נאָר דענסטמאָל, ווען ער איז געגאַנגען שליסן אַ נײַעם מיסחר אָדער אונטערשרײַבן אַ קאָנ־טראַקט. די רײַפערקע האָט געהאַט בדעה צו ערשט איבערצולאָזן טודרוסן מיט רויזען אויג אויף אויג, אָבער ס'איז איר אײַנגעפאַלן פריִער אַליין צו האָבן מיט דער מויד אַ גיכן שמועס, יענע זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן פאַר אים מיט אייטעלע רייד.

טודרוס מילגרוים איז אַרײַנגעקומען אין הויז מיט אַ העוויה, וואָס האָט געהאַט מער צעגערניש ווי דערוואַרטונג. דבורה, וואָס איז פריִער אַרויס

פון עסשטוב, האָט אויסגערעכנט, אַז ווען טודרוס וועט זיך באַוויַיזן, זאָל ער צו ערשט טרעפן רויזען אַליַין. ער איז אַריבער די שוועל און געבליבן אַ פאַרגאַפטער. רויזע איז געשטאַנען בײַם פענצטער און געקוקט אויף אים מיט אַ פרעמדלעכן, קילן בליק גלײַך זי וואָלט אים נישט דערקענט. אין אירע אויגן איז געווען אומצוטרוי, געמישט מיט לײַכטער שרעק, אָבער ער האָט זיך פאַרשטאַנען אויף איר פאַרפירערישן כּוח. זי איז אַן אמתע יפת־תּואר, וואָס קען אויפרודערן ס׳בלוט, האָט ער באַשלאָסן, און איר שרעקעוודיקייט פאַסט זיך גוט צום שפיל.

טודרוס האָט זי אָפּגעמאָסטן מיט מאַצבילשער געניטשאַפט. אירע ברוינע האָר זענען געווען פאַרקעמט, נישט אויף איר שטייגער, מיט קריינדלעך און לעקעלעך, נאָר אין פאַרפלאָכטענע צעפּ. דאָס זאַפּטיקע מויל האַלב צעעפנט, דאָס גלײַכע נעזל ווי אַ געשניצט ביינדל, האָט חנעוודיק צעטיילט איר ווײַס, ליכטיק פּנים. פון אירע אויערן־לעפּלעך זענען אַראָפּגעהאַנגען באַגיל־דטע רייפן ווי עס טראָגן די אַראַבישע וואַרזאַגערינס. טודרוס האָט באַמערקט, אַז דאָס בלויע קלייד אין אַנגעמאָסטן אויף איר געשניטענער פיגור, לויז איבער די אַקסלען און ענג אַרום די היפטן. אַ דינער פאַסעק האָט אַרומגענומען איר ווייכן אײַנשניט. קען עס זײַן, אַז פאַר אים האָט זי זיך אַזוי אויס־געשטראַצלט? האָט ער זיך געוווּנדערט. זי האָט געטראָגן שוואַרצע זײַדענע זאָקן און נײַע שיך אויף הויכע קנאַפּל ווי אַן אמתע כּלה־מויד, גרייט צום ערשטן טאַנץ.

ער האָט זיך דערנענטערט צו איר און די שלייפן האָבן געגומען האַס־טיקער קלאַפּן. אויס באַוואָרעניש האָט ער געוואָרפן אַ בליק אויף דער פאַרמאַכטער טיר פון צווייטן חדר. דאָס האַרץ האָט בײַ אים אַ פלאַטער געטאָן. זײַן האַנט האָט לײַכט אָנגערירט איר אָרעם.

— פאַר וואָס קומט מיר אַ ברוגז, רויזע?

זי האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן און אָפּגעטראָטן אויף אַ פּאָר טריט. זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און ווידער זיך געוואָלט דערווײַטערן. זײַנע אויגן האָבן זי דורכגעשפּיזלט. זי האָט געפרעגט:

— וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר?

בײַ טודרוסן האָבן די ליפּן זיך צעבלאָזן. ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט אַ האַנט, אַ צייכן זי זאָל זיך נישט רירן פון אָרט:

— שטיי רויִק, רויזע. רייד גאַרנישט און מאַך נישט קיין טראָט. כ׳וויל בלויז קוקן אויף דיר.

זי האָט שווײַגנדיק געפאָלגט. ער איז צוגעקומען נענטער און ווידער

אָנגעריִרט איר אָרעם. זי האָט זיך נישט פאַרטיידיקט. די מויד האָט אַ געשמדטן האַלדז, איז אים איַינגעפאַלן, זי פּרובירט מיך אויס. וואָס מער איך דערקען זי, אַלץ שלויער זעט זי אויס. פאַר וואָס האָט די ריַיפערקע אונדז איבערגעלאָזט אַליין? די מכשפה וויל דאָ פאַרקאָכן די אמתע קאַשע! טרעט בעסער אָפּ, טודרוס. דאָס אַלץ, וואָס דיר פעלט! — האָט אַ קול אים געוואָרנט — קענסט כאַפּן דעם רעכטן אַפּשניט. מ׳האָט דיך אַריַינגע־נאַרט אין אַ נעץ, דו ווייסט אַפילו נישט ווער עס לויערט אויף יענער זיַיט וואַנט.

זיַין גלוסטעניש איז געווען שטאַרקער פון דער וואָרענונג. רויזע האָט זיך נישט דערוויַיטערט און ער איז נישט אָפּגעטראָטן. די רעכטע קני האָט ביַי אים געציטערט. דאָס האַרץ האָט געפּויקט. צווישן דער קווענקלעניש און דעם הייסן באַגער האָט ער צוגעבויגן זיַין קאָפּ צו אירע האָר. אַ דופּ־טיקער ריח ווי אַ פרישׁ ווינטל האָט אַ פּלייץ געטאָן איבער זיַין פּנים. פאַר וואָס שטייט זי מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן ווי אַ כשרע צנועה? פאַר וואָס שטופּט זי אים נישט אַוועק? ער האָט געוואָלט צוריקטרעטן און נישט געקענט. זיַין אָטעם האָט שווער געסאָפּעט. ער האָט צענומען די באָרד אין צוויי חלקים. די ליפּן זענען צוגעפאַלן צו איר באַק און ער האָט איר אָפּגעפּרעסט אַ האַסטיקן קוש.

רויזע האָט פּאַמעלעך אויסגעדרייט דעם קאָפּ. זי האָט שוויַיגנדיק אים אָנגעקוקט אַ לענגערע וויַילע. אין אירע אויגן איז נישט געווען קיין פאַר־וווּרף. זי האָט זיך צעשמייכלט און אַ זאָג געטאָן:

— ס׳איז אַ געגנבעטער קוש, בעל־הבית...

ער האָט זיך אָפּגערוקט און ווידער אַ בליק געטאָן צו דער טיר. ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דבורהס שפּיזלדיקע אויגן קוקן אַריַין דורכן שליסלאָך. אַ פאַרשעמטער האָט ער געשטעלט טריט היִנטערוויַילעכץ. רויזע איז אים נאָכגעגאַנגען. אַצינד האָט זי זיך געשטעלט פאַר אים דרייסט און אַרויסרופעריש. זי האָט געזאָגט:

— ס׳איז אַרויסגעוואָרפענע ציַיט, בעל־הבית. מיט מיר שפּילט מען זיך נישט. כ׳בין אַ יתומה, אָבער קיינער האָט מיך נישט אונטערגעוואָרפן היִנטער יענעמס טיר. מיך האָט אויך אַ מאַמע אויסגעטראָגן. כ׳האָב שוין דורכגעמאַכט מיט מאַנסליַיט קאַלטס און וואַרעמס, אַלץ וואָס כ׳האָב דבורהן דערציילט איז אמת. אויב איר ווילט מיך קושן, באַשטיי איך, איר זאָלט דאָס טאָן פאַר אַלעמען אין די אויגן.

— פאַרשטייסט נישט קיין שפּאַס, רויזע?

— פון אַזאַ שפּאַס ווערט מיר דערווידער. אַן ערלעכער ייִד פּירט נישט קיין ליבע מיט זײַן דינסט אין באַהעלטעניש. און אַז איר האָט מיר נעכטן געמאַכט בלויע צייכנס אויף די אָרעמס, איז דאָס אויך געווען אַ שפּאַס? ווען כ׳זאָל דאָס דערציילן די טבריהער צדיקים, וועט איר זײַן ס׳געגאַר בײַ דער גאַנצער שטאָט.

זי האָט אים דרייסט געקוקט אין די אויגן אַרײַן.

— כ׳וויל וויסן איין זאַך. געפעל איך אײַך, שטעלט מיט מיר אַ חופּה! איר האָט געקענט זײַן מײַן טאַטע, אָבער ס׳וואָלט געווען אַ סכּנה, כ׳זאָל זײַן אײַער טאָכטער. כ׳בין אויך אַ ייִדיש קינד און כ׳באַדאַרף אַ מאַן. עסט מיך נישט אָזוי מיט די אויגן. כ׳וויל אַ גלײַכן ענטפער. וויפל ליבשאַפט פילט איר צו מיר?

טודרוס איז געווען פאַרכאַפּט פון אירע דרייסטע רייד. דער כעס, וואָס האָט געשפּריצט פון אירע אויגן, האָט איר צוגעגעצן אַלע זיבן חנען. זי האָט געהאָט בלעזלעך אויף די ליפּן. ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג זיך צו פאַרענטפערן:

— אַ מאַנצביל קען אַמאָל אַרויסווײַזן אַ שטומע ליבשאַפט אויך, רויזע, ס׳שטעקט אין דעם שכל.

— ליבשאַפט מעסט מען נישט מיט קיין שכל. די חכמים און די נאַראָנים פאַלן אַרײַן אין איר נעץ.

טודרוס האָט אַנגערירט איר האַנט מיט די שפּיצן פינגער און ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז זי האָט פון דעם באַריר אַ לײַכטן ציטער געטאָן. איר קאַלטער בליק האָט אויפגעלויכטן. אירע פינגער אין זײַן האַנטפלאַך זענען געוואָרן וואַרעמער. ער האָט גערעדט צו איר מיט אַ ווייך קול:

— ביסט פיק קלוג רויזע. כ׳האָב הנאה פון דײַנע שטאָלצע רייד. אָבער דו האָסט נעכטן נישט געטאָרט אַנטלויפן.

— צו מיר דאַרף מען זײַן איידל.

— דו פאַרשעמסט מיך, רויזע, בנאמנות. צי האָב איך דען געטאָן עפּעס אָזוינס, אַז דו זאָלסט פאַרלירן דעם דרך־ארץ צו מיר?

זי האָט אַ לאַך געטאָן:

— דרך־ארץ? ס׳זעט אויס, אַז אַ בכּבודיקער מאַנצביל מוז צו ערשט אָפּטאָן אַ געמיינע זאַך, אַז ער זאָל אַרויסרופן צו זיך דרך־ארץ.

— וואָס זענען דאָס פאַראַ דיבורים, רויזע? האָב איך דען געוואָרפן אַן אומחן אויף דיר? האָב איך זיך באַקלאָגט אויף דײַנע געקעכצן? פון ערשטן טאָג ווי דו ביסט געקומען, האָב איך דיך באַהאַנדלט נישט ווי אַ דינסט

נאָר ווי אַ געטרייַע בת־יחידה. און צוליב וואָס בין איך הייַנט געקומען אַהער, ווייסטו?

— ווי אַזוי זאָל איך וויסן? כ׳ווייס איין זאַך. אויב איך בין ביַי אייַך ווי אַ געטרייַע בת־יחידה, וואָלט איר באַדאַרפט זיך אויפפירן ווי אַן איידע־לער טאַטע — און זי האָט ווילעריש אים געוואָרנט מיט אַ פינגער — איר זייַט נישט פון יענע, וואָס ריכטן אָפּ תעניתים אין מיטן וואָך. אַזעלכע ווי איר האָבן ליב צו פאַרפּאַסטן מיט אַ פאַלקע פון אַ גאַנדז. און דינסט־מיידלעך זענען געגליכן צו נאַרישע גענדז.

טודרוס האָט אָנגעקוואָלן. פאַר אַזאַ זאָגעכץ איז זי ווערט מ׳זאָל איר אויסקושן יעדעס ביינדעלע. אין איר ליכטיק, באַטעמט פּנים האָבן זיך געשפּיגלט אַלע חנדלעך, וואָס די פאַרפירערישע מויד האָט פאַרמאָגט. זייַן קול איז געוואָרן צוגעלאָזענער:

— כ׳בין שוין נישט קיין יונגערמאַן, רויזע. כ׳האָב אויסגעגעבענע קינ־דער, כ׳האָב שוין אייניקלעך, אָבער כ׳האָב נאָך נישט אויסגעלעבט מייַנע יאָרן. אַזאַ כּוח־גברא ווי איך פאַרמאָג, אויף אַלע זכרים אין מייַן עלטער געזאָגט געוואָרן!

— דעריבער גלוסט זיך אייַך מיט מיר צו שפּאַסן?

ביַי טודרוסן האָט איצט אויף אַן אמת אויפגעוואַכט אַ חשק צו שטי־פערייַען:

— דאָס לעבן אַן שפּאַס איז ווי אַ ליבע אָן אַ קוש... — האָט ער געלאַכט — האָסט געהערט דאָס ווערטל? כ׳קען דאָס וויַיבערפאָלק און כ׳ווייס אויך וואָס דו באַגערסט. ס׳איז נישט קיין עוולה, רויזע. דאָס בעסטע פערד מוז האָבן אַ בייַטש און די ערלעכסטע פרוי אַ מאַן.

זי האָט צוגעלייגט אַ פינגער צו אירע ליפּן.

— אַזאַ לשון פּאַסט נישט פאַר אייַך, בעל־הבית. איר אַליין זאָגט, אַז ר׳זענט אַ ייִד אין די יאָרן, אָבער ריידן רעדט איר ווי אַ חדר־ייִנגל. מיר בײדע ווייסן צו וואָס דבורה האָט אונדז דאָ צונויפגעפירט. כ׳בין געקומען אַהער וועגן תּכלית און כ׳וויל מער נישט הערן קיין פאַרהוילענע רייד.

זי האָט געמאַכט אַ לייַכטן טראָט אויף צוריק און באַלד דערנאָך אַ טראָט פאָרויס. זי האָט אים ווידער אַרייַנגעקוקט אין די אויגן. איר שעל־מישער בליק האָט אים אויפגערייצט.

— וואָס איז דייַן באַגער, רויזע?

— אַ חופּה.

זי האָט האַסטיק אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און די רייפן־אוירינגלעך

האָבן זיך צעוויגט. זי האָט אַ לאַכעדיקע זיך גענומען דרייען אין אַ ראָד. טודרוס איז געווען אַנטציקט. ער האָט נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון איר לײַב. אין אירע געמאָסטענע באַוועגונגען איז געווען דער פוילער רייץ פון אַ פרוי, וואָס סײַ זי ווינקט צו דעם מאַנס בכבודיקייט און סײַ זי צוימט זײַנע גלוסטענישן.

ער האָט געשאַרט מיט די פיס און געשטרעקט די הענט צו דערלאַנגען איר טאַליע. זי האָט אים קונציק אויסגעמיטן מיט אַ באַוואָרעניש. זײַן גוף איז פּלוצעם געוואָרן שווערער, אומגעלומפּערטער און ער האָט מיט אַ סאַפּענדיקן אָטעם זיך געדרייט אַרום איר ווי אין אַ קרײַז. זי איז אַרויס פון זײַן מחיצה און דאָס יאָגעניש איבער דער שטוב האָט אויסגעזען ווי אַ צערייצט שפּיל. פון דעם שפּיל איז געוואָרן אַ פאַרבלענדעניש, אַ בייזע תאווה. אין אַ שיינעם מעמד געפינען איך זיך אַצינד, האָט ער געטראַכט, ווי לעכערלעך מוז איך אויסזען מיט מײַן לויפעניש נאָך איר.

רויזע איז געבליבן שטיין אין אַנדערן עק שטוב. איר קילער בליק האָט אים געצוימט ווי מיט אַ בײַטש, אָבער זי האָט מער נישט געקענט אויסלעשן זײַנע אויפגעוואַכטע באַגערן. דאָס פײַער אויף אירע ליפּן האָט אָנגעצונדן זײַנע שלייפן. דאָס ברײַעניש פון איר לײַב האָט צעקאָכט זײַנע אָדערן. ער איז מער נישט געווען אָנמעכטיק. מיט אַ פּאָר פלינקע טריט איז ער ווידער געווען לעבן איר. זי איז געשטאַנען פאַר אים אָן ווידער־שטאַנד. די תאווה האָט זיך געקאָלערט אויף זײַנע ציין. איר האַלדז איז אַצינד געווען טיפער אָפּגעדעקט און פאַר זײַנע אויגן האָט אַ בלענד געטאָן די ראָזלעכע העלקייט פון די האַלב־אָפענע בריסטן. ער האָט זיי אַרײַנ־גענומען אין זײַנע אָרעמס און געשעפּטשעט.

— אַזוי ווי דו פאַרלאַנגסט, רויזע. וועסט האָבן אַ חופה.

— ז —

דבורה די רײַפערקע האָט באַזאָכט אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער האַלב־אָפענער טיר, אָבער טודרוס מילגרוים איז נישט געווען פאַרשעמט. ער האָט פעסט געהאַלטן רויזעס האַנט אין זײַנער און דרייסט אָקעגנגעגאַנגען דער רײַפערקע. דבורהס פּנים האָט געשײַנט מיט דער מינע פון אַן אַלצ־ווייסערין, וואָס פאַר איר האָבן סודות קיין האַפט נישט. זי האָט ברייטער צעעפנט די טיר. זי האָט געהאַט אַ בשורה אויף די ליפּן.

— מיר האָבן געסט!

טודרוס האָט פון גרויס חידוש אויסגעבאַלט די אויגן. ער האָט דערזען

אויף דער שוועל בײדע זין און זײַן מראה האָט אויפגעלויכטן. זיי האָבן זיך מיישב געווען, איז אים אײַנגעפאַלן, דער טאַטע איז בײַ זיי מער נישט קיין זקן ממרא. די רכילותניצע דבורה האָט, אַן זײַן וויסן, זיי אַהער גערופן און ס׳איז גוט וואָס זיי זענען געקומען אים אָפּגעבן מזל־טוב. ער האָט אויסגעשטרעקט צו זיי די הענט, אָבער די זין זענען געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט.

מיכאל, דער עלטערער, האָט מיט גרינגשאַצונג אַ קוק געטאָן אויף רויזען און אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ, דער ייִנגערער, זבולון, האָט פאַרקרימט די ליפּן, ער האָט אַ ברום געטאָן:

— ס׳אַ בזיון, טאַטע.

אַן אויפגעקאָכטער האָט טודרוס זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. אַ חשק אָנצוכאַפּן בײדע בנים און זיי אויספּאַטשן האָט אים באַוועלטיקט. ס׳האָט זיך אים געוואָלט זיי פּאַטשן פאַר דער בושה, וואָס זיי האָבן אים אָנגעטאָן, פאַר דעם צער, וואָס זיי האָבן רויזען פאַרשאַפט. ער האָט זיך צוגעבויגן צו זבולונען.

— זאָג נאָר דו, בן־סורר־ומורה! איך האָב דיך נישט גערופן אַהער זיך שואל עצה צו זײַן מיט דיר. מײַן טאַטע, וואָס האָט אויסגעהאַלטן האַלב טבריה, געלאָזט שרײַבן ספרים, געפּראַוועט דרײַ סיומס, ער האָט בײַ מיר אויך נישט געפרעגט קיין עצות. ער האָט מיך געפּאַטשט ווען איך, אַ חתן, האָב פאַרלאַנגט אַ נײַע זשופּיצע. און דו קריכסט דאָך גאָר פון דער הויט. דרך־ארץ, יונגאַטש!

טודרוס האָט אַרײַנגעכאַפּט אין בײדע הענט זײַן האַרטע געקרײַזלטע באָרד און מיט איין דריי געמאַכט פון איר אַ צעקנאָדערטן קאָלטן. דאָס פּנים האָט געפלאַמט פון רוגזה. די ברעמען האָבן זיך געהויבן ווי בײַטשן. ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו מיכאלן:

— און דו, בכור מײַנער, דיר פאַרשאַף איך אויך בזיונות? בײַ מײַן נאמנות, כ׳וועל אײַך בײדע פאַרלייקענען. אויס בנים מײַנע! נאָך הײַנט לאָז איך איבערשרײַבן די צוואה! קיין צעבראָכענעם פּיאַסטער וועט איר נאָך מיר נישט ירשענען!

דבורה איז צוגעלאָפן אים אײַנצושטילן, אָבער ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון אירע הענט. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אָוועקגעשאַרט דעם פאָרהאַנג. דאָס ליכט פון דער זון האָט אַ פלייץ געטאָן אויף די שויבן און אים אויף איין רגע פאַרבלענדט. פון צערודערטקייט האָט ער נישט געזען ווי הינטערן פענצטער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ וואָגן, פאַרדעקט מיט אַ בויד

און אַ יידענע מיט אַ טשעמאָדאַן איז פון דאָרט אַרויסגעקראָכן.

דבורה האָט דערהערט דעם סקריפּ פון די רעדער אין דרויסן. זי האָט געגעבן איין פלינקן בליק צום פענצטער, דערנאָך האָט זי פאַרבראָכן מיט די הענט און אַרויסגעלאָזט אַ קרעכץ:

— ווי איז מיר, די מומע הענע פון צפת!

נאָך איידער זי האָט צוגעשפּרייזט צו דער טיר, איז פון גאַס אַרייַנגעפאַלן אַ הויכע, אויסגעצערטע פרוי אין אַ צעקנאָדערט קלייד מיט אַ קאָלירטן שאַלטוך איבער די אַקסלען. זי האָט געהאַט אַ פּאָר גרויע, טרויעריקע אויגן. איר טיפער שייטל איז געווען אַראָפּגערוקט איבערן שטערן. זי האָט געהאַט אַ העוויה גלייַך זי וואָלט זיך נישט באַוויזן ערב אַ שימחה, נאָר געקומען אויף קבר־אָבות. זי איז צוגעשפרונגען צו רויזען. זי האָט געגוואַלדעוועט:

— פון צפת אָן בין איך אין דעם מבול געפאָרן ביז אַהער! דערצו האָב איך אַ האַלב לעבן געדאַרפט ציטערן איבער דיר, אָפּהיטן דיך פון אַלע שלעק און פורענויתן, אַז דו זאָלסט מיר אַזוינס אָפּטאָן? דייַן מאַמע וועט זיך זיבן מאָל איבערקערן אין פינצטערן קבר, ווען אַ מלאך זאָל איר אָנזאָגן ווער ס׳גייט דיך פאַרקנסן. און איך ווו בין? — האָט זי מיט אַ דאַרער פויסט זיך געקלאַפּט אין הארצן אַרייַן — פון מיר דאַרף מען אַלץ אויסבאַהאַלטן? רויזע, ביסט משוגע געוואָרן! מיטן וועמען גייסטו זיך פאַרשלייערן? מיט אַ כשרן אַלמן צי מיט אַ ווייַבערניק, אַ נואף? ווער קען נישט טודרוס דעם ווייַבער־יעגער, וואָס פּוצט זיך אין דער זשופּיצע פון אַ צדיק? אָט דער בעל־תאווה ליגט דאָך בייַ אַלעמען אין די מייַלער! און דאָס אַלץ מוז געשען, ווייַל דבורה די רייַפּערקע וויל פאַרדינען שדכנות־געלט? קום שוין אַהיים, אָפּגעציטערטע יתומה מייַנע! שוין צוריק, קיין צפת, איידער דו גייסט זיך און מיך אומגליקלעך מאַכן!

זי האָט אָפּגעמאָסטן דבורהן מיט אַ ווידערווילן, דערנאָך ווידער אַריבערגעפירט די צעקאָכטע אויגן אויף דער איבערגעשראָקענער רויזע און געשריגן:

— וואָס גלאָצסטו אַזוי אויף מיר ווי אַ גולם? מאַך נישט אַזאַ קעלבערן פּנים! ער׳ט דיר סייַ ווי אָנפּייַפן אין דער פּאַטשיילע. און דו אַליין ביסט שוין אויך נישט פון די כשרע לעמעלעך, רויזע. וועסט שוין בייַ מיר נישט אויסקוקן ווי אַ צנועה אַפילו אין דייַן חופּה־שלייער.

טודרוסן איז מיט אַ מאָל ענג געוואָרן אין דעם געראַמען חדר. ער האָט געוואָלט אַרויסלאָזן אַ געשריי, אָבער זייַן האַלדז איז געווען פאַרקנוילט.

ער האָט געוואָלט בײַלן אַ פויסט, אָבער די האַנט איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן. ס׳איז דײַן טאָג פון בזיונות, האָט ער געהערט ווי אַ שפּאַטיש קול רעדט צו אים, און ווער וועט באַצאָלן פאַר צער, ריפוי, שבת ובושת? זײַנע באַקנביינער האָבן געציטערט. די נאָזלעכער האָבן געפּײַפט. אין זײַן שיפלות האָט ער דערשפּירט ווי אַ גרוב עפנט זיך פאַר זײַנע פיס און ער שלעפּט דאָרט אַראָפּ אויך די אָרעמע רויזע.

דבורה האָט נישט געוווּסט וווּ צו באַהאַלטן די חרפה פאַר די געסט, און טודרוס וווּ צו אַנטרינען פון דעם גרויסן בזיון. ביידע זין האָבן אויס־געמיטן צו קוקן אויף דעם פאַרשעמטן טאַטן. זיי האָבן געוואָרפן בליקן אויף דער מומע הענע. רויזע האָט אויסגעבראָכן אין אַ געיאָמער און זיך געלאָזט לויפן צו דער אָפענער טיר.

דער טלית

א

ווער עס האָט אַ מאָל געלעסטערט די הייליקייטן אין ירושלים און ווער עס האָט פאַרלייקנט די קדושה פון אירע מויערן, דער איז נישט אימשטאַנד געווען צו שטיין פנים אל פנים מיט גדליה דעם טעפּעך־הענדלער, וואָס האָט מיט די אייגענע אויגן צוגעזען ניסים אין זיין זינדיקן דור. גדליה איז נישט געווען קיין למדן, אין די קליינע פּינטעלעך האָט ער זיך ווייניק אויסגעקענט, אָבער ער האָט נישט פאַרטראָגן קיין אָפּשפּעטערס און פיינד געהאַט אַן אפּיקורס שנאת דמים, און טאָמער האָט אַזאַ לעסטערער געהאַט אַ לויזע צונג און גערעדט ליצנות אויף ירושלים, האָט גדליה שטום געמאַכט יענעמס לשון־הרעדיקע ליפּן, נישט מיט קיין געביילטער פויסט און נישט מיט קיין פייערדיקע שטראָפּרייד, נאָר מיט די שטריימלען פון אַן אַלטן טלית.

ווי אַ קונצנמאַכער פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס שאָקלט אַרויס פון אַרבל אַ ברענעדיקע שפּיז און פון זיין בוזים ציט ער אַרויס לעבעדיקע קראָליקעס, אַזוי האָט גדליה אַרויסגעכאַפּט פון אַ סאַמעטענעם זעקל אַן אָפּגעבליאַקעוועטן טלית און געפּאַכעט דערמיט גלייך אין פנים אַריין פון דעם אַפּיקורס און ווי דער אַפּיקורס האָט דערזען די אויסגעריבענע שטריימלען פון דעם פאַרגעלטן טלית איז ער כהרף־עין געבליבן שטיין אַ פאַרבליפטער, ווי געטראָפן פון אַ פאַרבלענדעניש. דאָס לשון איז ביי אים אָפּגענומען געוואָרן. די צונג איז געוואָרן געליימט. אַלע זיינע אברים זענען געבליבן פאַרגליווערט.

— זעסט דעם טלית? — האָט דער טעפּעך־הענדלער געשריען און אויסגעשפּרייט דאָס לויטערע געוועב — ס'איז כולו תכלת! אָבער דאָס פייער פון מזבח ברענט אין יעדן פאָדעם זיינעם.

וואָס פאַר אַ כוח האָט געשטעקט אין דעם טלית? ס'איז געווען אַן אַלט שטיק געוואַנד מיט אַן אָפּגעריבענער עטרה, אַן גילדענע פרענדזן. די פעדעם אין דעם געוועב זענען געווען צעפּליקט, די ציצית צעדריוולט. די פרומע תושבים פון נחלת שבעה האָבן פאַרגליכן דעם טלית צו אַ קמיע, וואָס היט אָפּ פון אַ בייז אויג. די היינטוועלטיקע איינוווינערס פון דער

נײַער שטאָט האָבן געזאָגט, אַז דאָס געוועב איז ווי אַ טאַליסמאַן, וואָס באַשיצט קעגן אַ חולאת. אָבער פאַר גדליה דעם טעפּעך־הענדלער האָט אין דעם טלית נישט געשטעקט קיין כּישוף און נישט קיין פאַרבלענדעניש. ער האָט דאָס הייליקע געוואַנד פאַרגליכן צו דעם פליגל פון אַ מלאך, וואָס האָט אַליין אַרומגעפלאַטערט בײַם מעמד הר־סיני.

יעדער איינער זעט דאָס, וואָס ער וויל זען אין גאָטס שטאָט. די ראיה בײַ אַ צדיק איז אַנדערש ווי די ראיה בײַם הדיוט. די חושים בײַם געלײַטערטן זענען שאַרפער ווי בײַם פּראָסטן מאַן. דער פּאַרכטיקער מאַן באַשטייט, אַז ירושלים דאַרף מען זוכן אין די אַלטע חומות, ווו אַ מויער קייטלט זיך אין אַ מויער, אַ וואַנט קלעטערט איבער אַ וואַנט און די פרענ־דזן פון טליתים און בגדי־כּהונה פלאַטערן אַרויס פון יעדער שפּאַרע. דער אַרכעאָלאָג, וואָס גראָבט זיך אין בויך פון דער ערד, זאָגט אַז ירושלים דאַרף מען זוכן אין די חורבות, ווו ס׳האָבן מלחמה געהאַלטן די יהודישע קנאים קעגען די גריכן. מען דאַרף ירושלים זוכן אין די היילן פון מצדה, ווו ווינציק גיבורים האָבן אויסגעהאַלטן קעגן דעם אומצאָליקן חייל פון די רוימער. זוכן זאָל מען ירושלים אין די פעלדזן־שפּאַלטן, ווו ענן איז געפאַלן פון די אייגענע ברידער־סיקריקין.

אויף וואָס עס באַשטייט דער פּאַרכטיקער און וואָס עס זאָגט דער אַרכעאָלאָג, פאַר גדליהן דעם טעפּעך־הענדלער איז ירושלים אויסגעשפּרייט איבערן כּדור־הארץ און זי איז דער מיטלפּונקט פון דער וועלט, וואָרעם העכער פון אַלע שטעט אויף דער וועלט איז ירושלים. שרפים און כּרובים זינגען שירה צו איר און די מלאכים, וואָס האָבן אַרויסגעפירט לוטן פון סדום, באַשיצן זי פון סכּנות. גדליה האָט געהערט, אַז נאָך דעם חורבן בית שני זענען די פאַרוואָגלטע צדיקים, וואָס זענען אין יעדן דור אויף גלות־השכינה, געוואָרן געטרײַע וועכטערס פון גאָטס שטאָט און זיי היטן אָפּ ירושלים, אַז די קדושה זאָל זיך פון איר נישט אָפּטאָן. איינער פון די שומרי־אמונים האָט פאַר אים אַנטפּלעקט, אַז די וועלט איז געגליכן צו אַן אויג, דאָס ווײַסל פון אויג איז געגליכן צו די ימען, וואָס רינגלען אַרום די יבשה און דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג איז ירושלים. ער האָט אויך געהערט, אַז אין זײַן טלית האָט אַ מאָל מתפּלל געווען איינער פון די פאַרבאָרגענע צדיקים, וואָס אויף זיי שטייט די וועלט.

ווער האָט דעם טײַערן טלית איבערגעגעבן צום טעפּעך־הענדלער? ס׳איז נישט קיין פּשוטע מעשה. אַן אָפּגעריסענער וואַנדערער, קרוע בלוע, האָט איין מאָל אין אַ פרימאָרגן זיך באַוויזן אין מאה־שערים. ס׳איז געווען

אין יענע טעג, ווען דער ענגלענדער האָט נאָך געהערשט אין ארץ ישראל. דער פרעמדער איז אַרומגעגאַנגען איבער די רוישיקע געסלעך, צווישן די ליאַרעמדיקע הענדלערס, ביז ער איז צוגעקומען צו דער קראָם פון גדליה דעם טעפּעך־הענדלער. דער וואַנדערער האָט זיך אויסגעגעבן פאַר אים, אַז ער קומט פון דעם ווײַטן לאַנד אַלזשיריע און האָט דערציילט אַ מעשה־נורא וועגן די געפּלאָגטע נדחי־ישראל דאָרט. ער אַליין איז פון דאָרט אַנטלאָפן און נאָך לאַנגע וואַגלענישן אַנגעקומען אין דער הייליקער שטאָט. ער איז געווען אָרעם ווי די נאַכט. אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט, איז געווען דאָס מלבוש אויף זײַן לײַב, אַ געלע אַבאַיע פול מיט ריסן, אויף די האָריקע פיס אַ פּאָר צעדריוולטע סאַנדאַלן, אויפן קאָפּ אַ שוואַרצער צודעק גיכער ענלעך צו אַ שקאַרמיץ פון אַן אייזל־טרײַבער, איידער צו אַ טורבאַן. אין זײַן טאָרבע זענען געלעגן ווינציקער מטלטלין ווי מ׳געפינט אויפן קעמלהאָרב פון אַ וואַנדערנדיקן בעדויִנער. דער פרעמדער האָט געהאַט איין פאַרלאַנג: מ׳זאָל אים צופירן צו דער ישיבה פורת־יוסף ווו ס׳האָט געוווינט זײַנס אַ קרוב. די ישיבה איז געווען אין אַלטשטאָט און ס׳איז געווען אַ סכנה דאָרט אַהינצוגיין, ווײַל מיט אַ נאַכט פריער זענען אויפגעהעצטע אַראַבער באַפאַלן יִדישע הײַזער און אונטערגעצונדן אַ שול. גדליה האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַגלייטן דעם פרעמדן אַהין צו. ער האָט געטענהט:

— אַרײַנגיין אין אַלטשטאָט איז סכנות־נפשות — כ׳וועל נישט אײַנשטעלן ס׳לעבען.

— בײַ מיר איז דאָס פיקוח־נפש — האָט דער פרעמדער געענטפערט — נאַקעט און הויל בין איך געקומען אַהער. כ׳האָב דורכגעוואַנדערט אַ לאַנגן מדבר, געפאַסט תעניתים. אַצינד זוך איך אַ ביסן ברויט און אַ געלעגער פאַר מײַן מידן גוף. פיר מיך אַהין. כ׳וועל דיך באַלוינען.

דער טעפּעך־הענדלער האָט אָפּגעמאָסטן דעם אביון מיט שפּאָט.

— וואָס פאַרמאָגסטו אַזוינס, אומגליקלעכער קבצן, אַז ס׳זאָל מיר לוינען אײַנצושטעלן פאַר דעם מײַן נפש?

— כ׳האַלט פאַרשטעקט אין מײַן אַבאַיע אַן אוצר. אַן אַלטער טלית, וואָס האָט מיך פאַרהיט פון פורעניותן. ס׳איז אַ הייליק געוועב. וועסט עס נישט קויפן פאַר אַ זאַק מיט גאָלדענע דינאַרן. נעם עס. ס׳וועט דיך פאַרהיטן פון קראַנקייטן און באַשיצן פון גזלנים.

דער טעפּעך־הענדלער האָט זיך געקווענקלט, אָבער דער פרעמדער האָט אויף אים אַנגעשטעלט אַ פּאָר פלאַקערדיקע אויגן, וואָס האָבן דורכגעבויערט

זײַנע געהירן און דאָס צעגערניש איז פֿון דעם טעפּעך־הענדלער אָוועק. דער וואַנדערער האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון אַ פּאַלד אין זײַן אַבאַיע אַ צעקנייטשטן טלית. גדליה האָט די באַלוינונג צוגענומען און אָפּגעפּירט דעם פֿרעמדן אין דער שול אין אַלטשאָט. איבערן גאַנצן וועג האָט דאָס מויל בײַם וואַנדערער נישט אויפֿגעהערט צו מאָלן ווי אַ מיל. דאָס, וואָס ער האָט דערציילט פֿון די ניסים, וואָס זענען זיך פֿאַרלאָפֿן מיט דעם טלית אין ווײַטע מדינות, האָט גדליהן געסטאַיעט אויף מעשׂיות פֿאַר אַ גאַנץ לעבן. הינטערן יפֿוער טויער איז געווען סכּנהדיק. הײַפֿלעך אַראַבער האָבן געלויערט מיט מעסערס, מיט העק, מיט נאַבוטן, אָבער דער וועג אַהין איז אַדורך בשלום. אויף צוריקוועגנס איז דער פּחד בײַם טעפּעך־הענדלער אויסגערונען. די באַוואָפֿנטע אַראַבער זענען צעטומלטע פֿאַר אים אָפּגעטראָטן. צו מאָרגנס נאָך זונאויפֿגאַנג, ווען גדליה האָט אויסגעשפּרייט דעם טלית זיך אײַנצוהילען צום דאַווענען, האָט ער דערזען ווי דאָס אַלטע געלע געוואַנד איז פּלוצעם פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געוועב פֿון בלויען וואָל, פּורפּור און ווערמילרויט. ס׳האָט געלויכטן אַזוי ווי אַ מאָל דאָס קלייד פֿון אהרן הכּהן ווען ער איז אַרײַן מתפּלל זײַן אין משכּן. נאָכן דאַווענען בײַם צוזאַמענלייגן דעם טלית, זענען די ליכטיקע קאָלירן פּונעם געוואַנד אויסגעלאָשן געוואָרן. דער טעפּעך־הענדלער האָט פֿון דעם סוד קיינעם נישט דערציילט. אָבער נאָך איידער ער האָט געעפֿנט זײַן קראָם, האָבן די קונים שוין אָפּגעשלאָגן זײַן טיר.

יענעם טאָג האָט ער געלייזט אַ גרויסן פּדיון. אויפֿן צווייטן און דריטן טאָג האָט מען געריסן די סחורה פֿון זײַנע הענט. גדליה האָט יעדן פֿרימאָרגן געדאַוונט אין דעם טלית. ס׳זענען פֿאַרבײַ אַ פּאָר חדשים און ער האָט אָפּגעצאָלט די חובֿות און אײַנגעקויפֿט נײַע סחורות פֿאַר מזומנים. ער איז געוואָרן גענוג עושר צו קענען געבן ברייטהאַרציקע נדבֿות. ער האָט געגלויבט, אַז אַ כּוח, וואָס באַווײַזט זיך נאָר צו צדיקים, שטעקט אין דעם טלית. מיט דעם בטחון, אַז ער איז אימשטאַנד צו העלפֿן אַנדערע, האָט גדליה דערשפּירט אַ באַגער צו טאָן מצוות, כּדי אָנצוזאַמלען מעשׂים טובֿים פֿאַר יענער וועלט. איין טאָג האָט ער געבראַכט דעם טלית אין שטוב פֿון אַן אָרעמאַן און אַ צווייטן טאָג אין הויז פֿון אַ שלאָפֿן חולה, וואָס האָט געלעכצט נאָך אַ רפֿואה. דער טלית איז געוואָרן אַ היילונג פֿאַר די אומגליקלעכע. דער אָרעמאַן האָט זיך געשטעלט אויף די פֿיס. דער שלאָפֿער איז גענעזן געוואָרן. מענטשן האָבן גענומען רעדן, אַז דער טעפּעך־הענדלער האָט געקראָגן דעם כּוח פֿון אַ כּישוף־מאַכער, אַז

ער איז געוואָרן אַ װוּנדער־רופא.

גדליה איז געװען אַן אַלמן, וואָס האָט באַגראָבן צוויי ווײַבער. ער האָט געהאַלטן זײַן קראָם אין מאה־שערים, אויף אַ טרעפּנגאָס, וואָס האָט אַראָפּגעגנידערט ווי אַן אַרײַנגאַנג צו אַ היל. דאָס טונקעלע געוועלב איז געווען פול מיט קאָפּטיכער, טורבאַנען, טערקישע פּעזעס, אַקסל־פּאַטשיי־לעס, אַבאַיעס און די בויד פון פּאַרנט איז געווען פּאַרלייגט מיט טעפּעכער און ראַגאָזשעס. גדליה אַליין איז אויך געווען אַ גייענדיקע קראָם. זײַנע אַקסלען זענען געווען באַהאַנגען מיט קאָלירטע גאַבעלינען. ער האָט געהאַט אַ פּאָר אויסגעזעגטע אַקסלען, אַ פּירקאַנטיק, בייניק פּנים מיט אַ צעבײַי־טשטער ברוינער באָרד. ווען ער איז געוואָרן פּריילעך. האָט דאָס לינקע אויג בײַ אים געגומען שיקלען. זײַנע ברייטע האַנטפּלאַכן זענען געוואָרן האַריק אַזוי ווי באַוואַקסן מיט מאָך און ווען ער איז אַרײַן אין כּעס, האָט ער אַרײַנגעלאָזט די שווערע פינגער ווי קלינעס אין די פּלעכטן באָרד און אין אויפגעשפּרונגען מיט רוגזה.

גדליה איז נישט געווען קיין מטיף און נישט קיין משולח, וואָס פּאָרט איבער ווײַטע לענדער צו דערציילן די קדושה פון גאָטס שטאָט. בײַ דער שוועל פון זײַן קראָם האָט ער ליב געהאַט צו אָנטפּלעקן די ווונדוירים, וואָס געשעען יעדן טאָג אין דער שטאָט ירושלים, וואָס איז די הייליקע צווישן שטעט. פון דעסטוועגן האָט ער זיך פּאַרגונען אַרומצוגיין איבער די גאַסן און אויספּויקן, אַז ס׳איז נאָר דאָ איין טלית אין ירושלים, וואָס ברענגט טרייסט צו די געשטראָפטע און היילונג צו די פּאַראומגליקטע. צו די פרומע כּוללים פון די אשכּנזישע הויפן האָט ער געזאָגט: „בלויז מײַן טלית קאָן מציל זײַן מענטשן, וואָס שטייען בײַם ראַנד פון אונטער־גאַנג״. און מיט די הײַנטוועלטיקע קוואַרטאַלן האָט ער איינגעטענהט: „דער טלית האָט באַוויזן אַזוי פּיל ניסים, אַז דעם מופּטיס אויפגעהעצטע אַראַבער ציטערן פּאַר זײַן הייליקן כּוח״. די מושלים אין לאַנד, פּריער די טערקן און שפּעטער די ענגלענדער, האָבן פּאַרדעכטיקט, אַז אין דעם הייליקן געוועב שטעקט אַ כּישוף.

אין איינעם אַ טאָג, ווען אַן אָפּשפּעטער האָט זיך באַוויזן און אָנגעהויבן טרײַבן שפּאַס פון דעם טעפּעך־הענדלער און זײַן טלית, האָט גדליה אים געוואָלט דורס זײַן. ער האָט אים אָנגעכאַפּט בײַם קאַרק, ער האָט פּאַר־פּלאָכטן זײַנע אָרעמס, אים אַרומגעדרייט אין אַ ראָד און געקלאַפּט אויף זײַנע ריפּן, אַז ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, ער צעקרישלט יעדן ביין זײַנעם. דער צעקאָכטער גדליה האָט געשריגן:

— ווּעסט אָפּשפּעטן פון דעם טלית, עוכר ישראל? ווּעסט אָפּלאַכן פון דעם הייליקן געוואַנד, וואָס האָט באַשיצט מלכים און צדיקים?

בײַם לץ איז דאָס בלוט אָפּגערונגען פון פּנים. הענט און פיס האָבן בײַ אים געציטערט ווי אין קדחת. ווען ער האָט זיך באַפרײַט פון גדליהס הענט, האָט ער געוואָלט אַנטרינען. דער טעפּעך־הענדלער האָט אים אָנגע־כאַפּט בײַ די אַקסלען און אים אַרײַנגעשלעפּט אין זײַן טונקעלער קראָם, ער האָט אונטערגערוקט אַ געפּלאַכטן שטרויבענקל און מיט גוואַלד אים דאָרט אַרײַנגעזעצט.

— אַצינד ווּעסטו מיך אויסהערן, פּושע ישראל! — האָט ער געליאַרעמט — האָסט אַ מאָל געהערט פון דעם אַראַבער דעם גרויסהאַלטער, וואָס האָט זיך באַרימט, אַז זײַן עלטער־זיידע האָט אונטערגעשריבן דעם פֿאַרמעט, וואָס האָט געעפנט דאָס טויער פון ירושלים פאַר דעם קאַליף אָמאַר? פּוסטע גאווה! אונדזערע עלטער־זיידעס האָבן אונטערגעשריבן די עשרת־הדיברות.

ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ כאַרכלדיק געלעכטער. דערנאָך האָט ער זיך צוגעבויגן צו אים, אָנגעשטעלט דאָס אומהיימלעכע שיקלדיקע אויג, וואָס האָט דורכגעבויערט יענעמס געהירן און זײַן קול איז געוואָרן פּאַרכטיק.

— יענער מאַכמעדאַנער האָט זיך געגרויסט מיט אַ פּאַרמעט, וואָס האָט אויפגעשלאָסן דאָס טויער פון ירושלים פאַר אַ קאַליף, און איך בעם זיך איבער מיט אַ טלית, וואָס קען אויפריגלען יעדע מויער און עפענען יעדן שטיין און שפּאַלטן יעדן פעלדז אין דער אייביקער שטאָט.

דער טעפּעך־הענדלער האָט קוים באַוויזן צו דערציילן די ערשטע גע־שעעניש, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט דעם טלית, ווי יענער האָט געהויבן די פיס און איז אַנטלאָפן האַלב דערשראָקן, האַלב צעטומלט, גרייט צו פאַרזאָגן אַ צענטן ער זאָל זיך נישט דערוועגן צו שפּאָסן פון דעם טעפּעך־הענדלערס אוצר. וואָס האָט גדליה אים דערציילט? ס'איז געווען די מעשה מיט אַ יולדת, וואָס איז געגאַנגען שווער צו קינד און די הייבאַם האָט געטריבן אַלע זכרים פון הויז זיי זאָלן לויפן בעטן רחמים, וואָרעם פון הימל האָט מען דער קימפּעטאָרין אָפּגעזאָגט ס'לעבן. ווי גדליה איז אַריבער די שוועל, האָט ער אָראָפּגעריסן די שיר המעלותן, וואָס זענען געהאָנגען איבער דער קימפּעטאָרינס בעט און אויסגעשפּרייט דעם טלית אויף דער וואַנט בײַ איר צוקאָפּנס. דער נס איז געשען. בײַ דער יולדת האָבן זיך אָפּגעטאָן די ווייען, זי האָט אַרויסגעלאָזט איין מוראדיקן קרעכץ און כהרף־עין געבוירן אַ בן־זכר, אַ ריז. ער איז אַרויס מיט אַ האָריקן גוף ווי בײַ עשון מיט אַ וויינענדיק קול ווי בײַ יעקבן.

ב

דער דערשראָקענער לץ האָט געמאַכט אַ ויברח און מער נישט געוויזן זײַן פּנים. גדליה האָט נישט געדאַרפֿט זוכן קיין אָפֿענע אויערן פֿאַר זײַנע וווּנדער־מעשׂיות. אין די פֿאַרנאַכטן האָבן בײַ זײַן שוועל זיך אויסגעזעצט נײַגעריקע מאַנסבילן און ווײַבער ווי פֿאַרצײַטנס די זקנים אין טויער פֿון שטאָט. דער טעפּעך־הענדלער איז געווען אַן עושר אין רייד. זײַן צונג איז געוואָרן לויז און די פֿאַרגאַפֿטע צוהערערס האָבן געשלונגען די מעשׂיות, ווײַל דאָס וואָס ר'האָט דערציילט איז געווען ענלעך צו די פֿאַרלויפֿעניש אין בײַ די מדינה־גייערס, וואָס פֿלעגן אויסמעסטן ווײַטע לענדער. ווי גיך ער האָט געקענט האָבן אַן אַנלויף פֿון יונג און אַלט, האָט ער נישט געוואָרט ביז מ'וועט צו אים קומען. ער איז אַליין אַרומגעגאַנגען צווישן די מאַרקשטייערס, געעפֿנט טויערן פֿון הויפֿן, טירן פֿון ישיבות און בתּי־מדרשים און אַרויסגערופֿן די באַרעדעוודיקע ווײַבער און שווײַגנ־דיקע וויללערנערס. זײַן געמיט איז געוואָרן דערפֿרייט ווען זײַנע מעשׂיות האָבן אויפֿגערודערט הערצער. בײַ די פֿריילעכע מאַנסלײַט האָבן אויפֿגע־שטראַלט די אויגן. ביי די פֿאַראומערטע ווײַבער זענען גערונען טרערן.

איין מאָל אין אַ קורצן פֿרײַטאָג איז ער אַרײַנגעפֿאַלן אין געסל פֿון די שלאַכטהײַזער, זיך אָוועקגעשטעלט פֿאַר די שוועלן פֿון די הינער־פּליקע־רינס און געזאָגט:

— לאָמיך אײַך דערציילן פֿון דעם תּימנער חתן, אַ בן סורר, וואָס האָט מבייש געווען זײַן כּלה אין דער חופּה־נאַכט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט געקראָגן זײַן עונש.

— דערצייל גדליה, דערצייל! — האָבן די ווײַבער מיט אַ געטומל אויפֿגעהערט צו פּליקן די פֿעדערן און פֿאַרגאַפֿטע אים געקוקט אין מויל אַרײַן.

— ליבערשט זאָלסטו שווײַגן! — זענען די אויפֿגערעגטע שוחטים אַרויסגעלאָפֿן מיט די חלפֿים און מוסר געזאָגט דעם טעפּעך־הענדלער — זע, וואָס דו האָסט געטאָן צו די פּליקערינס. ס'איז דער קורצער פֿרײַטאָג. שוין באַלד האַלבער טאָג און זייערע הענט ליגן אין קימפּעט. טראָג זיך אָפּ פֿון דאַנען! גיי אויספּלוידערן דײַנע דברים בטלים בײַם יפֿוער טויער, פֿאַר די טרעגער־יונגען די ארחי־פּרחיניקעס!

גדליה האָט שוין געוואָלט הייבן די פּיס, אָבער ס'זענען אויסגעוואַקסן די לוסטיקע קצבים־יונגען און אים צוריקגערופֿן:

— האָרך זיי נישט, די פרומע שוחטים. זיי קוילענען מיטן מעסער און דו קאָנסט קוילענען מיט דער צונג. קיין איין וואָרט אמת גייט נישט אַרויס פון דײַן מויל, אָבער ס׳קומט אונדז צו אַ שטיק געזונט צו הערן דײַנע פּלוידערייען.

און זיי האָבן זיך גערייצט מיט די שוחטים:

— אויב אײַערע עופות קריגן אַ כשרע שחיטה, וועט זײַן פּסולע צונג זיי שוין נישט טריף מאַכן.

אויסגעפירט האָבן די קצבים־יונגען. די שוחטים זענען געבליבן בײַם עגמת נפש. גדליה, אַן אויפגערוימטער, האָט זיך אַרײַנגעזעצט צווישן די ווײַבער ווי אַ פּאַשאַ אין זײַן האַרעם און דערציילט פון דעם תימנער דיין ר׳ עמרם, וואָס האָט פּאַרקנסט זײַן זון רצון צו אַ בתולה אַ יתומה. אָבער אין יענעם שבת צו נאַכטס, ווען מ׳איז געגאַנגען פירן דעם חתן צו דער חופּה, האָט דער בן סורר זיך אָפּגעזאָגט מקדש צו זײַן די יתומה. ער האָט געמאַכט אויף איר אַ מיאוסן בלבול. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ טומל, אַ יללה. ווי טוט מען אַפּ אַזאַ שפיכת־דמים? ווי האָט מען אַ האַרץ צו פאַרשעמען אַ ייִדישע טאָכטער? דער כּלהס מאַמע האָט געחלשט. דער דיין האָט פון חרפּה שיער זיך נישט אויסגעריסן אַ שטרײַף באָרד. דאָס גערודער אין ר׳ עמרמס הויז האָט זיך שוין אָנגעהויבן שבת נאָך מיטאָג, ווען אַ הײַפל שכנים זענען אַרײַנגעקומען העצן דעם חתנס טאַטע, ער זאָל נישט ווייך ווערן ווי אַ לאַם, נאָר באַשטראָפן דעם ווידערשפּעניקן בן לויטן האַרבן דין. פּאַרקנסט איז ווי געחתמעט — האָבן זיי געטענהט — און דאָס וואָס מ׳מעג אָפּטאָן בײַ די אשכּנזים די אפּיקורסים, איז פאַרווערט אין דער תימנער עדה.

דער ערשטער, וואָס האָט געהייסען מקיים פּסק זײַן דעם זון, איז געווען גמליאל, אַ הויכער און אויסגעצויגענער ווי אַן אײַנגעדאַרטער בוים, וואָס האָט אַלעמען אײַנגערעדט, אַז ער שטאַמט פון די מיוחסדיקע שעראַבים. ער האָט געזאָגט ווי אַ דאַמפּקוימען און געשריגן:

— וואָלט ער געווען מײַן זון, וואָלט איך אים אַרײַנגעצימבלט מלקות, די בײַטש איז נאָך אַלץ דער בעסטער רבי!

דער דיין ר׳ עמרם, אַ נידעריקער זקן מיט אַ צעדריוולט ציגן־בערדל אויף דער אײַנגעפאַלענער גאָמבע, האָט זיך אויפגעהויבן פון אַ שטרויענעם בענקל מיט אַ ספר אין האַנט און אַ פאַרציטערטער זיך פאַרענטפערט.

— אַז כ׳קען זיך מיט דעם כּופר קיין עצה נישט געבען! זיבן בנים האָט מײַן אשה מיר געבוירן און אַלע גייען אויף די פיס, נאָר דער איינער

שטייט אויפֿן קאָפּ.

גמליאל האָט זיך געקאָכט:

— די אשכּנזישע יונגען, פֿון זיי קומט אַל דאָס בייז! אונדזער שכונה איז געוואָרן איינגעשטעלט זינט די יהודים פֿון רוממה האָבן דאָ אַריינ־געשטעלט אַ פֿוס. אונדזערע טעכטער גייען אַרויס לתּרבות רעה. אונדזערע זין פֿאַרגעסן צו לייגן תּפֿילין. און ער, דיין בן־זקונים? כ'זאָג, ס'איז נאָך דער חתונה, ס'ווייב איז אַן עקרה און ר'האָט אַ תּירוץ זי אָפּצוגטן. אָבער ברעכן אַ קנס פֿאַר דער חופּה? ס'איז אַזוי הייליק ווי אַ תּקיעת־כּף! וואָס וויל ער, דיין רצון?

דער דיין האָט דערציילט, אַז דעם זון האָט זיך פֿאַרגלוסט אַ קניפּל מיט געלט. אַן אשכּנזישער וויינהענדלער האָט אים פֿאַרדרייט דעם קאָפּ מיט זיין פֿאַרזעסענער מויד, ר'האָט צוגעזאָגט אַ פֿעטן נדן, וואָס וועט אים קלעקן צו עפֿענען אַ קראָם מיט צירונגסשטיקער. דער יונג האָט זיך געלאָזט איבעררייִדן. ער האָט געקראָגן טירוף־הדעת; יהודים. ווי פֿאַר־מיידט מען די חרפּה?

— גיב אים איבער אין מיינע הענט — האָט גמליאל געשריגן — איך וועל זיך מיט אים אַן עצה געבן!

און ווי ר' עמרם האָט געזיפֿצט און גמליאל האָט זיך געהיצט, איז אָנגעקומען דעם דיינס ווייב צפּורה, אַ קליינוויקסיגע, מיט אַ פֿאַרקוועטשט פּנימל. דאָס געשטרייפֿטע שטערנטיכל האָט צוגעדעקט דעם קליינעם שייטל ביז צום נאַקן. זי האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט אַריין און אַרויס־געלאָזט אַ קוויטש ווי אַ קלאָגווייב.

— דערווייל האָט נאָך איבער מיין רצון קיינער נישט צו זאָגן! מען האָט אים אָנגעשלייערט אַ חמדה, אַ וויסטע יתומה. מיין יינגל מעג זיך איבערלייגן, און כ'בין נישט מחויב צו נעמען פֿאַר אַ מחותּנתטע אַן אַלמנה פֿון אַ טרעגעריונג. דערויף בין איך ר' אלדד דעם גאָלדשמידס טאָכטער. דערויף בין איך אַ מאַמע!

דער דיין האָט געפּויקט מיט די פֿינגער איבערן האַרצבערעטל און געליאַרמעט.

— דערויף ביסטו אַ מאַמע, ציפּורה? און איך אַ טאַטע, האָב שוין קיין דעה נישט?

ס'איז אַריינגעלאָפֿן רצון ווי אַ שטורעמווינט, אַן אויסגעצוואָגענער, אַן אָפּגעגאָלטער, אָנגעטאָן אין אַ בלויען, געפּרעסטן אָנצוג ווי אַן אויס־געפּוצטער לעוואַנטינער, ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— נישט דו טאַטע און נישט דו מאַמע, איר בײדע האָט איבער מיר קײן דעה נישט!

גמליאל האָט זיך אַרײַנגעמישט.

— שוויַיג, בן סורר! גײסט אָקעגנרעדן אַ טאַטן אַ בן־תּורה? און אַן כּיבוד־אם האָסטו פֿאַרגעסן?

און רצון האָט געקוקט אויף די צעטומלטע טאַטע־מאַמע. ער האָט אָפּגעמאָסטן דעם אויסגעצויגענעם גמליאל און די דערשראָקענע שכנים אַרום, צו ערשט מיט שפּאָט, דערנאָך מיט רוגזה און געשריגן:

— טאַטע, נעמסט אָוועק די שעפּסן אײדער כ׳וועל זײ ממיתן?

— ווען ווײסטו ממיתן, דו ינוקא? — האָט ר׳ עמרם געפֿרעגט און אויפֿגעהויבן אויפֿן זון אַ דינע האָריקע האַנט ווי אַ פֿאַרטריקנט צווײַגל — בײַ מיר ביסטו קײן גיבור נישט. איך הײס דיך הײַנט בײ נאַכט מקדש זײַן חמהלן!

און ער האָט זיך אויסגעדרײט צו גמליאלן:

— גלײַך נאָך הבדלה וועסטו ברענגען דעם רב מיט די חופּה־שטאַנגען!

בײַ שלוש־סעודות, האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די הכנות. עס זענען אָנגעקומען די אויסגעגעבענע זין און שנורס. דער דײַן האָט אויפֿגעהאָנגען אויף דער מזרח־וואַנט אַ סאַמעטענעם פּרוכת. גמליאל האָט אַרומגעווישט די גלײשטע ספרים און געהאָלפֿן צוגרײטן כּיבוד. ס׳האָט נישט געהאָלפֿן צפֿורהס אײַנטענהען מען זאָל אָפּלײגן די חופּה אויף נאָך אַ וואָך. רצון אַלײן, וואָס האָט פֿריער זיך אַרומגעדרײט אין הויז ווי אַ געפֿאַנגענער גלײַך מ׳וואָלט אים געגאַנגען באַגראָבן לעבעדיגערהײט, איז פּלוצעם געוואָרן פֿרײלעך. ער האָט געלאַכט, אונטערגעטענצלט פֿון שמחה, אונטערגעיאָגט די שטובמענטשן. קײנער האָט נישט באַנומען פֿאַר וואָס ער איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַזוי לוסטיק. ס׳איז קײנעם נישט אײַנגעפֿאַלן, אַז אין זײַן קאָפּ באַמבלט זיך שוין אַן אײַנפֿאַל ווי נאָך אָפּצוטאָן אַ שפּיצל, אַז אַלע, די מחותּנים, די געסט, די כּלה זאָלן אומקומען פֿון חרפּה.

נאָך הבדלה איז געוואָרן דאָס אמתע אײַלעניש. דער דײַן האָט קוים אַ שמעק געטאָן צו די בשמים און גיך אָפּגעזאָגט אַל תּירא עבדי יעקב... דער אָנגעקומענער עולם האָט פֿאַרוויַיז זיך אויסגעזעצט אויף געפֿלאָכטענע בענקלעך. די תּימנישע ווײַבלעך אין צנועהדיקע שטערנטיכלעך, אין פֿאַר־ביקע פֿאַטשײלעס וואָס זענען געווען ענלעך צו די אמהות, די מאַנסלײַט אין הויכע שקראַמיצן, אין רויטע פּעסקעס ווי טערקן, האָבן פֿאַרצוגן ניגונים. ר׳ עמרם איז אַרומגעגאַנגען צווישן די געסט, אײדל און ברײטהאַרציק ווי

אַן אמתער מכניס־אורח. און ווי מ׳האָט צוגעגרייט די חופּה־שטאַנגען, האָט דער פאַרזיכטיקער גמליאל געהאַלטן אַן אויג אויפן חתן. די ווײַבער האָבן אויסבאַהאַלטן די כּלה. ווען דער רב, אַ בינטל עצמות יבשות, איז אַרײַנגעקומען, איז דער עולם שוין געווען אויסגעשטעלט מיט די ברענעדיקע ליכטלעך אין די הענט.

מען האָט אַרײַנגעפירט די כּלה, אַן איבערגעוואַקסענע מויד מיט אַ פאַרשוואָלן פּנים, אויסגעשטופּלט ווי מיט ליימגריבלעך. מ׳האָט אַרײַנגעפירט דעם חתן, אַ הויכן, אַ ברוין־הויטיקן ווי אַ מזרח־פּרינץ. די געטרײַע שכנים האָבן געציטערט ס׳זאָל עפּעס נישט פּאַסירן. מ׳האָט דערלאַנגט דעם בעכער ייַין, דאָס קדושין־רינגל און רצון האָט אָפּגעזאָגט דעם הרי־את מיט אַזאַ כּוונה, אַז ר׳ עמרם איז פון חידוש געבליבן מיט אַן אָפן מויל. דער גליקלעכער גמליאל האָט צעבראָכן איין טעלער נאָכן צווייטן און זיך פאַרגאַנגען אין אַ מצווה־טאַנץ. ער האָט געטרייסעלט מיטן בויך, געצוקט מיט די אַקסלען, געפאָכעט מיט די הענט און זײַנע קולות האָבן מיטגעריסן דעם עולם.

— מזל־טוב! מזל־טוב! מזל־טוב!

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ פלעסקערײַ מיט די הענט, אַ וואָרפעניש מיט די קאָפּטיכלעך, אַ דרייעניש אין אַ ראָד. אין מיטן טומל האָבן די אונטער־פירערס פון חתנס צד און די אונטערפירערס פון דער כּלהס צד אַרײַנגע־שטופּט דאָס פּאָרל אין חדר מיוחד אַריין. די שמחה האָט אַרויסגעשפּאַרט ביז צו דער הילצערנער וועראַנדע אין הויף. די תּימנער ווײַבלעך מיט די מאַנסלײַט האָבן געשאַרט מיט די פיס אינעם ראָד און זיך געהאַלטן בײַ די פינגער ווי פאַרשפּילטע קינדער. ס׳איז אַרײַנגעלאָפן דער בדחן אַ פאַרסאָפּעטער. ר׳ עמרם האָט אַ צעיאַכמערטער געביסן דאָס צעדריוולטע בערדל. די איינציקע, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט ווי אַ נעבטיקע איז געווען צפּורה. אַ חסד, דאָס מצווה־טענצל, וואָס האָט אונטערגעהויבן יונג און אַלט און אַלעמענס פּנימער האָבן זיך צעשײַנט.

ווי דער בדחן האָט אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט, גרייט אויסצוזינגען די פריילעכע פּזמונים, האָט די טיר פון יחוד־חדר אויפגעפּראַלט און אויף דער שוועל איז געשטאַנען רצון אַ בלאַסער און אַ פאַרציטערטער, גלײַך שדים וואָלטן אים פון דאָרט אַרויסגעטריבן. אַלע ווייסן צוליב וואָס מען פירט אַרײַן חתן־כּלה אין יחוד־חדר און קיינער רעדט נישט דערפון. אָבער בײַ רצונען איז די מראה אויסגערונען, קיין טראָפּן בלוט איז נישט געווען אין זײַן צורה. אַ מת וואָלט אין יענער רגע געהאַט אַ שענער פּנים. דער

איבערגעשראָקענער עולם האָט זיך צונויפגעקאָרטשעט, געפרעגט:

— וואָס איז געשען, חתן?

ס'האָט גענומען עטלעכע רגעס ביז רצון האָט געקראָגן לשון. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— די כלה האָט די פּאַליקע קרענק.

— וואָס האָט די כלה? האָבן זיך געטראָגן קולות פון אַלע זײַטן.

— די כלה איז אומריין האָט רצון העכער געשריגן — אַ חולה־נופל...

איינער פון די מאַנסלײַט, אַ טויבער, האָט אַ פּנים פאַרהערט רצונס רייד, האָט ער אָנגעשטעלט ס'לינקע אויער און אַ פרעג געטאָן:

— אומריין? ז'איז נישט קיין בתולה?

— ווער זאָגט ז'איז נישט קיין בתולה? — האָט אַ צווייטער אונטער־געכאַפּט.

— דער חתן!

ר' עמרם האָט זיך געטעלט קעגן זון אַ פאַרציטערטער, גרייט צו דערלאַנגען פײַערדיקע פעטש, אָבער אָנגעכאַפּט האָט ער אַ שטרײַף פון זײַן אייגענער באָרד.

— בן סורר! האָסט מבייש געווען אַ כשרע טאָכטער!

אין דער צעמישעניש האָט קיינער מער נישט געוווסט דעם אמת: צי איז די כלה אומריין איבער דער קרענק פון די פּאַליקע, אָדער זי איז נישט קיין בתולה. אַלע האָבן שטום זיך איבערגעקוקט. די ערשטע איז אַרויסגעשפּרונגען דער כלהס מאַמע אַ געוויקסיקע, באַלײַבטע אשה. זי האָט אַראָפּגעריסן דאָס הײַבל פון קאָפּ, זיך צעווײַנט מיט אַ קוויטשערײַ און איר געיאָמער איז זיך פאַרגאַנגען איבער די פיר ווינקלען פון חדר.

— שקר! אַ בלבול אויף מײַן יתומה!

און זי איז אַוועקגעפאַלן אין חלשות.

גמליאל האָט אַ צעקאָכטער צעשפּרייט די הענט. ער האָט געמאַכט דאָס העכסטע גוואַלד:

— אַ שפיכת־דמים! ווי דערלאָזט מען אַזוינס, יהודים!

ס'איז אונטערגעלאָפן דער לוסטיקער בדחן.

— ס'לײַלעך! ווײַזט אַהער דאָס לײַלעך! — האָט ער געליאַרעמט.

די, וואָס האָבן געוווּסט פון דעם מנהג אין דער עדה, אַז מען דאַרף באַקוקן דאָס לײַלעך, האָבן געשריגן:

— אַוודאי מוז מען בודק זײַן דאָס לײַלעך! נאָר אַזויערנאָך קען מען באַווײַזן דעם אמת!

אין דער בהלה איז אין הויז אַרײַנגעפאַלן גדליה מיטן טלית. ער האָט שוין פריער געהערט פון דער קריגערײַ צווישן ר׳ עמרם און זײַן בן. אַ גוטער שכן פון דעם דיין האָט אויס באַוואָרעניש אים אויפגעזוכט און צוגעשטאַנען ער זאָל אַהינגיין און אײַנשטילן די מחלוקת. ווי נאָר דער טעפּער־הענדלער איז אַרײַן אין הויז, האָט ער אַרויפגעוואָרפן דעם טלית אויף דעם דיינס אַקסלען און כהרף עין איז דער בן־סורר פאַרגליווערט געוואָרן. זײַנע פיס זענען געבליבן צוגעוואַקסן צו דער ערד, ער האָט געקוקט אויפן טאַטן ווי געשלאָגן פון אַ פאַרבלענדעניש. ביַים דיין האָט דאָס פּנים אויפגעלויכטן ווי ביַי אַ הייליקן. די קנייטשן אויף זײַן גרונצלעטער הויט זענען אײַנגעלאָפן. פון זײַן שטערן זענען אַרויסגעפלאָסן לויטערע שטראַלן, ווי די ליכטהערנער אויפן שטערן פון משה רבינו. דאָס האָט געדויערט בלויז איין רגע. רצון האָט אַראָפּגעכאַפּט דעם רימען פון דער וואַנט. ער איז געפאַלן צום אַלטנס פיס און זיך געבעטן: „שלאָג טאַטע, שנײַד מײַן לײַב, כ׳האָב די שמיץ פאַרדינט״.

ר׳ עמרם האָט זײַן ווידערשפּעניקן זון נישט אָנגערירט. זײַנע אויגן, וואָס האָבן געבריט, ווי פלאַמען, האָבן זיך אײַנגעשניטן אין רצונס לײַב שאַרפער ווי שמיץ. דער חתן איז צוריקגעלאָפן אין יחוד־חדר און זיך פאַרשלאָסן מיט דער כלה. און ווען זי איז געקומען אויף דער צײַט, האָט זי אים געבוירן אַ זון, וואָס איז שפּעטער אויסגעוואָקסן אַן עילוי.

ג

עס האָבן זיך נישט אויסגעשעפּט די מעשיות ביַים טעפּער־הענדלער און יעדע מעשה, וואָס ער האָט דערציילט, איז געווען מיט אַ מוסר־השכל פאַר וואָס דער טלית האָט מחזיר למוטב געווען די פאַרדאַרבענע און באַלוינט די געקריוודעטע. איין מאָל האָט ער פאַר די טרעגער־יונגען און בעל־עגלהס אויפן רוסישן פּלאַץ דערציילט וואָס ס׳איז זיך פאַרלאָפן מיט אַן אָפּגעקומענעם שניט־סוחר פון קוואַרטאַל אבן־ישראל. יענער סוחר האָט געזוכט אַ ייִדענע מיט אַ קניפּל.

דער אָפּגעקומענער איז געווען אַ גרוש, אין הויכן עלטער, האָט ער געשיקט די שדכנים זיי זאָלן אים ברענגען אַ יונגע, רײַכע אלמנה. פאַר וואָס קומט אַן עלטערן סוחר, אַ יורד צו נעמען אַ יונגע אַלמנה מיט געלט? די ירושלימער שדכנים קענען שנאַפּן אויף מײַלן ווײַט, און דער אמת איז באַלד אַרויס ווי בוימל אויפן וואַסער. דער סוחר — ר׳ אלקנה האָט ער געהייסן — האָט זיך פאַרדרייט אין מסחרים און געלעכצט נאָך אַ נגידתטע,

וואָס זאָל אים ראַטעווען פון אָנזעצן. די ירושלימער שדכנים האָבן זיך פאַרשטאָפּט די אויערן, אָבער ס'האָט זיך געפונען אַ ספרדישער מנשא, געבראָטן ווי אַ טערק, און ר'האָט אים צונויפגעפירט מיט אַן אלמנה, רבקהלע זיידעל, וואָס האָט געהאַט הײַזער אין תּלפּיות. זי איז געווען גענוג יונג, אין די דרײַסיקער, דערצו אַ זעלטענע יפת־תּואר, וואָס יעדער געזונטער מאַנצביל קאָן נאָך אַזאַ אײנער לעכצן. מ'האָט זי גערופן: די יפה־פיה פון תּלפּיות.

בײַם ערשטן צוזאַמענטרעף איז אלקנה געוואָרן אַזוי פאַרבליפּט, אַז ער האָט אַ צערודערטער גענומען שטאַמלען נאַרישקייטן. אלקנה איז געווען אָנגעזען ביי קהל. ער האָט געהאַט צוויי אויסגעגעבענע זין און אַ פּאַרזע־סענע טאָכטער. אָבער ווי נאָר ער האָט דערזען די יפת־תּואר זענען ביי אים אָפּגענומען געוואָרן הענט און פיס. די שיינע אלמנה איז געווען אַן אשת־חיל, אַ יידענע מיט אַ צעפּל און אַ מײַלכל האָט זי געהאַט אויף שרויפן. זי האָט געקענט בײַם ערשטן שמועס דערשנאַפּן די באַגערן פון אַ מאַנצביל. זי האָט געלאָזט פאַלן אַ ווערטל אַהין, אַ ווערטל אַהער און באַלד זיך דערוווּסט, וואָס עס קוועטשט אים. זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— איר האָט זיך באַוויזן ווי אַ בעל־עגלה מיטן בײַטשל...

איר שאַרף צינגל, איר פלינקע מבינות אויף אים האָט אים פאַרשאַפט חרפּה און ער האָט זיך פאַר איר מודה געווען, אַז ער איז אײַנגעטונקען אין חובות, אַז ר'מוז באַלד קריגן אַ גרויסע הלוואה, איידער ער ווערט אַן אָנזעצער. ער האָט זיך אַזוי פאַררעדט, אַז ס'איז בײַ אים קיין ספק נישט געווען, אַז פון שידוך וועט זיך אויסלאָזן אַ בוידעם. זי האָט אַ לענגערע ווײַלע אים באַטראַכט אי שעלמיש, אי מיט באַדויער און זיך אָנגערופן.

— כ'בין גענוג רײַך, אַז כ'קען אַפילו אויסהאַלטן אַ פרעמדן מאַן, וואָס מוז צאָלן אַלימענטן צו אַ גרושה. דער שדכן האָט געוווּסט צו וואָס ער האָט אונדז צונויפגעפירט, אָבער דערווײַל זענען מיר נאָך נישט געש־טאַנען אונטער דער חופּה. איך בין אַן אויסגערעכנטע געשעפטספרוי און איידער כ'גיי אַרײַנבראָקן מזומנים, מוז איך האָבן אַ פאַרזיכערונג. מײַן פאַרמעגן איז מיר נישט אָנגעקומען גרינג. וואָס איז אײַער גאַראַנטיע, אלקנה?

אלקנה איז געבליבן ווי אָפּגעשמיסן און געוואָלט הייבן די פיס. אָבער די שטאַרקסטע פרויענצימער האָט אַ ווייך האַרץ, און דער באַגער צו זײַן אַן אשת־איש ברעכט איר עקשנות און פאַרטרײַבט אַלע באַוואָרענישן. זי האָט פון דעסטוועגן רחמנות געקראָגן אויף אים און אים געבאָרגט פינף

טויזנט פונט שטערלינג ר׳זאָל אָנהויבן אָפּצאָלן די חובות. מיט די מזומנים אין האַנט האָט דאָס רעדעל בײַ אלקנהן זיך אַ דריי געטאָן. ער האָט אײַנגעשטילט די בעלי־חובות, געקראָגן פרישן קרעדיט, ווידער געשטאַנען פעסט אין מסחר. ער האָט באַנומען, אַז די אַלמנה וועט אים ברענגען מזל און אַנגעזאָגט די קינדער, אַז ער גרייט זיך חתונה צו האָבן.

אַ טאָג שפּעטער זענען די צוויי זין געקומען צו לויפן מיט אַ געשריי, אַז זיי וועלן דעם טאַטן פאַרשווארצן ס׳פּנים אויב ער וועט נעמען פאַר אַ ווײַב אַ פּרויענצימער, וואָס איז יִינגער פון זײַן אייגענער טאָכטער. די פּאַרזעסענע בת־יחידה האָט געסטראַשעט, אַז זי וועט באַגיין איבער זיך אַ גוואַלדטאַט. ר׳ אלקנה האָט געקראָגן קאַלטע פּיס. ער האָט געלאָזט וויסן דעם ספרדישן מנשא, אַז דער שידוך מוז בטל ווערן, ביז זײַן טאָכטער וועט צוערשט געפינען אַ זיווג. „און די פינף טויזנט פונט שטערלינג?" — האָט דער מנשא געפרעגט. „זי וועט מסכים זײַן צו וואַרטן — האָט אלקנה געענטפערט — זי איז אַ כשרע נשמה". דער מנשא האָט געטענהט: „כשרע נשמות וואַרפן אויך נישט זייער געלט אויפן ווינט". אלקנה איז באַשטאַנען: „זי וועט וואַרטן, זי האָט מיך ליב".

דער ספרדישער מנשא איז אַוועק צו רבקהלע זיידעל מיט די נײַעס. זי האָט אים אַראָפּגעוואָרפן פון אַלע טרעפּ, און ער איז צוריקגעלאָפן וואָרענען אלקנהן, אַז ער וועט מוזן אָנקומען צו בעטלברויט. די אַלמנה וועט אים נישט רופן צו אַ דין־תורה, נאָר זיך לאָדן מיט אים אין געריכט. זי וועט אָנהענגען אַ שלאָס אויף זײַן געשעפט און צונעמען פאַר אַ משכון זײַן גאַנץ באַלעבאַטישקייט פון הויז, און זאָלן די שיינע בעלי־בתים זען וואָס עס ווערט פון אַ סוחר, וואָס ס׳האָט זיך אים פאַרגלוסט צוצונעמען געלט ביי אַן איינזאַמער אַלמנה. טאָמער איז די חרפּה געווען ווינציק, האָט זיך אָפּגעזוכט דער אַלמנהס אַ ווײַטער קרוב פון טבריה און אויפגערייצט אלקנהס אָפּגעגט ווײַב זי זאָל גיין ברעכן שויבן, נישט דערלאָזן מבייש זײַן איר פאַרזעסענע בת־יחידה. ער אַליין האָט געסטראַשעט צו מאַכן אַ בורא מאורי האש און פאַרברענען אלקנהס קראָם מיט די סחורות.

אויס שרעק האָט אלקנה זיך נישט דערוועגט צו ווײַזן ס׳פּנים פאַר מענטשן. אַלע ווייסן, אַז נעבען נפול שטייט תיפול און ווען אַן אָפּגעקומענער פאַלט, הויבט ער זיך אָן קײַקלען ביז צום אָפּגרונט. נאָענטע ידידים האָבן פון אים געווײַכט. קאָנקורענטן האָבן אָנגעקוואָלן. אין גאַנץ ירושלים האָט מען גערעדט פון דער חרפּה. דער גרוש איז געוואָרן צו שאַנד און צו שפּאָט בײַ קינד און קייט. בלויז אַ נס האָט אים געקענט העלפן. דער מנשא

האָט געטענהט: „נאָר די חופה־שטאַנגען קאָנען אָפּווישן דײַן חוב", אלקנה האָט זיך מצער געווען: „ווי קאָן איך פאַרשעמען מײַן בת־יחידה? כ'וועל בעסער אַראָפּ אין קבר". און ווי ס'האָט שוין געהאַלטן ביי באו מים עד נפש, האָט דער ספרדי, דער מנשא, אויפגעזוכט גדליהן, און דער טעפּעך־הענדלער איז אָנגעקומען מיטן טלית. נישט קיין טעפּעך־הענדלער האָט דענסטמאָל זיך באַוויזן אין קוואַרטאַל אבן־ישראל, נאָר אַ בעל־מופת. דעם זעלבן טאָג האָט מען אײַנגעשטילט די צוויי זין. אַ וואָך שפּעטער האָט זיך געיאָוועט אַן עלטערער וויללערנער, אַ בעלן חתונה צו האָבן מיט דער איבערגעצײַטיקטער מויד. ס'איז פאַרבײַ אַ חודש און מ'האָט געשטעלט צוויי חופות אין איין מעת לעת. דער אַלטער גרוש האָט מקדש געווען די אלמנה און דער וויללערנער זײַן בת־יחידה. בײַ ביידע שמחות האָבן געשאָלט שופרות אין ירושלים. אלקנהן און זײַן הויזגעזינט איז באַשערט געווען תורה וגדולה.

און גדליה האָט אויך געוווסט צו דערציילן פון אַ פּקדון, אַ קעסטל מיט צירונג, וואָס אַן עגונה האָט אײַנגעלייגט בײַם פּרנס פונעם כולל אנשי אונגאַרן, און ווען זי איז געקומען אויסלייזן איר פאַרמעגן, האָט ער געלייקנט שטיין און ביין, אַז זי האָט בײַ אים פאַרמשכּנט איר האָב און גוטס. די אומגליקלעכע עגונה האָט דעם פּרנס געשלעפּט צו אַ דין־תּורה, אָבער ס'האָבן איר געפעלט ערלעכע עדות, וואָס זאָלן פאַר איר גוט זאָגן. ווען גדליה האָט זיך באַוויזן אין בית־דין־שטוב און אויסגעשפּרייט דעם טלית, איז דער פּרנס געפאַלען אויפן פּנים און מודה געווען, אַז ער האָט געוואָלט באַרויבן די אָרעמע עגונה.

און פון אַ רײַכן עפענדי, וואָס בײַ אים האָט געטראָפן אַ מאַליער, האָט גדליה דערציילט. דער עפענדי איז געווען אַ פרומער מאַכמעדאַנער, פאַרכטיק ווי אַ דערוויש. אין איינעם אַ טאָג איז אָוועקגעפאַלן זײַן איינציקער זון אויף אַ געהיימער שלאַפקייט, דאָקטוירים האָבן נישט געקענט דערגיין וואָס די מחלה איז. דער עפענדי האָט געשיקט ברענגען אַ צויבער־היילער פון דמשק, אַ כּישוף־מאַכער פון איסטאַמבול, אַ בלינדן שייך פון מעקאַ, אָבער זיי אַלע האָבן געהאַט געליימטע הענט, ביז ער האָט דורך זײַן לײַבוועכטער זיך דערוווסטו וועגן גדליהן דעם טעפּעך־הענדלער. און גדליה איז געקומען צו לויפן מיט גרויס אימפּעט, ער האָט שוין פון לאַנג געלעכצט צו באַווײַזן דעם כּוח פון דעם הייליקן געוואַנד אויך צו די אַראַבער. בײַם אַרײַנקומען אין דעם עפענדיס הויז איז דער טעפּעך־הענדלער גרייט געווען אײַנצוּוויקלען דעם קראַנקן גוף פון דעם יונגן

אַראָבער אין טלית, אָבער ווי ער האָט זיך דערמאָנט אַז מלאכים זיצן און וועבן אויס לויטערע יריעות, וואָס פון זיי מאַכט מען טליתים פאַר צדיקים, איז אים אַ פחד באַפאַלן. ער האָט אַליין זיך איינגעהילט אין דעם טלית, אָפגעזאָגט אַ פּאָר בענטשוועטער צום חולה און די שלאָפקייט איז ווי מיט דער האַנט אָוועקגענומען געוואָרן.

אַמבליבסטן האָט דער טעפּעך־הענדלער דערציילט וואָס ס'איז פאַרלאָפן מיט דעם טלית מיט הונדערטער יאָרן פריער, אין דעם וויַיטן לאַנד אַלזשי־ריע, ווען אַ ייִדישע קריגס־פירערין האָט מיטן כוח פון דעם הייליקן געוואַנד באַזיגט אַ שטאַרקן שונא.

גדליה האָט די מעשה געהערט פון דעם אָפּגעריסענעם פּליט, וואָס האָט אים געשאָנקען דעם טלית אויפן וועג צו דער אַלטשטאָט. דאָס איז זיך פאַרלאָפן אין אַ ביטערער צייַט פון גזירות און פורעניות. אַ מחנה פאַר־טריבענע ייִדן פון ארץ־ישראל האָט געוואַנדערט איבער אַפריקע און זיך באַזעצט אין אַלזשיריע צווישן די בערבערן. אין יענער צייַט האָט ביי־טייל בערבערן־שבטים אין דער מדינה אויפגעוואַכט אַ לוסט צו לערנען גאָטס תורה און זיי האָבן זיך באַקערט צו דער ייִדישער אמונה. זיי האָבן גענומען פאַר וויַיבער די טעכטער פון די אַנטרונענע ייִדן און באַשיצט זייערע משפחות קעגען די מדבר־קריגערס. אָבער פאַר זייער געטרייַשאַפט האָבן זיי פאַרלאַנגט אַ באַלוינונג. זיי האָבן אויסגענומען מיט די ייִדישע שכנים:

— אונדזערע ברידער זייַט איר. טוט אָן שווערדן אויף אייַערע לענדן און קומט מלחמה האַלטן מיט אונדזערע פייַנד!

די ייִדן האָבן באַנומען אַז די שונאים פון די בערבערן זענען אויך זייערע שונאים און איבער נאַכט איז אויפגעשטאַנען אַ ייִדישע אַרמיי, די דזשערואַ־מחנה, אַ חייל פון גיבורים, וואָס האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די אַרעס־בערג. די קריגסלייַט האָבן אַנגעוואָרפן אַ פחד אויף די מדבר־רויבערס און גרויזאַמע בעדויִנער. ס'האָט נישט איין מאָל געטראָפן אַז ווען די מאַכ־מעדאַנישע שווערדן־פעכטערס זענען צוריקגעקומען פון זייערע הייליקע מלחמות און, שיכורע פון נצחון, באַפאַלן די ייִדישע הייַזער, זענען אַרויס די דזשערואַ־קריגסמענער און נישט געלאָזט פון זיי קיין שריד ופליט. די קאַליפן זענען געווען פאַרבליפט, די וויזירן האָבן זיך געחידושט, די סול־טאַנען זענען אַרייַן אין גרימצאָרן, ווייַל די אומדערשראָקענע אַרמיי איז געפירט געוואָרן נישט פון קיין שלאַכטמאַן, נאָר פון אַ פרוי, די טאָכטער פון אַ פאַרטריבענער משפחה צווישן די אבלי־ציון. וואָס איז געווען איר

נאָמען? ווער איז געווען איר פֿאָטער? קיינער האָט נישט געוווסט איר אָפּשטאַם, אָבער מען האָט זי גערופֿן: די קאַהינאַ, די כּוהנת, ווייל זי אַליין האָט זיך אויסגעגעבן, אַז זי איז די טאָכטער פֿון אַ כּהן טבת בן נתניאל. זי האָט אָפּגעהיטן אַלע דינים און מצוות פֿון דער תּורה ווי אַ מאַנצביל און באַפֿוילן אירע כּהנים אַכטונג צו געבן, אַז אירע קריגסמענער זאָלן זײַן יראַי־שמים. אין דער קאַהינאַס האַרץ האָט געברענט אַ העליש פֿײַער. זי האָט זיך פֿאַרשווירן נקמה צו נעמען אַן די נוגשים, וואָס האָבן געפּײַניקט די אבלי־ציון. זי האָט פֿאַראייניקט איר חיל מיט די בערבערן־שבטים אין איין מחנה פֿון שטאַרקע שווערדן־טרעגערס. אין יעדער מלחמה איז זי פֿאַרויסגעריטן פֿאַר אירע גיבורים אַקעגן די שונאים, וואָס האָבן זיך אײַנגעזאַמלט אין די בערג. פֿון יעדער שלאַכט איז זי צוריק־געקומען מיט נצחונות.

די קאַהינאַ האָט געשמט מיט איר שיינקייט. זי איז געווען אַ יפֿת־תּואר, וואָס די גאָטפּאַרכטיקע זקנים האָבן פֿאַרגליכן צו דער מאַמע שׂרה, די ערשטע פֿון די אמהות. אירע נאָכלויפֿערס האָבן זי גערופֿן: די רויז פֿון מאַגרעב. די עלטסטע פֿון די שבטים האָבן זיך געשדכנט צו איר, אָבער זי האָט מער נישט געוואָלט דערקענען קיין מאַן אויס נקמה פֿאַר די אָפּגענאַרטע ליבעס. אַלס קליין מיידל האָט זי אַרויסגעוויזן אויסטערלישע גבֿורות. זי איז געווען אַ פֿלינקע שווימערין, געריטן אויף לויפֿפֿערד און אויסגעמאַסטן דעם מדבר אויף יאַגקעמלען. זי איז געווען אַ וואַרזאָגערין און געלייענט די מחשבֿות פֿון זינדיקע מאַנצבילן. זי האָט זיך געקענט ראַנגלען מיט אַ לייב און אַ לעמפּערט און געווען אַ מאַדים מיט פֿײַל און בויגן. די הערשערס האָבן זי באַוווּנדערט. די בערבערן זענען תּמיד געלעגן אויף די קני פֿאַר פּרויען, וואָס קענען פֿעכטן ווי זכרים.

ד

יונגערהייט האָט די קאַהינאַ געזאָטן פֿון לוסט אָפּצוטאָן אַלערליי פֿאַר־שײַטקייטן. זי האָט באַגערט שטאַרקע מאַנצבילן און געטוישט אירע גע־ליבטע ווי אַ סולטאַן זײַנע יעוונוכן.

איין מאָל איז אַן אַלטער קאַליף פֿון ליביע דורכגעריטן די אַרעס־בערג. דערזען די יונגע קאַהינאַ, האָט ער אויסגערופֿן: „זי איז באַשאַפֿן געוואָרן צו זײַן מײַן דינסט און מײַן האַרינטע!" ער האָט צוליב דער שיינער טאָכטער זיך געוואָלט מגייר זײַן. איר פֿאָטער איז געוואָרן משוגע פֿון פֿרייד, וואָס דער רײַכער מאַכטהאָבער ווועט אים באַלוינען מיט

עשירות. די טאָכטער האָט נישט געוואָלט טיילן איר געלעגער מיט דעם אַלטן קאַליף. זי האָט דענסטמאָל געהאַט אַ יונגן געליבטן, אַ פּאַסטוך. ווען דער פֿאַרליבטער הערשער האָט זיך דערוווּסט פֿון דער ווידערשפּעניקער קאַהינאַ, האָט ער פֿאַרלאַנגט זײַן רעכט לויטן געזעץ פֿון זײַן מדינה. ער האָט געשיקט זײַנע קנעכט זיי זאָלן זי ברענגען צו אים ווי מען ברענגט אַ כּלה צום חתן אין דער ערשטער נאַכט נאָך דער חופּה. דעם כּהנס משפּחה האָט נישט געהאַט קיין באַשיצערס. די קאַהינאַ איז אַ געבונדענע געבראַכט געוואָרן צום זינדיקן מאַכטהאָבער און ער איז געקומען צו איר. אָבער אין מיטן נאַכט איז זי אַרויסגעלאָפן פֿון זײַן פּאַלאַץ מיט אַ שווערד, אײַנגעטונקען אין בלוט. זי האָט אָפּגעשניטן דעם קאָפּ פֿון איר שענדער.

זי איז אַנטרונען אין דער שטאָט קערואַן. צו מאָרגנס איז איר באַהעלטעניש שוין געווען אין די בערג פֿון אָרעס. די דזשערואַ־קריגסלײַט האָבן געהערט, אַז זי האָט געטויט דעם אַלטן קאַליף און זי געקרוינט אַלס די הערשערין פֿון דער אַרמיי. זי האָט אין אַלע שלאַכטן די ערשטע געפֿאָכטן מיט איר שווערד און די אָפּגעהאַקטע קעפּ האָט זי צוריקגעבּרענגט אין קוישן. ווי פֿיל מלחמות זי האָט פֿאַרפֿירט אַזוי פֿיל נצחונות האָט זי געבּרענגט. דעם מוראדיקסטן קריג האָט זי געפֿירט מיט דעם מעכטיקן מאַכמעדאַנישן שלאַכטמאַן כּאַסאַן איבן הומאַן, וואָס אים האָט מען אויך גערופֿן: דער גרויזמאַר מוסולמאַן. כּאַסאַן, וואָס האָט מיט זײַן חייל צוריקגעקערט פֿון זיגרײַכע שלאַכטן, האָט זיך דערנענטערט צום לאַגער פֿון דער דזשערואַ־אַרמיי און דאָרט אָנגעשלאָגן זײַן געצעלט. די קנעכט האָבן געבראַכט שעפּסן, כּישוף־מאַכערס האָבן געוויזן צויבערשטיק, שפּילווײַבער האָבן אַנטבלויזטע פֿאַר אים געטאַנצט. נאָכן מאַלצײַט איז כּאַסאַן, באַרוישט פֿון נצחון, געווען זיכער אַז אַללאַ האָט די וועלט באַשאַפֿן כּדי ער זאָל לייגן אַלע פֿעלקער צו זײַנע פֿיס. ער האָט געפֿרעגט זײַנע ראַטגעבערס:

— וואָס נאָך איז געבליבן אונטער דער זון פֿאַר מיר צו דעראָבערן?

און די ראַטגעבערס האָבן געענטפֿערט:

— אויב דו וועסט נאָר פֿאַרטיליקן די קאַהינאַ, וועסטו געוועלטיקן איבער דעם גאַנצן מאַגרעב. וועסט זײַן דער אײנציקער הערשער אין אַפֿריקע.

כּאַסאַן האָט באַפֿוילן אין באַגינען אָנצוגורטן זײַן חייל מיט שווערן וואָפֿן. אַן אויסשפּירער פֿון אַ בערבערן־שבט האָט זיך דערוווּסט פֿון כּאַסאַנס תּחבולה און דאָס אַרויסגעגעבן צו דער קאַהינאַ. אין אײַלעניש האָט די

יידישע הערשערין אויסגעשפרייט אין מיטן דער נאַכט איר אַרמיי פון בערבערן, קריסטן און פושים ווי אַ מעכטיקע קייט אַרום די בערג. ווען דער גרויזאַמער מוסולמאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַר טאָג, איז זײַן חייל שוין געווען אײַנגעקלעמט ווי אין אַ צוואַנג. זײַן מפּלה איז געווען אַזוי גרויס, אַז די גאַנצע מדבר־אַרמיי איז אַפּגעווישט געוואָרן. כּאַסאַן דער מוסולמאַן איז אַנטלאָפן. די שטאָלצע קאַהינאַ איז אַרײַנגעריטן מיט איר אַרמיי אין קאַרטאַגע. זי האָט אַנגעשפּאַרט אין די ווײַטסטע מקומות און אומעטום באַצוואונגען אירע פֿײַנד. פעלקער האָבן זיך איר אונטערגעגעבן, קריסטלעכע בישאָפן זענען איר אַקעגנגעגאַנגען מיט טײַערע מתּנות. די אײַנגענומענע שטעט האָבן איר געצאָלט צינזן.

פינף יאָר נאָך איר נצחון האָט געהערשט שלום אין דעם באַרגיקן לאַנד, אָבער אויפן זעקסטן יאָר זענען די אַראַבער אַנגעריטן מיט אַזוי פיל חייל, אַז די וואָלקנס שטויב הינטער זייערע פערד האָבן פאַרשטעלט דאָס ליכט פון דער זון. מיט דער ריזיקער אַרמיי איז אויך מיטגעקומען דער געשלאָגענער כּאַסאַן, וואָס האָט געדאַרשט נאָך נקמה אָן דער שטאַרקער הערשערין. ער האָט געריטן אויף אַ יאַגקעמל פאַרויס, אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַן אויפגעהויבענע שווערד, אין דער צווייטער האַנט אַ געפּ־לאַכטענעם קאַרב און געשריגן:

— אין דעם קויש וועל איך ברענגען דעם קאָפּ פון דער קאַהינאַ קיין באַגדאַד!

די קאַהינאַ האָט באַפוילן אירע שלאַכטלײַט אַנצוטאָן די וואָפנקליידער און גערופן די אַרמייען פון אירע פאַרבינדעטע פעלקער. אָבער די קריגס־פירערס, וואָס האָבן מיט איר פריער געשלאָסן אַ בונד פון שלום און מלחמה, אויף זיי איז פלוצעם געפאַלן אַ פּחד, דערזעענדיק די מאַכמעדאַנישע שווערדן־פעכטערס, וואָס זענען געווען אַזוי ווי דאָס זאַמד אין מדבר, און זיי האָבן די קאַהינאַ פאַרראַטן. כּאַסאַן, דער גרויזאַמער מוסולמאַן, האָט צוגעזאָגט זײַנע זעלנערס רויב, שיינע פרויען און שקלאַפן נאָכן זיג, און די קאַהינאַ איז געוואָרן פאַרלאָזן פון איר געטרײַע.

פאַרצווייפלט פון דעם באַטרוג, האָט זי אויסגערופן אַ מלחמה אויף די פּחדנים, וואָס זענען פון איר אַנטלאָפן. זי אַליין האָט אַנגעטאָן אַ קופּער־נעם פאַנצער און אַ קיווער, זיך געזעצט אויף איר פערד און נאָכן אײַנ־זאַמלען די שבטים אויפן באַרג, האָט זי זיי געוואָרנט:

— די גרויזאַמע שלאַכטמענער פון די מדבריות וועלן זיך באָדן אין אײַער בלוט. דעריבער גייט אַרויס און מאַכט חרוב אײַערע היימען. מיט די

שווערדן שנײַדט אָפּ די צווײַגן פון אײַערע ביימער און מיט די פאַקלען פאַרברענט אײַערע ווײנערטער, ווײַל איר טאָרט נישט אונטערגיין מיט חרפּה.

די געטרײַע זענען צעטומלטע געפאַלן אויף די פּנימער. די עלטסטע פון די שבטים האָבן איר נישט געקענט צוזאָגן אויספירן דעם אכזריותדיקן באַפעל. די דערצאָרנטע הערשערין האָט אויפגעהויבן די הענט ווי עדות צום הימל און אויסגערופן:

— כ׳באַשווער אײַך פאַר גאָט! איר וועט נישט לעבן אין פאַרשעמונג און איר טאָרט נישט שטאַרבן אין פּחדנות! נאָך היינט הויבט אָן די פאַרוויסטונג. פאַרברענט די פלאַנצן פון אײַערע גאָרטנס און טריקנט אויס די זאַפטן פון דער ערד, אַז די שונאים זאָלן נישט צערויבן אײַערע פאַרמעגנס, נישט ירשענען אײַערע הייזער, און נישט שענדן אײַערע פרויען! מאַכט חרוב אײַער לאַנד פאַר דעם גלויבן פון אונדזערע אָבות און אויס ליבע צום אַלמעכטיקן גאָט!

די געטרײַע האָבן געפאָלגט און פאַרוויסט דאָס לאַנד, אָבער כאַסאַנס מוראדיקע חיילות זענען נישט אָפּגעטראָטן. די מחנה האָט געלויערט פון זונאויפגאַנג ביז זונאונטערגאַנג, גרייט אָנצוגרײַפן דעם באַרג אין פרימאָרגן. יענעם טאָג האָט די קאַהינאַ געפאַסט און תּפילה געטאָן ביז האַלבער נאַכט. און ווי זי איז פון מידקייט אײַנגעזונקען אין אַ טיפן שלאָף, האָט זי געהאַט אַן אויסטערלישן חלום. אַ זקן, אַ צעשטראָלטער גרײַז, וואָס זי האָט קיין מאָל פריער נישט געזען, האָט זיך באַוויזן צו איר מיט דעם אויסגעשפּרייטן טלית און געזאָגט: „דו ביסט די טאָכטער פון אַ שטאָלצער כּהנים־משפּחה. מיט דעם דאָזיקן הייליקן געוואַנד וועסטו דערשלאָגן דעם פײַנד. נאָך פאַר זונאויפגאַנג גיי אַרויף אויפן שפּיץ באַרג, כ׳וועל וואַרטן אויף דיר״.

פאַר טאָג האָט זי זיך אויפגעכאַפּט און אַרויפגעקלעטערט אויפן שפּיץ באַרג. דער זקן האָט געהאַלטן זײַן הבטחה. ווי נאָר ער האָט זי דערזען, האָט ער אַרויפגעוואָרפן אויף אירע אַקסלען דעם טלית און איז פאַרשוווּנדען. ווען איז אַזוינס געהערט געוואָרן און ווו האָט אַ ילוד־אשה אַזוינס געזען, אַז אַ פרוי זאָל זיך אײַנהילן אין דעם הייליקן געוואַנד, וואָס איז אויס־געוועבט פאַר זכרים? אָבער אויף דער העלדישער קאַהינאַ האָט דער טלית אויפגעלויכטן ווי דער פּורפּור־מאַנטל פון אַ מלכּה. פון דער עטרה איז געוואָרן אַ קרוין, פון די ציצית גאָלדענע פרענדזן, וואָס מ׳זעט אויף די לענדן פון פאַרצײַטיקע מלכים. אַ הימלישע לויטערקייט ווי אַ וואָלקן אויס־געהעקלט פון שטראַלן, האָט אײַנגעהילט די הערשערין און ווען דאָס

ליכט פון טאָג אין אויפגעגאַנגען, איז זי אַרויס אין מלחמה מיט איר הײַפל גיבורים און צעמאָלן דעם שונא אויף שטויב. בלויז איינער איז פון דער שלאַכט ניצול געוואָרן, כאַסאַן דער מוסולמאַן.

פאַר דער דאָזיקער מעשה מיט דער העלדישער קאַהינאַ האָט גדליה דעם טעפּעך־הענדלער נישט געפעלט קיין צוהערערס. אַלע האָבן אָנגע־שטעלט מויל און אויערן, אָבער טייל האָבן אים נישט געגלויבט. די צווייפלערס האָבן געהויבן די ברעמען. די ניכטערע האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס. די, וואָס זענען דורכגעגאַנגען אַ לעבן מיט נסיונות, האָבן זיך געקראַצט אין די בערד, געזאָגט, אַז ער האָט די מעשה אויסגעזויגן פון פינגער. אָבער גדליה האָט געהאַט דעם כוח שטום צו מאַכן אומגלויביקע ווי נאָר ער האָט געעפנט די ליפּן. ווי ווינציק ער האָט געקענט זאָגן פון אַ ספר, אַזאַ כישוף האָט ער געהאַט אויף דער צונג. אויך יענע, וואָס האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ פּלוידערזאַק, האָבן זיך געקוויקט מיט זײַנע מעשיות.

איין מאָל האָט ער די מעשה איבערדערציילט פאַר אַ געזעמל אין מאַרק. צווישן די בײַזיצערס איז געווען אַ בשמים־הענדלער פון איראַק, אַ מזיק, אַ צעלאָזענער פרענק, ברייט און אָנגעגאָסן ווי אַ פאַשאַ. ער האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ באָק מיט אַ שיטערן צאָפּ באָרד און אַ צונג ווי פעפער. ר׳האָט מיט דעם אָנשטעל פון אַ תּם געפרעגט בײַם טעפּעך־הענדלער:

— אַ צדיקת מיט אַ טלית, וואָס? און זי האָט געדאַוונט שחרית יעדן פרימאָרגן מיט די מאַנסלײַט? כ׳וועל שווערן, אַז מיט אַזאַ כוח־גברא האָט זי געמעגט פּסקענען שאלות, געבען חופּה־וקדושין און באַשניידן זכרים.

גדליה האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ פײַערדיקן בליק. פון רוגזה האָט דאָס לינקע אויג גענומען שיקלען, אָבער דער איראַקער בשמים־הענדלער איז נישט נתפּעל געוואָרן.

— דערציילט ווייטער — האָט ער געזאָגט — מיט וואָסערע כלי־זין האָט זי באַוויזן גרעסערע גבורות? מיט דער שווערד צי מיט דעם מוהל־מעסער?

דאָס געזעמל אַרום האָט זיך צעלאַכט. דעם טעפּעך־הענדלער האָט נישט געשמעקט דאָס ליצנות. ער האָט אַ בייזער אַ זאָג געטאָן:

— דער טלית איז בײַ איר נישט געבליבן קיין איין מעת־לעת.

פון גרויס חידוש האָט דער צאָפּ באָרד בײַ דעם איראַקער זיך צעפּעכערט.

— אַזוי? די צדיקת איז געוואָרן אַ לעסטערין? — האָט ער געפרעגט — די פרומע נשמה האָט נישט אָפּגעהיט דעם הייליקן אוצר?

— אַז ווערסט אויפהערן טרײַבן ליצנות, וועסטו זיך דערוויסן דעם אמת — האָט גדליה זיך געקאָכט — נאָכן נצחון האָט זי דעם טלית אָוועק־געשאָנקען איינעם פון אירע שלאַכטלייט און פון דעמאָלט אָן האָט ס'מזל זי פאַרלאָזן. די, וואָס האָבן אויף איר באַפעל פאַרוויסט דאָס לאַנד, האָבן איר קיין מאָל נישט מוחל געווען דעם חורבן. יאָרן שפּעטער האָבן זיי די הערשערין פאַרשאָלטן.

און דער טעפּעך־הענדלער האָט דערציילט יענע מעשה ביזן ביטערן סוף, נישט פאַרפעלט פון גוטס ביז שלעכטס און אויסגעגעבן, אַז די פאַר־וואָגלטע פון איר שבט, וואָס האָבן געטרויערט אויפן חורבן פון זייער לאַנד, האָבן פאַרפאַסט שאַנדלידער נאָך דער גרויזאַמער קאַהינאַ. בעטלערס אויף די הויפן האָבן געזונגען: „אָ, זין פון ישורון, פאַרגעסט נישט אײַערע אונטערדיקערס די כאַלדעער, די מאַכמעדאַנער, דעם קיסר האַדריאַן און די קאַהינאַ״.

צען יאָר שפּעטער האָט כאַסאַן איבן הומאַן ווידער זיך באַוויזן אין דעם פאַרוויסטן לאַנד פון דער קאַהינאַ. ער איז געקומען מיט אַ גרויסער מחנה פײַלן־שיסערס און שפּיזן־וואַרפערס. אויך דענסטמאָל האָט אַ מוט־וויליקער צווישן אירע וועכטערס, אַ הינטערליסטיקער בערבער, וואָס האָט געלעכצט נאָך איר לײַב, זי פאַרראַטן. כאַסאַן דער גרויזאַמער האָט פאַר־נומען די אויסגעברענטע ערד. די קאַהינאַ איז אַנטלאָפן אויף יענער זײַט פון די בערג און זיך אויסבאַהאַלטן הינטער אַ ברונעם. אַלע טײַכן גייען צום ים און דער ים ווערט נישט פול. אַלע טרערן רינען אַראָפּ אין תהום און דער תהום האָט נישט קיין גרונד. די קאַהינאַ האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען דרײַ טעג און דרײַ נעכט. און אַזוי ווי זי האָט פריער באַפוילן אירע קריגסלייט, אַז אויב ס'איז זיי באַשערט אונטערצוגיין, זאָלן זיי פאַלן מיט כבוד, אַזוי האָט זי אַליין אויך נישט געקענט לעבן אין פאַרשעמונג און נישט געטאָרט שטאַרבן אין פּחדנות. זי האָט נישט געוואָלט געפאַנגען ווערן פונעם שונא און איז געפאַלן אויף איר שווערד. דער זיגער כאַסאַן האָט געבערענגט איר קאָפּ קיין באַגדאַד און אויס כבוד צו דער העלדישער קריגערין האָט ער אָנגערופן דעם ברונעם אויף איר נאָמען: ביר אַל קאַהינאַ, — דער ברונעם פון דער קאַהינאַ, און דער דאָזיגער נאָמען איז געבליבן ביז אויפן הײַנטיקן טאָג.

— ה —

ס'איז דאָ אַ גרענעץ צום גליק און ס'נעמט אַ סוף צו דער גדולה פון דעם, וואָס האָלט ס'מזל פאַר די אויערן. גדליה האָט געהאַט אַן אוצר אין

זײַן באַזיץ, אָבער ר׳האָט דאָס נישט געקענט האַלטן אויף אייביק. ער האָט דעם אוצר אָנגעוואָרן צוליב קלות־דעת, גאווה אָדער אײַנרעדענישן. ווי שטייט אין משלי: אַ בײַטש פאַרן פערד, אַ צאַם פאַרן אייזל און אַ רוט פאַרן רוקן פון דעם נאַר... פאַר זײַן אייטלקייט האָט דער טעפּעך־הענדלער פאַרלוירן דאָס הייליקע געוואַנד. און געשען איז עס אַזוי:

ס׳איז געווען אין ערשטן טאָג ראש־השנה, ווען גדליה דער טעפּעך־הענדלער איז אַוועק מיט אַ הײַפל שכנים צו תשליך צום אַלטן ברונעם, וואָס אויפן קהלשן הויף הינטער מצודת־ציון. כאָטש דער מנהג פון תשליך איז צו גיין צו אַ טײַך מיט פיש, מעג מער אָבער אין אַ שטאָט אָן אַ טײַך גיין צו אַ קוואַל אָדער אַ ברונעם. גדליה האָט נאָך רעכט נישט געענדיקט דאַוונען מנחה, ווי ער האָט שוין געטריבן דאָס געזעמל צום ברונעם. די, וואָס האָבן אים באַגלייט, האָבן פּלוצעם דערזען אין אים אַן אויסטערלישע ענדערונג. גראָד אין דעם הייליקן טאָג איז ער באַצוווּנגען געוואָרן פון ווילדע באַגערן. ער האָט פאַרשײַט נאָכגעקוקט די פרומע ווײַבער, וואָס זענען געזעסן אויף די שוועלן און ווערענדעס פון די הײַזער. ער האָט געמאַכט אייגעלעך צו זייערע צנועהדיקע טעכטער. ער האָט געשפּעט פון די שוואַכע זקנים, וואָס האָבן קוים זיך צוריקגעשלעפּט פון דער שול. אַ לוסט, צי פון יצר־הרע, צי פון אַ קליפּה האָט אים אונטערגעזאָגט מיט־צונעמען דאָס הייליקע געוואַנד צוליב דעם מזל, וואָס דאָס האָט אים ביז אַהער געבראַכט. די באַגלייטערס האָבן פון אים געלאַכט, אָבער ער האָט צו זיך געזאָגט: אויב איך בין דורכן יאָר אומווילִיק באַגאַנגען אַ זינד, ווער איך אַ חוזר בתשובה און מײַנע זינד וועלן בעסער אָפּגערייניקט ווערן מיטן כוח פונעם מזלדיקן טלית. און נאָך האָט ער געזאָגט: אַזוי ווי דאָס וואַסער וואַשט אָפּ די אומצוכט פון גוף, אַזוי וועט דאָס הייליקע געוואַנד מיך לײַטערן פון אַלע קליפּות. ער האָט אין דעם טלית זיך נישט אײַנגע־הילט. נאָר אים געהאַלטן אין די הענט. ער האָט מיט גרויס כוונה אָפּגעזאָגט די תפילה און ווי ער האָט געהאַלטן בײַ די ווערטער: ותשליך במצולת ים כל חטאתם... און דו וועסט אַרײַנוואַרפן אין די טיפענישן פון ים אַלע זייערע חטאים... האָט פּלוצעם גענומען בלאָזן אַ שטאַרקער ווינט, וואָס האָט אַרויסגעריסן דעם טלית פון זײַנע הענט און דאָס געוואַנד איז כהרף־עין אַרײַנגעפאַלן אין ברונעם.

קיין מענטש געוועלטיקט נישט איבערן ווינט און קיין גיבור קאָן נישט אײַנהאַלטן דעם שטורעם. גדליה האָט געוואָלט אַרײַנשפּרינגען אין ברונעם, אָבער דאָס געזעמל אַרום האָט אים אָפּגעהאַלטן. ער האָט אַרויס־

געלאָזט אומגעהאַרישע קולות און זיי האָבן געמיינט, אַז ער האָט געקראָגן טירוף־הדעת. דאָס ערגסטע איז געווען וואָס מ׳האָט דעם טלית נישט אַרויס־געזען פון וואַסער. דער געוואַנד איז גלײַך אַראָפּגעזונקען ווי אין תהום פון ים. אין דער בהלה איז געוואָרן אַן אַנלויף. גדליה האָט נישט דערקענט קיין מענטשן. ווי געטראָפן פון אַ דונער האָט ער געקראָגן אַ צעמישעניש. אַ מבולבלדיקער האָט ער געבענטשט, געשאָלטן, געריסן פון זיך שטיקער לײַב און געפאַלן אין חלשות. קיין ייִדישן רופא האָט מען אין יום־טוב נישט געקענט קריגן, און ווײַל ס׳איז געווען פּיקוח־נפש, האָט מען אים אָוועקגעטראָגן אַ האַלב טויטן צום פראַנצויזישן דאָקטאָר אין דעם אַראַבישן קוואַרטאַל קאַטאַמאָן.

גאַנצע זיבן יאָר האָבן די פּאַראומגליקטע, די אָפּגעקומענע, די געש־טראָפטע, די שלאָפע געזוכט בײַ אים הילף און ווער האָט געקענט ציילן ווי פיל ס׳זענען געהאַלפן געוואָרן דורך די ניסים פון זײַן טלית? ווי מיט אַ פלאַמענדיקן שטורקאַץ האָט דער טעפּעך־הענדלער זיך געיאָגט מיט דעם טלית צו די פאַרחושכטע שטיבלעך, געטרייסט די געפאַלענע, גע־ברענגט היילונג צו קראַנקע. ווו מ׳האָט אים געזוכט, איז ער געפונען געוואָרן. ווען מ׳האָט אים גערופן, איז ער אויסגעוואַקסן.

אויפן אַכטן יאָר, זיבט דער טלית איז פאַרזונקען געוואָרן אין ברונעם, איז גדליה געוואָרן ווי אַן אויסגעלאָשענע קויל. ער איז געלעגן אין אַלטן ביקור־חולים־שפּיטאָל אַ געליימטער, האַלב שטום, האַלב טויב. פרומע ווײַבער פון מאה־שערים האָבן אים געברענגט וואַרעמע געקעכצן. וויל־לערנערס האָבן פאַר אים געזאָגט תהילים. ער האָט אויף אַלעמען געגלאָצט מיט אַ פאַר אויפגעריסענע אויגן, אָבער די וועלט איז פאַר אים געווען ווי פאַרלאָשן. מזיקים טרײַבן ליצנות און מחבלים רייצן זיך מיט דעם געפאַלענעם מאַן. גראָד אין יענע טעג פון זײַן אונטערגאַנג האָבן זיך אָפּגעזוכט ליצנים, אָפּשפּעטערס, לעסטערערס — די זעלבע פּלוידערזעק, וואָס גדליה האָט אַ מאָל שטום געמאַכט מיט זײַן צונג — און זיי האָבן געטענהט, אַז אַלע ניסים פון דעם טעפּעך־הענדלער זענען געווען אַ פאַר־בלענדעניש און זײַנע ישועות זענען געווען אָפּנאַררייַ ווי פאַלשע זעונגען אין אַ חלום.

גדליה איז געלעגן אין אַ שלומער און דער מוח איז אים ענג געוואָרן ווי אין אַ הינערפּלעט. בלויז פון מאָל צו מאָל, ווען זײַנע חושים האָבן אויפגעוואַכט, האָט ער זיך דערמאָנט די רייד פון קוהלת און די פאַרחלשטע ליפּן האָבן געמורמלט: טוב שם משמן טוב ויום המות מיום הולדו... אַ

גוטער נאָמען איז בעסער פון גוטן אייל און דער טאָג פון טויט פונעם טאָג ווען מ׳וועט געבוירן... די, וואָס זענען געקומען אים מבקר־חולה זײַן, האָבן אים באַדויערט: וואָס קומט אַרויס דעם טוער פון אַלע זײַנע מיִעניִשן, אַז דער זין פון זײַנע מעשים בלײַבט אַ רעטעניש... די דערבאַרעמ־דיקע האָבן געזיפצט איבער דעם לעבעדיקן מת און איבערגעחזרט, וואָס ס׳איז שוין געזאָגט געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן פריער: פאַראַן אַ צדיק, וואָס גייט אונטער אין זײַן צידקות און פאַראַן אַ רשע, וואָס איז מאריך ימים מיט זײַן שלעכטס.

ווען דער טעפּעך־הענדלער איז געווען אין גסיסה, האָט ער פּלוצעם געקראָגן דעם כּוח פון אַ העלזעער, וואָרעם פאַר זײַנע אויגן האָט ווידער געפלאַטערט דער טלית אַזוי ווי אין די גוטע טעג — אַ לויטער געוועב, כּולו תכלת. און אַזוי ווי אַמאָל איז פון דער צעקנייטשטער עטרה געוואָרן אַ גילדענע קרוין און דאָס פײַער פון מזבח האָט געברענט אין יעדן פאָדעם זײַנעם.

נאָך זײַן טויט האָבן די שומרי־אמונים אַנטפּלעקט, אַז דער טעפּעך־הענדלער איז געווען אַ בעל־חלומות. אָבער דער פּרנס פונעם כּולל אנשי אונגאַרן, וואָס האָט אַ מאָל געוואָלט באַטריגן די אלמנה, האָט זיך גע־שווירן, אַז אין אַלע זײַנע טאָוונגען איז גדליה געווען אַ פאַרבאָרגענער בעל־מופת, אַ נסתר. אַ חודש נאָך דער קבורה איז אַן אַראַבישער וואַסער־טרעגער געגאַנגען צום ברונעם אָנשעפּן זײַנע עמערס און, אומגעריכט פאַר אַלעמען, אַרויסגעשלעפּט דעם טלית. די, וואָס זענען געווען געטרײַ גדליהן בײַ זײַן לעבן, האָבן אויסגעלייזט דעם טלית בײַם אַראַבער. אַ סופר־סתם האָט דאָס געוואָנד בודק געווען, אָבער ס׳געוועב איז געווען אויסגעלאָשן פון די פאַרבאָרגענע ציצות, אויסגעהוילט פון דער לויטערער פּראַכט, וואָס האָט אַנגעצונדן ניסים ווי שטערן.

ערשט דענסטמאָל האָט אייגער אַ ווילעלערנער זיך דערמאָנט, אַז בײַ גדליהס גסיסה האָט ער אונטערגעהערט ווי דער טעפּעך־הענדלער זאָגט אַ שטיל געבעט צום באַשעפער, אַז אויב ס׳וועט קומען אַ טאָג און מ׳וועט געפינען דעם טלית, און די קדושה וועט חלילה זײַן אָפּגעטאָן פונעם געוואַנד, זאָל זײַן נשמה פון דעסטוועגן באַלוינט ווערן פאַר דער איינציקער מצווה זײַנער, וואָס ר׳איז געבליבן דער געטרײַער היטער פון הייליקן טלית אין גאָטס שטאָט. נישט קיין שטול אין גן־עדן האָט ער געבעטן, נישט קיין חלק שור־הבר און נישט קיין כּוס יין־משומר. קליין איז געווען דער שכר, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט. דער רבון כּל עולמים זאָל אָפּהיטן

זייַן הבטחה, אַז ס'זאָל נישט אָפּגעטאָן ווערן די קדושה פון דער אויס־דערוויילטער שטאָט ביזן סוף פון אַלע דורות. וואָרעם אין די העכסטע הייכען איבער ירושלים רייַטן מלאָכים אויף בלויע וואָלקנס און זיי וועבן אויס לויטערע יריעות, וואָס פון זיי מאַכט מען טליתים פאַר די פאַרבאָרגענע צדיקים.

אַ חלום אין מדבר

— א —

ער איז געבליבן אַליין אין מדבר נאָך דער לעצטער שלאַכט אין סיני, אַ פאַרוואַגלטער זעלנער אין דער אָפּוועך־מלחמה פון ישראל קעגן מצרים. אויפן צווייטן טאָג נאָך דעם ווי דאָס געשלאָגענע עגיפּטישע חייל איז צוריק־געטראָגן הינטער אל עריש, איז ער געשטאַנען אַ פאַרלאָזענער אין דעם אָפענעם לאַנד אָן צוימען. דער אומענדלעכער אויסשפּרייט אונטער דער פלאַקערדיקער זון האָט אים נישט געשראָקן, אָבער ער איז געווען אָפּ־געשניטן פון דער וועלט, אויסגעשטעלט צום גנאָד פון הימל און צום צאָרן פון פאַרצוקנדיקע חיות.

יהודה איז געווען זיַין נאָמען. ער איז געווען דאַר און נידעריק, מיט אַ קאָפּ גרויס ווי אַן אַרבוז. ער האָט געהאַט געדיכטע קריַזלעך שוואַרצע האָר און אַ פּאָר ברוינע גליענדיקע אויגן. זיַינע הענט און פיס זענען געווען קנאָכיקע, אָבער זיַין שמאָלער גוף, אויסגעגאָסן ווי פון קופּער, איז געווען וויקלדיק און פלינק ווי ביי אַן אינד אין פעלד. און אַזוי ווי יהודה, יעקבס אוסדערוויילטער זון, איז ער געווען געבענטשט מיט דער גבורה פון אַ יונגן לייב, וואָס מוז אויסוואַקסן פון פאַרצוקונג אין אַן אָרט, ווו די שטאַרקע פּאַרטיליקן די שוואַכע. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ פאַרוואָפענעם ישוב, נישט וויַט פון דעם אַראַבישן דאָרף אַבו עגילה, ביַי דעם גרענעץ פון מצרים. זיַין פאָטער יחיא בן גמליאל, אַ תימנער שוחט, איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין דער וויסטער געגנט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז מיטגעגאַנגען מיט דער ענגלישער אַרמיי נאָכן נצחון איבער די טערקן. ער איז דאָרט געבליבן, אויסגעבויט אַ הײַזל פון ליים און זיך מפרנס געווען פון צושטעלן עופות און גרינסן פאַר דעם מיליטער. אַ יאָר שפּעטער איז ער געוואָרן דער סופר, מוהל און חזן ביַי די זיבן יידישע משפחות, וואָס זענען געקומען וווינען אין דעם אָפּגעלע־גענעם דאָרף. ווען זיַין בכור יהודה איז געבוירן געוואָרן, האָט ער אים געבענטשט, אַז אין דעם אומבאַשיצטן לאַנד זאָל זיַין האַנט זיַין אויפן נאַקן פון זיַינע פיַינד.

יהודה איז אויפגעוואַקסן, אַזוי ווי עס וואַקסן אויס די קינדער פון מדבר, פרײַ און אומדערשראָקן. ער האָט געקענט נאָכמאַכן די קולות פון עופות, פייגל און שאַקאַלן און זיך געלערנט בײַצוקומען די חיות, וואָס האָבן געלויערט ביי דער שוועל פון זײַן פאָטערס הויז. דער טאַטע האָט אים נישט געגעבן די ברכה, אַז ער זאָל וואַשן אין ווײַן זײַן קלייד און אין בלוט פון טרויבן זײַן בגד, נאָר אים געוואָרנט, אַז ער זאָל זײַן שטאַרק ווי אַן אכזר, ווײַל ווילד איז דער מדבר און יעדער בעדויִנער און קעמל־רײַטער איז אַ וואָלף וואָס פאַרצוקט. אין דער פרי עסט ער פאַנג און אין אוונט טיילט ער רויב. אַכט און צוואַנציק יאָר איז יהודה אַלט געווען, ווען די ווידערגעבוירענע ישראל איז באַפאַלן געוואָרן פון די אַראַבישע אַרמייען. נאָך איידער מען האָט אים גערופן צום דינסט, איז ער אַוועק זיך שלאָגן אין דער באַפרײַונגס־מלחמה. ער איז געשטאַנען אויף די שוץ־פונקטן בײַ די באַלאַגערטע ישובים הינטער יפו, ער האָט באַוואַכט דעם פאַרבאָרגענעם הינטערוועג קיין ירושלים. ווען די עגיפּטער זענען אַרײַנ־געדרונגען פון עזה קיין דרום, איז זײַן דאָרף איבער נאַכט חרוב געוואָרן, זײַן פאָטערס הויז איז אַוועק מיטן פײַער און די משפחה איז אַנטלאָפן ביז סדום. יהודה איז געשיקט געוואָרן מיט די שטורס־באַטאַליאָנען קיין דרום, צו באַפרײַען די פאַרנומענע שטחים. די ביטערע שלאַכטן האָבן געדויערט צוויי טעג ביז דער שונא איז פאַרטריבן געוואָרן. אָבער איין עגיפּטישע אָפּטיילונג, וואָס האָט אויסגעמיטן אַ צוזאַמענשטויס מיט דער אַרמיי פון ישראל, האָט געפונען אַ הײַפל פאַרבלאָנדזשעטע ישראל־זעלנערס, און יהודה, איינער פון די פאַרוואָגלטע, איז אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט.

די עגיפּטער האָבן זיך געפרייט מיט דעם קליינעם נצחון און אין אײַלעניש געצויגן פאַרויס צו דער גרענעץ פון עזה. ס'איז געווען פאַר זונאויפגאַנג, ווען זיי האָבן פאַרשלעפּט זייערע געפאַנגענע אין אַ הייל, ווו ס'זענען געווען אײַנגעזונקען די חורבות פון אַ פאַרצײַטיקן טעמפּל. דאָרט האָבן זיי בײַ די אומבאַשיצטע פאַרבונדן די אויגן, פאַרלייגט שטריק אויף זייערע הענט און צוגעפעסטיקט זייערע רוקנס צו די אָפּגעבראָכענע זײַלן. די געפאַנגענע זענען געוואָרן אָפּגעשיידט, זיי זאָלן נישט קענען רעדן איינער צום אַנדערן. זיכערע, אַז ס'איז מער נישטאָ קיין אַנטרינונג פאַר זיי, האָבן די מידע עגיפּטער אָפּגעגעסן זייער שפּײַז און זיך געלייגט שלאָפן אויף דער שוואַרצער שטיינערנער ערד. יהודה איז נישט געווען דערשלאָגן. די פינצטערניש הינטער די פאַרבונדענע אויגן האָט פאַר אים אויסגעלאָשן די וועלט, אָבער דער ווילן זיך אַרויסצורײַסן פון דער געפענגעניש איז

געווען שטאַרקער פון דעם פּחד פאַר די באַצווינגערס. די עגיפּטישע זעלנערס זענען אײַנגעזונקען אין אַ טיפן שלאָף. ער האָט געהערט זייער שנאָרכן און מיט די אויפגעוואַכטע כּוחות פון אַ געבונדענער חיה האָט ער אָנגעהויבן זיך ראַנגלען מיט דער שטריק, וואָס איז געווען ענג פאַרשטײַפּט אַרום זײַנע הענט.

ער האָט געשאַרט מיט די באַרוועסע פיס פאַרויס ווי צו אַן אומגעזעענעם ציל. בלויז איין שפּרײַז האָט ער באַוויזן צו מאַכן ווי ער האָט מיט אַלע חושים דערשפּירט דעם שטיל פון אַ נאַקעטן קינזשאַל, וואָס איז געלעגן צוקאָפּנס פון אַ שלאָפנדיקן וועכטער. מיט די פוספינגער איז אים געלונגען צוצושאַרן דאָס מעסער צו זיך. דאָס מזל, וואָס באַגלייט די פאַרלוירענע, איז געווען מיט אים. ער האָט הינטערווײַלעכץ געריבן זײַן שאַרבן אַן דעם קאַלטן זײַל. אַ שפּיץ פונעם טוך האָט זיך אַראָפּגעשאַרט און אָפּגעדעקט אַ האַלב לינק אויג. דערנאָך האָט ער מיט דער בלינדער קראַפּט, וואָס קומט אומגעריכט צו די פאַרצווייפלטע, ווידער אַ פעסטן צי געטאָן די שטריק פון די געבונדענע הענט און דער קנופּ איז לויז געוואָרן. דער צווייטער ריס איז אָנגעקומען גרינגער. נאָכן דריטן ריס האָט ער באַפרײַט די הענט. ער האָט אַראָפּגעכאַפּט דעם באַנד פון די אויגן, אויפגעהויבן דעם שטילעט און די ביקס פון דעם וועכטער און אויף די שפּיץ פינגער זיך געלאָזט צו דער הייל־עפענונג. דאָס אײַנשטעלעניש איז געווען גרויס, אָבער ער האָט זיך געמוזט אויסדרייען אויף צוריק, מיטצונעמען די באַנקע וואַסער און דאָס זעקל איילבירטן מיט דעם לאַבן ברויט, וואָס איז געלעגן בײַם וועכטער צופוסנס. ווען ער איז אַרויס פון דעם טונקעלן אויסהויל, האָט דאָס פײַער פון דער זון אַ בלענד געטאָן אויף זײַנע אויגן. ס׳איז געווען שוין שפּעט אין פרימאָרגן און ער האָט איבער די גאָלדענע זאַמדן, וואָס האָבן זיך אויסגעשפּרייט ווי אַ פאַרגליווערטער ים, געוואָלט זיך רוימען אַ וועג צום לאַגער פון די ישׂראל־זעלנערס.

ער האָט אויפגעהויבן די האַנטפלאַך איבער די ברעמען און געקוקט צו די פיר ווינקלען פון דער וועלט. שטייענדיק פאַר די אומענדלעכע שטרעקעס, האָט ער זיך געפילט אײַנגעשרומפּן, אַן איינזאַמע מילב אין דעם מעכטיקן באַשאַף. פון דעם פלאַקערדיקן ליכט האָבן זײַנע באַקן און שטערן זיך געריבצלט מיט פעלדלעך און קנייטשלעך ווי געקאַרבט לעדער. ער האָט געגאַפט צום ווײַטן אויסשפּרייט דאָרט, ווו דער ערדקײַלעך האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט דעם אין־סוף. דער טאָג האָט ערשט אויפגעוואַכט,

אָבער די זונשטראַלן האָבן געשטאָכן ווי הייסע שפּיזן.

ער איז לאַנג געגאַנגען איבער דעם ליכטיקן לאַנד אָן וועגן, אָן שטעגן אַזוי ווי דער איינזאַמער אדם אין בראשית פון באַשאַף. די פּיס זענען געזונקען אין דעם העלן, ווייכן זאַמד. ער האָט געשפּריַיזט פּאָרויס מיט דעם קוראַזש פון אַן אַנטלאָפענעם שקלאַף, וואָס האָט צעריסן זײַנע קייטן. אין האַלבן טאָג איז זײַן גוף געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז זײַנע קני האָבן אָנגעהויבן זינקען צו דער ערד. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין זאַמד. די אויגן־דעקלעך האָבן שוין געהאַלטן בײַם צופאַלן ווען ער האָט פּלוצעם פון דער ווײַטנס דערזען אַ בערגל, ווו אויפן שפּיץ האָבן אַרויס־געשפּראָצט אַ פּאָר פּאַלמע־ביימער ווי אויסטערלישע פאַרגליווערטע גע־וויקסן. די זעונג איז געווען האַלב וואָר, האַלב חלום, אָבער זײַנע שלייפן האָבן האַסטיקער אָנגעהויבן קלאַפּן. די גרינע צעצווײַגטע פלאַנצן האָבן אויפגעריזלט זײַן בלוט און אויפגעוועקט פרישע כּוחות. די מידע פּיס האָבן אָנגעשעפּט גבֿורה און ער האָט ווי אַ פאַרשיכּורטער זיך דערשלעפּט צום בערגל, ווו צופוסנס האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער, שמאָלער ריוו ווי אַן אויסגעטרינקנטער קאַנאַל. איבערן ריוו האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ הויכער, רויטער פעלדז, געשפּאָלטן אין צווייען. דער אונטערשטער שפּאַלט אין דעם שטיין, אויסגעקאַרבירט פון דער געטלעכער האַנט, איז געווען גענוג גרויס, ער זאָל דאָרט אַוועקלייגן זײַן מידן גוף.

יהודה האָט זיך אויסגעצויגן. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום ברע־נענדיקן הימל און געזוכט וואָלקנס, וואָס זאָלן אַנטראָגן אַ שטורעם און אַראָפּגיסן אַ רעגן. עס פאַלט נישט אין זומער קיין רעגן אין מדבר און קיין שפּריי אין דער וויסטעניש, אָבער ער האָט געבעטן גאָט ס׳זאָלן זיך עפענען די פענצטער פון הימל און ס׳זאָל גיסן אַ מבול. „דאָס געלעגער איז מײַן קבר" — האָט ער געזאָגט — „כ׳וועל אָדער פאַרצערט ווערן אין פײַער פון דער זון, אָדער כ׳וועל דערטרונקען ווערן אין אַ פאַרפלייצעניש. גאָט הוסט מיט דונערן, דער אַלמעכטיקער שפּײַט מיט בליצן, און דער אונטערגאַנג פון דער וועלט קאָן געשען אַזוי רויִק ווי דער אויפגאַנג פון אַ נײַעס טאָג".

און ווי ער איז געלעגן אויסגעשטרעקט אויפן שטיין, אַ פאַרגליווערטער גוף מיט פאַרטויבטע חושים, איז ער אײַנגעזונקען אין אַ טיפן שלאָף. פאַר־בלאָנדזשעטע וואַנדערערס האָבן נישט קיין רו אין שלאָף און ס׳האָט זיך אים געחלומט, אַז ער איז דורכגעגאַנגען די פלאַכע שטרעקעס לאַנד ביזן סוף פון מדבר און צוגעקומען צו אַ בליענדיקן ווײַנגאָרטן. פונעם טויער

איז אַרויסגעשפּרונגען אַ ריזיקער רײַטער אויף אַ באַפליגלט פערד, ער איז געווען אײַנגעהילט אין אַ טונקעלן וויקלמאַנטל. ער האָט געהאַט אַ רימען מיט קוילן איבערן אַקסל און אַ גלאַנציקן קינזשאַל בײַ די לענדן. דאָס ווײַסע קאַפּטוך איז אַראָפּגעהאַנגען איבערן נאַקן. די קינבאַקן האָבן געהאַט טיף אײַנגעשניטענע קאַרבן. זײַנע גערדיכט באַברעמטע אויגן האָבן געבליצט ווי מעסערס.

— דערקענסט מיך? — האָט דער רײַטער געפרעגט.

— ווי אַזוי זאָל איך דיך דערקענען, אַז איך באַטרעט צום ערשטן מאָל דאָס דאָזיקע ווי־סטע לאַנד. כ׳בין אַנטלאָפן פון די שונאים און כ׳שטיי דאָ אַ פאַרלאָזענער פון גאָט, אַן איינזאַמער וואָרעם צווישן הימל און ערד.

דער רײַטער האָט זיך צעלאַכט מיט אַ דונערדיקן געלעכטער.

— אויך איך בין איינזאַם, אָבער נישט ווי אַ וואָרעם נאָר ווי אַן אָדלער. כ׳בין דער האַר פון מדבר און מײַן נעסט איז מײַן קעניגרייך. האָסט געהערט פון יוסף איבן עזירא?

— ניין.

— מיט דרײַ הונדערט יאָר פריער האָבן דאָ געלעבט מײַנע אורעלטערן, די זין פון נהור, אַ שבט פון אומדערשראָקענע קריגסלייט. זייער אָפּשטאַם איז פון די פאַרטריבענע ייִדן אין בבל. די בני נהור זענען געווען גרויזאַמע שלאַכטמענער. זיי האָבן זיך אַרויסגעריסן פון זייערע באַצווינגערס, געפירט מלחמות און געהאַט נצחונות. מײַן ברודער ביסטו, יהודה. איך בין דער לעצטער יורש פון מײַנע העלדישע אבות.

— פאַר וואָס וואַנדערסטו אין דער וויסטעניש, איבן עזירא?

— כ׳זוך, אַזוי ווי דו, נקמה אָן די פאַרברעכערס, וואָס האָבן פאַרברענט די וווינערטער פון מײַנע אורעלטערן. אָבער מיר איז בעסער פון דיר, דו ביסט אַ סלחן צו דײַנע פײַנד. איך באַשטראָף די רוצחים.

— אויך איך האָב באַשטראָפט מײַנע פײַנד. כ׳בין געווען זייער פאַנג, אָבער כ׳בין אַנטרונען פון זייער נעץ.

דער רײַטער האָט זיך אַ הויב אַרויס געטאָן פון זאָטל ווי ער וואָלט געהאַט נאָדלען אין געזעס. פון שטויבונג זענען די טיפע קאַרבן אַרום זײַנע טונקעלע ליפּן אײַנגעלאָפן, זײַנע אויגן האָבן געלאַכט.

— די שטאַרקע טוען אָפּשעצן פון די קליינע גרויסהאַלטערס — האָט ער געזאָגט — ווען אַ וואָרעם טוט אַ ביס אַ לייב, צי באַרימט ער זיך נישט, אַז אין זײַן קליינעם גוף פליסט לייבנבלוט? דו האָסט צומאָל נישט אַ קראַץ געטאָן די פיאָטע פון דײַנע פײַניקערס און דו מיינסט, אַז

דו האָסט נקמה גענומען פאַר דײַנע געפאַלענע ברידער. פון מײַן ווײַנ־גאָרטן, ווי פון אַ פעסטונג, לויער איך אויף די וואַנדערנדיקע קאַראַוואַנען און כ׳פאַנג די קעמל־טרײַבערס אַזוי ווי דערשראָקענע פיש אין אַ נעץ. דײַן דאָרף האָט דער שונא פאַרוויסט, דײַן פאָטערס הויז פאַרברענט און דו האָסט בלויז געראַטעוועט דײַן לײַב. אָבער איך געדענק תמיד דאָס געבאָט פון בלוט־אויסלייזונג. ביסט הונגעריק?

— כ׳האָב שוין דרײַ טעג נישט פאַרזוכט קיין שפּײַז.

—אין דער וויסטעניש גיט די ערד נישט אַרויס קיין ברויט. די פייגל פון הימל וועלן פאַר דיר נישט זײַן קיין מאכל. דו וועסט אין מדבר נישט געפינען קיין אָקס, קיין לאָם און קיין ציג. דו וועסט צומאָל נישט טרעפן קיין באַרגשעפס. אַ לייב און אַ טיגער און אַ לעמפערט וועלן אויף דיר לויערן. ווי שטאַרק זענען דײַנע אָרעמס? אַ ביקס און אַ קינזשאַל זענען נישט גענוג בײַצוקומען פאַרצוקנדיקע חיות. קום אַרײַן אין מײַן ווײַנגאָרטן, וועסט עסן רײַפע פרוכטן און טרינקען זיסן ווײַן.

אויף יענער זײַט טויער איז דער געדיכטער ווײַנגאָרטן געווען פינצטער ווי אַ וואַלד. דיביימער זענען געווען אַזוי באַלאָדן מיט פײַגן, טייטלען און איילבירטן, אַז דער פעטער זאַפט איז אַראָפּגערונען צו דער ערד. דאָס פערד האָט צעשפרייט די פליגלען און אַוועקגעפלויגן אין די וואָלקנס. נאָכן אָפּעסן אַ פאָר צווײַגן מיט פרוכטן האָט יוסף איבן עזירא דערלאַנגט זײַן גאַסט אַ לאָגל ווײַן און אַליין האָט ער זיך געזעצט רויכערן פון אַ נאַרגילע. יהודה האָט געטרונקען דעם ווײַן און געזען ווי דאָס בערגל קוילן אויפן האַלדז פון דער נאַרגילע־פלאַש האָט אויפגעטליעט נישט מיט פונקען, נאָר מיט קנוילן פײַער. בײַם גאַסטגעבער האָבן די בליציקע אויגן אויך אויפגעפלאַקערט מיט פײַער־קנוילן, ווען ער האָט אָנגעהויבן דערציילן:

— איך בין דער ריכטער אין מדבר און מײַן שווערד טיילט אויס גערעכטיקייט אָן רחמנות. ווען אַ פאַרמשפּטער רויבער פאַלט צו מײַנע פיס און בעט אויף זײַן לעבן, בלײַבן מײַנע ליפּן שטום. מײַן ענטפער שרײַב איך אָן מיט דער שווערד אויף זײַן שטערן. געדענק, דער רויבער איז אַ ליגנער און בײַם רוצח, וואָס בעט רחמנות, איז דאָס האַרץ דורכ־געווערעמט פון באַטרוג. מוזסט זײַן אָן אַכזר צום פאַרברעכער! איידער כ׳בין געוואָרן אַ שווערדן־טרעגער האָב איך געפיטערט שאָף. מײַן דאָרף איז געווען פרידלעך און כ׳האָב קיין מאָל נישט געשמעקט דעם ריח פון בלוט. איין מאָל אין אַ באַגינען, ווען כ׳האָב אַרויסגעפירט מײַן סטאַדע אין די בערג, בין איך פאַרבײַגעגאַנגען אַ הויפן מיט פעלדזן און כ׳בין

אַ דערשראָקענער אָפּגעשפּרונגען. פון אַ שפּאַלט האָט זיך געטראָגן אַ געֿ־שטאַנק פון אַ נבלה. כ׳האָב געמיינט ס׳איז אַ טויטער קעמל צי אַ געפאַלן פערד. מיט דער האַנט אויף דער נאָז בין איך אַרײַנגעקראָכן אין דעם שפּאַלט און כ׳בין פּאַרציטערט געוואָרן. מײַן אייגענער פעטער שבח בחײַ, דער מוכטאַר פון דאָרף, איז געלעגן מיט אַן איבערגעשניטענעם האַלדז. לויט דעם שווערן געשטאַנק פון דעם גוף, האָב איך באַנומען, אַז דער הרוג ליגט שוין דאָרט אַ סך טעג. כ׳האָב גערופן דעם עלטסטן וואַלשערער פונעם דאָרף שאַרם אַ שייך און צוגעשטעלט אַ מעסער צו זײַן האַרץ. ער האָט מודה געווען, אַז די זין פון דער משפּחה אַריף האָבן אים געשאָכטן, ווײַל די דאָרפסלײַט האָבן זיי אָפּגענאַרט, אַז דער זקן האָט געשענדט זײַנע שוועסטער.

יוסף איבן עזירא האָט אַראָפּגעשאַרט דאָס אַש פון דעם בערגל קוילן אויפן האַלדז פון דער נאַרגילע־פלאַש. ער האָט טיף אַרײַנגעצויגן דעם רויך. די געדיכטע ברעמען האָבן ווי בײַטשן זיך אײַנגעקאָרטשעט איבער די פלאַמענדיקע אויגן. ער האָט געשמייכלט מיט אַ פול מויל פאַרשוימטע ציין.

— יענעם טאָג האָב איך מער נישט געפּיטערט מײַן סטאַדע. די נקמה האָט אין מיר געברענט. די לוסט נאָך בלוט־אויסלייזונג, וואָס רינט אין די אָדערן פון אַלע בני נאַהור, האָט מיך געטריבן אויפצוזוכן די רוצחים. די זעלבע נאַכט האָב איך פאַרנאַרט דעם יינגסטן זון פון דער אַריף־משפּחה אין דעם שערהויז. כ׳האָב אים צוגעזאָגט אַ נאַכט מיט דער ערשטער בתולה, וואָס וועט זיך באַווײַזן אין שטאָטטויער פון רפיח. אָבער ווי נאָר ער איז אַוועק ברענגען אַ געשאָכטענעם קאַלב ווי אַ צייכן פון אַ בונד פון פרידן, איז ער אויסגערונען ווי דער רויך פון אַ וואַלקן. כ׳האָב אים געזוכט אין די פוקסן־לעכער, אין די אויסהוילענישן און אים נישט געפונען. ער האָט אויסגעמיטן די בײַטש פון גערעכטיקייט, און דער פאַראומגליקער פון מײַן ערלעכן פעטער לויפט הײַנט אַרום אומבאַשטראָפט. אויפן זיבעטן טאָג האָב איך מיר געגעבן אַ שבועה, אַז כ׳וועל אויף אים לויערן ווי דער האָרנשלאַנג אין דעם אָפענעם לאַנד.

דער מדבר־רײַטער האָט אַ צי געטאָן פונעם נאַרגילע־שלויך, זיך צעוויגט און געזאָגט:

— געדענקסט דעם אַנזאָג פון אונדזער פאָטער יעקב צו זײַן זון דן, ער זאָל לעבן אומדערשראָקן און האַלטן מלחמה אָן פּחד אַזוי ווי אַ זון פון די שטאַלצע שבטים פון ישראל? יעקב האָט געזאָגט צו דנען ער זאָל זײַן אַ שלאַנג אויפן וועג און אַ האָרנשלאַנג אויפן שטעג, וואָס בײַסט די טריט פון דעם פערד און זײַן רײַטער פאַלט אַהינטער. קוק אויף מיר, יהודה!

כ׳האָב פֿאַרלאָזן דאָס רוישיקע וווינאָרט, פֿאַרטריבן די זינדיקע לוסטוויַבער, אויסגעלאָשן אַלע תּאוות פֿון גוף און זיך באַזעצט אין דעם נאַקעטן לאַנד. איך לעב אין איינזאַמקייט, ווײַל איך וואַרט אויף דעם טאָג פֿון אָפּרעכע־נונג. ווי צעשפּרייטע שאָף איז ישׂראל אַ מאָל געווען אין דעם דאָזיקן מדבר. רויבער־פֿעלקער זענען אים באַפֿאַלן, האַרדעס לייבן האָבן אים געוואָלט פֿאַרצוקן און ווי פֿיל אומדערשראָקענע זין האָבן זיך אַנגענומען פֿאַר זײַן כּבֿוד? און דו, יהודה, נאָך אַלע אַכזריותן, וואָס די מצרים, האָבן געטאָן צו דײַן פֿאָטערס הויז, צו דײַן דאָרף, צו ווילסטו דען זײַן אַזוי ווי יששכר, אַ בייניקער אייזל, וואָס הויערט צווישן די שאָפּגעהעפֿטן און קווועלט אַן פֿון דער רו אין וויסטן לאַנד? צי ווילסטו דען בייגן דײַן רוקן אונטערן יאָך פֿון שונא און זײַן צינזקנעכט ווערן? שטיי אויף, יהודה, פֿון דײַן אומגליקלעכן שלאָף און גורט זיך אָן מיט דער קראַפֿט פֿון אַ גיבור! די זון וועט פֿאַרגיין און איך וועל דיך פֿאַרלאָזן. דו וועסט בלײַבן אַליין, און ווי דו וועסט אויפֿוואַכן, לויף אַרויס אין אָפֿענעם מדבר און שלאָג די, וואָס האָבן זיך פֿאַרמאָסטן צו פֿאַרטיליקן דײַן שטאַם אין יעדן דור. שלאָג זיי מיט צאָרן, שלאָג זיי מיט דעם פֿײַער פֿון דײַן בלוט, ווײַל אויך דו, אַזוי ווי יענע וואָס זענען שוין געפֿאַלן אין מלחמה, ביסט אַן אָנשפּאַר פֿאַר דעם פֿעלדז פֿון ישׂראל!

— ב —

און ווי דער מדבר־רײַטער איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אַ שוואַרצער רויך זיך אויפֿגעהויבן צום הימל און אויסגעלאָשן דאָס ליכט פֿון טאָג. פֿונעם רויך איז געוואָרן אַ נעפּל, געדיכט ווי די נאַכט־פֿינצטערניש. דאָס באַפֿליגלטע פֿערד איז ווידער אויסגעוואַקסן. איבן עזיראַ איז אַרײַנגע־שפּרונגען אין דער חשכות, רײַטנדיק אויף זײַן פֿערד, מיט דעם שלויף פֿון דער נאַרגילע צווישן די ליפּן. ער איז אויסגערונען אין דעם נעפּל און אין איינעם מיט אים איז אַוועק דער ווײַנגאָרטן, די געוויקסן, די פֿעלדזן. אין יענעם אויגנבליק האָט אויפֿגעשײַנט אַ ליכטיקייט, וואָס האָט פֿאַרבלענדט דעם גאַנצן באַשאַף מיט אַלע קאָלירן פֿון רעגנבויגן. פֿון דער פֿאַרבלענדעניש האָט אַרויסגעטאַנצט אַ לוסטפֿרוי ווי אַ פֿלאַקער, מיט אַ קאָפּ גלאַנציקע קרויזן האָר, וואָס האָבן געלויכטן ווי ברענענדיקע פֿאַקלען. זי איז געווען ברוינהויטיק מיט רונדע שענקלען, פֿולע אָרעמס און קוועלנ־דיקע בריסטן ווי בײַ אַן אַם. איר לײַב איז געווען אײַנגעהילט אין דינע, דורכזיכטיקע שלייערן.

ווי נאָר יהודה האָט זי דערזען, האָט ער דערשפּירט ווי אין אַלע זייַנע גלידער צינדן זיך פלאַמען. אויף אירע געלענקען זענען געווען בראַסלעטן, אַרום די פּיסקנעכלעך האָבן זיך געוויגט טריטגלעקלעך. אירע באַוועגונגען זענען געווען אַ רגע פאַרשייַט און אַ רגע שעמעוודיק. אירע בלויע פלעמל־דיקע אויגן האָבן געקוקט אויף אים מיט אַ מילדן רייץ, וואָס קען פאַרשי־כּורן שוואַכע זכרים. פון אירע אַנגעטרונקענע ליפּן זענען געפאַלן שעפּ־טשענדיקע רייד:

— ער איז געווען אַן אויסדוכטעניש, דער רייַטער פון ווייַנגאָרטן, הויל ווי דער ווינט אין מדבר. נישטאָ קיין גיבורים אין דעם וויסטן לאַנד. עס שפּראָצן נישט קיין פלאַנצן אין די פלאַקערדיקע זאַמדן און ס׳פליסן נישט קיין זיסע טייַכן. אַלץ וואָס דייַנע אויגן האָבן געזען, איז געווען הוילע פאַרפירעניש. נאָר איך אַליין בין דאָ לעבעדיק און פריש ווי חוה אין טאָג ווען זי איז באַשאַפן געוואָרן. קוק אויף מייַן קוועלנדיק לייַב. ס׳איז טונקל און פול מיט לוסט. ריר אָן מייַנע לענדן און דו וועסט דערשפּירן דעם קוואַל פון לעבן. מייַנע ליפּן קענען אָנצינדן דייַן בלוט און מייַנע אָרעמס קענען דיך בינדן אין קייטן. צי האָט דער רייַטער דיר נישט דערציילט פון דער פריילעכער פאַטימאַ אין לאַנד פון די פאַרבלאַנדזשעטע קריגס־מענער? ציטער נישט, דו ביסט נאָך נישט מייַן געפאַנגענער. וועסט שפּעטער פון אייגענעם ווילן זיך אונטערגעבן.

יהודה האָט געוואָלט אַנטלויפן, אָבער זייַנע פיס זענען געווען ווי אַרייַנגעוואַקסן אין זאַמד. פון פּחד האָט ער געוואָלט אַ געשריי טאָן, אָבער דאָס קול איז דערשטיקט געוואָרן אין זייַן קעל. מיט אַ מאָל האָט ער דערשפּירט כוואַליעס היץ אין זייַנע שלייפן און אַ שטאַרקער באַגער צו באַזיצן די דאָזיקע פרוי האָט אין אים אויפגעפלאַמט. די נאַזלעכער האָבן געפּייַפט. דאָס האַרץ האָט געזעצט. ער האָט אויסגעשטרעקט ביידע הענט, אָבער זיי זענען געווען צו שוואַך אַרומצונעמען פאַטימאַן. מיט דער צניעות פון אַ יונגפרוי האָט זי זיך דערווייַטערט פון אים. זי האָט אים אָנגעקוקט מיט רחמנותדיקע בליקן.

— ס׳איז נישט גוט דעם מאַן אַליין. — האָט זי געזאָגט — אין דיר ברענט אַ פאַרלאַנג נאָך פאַרגעניגן אין מייַן שויס. פרוכטן און ווייַן זענען צו שטילן דעם הונגער, אָבער די וואַרעמקייט פון אַ פרויס לייַב גיט גליק־זעליקייט דער נשמה. דייַן גוף איז זאַט, אָבער דייַן בלוט איז געבליבן דאָרשטיק. צי האָסטו נישט געהערט, אַז איטלעכער שלאַכטמאַן אין מדבר מוז טאַנצן מיט אַ שפּילווייַב איידער ער שאַרפט די שווערד צו מלחמה?

— דער שלאַכטמאַן מוז זײַן אָפּגעשיידט פון דער פרוי ווען ער גייט אַרויס אין מלחמה — האָט יהודה אַרויסגערעדט די רייד ווי ער וואָלט גובר געווען זײַן שוואַכקייט.

— אַזוי רײדן אַלע שוואַכלינגען, וואָס ווערן פאַרוואָגלט אין מדבר. ווי אָרעם דו ביסט אין דײַן פּחד, יהודה! הער אויף זיך צו שרעקן און כ׳וועל זיך דערנענטערן צו דיר. ציטער נישט. אונדזער באַגעגעניש וועט דיך נישט פאַרשעמען. מענלעכער שטאָלץ איז אייטל און מורא פאַרן הימל איז אומזין. דו קענסט מיך מער נישט אויסמײַדן. מײַנע הענט זענען בינדשטריק פון ליבע. קוק אויף מיר, וואָרום פון איצט אָן וועסטו שוין אייביק טראָגן אין זיך מײַן אָפּבילד. ווי נאָר דו וועסט אויפוואַכן פון שלאָף, וועסטו מײַן געשטאַלט טרעפן אומעטום. און אפשר וועל איך זיך באַווײַזן אין דער פאַרוואַנדלונג פון אַ חיה.

און זי איז מיט זאַכטע טריט צוגעקומען צו אים. איר אָטעם האָט אין אים אויסגעלאָשן דעם ווידערשטאַנד, וואָס טליעט אין די פאַרכטיקע און דערשראָקענע. זײַנע אברים האָבן מער נישט געציטערט. ווי צעטומלט ער איז געווען, האָט ער נאָכגעקוקט יעדן באַוועג אירן און דערשפּירט אַ לײַכטן באַריר פון אירע נעגל ווי דעם פלאַטער פון אַ פויגל.

זי האָט זיך געהויבן אויף די שפּיצן פינגער און אויסגעשפּרייט די הענט ווי פליגלען פון אַ שוועבנדיקן מלאך. איר טאַנץ איז געווען באַדאַכט, לאַנגזאַם, גלײַך זי וואָלט געשפּאַנט איבער גלאָז. די טיולן פון איר לײַב האָבן זיך אָפּגעדעקט. זי האָט זיך געטראָגן אין אַ קרײַז. די אָרעמס, די קניען האָבן אײנציקווײַז זיך באַפרײַט פון די צירונג־שטיקער. דאָ האָט זי געלאָזט פאַלן אַ בראַסלעט פון איר געלענק, דאָרט אַ שנירל קייטלעך פון די קניען. אירע אָנגעקוואָלענע גלידער זענען געוואָרן נאַקעט, הויל ווי אַן אָפּגעשיילטע פּרוכט. מיט אײַנגעקאָרטשעטע אַקסלען, ווי אין ספּאַזמען, האָט זי זיך געטראָגן אין אַ ראָד, גיך, אימפּעטיק ווי אין אַ ווילדן געיעג אַרום אַ פײַערדיקן וויקלראָד.

אין מיטן פון דעם צעוויגטן טאַנץ האָט איר אויסזען זיך געענדערט, איין מאָל לויטער און איין מאָל פאַרשײַט, איין ווײַל צניעותדיק, און איין ווײַל פרעך, נאָר איר שטים איז געבליבן ווייך און פאַרפירעריש.

— פאַר מיר זענען געווען אַנדערע פרויען, וואָס האָבן געוועלטיקט אין מדבר. זיי האָבן אַרויסגעפירט אַרמייען אין מלחמות, אָבער זייער אונטערגאַנג איז געקומען גיך, ווײַל זיי האָבן גענוצט די מענלעכע שווערד אַנשטאָט די ווײַבלכע אָרעמס. איך, פאַטימאַ, בין אַ טאָכטער פון אַ בער־

בערן־שבט. פון די לוסטיקע וואַנדערערס האָב איך געהערט, אַז כ׳שטאַם פון די פאַרפירערישע פרויען ביי די פאַרצייטיקע עמונים. מיט אַ סך דורות פריער האָט אין דעם וויסטן לאַנד געקעניגט אַ שטאַרקע מלכּה, אַ טאָכטער פון ישראל, זי האָט געטריבן די אונטערדריקטע שבטים צו אַן אויפשטאַנד אויף די גרויזאַמע אַראַבישע הערשערס. זי אַליין איז געריטן פאַרויס פון איר אַרמיי מיט דער אויפגעהויבענער שווערד און באַפוילן: מאַכט חרוב דעם שונאס ווינערטער, איידער זיי פאַרברענען אייערע הייזער! פאַרוויסט זייערע פעלדער און ווײַנשטאָקן, איידער זיי נעמען געפאַנגען אייערע פרויען און טעכטער! זי האָט געהאַט נצחונות, אָבער זי איז שפּעטער אומגעקומען. זי האָט אַליין געברענגט אויף זיך דעם אונטערגאַנג, ווײַל זי האָט אָפּגע־טריבן דעם אַראַבישן מאַכטהאָבער, וואָס האָט געלייגט זײַן שווערד צו אירע פיס. זעסטו יהודה, דאָס שענסטע ווערק פון באַשעפער איז די פרוי און תּאווה איז איר שטאַרקער וואָפן. אַ קלוגע פאַרפירערין באַזיגט דעם מעכטיקן העלד, אַ צנועה פאַלט אונטער זײַן שפּיז.

זי האָט זיך אַרויסגעדרייט פון אייגענעם קרייז און זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ בויכטאַנץ. די טרייסלענישן פון איר גוף זענען געוואָרן צאַפּלדיקער, דאָס געדריי פון די גלידער האַסטיקער פון אַ וויכער. אירע נאַקעטע קניען האָבן זיך געהויבן, זיך אַראָפּגעלאָזט און זיך אויסגערײַפט ווי צעבויגענע קנאָכן. יהודה האָט דערפילט אַ שטויס פון איר עלנבויגן. ער האָט מיט די שפּיצן פינגער אָנגערירט אירע היפטן און געבליבן שטיין אַן אָפּגעבריטער. זי האָט אים אַרײַנגעלאַכט אין פּנים מיט דעם שטילן רייצנדיקן געלעכטער פון אַ צויבערמאַכערין.

— די גבורה פון אַ מאַנצביל שוימט אין זײַן קערפּער, אָבער ווי אַ מילב ווערט ער אײַנגעשרומפּן קעגן דעם לײַצ פון אַ פרוי. דו האָסט אַקאַרשט באַוויזן דײַן פּחדנות, האָסט זיך דערוועגט אַנצורירן מײַן הויט, אָבער ביסט באַלד צוריקגעשפּרונגען אַ דערשראָקענער. צי איז דאָס נישט אַ צייכן, אַז דו באַגערסט מיך, נאָר דײַן פוסטער שטאָלץ צווינגט דיך צו אונטער־דריקן דײַן באַגער? ווער וועט אין דעם דאָזיקן אויסשפּרייט באַוואונדערן דײַן העלדישקייט? אַפילו דאָס ליכט לויכט בלויז פאַר אַנדערע, אָבער אַליין גייט עס אויס, גבורה איז אומזין און די פּײַניקונג פון גוף ווערט נישט באַלוינט. פאַרגעס, אַז דו ביסט געשיקט געוואָרן נאָכצויאָגן אַן אומ־געזעענעם שונא. קום לעשן דײַן נקמה אין מײַנע אָרעמס. אויב ס׳איז אמת, אַז העכערע כּוחות געוועלטיקן איבער אונדז, האָבן זיי אונדז הײַנט צונויפ־געפירט. אָט דאָס פלאַקערדיקע לאַנד איז אונדזער ווינאַרט. אין דער מורא־

דיקער אײַנזאַמקייט, וואָס איז ריין ווי פֿײַער און לויטער ווי טוי, וועלן מיר געפֿינען אַנטרינונג. ווי לאַנג וועסטו צעגערן? זאָל איך ווי אַ דינסט אָנידערקניִען צו דײַנע פֿיס?

אירע אָרעמס זענען געווען אויסגעשפּרייט ווי פֿלאַטערדיקע פֿליגל. זי איז געשטאַנען פֿאַר אים אַזוי נאָענט, אַז די וואַרעמקייט פֿון איר לײַב איז אַרײַנגעפֿלאָסן אין זײַן בלוט, אָבער די קווענקלעניש, וואָס באַשיצט די אומזיכערע, האָט אים נישט געלאָזט זיך רירן פֿון אָרט. פּלוצעם האָט ער זיך דערזען ווי אַ זקן. אויף איין אויגנבליק האָט ער אָנגעטאָן די געשטאַלט פֿון זײַן טאַטן, דער אײַנגעבויגענער גוף, אײַנגעהילט אין אַ געשטרײַפֿטן כאַלאַט, אַרום קנאַכיקן פּנים באָרד און פּיאות, זײַנע אויגן אָנגעלאָדן מיט פּאַרכט, די צונג שאַרף ווי אַ חלף. אַ געשטאַרקטער האָט ער אויסגערופֿן.

— פֿאַטימאַ, אומגעריכט בין איך פֿאַרוואָגלט געוואָרן אין דעם לײדיקן לאַנד און אומגעריכט האָב איך דיך דאָ געפֿונען. כ'האָב קיין מאָל פֿריער נישט געהערט פֿון דײַן הערשאַפֿט. כ'האָב נישט געוווּסט פֿון דײַנע ליבעס און פֿאַרפֿירעניש, און אויב מען וואָלט מיר דערציילט, אַז דו פֿאַרמאָגסט דעם כּישוף צו פֿאַרוואַנדלען אַ קריגסמאַן אין אַ לאַם, אַ טיגער אין אַ טויב, וואָלט איך געשפּעט פֿון דײַן באַטרוג. ווי כ'האָב דיך דערזען אין דער ערשטער רגע, האָב איך געהאַט די קראַפֿט דיך צו פֿאַרטיליקן אַזוי ווי מען פֿאַרטיליקט אַ וואָרעם, וואָס ווערט צעטראָטן אונטער די פֿיס. רייץ מיך נישט מיט דײַנע פֿאַלשע רייד און פֿאַרבלענד מיך נישט מיט דער פֿאַרשײַטקייט פֿון דײַן לײַב. כ'בין נישט געקומען אַהער פֿון אייגענעם ווילן. כ'ווער געטריבן פֿון אַ שונא, וואָס יאָגט זיך נאָך מײַן קאָפּ. לאָז מיך געפֿינען מײַן וועג. כ'וויל נאָר ראַטעווען דאָס נאַקעטע לעבן און צוריקגיין אין מײַן לאַגער.

זײַן קול האָט זיך געבראָכן. פֿון דער פֿריערדיקער זיכערקייט איז געוואָרן פּחדנות. אין זײַנע רייד איז געווען דאָס געבעט פֿון אַן אונטער־טעניקן.

— איך שטיי אין אַ לאַנד אָן צוימען, אָבער כ'בין געפֿאַנגען אין דער אומענדלעכקייט. יעדער געפֿאַנגענער האָט איין באַגער, אַרויסצורײַסן זיך פֿון דער פֿאַרשפּאַרעניש. פֿאַטימאַ, פֿאַרשטעל נישט דעם וועג פֿאַר דעם פֿאַרבלאָנדזשעטן. פֿאַרהאַלט נישט דעם געיאָגטן אין זײַן געלויף. מאַך נישט אָנמעכטיק דעם, וואָס טאָר נישט אָפּגעשוואַכט ווערן.

זי האָט זיך שטיל צעלאַכט. איר געלעכטער איז באַלד געוואָרן היל־

ביקער, צו ערשט ווי אַ קלינגעריי פון גלעקלעך און דערנאָך אַזוי ווי דאָס קלאַפּעריי אויף פּויקן, וואָס ווערט פאַרטראָגן פון ווייטע ווינטן. זי האָט געלאַכט אָן אָפּשטעל און אירע ווערטער זענען געווען פאַרשייט און טראַציק.

— דו האָסט אָקאָרשט מודה געווען, אַז מיין צויבער האָט דיך אָפּגעשוואַכט — האָט זי געזאָגט — דיינע צאַרנדיקע רייד זענען אַזוי פאַלש ווי די מאַסקע אויפן פּנים פון אַ לץ. דעריבער זיי ערלעך, יהודה, און שריי אויס אָצינד, אַז דו וועסט מיך נישט פאַרלאָזן. אַ מאַנצביל וויל בלויז פילן, אַז ער ווערט געליבט. אַ פרוי פאַרלאַנגט מען זאָל איר דאָס זאָגן פון זונאויפגאַנג ביז זונאונטערגאַנג. בלייב מיט מיר, דו, וואָס ביסט דער עלנטסטער פון אַלע זכרים אויף דער ערד.

פלאַמען האָבן געשפּריצט פון יהודהס אויגן. דער ווידערשטאַנד איז צוריקגעקומען צו אים. ער האָט אויפגעהויבן אַ געבײַלטע פויסט.

— היט זיך פאַר מיין צאָרן, פאַטימאַ! מיין מויל האָט זיך איינגעהאַלטן פון פלוכן, אָבער אַז דו וועסט נישט אויסגעלאָשן ווערן אַזוי ווי דו האָסט פריער אויפגעלויכטן ווי אַ פאַרבלענדעניש פאַר מיינע אויגן, וועט מיין קללה דיך אומברענגען. ווייל ווי אַ וויסט אויסדוכטעניש ביסטו אויפגעקומען און ווי אַן אויסדוכטעניש וועסטו מוזן איינזינקען אין תהום.

ביי די רייד האָט פאַטימאַ זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קניען און זיך צעוויינט.

— פאַרטרייב מיך נישט, יהודה, און וואַרף נישט קיין קללה אויף דער, וואָס איז די אומגליקלעכסטע פרוי אונטער דער זון. אויב ס'איז אמת, אַז פרויען האָבן מער קראַפט אין זייערע טרערן ווי מענער אין זייערע אָרעמס, פאַרוואָס קענען מיינע טרערן דיך נישט רירן? וואָס בין איך שולדיק, אַז ס'איז מיר באַשערט געווען אַרויסצושפּראָצן ווי אַ דופּטיקע פלאַנץ אין דעם גליענדיקן מדבר? צי איז דען נישט שיינקייט אַ געשאַנק פון באַשעפער?

— שיינקייט איז דאָס ערשטע געשאַנק, וואָס דער באַשעפער גיט דער פרוי און אויך די ערשטע מתּנה, וואָס ער נעמט ביי איר אַוועק.

— די שיינקייט וועט קיין מאָל זיך נישט אָפּטאָן פון מיר.

— שפּעט נישט פון גאָטס באַרמהאַרציקער מתּנה. וואַרף זיך נישט מיט זיין גנאָד, וואָס איז פאַרגענגלעך אַזוי ווי אַל דאָס באַשאַפענע. נישטאָ קיין אַנטרינונג פון סוף. אויך דו, פאַטימאַ, וועסט אויסגיין ווי די חיה אין פעלד און ווי דער פויגל אונטער די וואָלקנס. וועסט פאַרוויאַנען אַזוי ווי אַ פאַרוועלקטע בלום.

אַ פאַרצווייפלטע האָט זי אַרומגעכאַפּט זיינע פיס און געשלאָגן דעם

שטערן אַן דער ערד.

— פאַר וואָס קומט מיר די שטראָף צו האָבן דעם סוף פון אַ חיה אין פעלד אָדער פון אַ בלום וואָס פאַרוועלקט ? צי בין איך דען שולדיק, וואָס דער אַלמעכטיקער האָט אַזוי איידל אויסגעפורעמט מײַן גוף, מיר געגעבן אַ האַרץ צו ליבן און לענדן צו געבערן קינדער ? צי בין איך דען נישט דאָס ווערק פון זײַנע הענט ? זע, טויזנט קריגסלייט וואָלטן גליקלעך געווען צו ליגן בײַ מײַנע פיס און דו, אומדאַנקבאַרער וואָס דו ביסט, דו שטויסט מיך אָפּ ! פאַר וואָס ביסטו אַנדערש פון אַלע געזונטע זכרים ? כ׳האָב אַ מאָל געהאַט אַ געליבטן, כאַקים דער רויבער, האָט ער זיך געיאָגט נאָך טויזנט פרויען און זיך נישט געקענט זעטיקן מיט ליבע. איך בין אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט נאָך אים, אָבער זײַן האַרץ איז געווען פאַרסמט פון באַטרוג. ער האָט געגלוסט צו אַלע טעכטער, צו די שיינע און די מיאוסע, צו די פּרינצעסינס און דינסטן. ער האָט געוואָלט טיילן זײַן געלעגער מיט דער אויסדערוויילטער פרוי פון סולטאַן און מיט די קעפּסווייבער אין זײַן האַרעם.

יהודהס שטרענגע בליקן זענען געווען אויף דער קניענדיקער פאַטימאַ. אַ דערצאַרנטער האָט ער געפרעגט.

— צו וואָס דערציילסטו מיר פון דײַן אומרייניקן ליבהאָבער ?

— איך דערצייל דיר פון אים צו באַווײַזן, אַז די ליבע בײַ דעם מאַנצביל איז הוילע לוסט און בײַ דער פרוי ריינער גליק. אָבער די פרוי, וואָס ליבט געטרײַ, ווערט באַלוינט מיט באַטרוג. אונדזער לעבן איז גרויזאַם. דער פּײַן איז דויערהאַפטיקער פון דעם קורצן גליק. הער מיך אויס, יהודה, וואָס ס׳איז זיך פאַרלאָפן מיט כאַקימען. איין מאָל אין אַ פרימאָרגן, ווען ער האָט געלויערט מיט וואָפן הינטער די רויטע פעלדזן, איז פון אַ באַרג־אַראָפּלאָז אָנגעקומען אַ קאַראַוואַן. אויף די קעמלען איז געריטן אַ רײַכער וויזיר מיט זײַנע פינף ווײַבער. דער וויזיר איז געווען רײַכער פון דעם סולטאַן און פרימער פון אַ האָדזשאַ. ער האָט פאַרמאָגט הינטער די מדבריות לאַנדגיטער, וועלדער מיט איילבירטן און ווײַנשטאָקן. מײַן געליבטער האָט דעם קאַראַוואַן אָפּגעשטעלט, אָבער ער, וואָס האָט געלעבט פון רויב, האָט נישט פאַרלאַנגט פונעם וויזיר זײַנע רײַכטימער. ער האָט בלויז געגאַרט אים צו דערנידעריקן און פאַרשעמען זײַנע ווײַבער. כאַקים האָט גערעדט צו אים ווייכע רייד : „פיר אַרויס די ערשטע פון דײַנע פרויען זי זאָל אַנידער־קניען ווי אַ דינסט פאַר מיר, זי זאָל אײַנגראָבן איר קאָפּ אין זאַמד פאַר דעם קנעכט פון מדבר, און איך וועל זי שענדן פאַר דײַנע אויגן. טו אַזוי,

וויזיר, און כ׳וועל נישט אָנרירן דײַן בײַטל און דיר שענקען דאָס לעבן״.
דער וויזיר, וואָס האָט פאַרמאָגט רײַכע לאַנדגיטער, וועלדער מיט איילבירטן און ווײַנשטאָקן, איז געווען אַ שטאָלצער און ער האָט זיך קעגנגעשטעלט. ער האָט נישט געוווּסט, אַז קעגנשטעלן זיך כאַקימען איז אַזוי ווי קעגנשטעלן זיך דער גערעכטיקייט. כאַקים האָט בײַ אים אָפּגעשניטן די רעכטע האַנט, דערנאָך די לינקע האַנט, און שפּעטער ביידע פיס. ווען פון דעם וויזיר איז געבליבן נישט מער ווי אַ האַלבער פאַרבלוטיקער גוף אין זאַמד, איז נישט נאָר זײַן געלט איבערגעגאַנגען צו כאַקימען, אויך די פינף ווײַבער האָבן געהאַרכזאַם זיך אים אָפּגעגעבן.

אויסהערנדיק די רייד פון חרפה, האָט דער דערצאָרנטער יהודה זיך פאַרשטאָפּט די אויערן. מיט אַרויפגעהויבענע הענט ווי אַ שטראָפער איז ער אָציִנד געשטאַנען איבער דער פרוי, וואָס איז אין זײַנע אויגן געווען קויטיקער פון מיסט. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— צויג! צי האָסטו פאַרלוירן די לעצטע בושה, וואָס דו אַנטפּלעקסט פאַר מיר אַלע אומווירדיקייטן פון דײַן פאַראומגליקער?

— ער האָט פאַראומגליקט און געהאַט זײַן ביטערן סוף. אָבער ער איז נישט אַראָפּ אין קבר ווי אַ פאַרשאָלטענער. פאַר די גרויזיק־היטערס איז ער געווען אַ פאַרברעכער און פאַר די אָרעמע בעדויִנער — אַ הייליקער. צו מיר איז ער מער נישט צוריקגעקומען. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין היילן ביז מ׳האָט אים געכאַפּט. די זקנים האָבן דערציילט, אַז נאָך דעם ווי ער איז געמשפּט געוואָרן און מ׳האָט אים אויפגעהאַנגען, איז זײַן ווײַסע נשמה געפלויגן אַקעגן די בלאָזנדיקע טראָמפּייטן, וואָס האָבן אָפּגעהילכט אויף יענער זײַט לעבן.

אַ שטורעמווינט, מוראַדיקער פון אַ געוויטער, האָט פּלוצעם זיך אויפגעהויבן און פאַרשטעלט דאָס ליכט פון באַשאָף. אין איין אויגנבליק איז דער זאַמדיקער שטויב ווי אַ גליִענדיקער, טרוקענער רעגן געפאַלן איבער דעם אויסשפּרייט און באַלד דערנאָך אויסגערונען אין דורכזיכטיקע רויכעס. פאַטימאַ, וואָס איז ערשט געלעגן אונטערטעניק בײַ יהודהס פיס, האָט האַסטיק זיך אויפגעשטעלט. די אַנגסט איז פון איר אַוועק און די קווענקלעניש האָט זיך אָפּגעטאָן. ווי אַ שטאָלצע האַרינטע האָט זי זיך פאַרמאָסטן קעגן דעם, וואָס האָט געמאַנט בײַ איר ריינקייט און צניעות.

— פאַר וואָס זאָלסטו נישט ווערן ענלעך צו אים, יהודה? — האָט זי געזאָגט — אַזוי ווי ער, יאָג זיך נאָך פאַרגעניגן און אַנטלויף פון מלחמה. טויזנט יאָר בין איך געזעסן אַ גליקלעכע אין מײַן איינזאַמקייט ביז דו האָסט

זיך באַוויזן אין דעם קעניגרײַך פון זאַמד. אָבער נישט ווי אַ שטורעמפויגל האָסטו זיך אַרײַנגעריסן, נאָר ווי אַן אומגליקלעכער וואָרעם ביסטו פאַר־קראָכן אַהער. דו אַליין האָסט זיך דאָך געשלאָגן אין מלחמה. דו האָסט צוגעזען אַזוי פיל פּײַן, טרערן און בלוט. צי האָסטו פאַרגעסן דעם זעלנער, וואָס קומט צוריק פון שלאַכט? ער זיצט אין דער טרינקשטוב. אין איין האַנט האַלט ער דעם בעכער ווײַן און מיט דער צווייטער האַנט גלעט ער די לענדן פון דער פריילעכער שפּילפרוי. קוק אויף מיר, יהודה. שעמעוו־דיקייט איז אַ ליגן און בושה איז פאַלש.

ער האָט געשוויגן און זײַנע קניען האָבן זיך געוואַקלט. די הינטער־ליסטיקייט פון דער אוראַלטער שלאַנג איז געווען אין אירע שיינע אויגן, ווען זי האָט געזאָגט:

— אויף אַלע פאַרמעטן איז פאַרשריבן, אַז ליבע איז לוסט און לוסט ברענגט גליקזעליקע רו. צי ווייסטו דען נישט, אַז אויף יענער זײַט מדבר וועלן לענדער חרוב ווערן, מלכים וועלן אוטערגיין און אַלע זעלנערס וועלן אויסשטאַרבן? נאָר די ליבע, וואָס באַהעפט מאַן און פרוי און גיט לעבן צום באַשאַף, וועט נערן אונדזער נשמה און גוף. אומווילן פאַרגייט און דער באַגער דויערט אייביק. אין דעם אויגנבליק, וואָס דו ביסט אַריין אין מײַנע גרענעצן, זענען אַלע מלחמות געבליבן הינטער דיר. זאָלן די שוואַכע און געהאַרכזאַמע גיין צו די שלאַכטן. צי פעלט דען דעם קריגסהאַר שאָף צו דער שחיטה? בלײַב מיט מיר, יהודה, און דו וועסט נישט ווערן קיין שפּײַז פאַר דער פאַרצוקנדיקער חיה. נעם מיך אַרײַן אין דײַנע אָרעמס און דו וועסט נישט פאַרצערט ווערן אין דעם פײַער פון מדבר. באַהעפט זיך מיט מיר און דו וועסט אָפּהאַלטן דעם גרעסטן נצחון פון אַלע גיבורים, ווײַל מיר וועלן שפּינען דאָס אייביקע לעבן.

אירע רייד האָבן אים פאַרשיכּורט ווי שטאַרקער ווײַן. ער האָט אַ פאַר־בליפטער געקוקט אויף דער פאַרשײַטער פרוי, וואָס איז געשטאַנען קעגן אים אַ שטאָלצע און אין איין צײַט אַן אונטערטעניקע. איז זי אַן אויסדוכ־טעניש, הויל ווי שפּינוועבס אָדער אַן ערדיש באַשעפעניש פון בלוט און פלייש? זי האָט אים פאַרגליכן צו אַ וואָרעם און אים געוואָרנט מיט אונטער־גאַנג אין דעם גליענדיקן מדבר. זי האָט אים געהייסן אַנטלויפן פון דער שלאַכט און אים צוגעזאָגט דאָס אייביקע לעבן. איז זי אַ געטלעכע אַנטפּלע־קונג אָדער די לוסטיקע שלאַנג פון שטן? וועלכער כּוח גיט איר די מאַכט צו ווײַזן איבערערדישע וווּנדער? מיט וואָסער קראַפט קען זי אים אַראָפּ־ברענגען דאָס, וואָס די הימלישע כּוחות האָבן פאַר אים נישט צוגעגרייט?

יהודה האָט אײַנגעגראָבן זײַנע אויגן אין פּאַטימאָס לײַב, ווי פּלוצעם האָט איר געשטאַלט זיך אויפגעהויבן איבער אים און זיך אײַנגעוויקלט אין קנוילן פעדעם פון דינעם שפּינוועבס. דאָס ליכט פון באַשאַף האָט ווידער זיך אָנגעצונדן מיט אַלע פײַערן פון די זיבן הימלען. ער האָט דערהערט ווי זי פליסטערט:

— וועסט פון דעם מדבר מער נישט אַרויס, יהודה. אַ פאַרוואָגלטער זעלנער, אַזוי ווי אַ קעמל, לאָזט נאָר איבער די ביינער אין די גליענדיקע זאַמדן. דו ביסט געפאַנגען אין דעם צויבערקרײַז ווי אין אַ פײַערראָד.

און זי האָט ווידער געטאַנצט פאַר אים אין אַ וויקלראָד. איר אויסזען איז נישט געווען לויטער, נישט צניעותדיק און נישט פרעך. מיט אײַנגע־קאַרטשעטע אַקסלען, ווי אין ספּאַזמען, האָט זי זיך געטראָגן גיך, אימפּעט־דיק אין אַ ווילדן געיעג. די טרייסלעניש פון אירע היפּטן זענען געוואָרן צאַפּלדיקער. פון אירע אָרעמס זענען אַראָפּגעפאַלן די שלייערן און פון אירע לענדן די טיולן, און איר אַנגעקוואָלן לײַב איז נאָך אַ מאָל געבליבן נאַקעט און הויל ווי אַן אָפּגעשיילטע פרוכט.

קוקנדיק אויף דער אַנטבלויזטער געשטאַלט פון דער טאַנצדיקער פרוי, וואָס איז געווען אמתער פון חלום און העכער פון דער וואָר, איז יהודה באַפאַלן געוואָרן פון אַ ציטערניש, וואָס האָט פאַרפרירט זײַן גוף. ער האָט זיך אַליין דערזען שטיין אַ נאַקעטער ווי דער פאַרטריבענער אדם אויף יענער זײַט טויער פונעם געטלעכן גאָרטן. ביי זײַנע פיס איז געלעגן אַ שטיק פעל פאַר די לענדן, די ביקס און דער קינזשאַל. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס מעסער און אַרײַנגעשטאָכן אין פּאַטימאָס לײַב. אָבער אַנשטאָט בלוט האָבן פון אירע אַנגעקוואָלענע גלידער אַרויסגעשפּריצט קנוילן ליכט, וואָס האָבן פאַרגאָסן הימל און ערד און ער האָט מיט אַ געשריי זיך איבערגעוועקט.

— ג —

ער איז געווען באַגאָסן פון קאַלטן שווייס און זײַן קערפּער איז געווען דורכגענומען פון אַנגסטן. דאָס האַרטע געלעגער אין דעם פעלדזנשפּאַלט האָט אַזוי ווי צעקרישלט זײַן רוקנביין. אָבער נישט דער אומהיימלעכער חלום, נישט די פינצטערניש אין דעם נאַכטיקן אויסשפּרייט האָט אים גע־האַלטן אין פּחד, נאָר די מוראדיקע שטילקייט, וואָס שלאָגט אַרויס פון טיפע אָפּגרונטן און איז פאַרכטיקער פון גאָטס אָטעם.

אַן אויסגעשעפּטער פון די כּוחות האָט ער קוים זיך אויפגעזעצט. דער

טיפער הימל איז געווען פאַרזייט מיט שטערן. פּלוצעם האָט אַ וואָרעמער, געזאָלצענער ריח אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים אַרײַן. ס'איז געווען דער ריח פון שווייס, אָבער אַזוי שווער און איבלדיק גלײַך ס'וואָלט אויף אים געבלאָזן דער אָטעם פון אַ מעכטיק צעיווירן באַשעפעניש.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום נאַכטיקן הימל און דאָס האַרץ איז אים אײַנגעפאַלן. די האָר אויפן קאָפּ זענען געוואָרן שטײַף ווי דראָטן. פונעם שפּיץ פעלדז איז געפאַלן אויף אים דער שײַן פון צוויי גרינע ליכט ווי בליצלאָמפּן. צווישן די שאָטנס פונעם געשפּאָלטענעם שטיין האָט אויף איין אויגנבליק אים זיך אויסגעדוכט, אַז צוויי ברענענדיקע שטערן זענען אַראָפּגעפאַלן פון הימל. די זונג איז געווען אויסטערליש. דער פריערדיקער אומרו איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צאַפּלדיקער אימה. ער האָט דערזען איבער זײַן קאָפּ אַ ריזיקע חיה, אויסגעצויגן אויפן שטיין ווי אַן אַנטשלאָפענער קעמל.

אין גליענדיקן מדבר וואַנדערט נישט קיין לעבעדיקער קעמל. דענסט־מאָל ווען די מידע לאַסט־חיה גייט אויס אין וועג, ווערט דאָס קעניגרײַך פון זאַמד פאַר איר אַן אָפענער קבר. אָבער די חיה צוקאָפּנס האָט געאָטעמט מיט דעם בריענדיקן געשטאַנק פון אַ טכויר. אויס צעטומלעניש און נײַגער האָט יהודה אויסגעשטרעקט אַ האַנט אַנצורירן דעם קאָפּ פון דעם מעכטיקן באַשעפעניש. אָבער באַלד האָט ער זיך דערמאָנט די אַלטע וואָרענונג: זאָלסט נישט גלעטן אַ בער איידער זײַן פעל ווערט אַ טעפּעך... אין דער פינצטער זענען זײַנע אויגן אַצינד געווען ווי בײַ אַ וואַכטפויגל. די שפּירונג איז געוואָרן שאַרפער. מיט אַ מאָל איז איבער דעם פעלדז אַרויסגעשווומען דאָס בלייכע ליכט פון דער לבנה און ער האָט אָנגעהויבן צו זען אַלץ קלאָרער. פאַר זײַנע אויגן האָט זיך אַרויסגעשיילט די לויכטנדיקע ברוינע פעל פון אַ לייב.

זײַן האַנט האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם קינזשאַל בײַ די לענדן. ער האָט געפונען די ביקס בײַ זײַנע פיס. דער לייב איז געשלאָפן אײַנגעקנוילט און פרידלעך אַזוי ווי אַ לאַם. די געלבלעך־ברוינע פעל מיט די ווייכע פאַלדן האָט בײַם אָטעמען זיך שווער געוויגט. יהודהן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פון מאָל צו מאָל עפענען זיך און פאַרמאַכן זיך די שײַנענדיקע אויגן. דער חיהשער קאָפּ איז געווען אויסגעשטרעקט צו אים רויִק און גרויזאַם צוגלײַך, אַז דאָס בלוט אין זײַן גוף איז אַזש פאַרגליווערט געוואָרן. ווי פיל האַסטיקע געדאַנקען ס'זענען אויפגעשווומען אין זײַן מוח, אַזוי פיל אײַנפאַלן האָבן אויפגעטויכט צו באַשיצן ס'אייגענע לעבן. ער האָט געטראַכט אַרײַנ־

צושטעכן דעם קינזשאַל אינעם לײַב פון דער חיה, אָבער די שרעק איבער־צוּװעקן דעם לײב, װאָס קען ברענגען זײַן שנעלן אונטערגאַנג האָט אין אים אָפּגעטויט דעם באַגער. זײַן האַרץ האָט געשטורעמט אַזוי הילכיק ווי דאָס קלאַפּרײַ אויף אַ פּויק. ער איז געווען אויסגעהוילט פון יעדן ווילן זיך צו שיצן און געבליבן אויסגעשטעלט צו דער סכּנה פון טויט אָדער צו דער האָפענונג פון אַ נס.

און ווײַל ער איז געווען פאַרשטיינט אין זײַן אָנמאַכט, פאַרלאָזן פון הימל, אָפּגעשיידט פון מענטשן, האָט ער געוווסט, אַז זײַן הילף קאָן נאָר קומען פון דעם אומגעזעענעם האַר אין די הויכקייטן, פון דעם אומעטום פאַראַנענעם, וואָס לויערט אויך אַצינד אין די שפּאַלטן פונעם פעלדז. אין זײַן צעמישעניש און פּחד האָט ער זיך דערמאָנט פּסוקים פון תּהילים. די ליפּן האָבן געמורמלט: „דו ביסט מײַן קעניג, גאָט, רוף אויס די ישועה פון יעקבֿ! מיט דיר שטויסן מיר אָפּ אונדזער פײַנד, מיט דײַן נאָמען צעט־רעטן מיר אונדזערע קעגנערס, וואָרום נישט אויף מײַן בויגן פאַרזיכער איך מיך און נישט מײַן שווערד קען מיר העלפן...״ די שרעק האָט אים אויף אַ ווײַל פאַרלאָזט און ער איז אַצינד געווען גענוג שטאַרק צו באַ־טראַכטן דעם אויסזען פונעם לייב, וואָס איז געלעגן אויסגעצויגן פאַר אים אַזוי ווינקלדיק ווי אַ קאַץ אויף אַ ווייכן געוואַנד. די ליפּן און די שטעכיקע גרעטן בײַ די באַקנביינער זענען געווען אויפגעשוואָלן און דאָס איז געווען אַ צייכן, אַז די חיה איז פול מיט לוסט נאָך פאַרצוקונג. זי האָט מסתּמא הײַנט נישט געשטילט איר הונגער מיט מענטשלעך פלייש. דער געדאַנק, אַז דער לייב קען אין דעם אויגנבליק צערײַסן אַ לעבעדיקן מענטש, האָט ווידער געשטויסן יהודהן צו זוכן אַנטרינונג ביי דער געטלעכער מאַכט און ער האָט אַ פאַרלוירענער געשעפּטשעט די רייד פון תּהילים: „אַ מלך ווערט נישט געהאָלפן דורך אַ סך חייל, אַ גיבור ווערט נישט ניצול דורך אַ גרויסן כּוח. אָן אָפּנאַרעניש איז דאָס פערד פון הילף און מיט זײַן גבֿורה קאָן ער נישט ראַטעווען. דאָס אויג פון גאָט איז אויף די, וועלכע פאַרכטן אים...״

די אימה אין מדבר קען אײַנשרימפּן די צײַט, פאַרצערן די לבֿנה און אויסלעשן די שטערן. אין ווײַטן הימל־אויסבויג איז אויף איין מאָל אויס־גערונען די חשכות און בלאַסע שטרײַפן ליכט האָבן אויפגעהעלט איבער די פעלדזנשפּיצן.

אַ מענטש קאָן שטיין מיט איין פוס אין ליים און מיט צווייטן פוס קלעטערן צו די שטערן. דער מונטערער געדאַנק האָט יהודהן געגעבן אויף

איין אויגנבליק יענע רו, וואָס פאַריאָגט די געפאַר פון אַ באַלדיקן טויט. ער איז געווען געניט אין אונטערשיידן די מינים ביי חיות און אונטער דער העלקייט פון אויפגייענדיקן טאָג האָט ער דערזען, אַז דער פאַר־בלאָנדזשעטער לייב איז אַ נקבה. ס׳איז געווען לייכט צו דערקענען איר ווייבלעכקייט. אַרום דעם נאַקן האָט געפעלט די מאַיעסטעטישע גריווע, דער מעכטיקער, צעשויבערטער האַראַנוווּקס ביי אַ זכר. די הויט אויף איר בויך איז געווען העל און איידל. די ברוינע פאַלדן אויפן רוקן זענען געווען אויס־געגלעט ווי זיידענע געוועבן. די לייביכע איז געווען קלענער אין מאָס און אירע לענדן פּרעכטיק אויסגעפורעמט. דער גראַציעזער עק איז געווען געפלעקט מיט אַ גאָלדיק־ברוינער פעל און דאָס פולע, אויסגעבעטע לייב האָט געאָטעמט מיט אַן איידלקייט, ענלעך צו די פוילע באַוועגונגען פון אַ שטיפערישער לוסטפּרוי. אַ פאַרגאַפטער האָט ער נישט געקענט אָפּרייסן די אויגן פון איר קאָפּ, און וואָס לענגער ער האָט געקוקט, אַלץ פאַרגלי־ווערטער איז געוואָרן זיין בליק גלייך אַ פאַרבאַרגענע קראַפט וואָלט אים אָפּגעטאָן אַ כישוף. די מינוטן פון אָפּגעטעמפּטקייט זענען געווען ווי אַן אייביקייט, און פּלוצעם האָט ער אַ צעשטרייטער אַנטדעקט, אַז די לייביכע זעט אויס ווי פאַטימאַ, די מדבר־טענצערין, וואָס האָט זיך באַוויזן צו אים אין חלום.

„מיין גאָט — האָט ער אַן אַנטציקטער אויסגערופן — אַ גוף פון אַ גרויזאַמער חיה מיט דעם איידעלן פּנים פון אַ פרוי!״ אַפילו אין דעם שלאָפנדיקן געזיכט האָבן אויפגעטייעט די פאַרשייטע הנדעלעך, דער רייץ פון יענער פאַרפירערין. איין מחשבה האָט געיאָגט אַ צווייטע און ער האָט זיך דערמאָנט פאַטימאַס וואָרענונג אין חלום: „מיינע אָרעמס זענען בינד־שטריק פון ליבע. קוק אויף מיר, וואָרום פון איצט אָן וועסטו שוין אייביק טראָגן אויף זיך מיין אָפּבילד. ווי נאָר דו וועסט אויפוואַכן פון שלאָף, וועסטו מיין געשטאַלט טרעפן אומעטום... און אפשר וועל איך זיך באַווייזן אין דער פאַרוואַנדלונג פון אַ חיה...״ „אַלמעכטיקער! — האָט ער געזיפצט — ס׳איז זי, די שפּילפרוי פון חלום אין דעם גלגול פון אַ חיה!״

ער האָט זיך געקנייפּט די באַקן, זיך געצופּט ביי די אויערן צי די זעונג איז וואָר. „כ׳בין וואַך ווי אַ פלעדערמויז אין דער נאַכט — האָט ער געזאָגט — כ׳האָב אויסגעמיטן די שווערד פון די אַראַבער, כדי צעריסן צו ווערן פון דער ליבלעכער און אכזריותדיקער חיה״. דער הימל איז געוואָרן אַלץ העלער. אַ פאַס ליכט איז געפאַלן אויף דעם ברוינעם קאָפּ און די לייביכע האָט פּלוצעם געעפנט די גרויסע קעצישע אויגן. דערנאָך האָט

זי אויסגעשטרעקט די לאַפּעס מיט די שאַרפֿע נעגל און אַ גענעץ געטאָן. איר מויל איז געווען ווי אַ קבר, אירע ציין ווי שפּיזן און די אויסגעשפּיצטע צונג ווי אַ פֿייל.

„כ׳וועל מוזן לעבן אין דער געפֿאַר ביז מײַן רעטונג וועט קומען — האָט ער געטראַכט — די באַגעגעניש מיט דער חיה איז נישט אומגעריכט. די מערסטע לייבן לעבן הײַנט אין אַזיע און אַפֿריקע. אַ מאָל האָבן זיי אַרומגעוואָנדערט אין אייראָפּע ביז די ציוויליזאַציע האָט זיי פֿאַרטריבן אין דיווילדע געגנטן פֿון מזרח. דעם קעניג פֿון די חיות ציט עס צום אָפֿענעם מדבר, צו דער נאַקעטער וויסטעניש, צום גרויסן לאַנד אָן צוימען״. יהודה האָט אויפֿגעשווידערט. הייסט עס, אַז הונגעריקע האָרדעס לייבן לויערן אין דעם אומענדלעכן אויסשפּרייט און אײנציקע ווערן פֿאַרוואָגלט אַהער... אויך שמשון האָט אָנגעטראָפֿן אַ יונגן לייב אויפֿן וועג קיין תּמנע, אָבער דער גייסט פֿון גאָט האָט גערוט אויף אים און דער גיבור האָט צעריסן דעם לייב ווי מ׳צערײַסט אַ ציקעלע... קען עס זײַן, אַז די מוראַדיקע חיה, וואָס וואַרפֿט אָן מער אימה איידער אַ טיגער, איז איינע פֿון די פֿאַר־וואָגלטע?

אויף איין רגע איז אים אײַנגעפֿאַלן זיך אַרויסצושאַרן געלאָסן פֿון דעם פֿעלדזשפּאַלט איידער זי וואַכט אויף פֿון איר שלומער. אָבער אַ מעכטיק ברומעניש האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון איר קעל. די חיה האָט זיך אײַנגעקנוילט און מיט אומגעריכטער קראַפֿט אַ צי אויס געטאָן די לאַפּעס, ווי זי וואָלט זיך געגרייט אַ שפּרונג צו טאָן אויף איר קרבן. ביי יהודהן איז אײַנגעפֿאַלן דאָס האַרץ און דער אָטעם האָט זיך אָפּגעשטעלט. ווי שרעקלעך ס׳וועט זײַן זײַן אונטערגאַנג! די לייביכע איז שלויער און וואַכזאַמער פֿון אַלע חיות, וואָס פֿרעסן מענטשפֿלייש און זײַן מאָגערער גוף וועט זײַן אַ פֿלינקער ביסן אויף אירע ציין.

יהודה האָט נאָך אַלס קינד געהערט, אַז אין קראַפֿט קאָן בלויז דער טיגער זיך פֿאַרמעסטן מיט דעם לייב. אַ טיגער ברומט אויך ווי אַ לייב, גרייפֿט אָן ווי אַ לייב און לעבט צווישן פֿלאַנצן אין די ווילדענישן. די לייביכע, די גלוסטיקע חיה, פֿאַרצוקט בײַ נאַכט, אָבער ווען זי ווערט געטריבן פֿון הונגער, לאָזט זי זיך אַרויס נאָך רויב אויך בײַ טאָג.

אין בלאַסן ליכט פֿון אויפֿגייענדיקן טאָג האָט ער באַדעכטיקט אָפּ־געמאָסטן די חיה. ווי ענלעך זי איז צו דער טיגערין! ער האָט געוווּסט, אַז וואָס עלטער זי ווערט, וואָס שוואַכער אירע ציין, אַלץ גרעסער די תּאווה נאָך מענטשנפֿלייש. די לייביכע אַזוי ווי די טיגערין איז ביטערער

פון דער שלאַנג און ס'איז שווער זי אומצוברענגען. צי וויל זי היינט קילן איר לייב אין זיין פאַרפרוירן בלוט? זיינע מחשבות האָבן זיך ווייטער געשפונען: אַ לייב לעבט צוואַנציק יאָר, ווי אַלט קען זי זיין? — האָט ער זיך געפרעגט — און ווי אַזוי האָט זי פאַרבלאַנדזשעט אין דעם נאַקעטן מדבר? צי האָבן דען קלוגע יעגערס פאַרברענט די געוויקסן אַרום איר נעסט און זי אַרויסגעטריבן אין וויסטן לאַנד? יעדער גליד אירער איז אַ מעכטיקער וואָפן. אירע נעגל זענען אַזוי שאַרף, אַז זיי קענען דורכשטעכן די גראָבע הויט פון אַ העלפאַנד. ער האָט ווידער באַטראַכט איר קאָפּ: זי איז נישט גרויזאַם, זי איז צאַרט, איינע פון די שיינע, אײדעלע קעץ. ער האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל: אַלמעכטיקער, אויב באַשיצן מיך איז זי געקומען, צי איז זי נישט אַזוי דערבאַרעמדיק ווי די אונטערטעניקע לייבן וואָס האָבן גערוט אין דניאלס גרוב?

די לייביכע, וואָך, אויסגערוט האָט אַצינד אונטערגעוויגט איר שווער לייב מיט דער פוילקייט פון אַ מיד באַשעפעניש, וואָס באַגערט קיין זאַך נישט אויסער רו. דערנאָך האָט זי מיט דער צונג גענומען אָפּלעקן אירע מוילוויגקלען און אירע לאַפּעס. יהודה האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. אויף זיינע ליפּן האָט אַפילו אויפגעוירן אַ בלייכער שמייכל. „זי איז אַ שטיפערקע — איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק — זי רייניקט איר לייב מיט דער זאָרגפעלטיקייט פון אַ פרוי, וואָס פוצט זיך אין פרימאָרגן. אַזוי וואָלט די לעבעדיקע פאַטימאַ געוואַשן אירע גלידער נאָכן אויפוואַכן פון שלאָף".

אויפגעמונטערט פון דעם געדאַנק, פריי פון אַנגסט, האָט ער פעסטער געדריקט דעם קינזשאַל אין זיין האַנט און געשטעלט אַ טראָט אויף צוריק ווי ער וואָלט גרייט געווען צו פאַרלאָזן דעם ענגן אויסהויל. אין דער רגע האָט די לייביכע זיך אונטערגעהויבן און געקוקט אויף אים מיט אירע מעטאַלענע אויגן. די קראַפט פון איר גלוסטיקן בליק האָט געמאַכט אויפציטערן אין אים יעדן אבר. ער האָט ריזיקירט און זיך גערוקט הינטער־ווייַלעכץ. ער איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ שטיין, וואָס איז געווען אַ טרעפּ צום שפּיץ פעלדז. אָבער די חיה איז מיט פאַרדאַכט אים נאָכגעגאַנגען. ער האָט זיך פאַרמאָסטן קעגן דער גלוסטעניש אין אירע אויגן, גלייך ווי ער וואָלט געוועזן אימשטאַנד זי צו באַזיגן מיט אַן אומגעריכטער צויבערקראַפט. און ווי ער האָט געלאָזט זי צוקומען נאָענט צו אים, האָט ער מיט דער פרייער האַנט אָנגעהויבן צו גלעטן איר געלבלעכע פעל מיט אַ צערטלעכקייט אַזוי ווי מען גלעט דאָס לייב פון אַ צעפּיעשטשעטער פרוי.

נישט אָנטרעפנדיק קיין ווידערשטאַנד האָט ער מיט אַ קוראַזש, אומ־

דערוואַרט פאַר אים אַליין, געפירט זײַן האַנט איבער איר וואַרעמער פעל, פונעם קאַרק ביז אַראָפּ צום ווידל און דערבײַ לײַכט געקיצלט דעם רוקנ־ביין. דאָס אומגלויבלעכע איז געשען. די חיה האָט געוויגט מיט דעם ווידל און אין אירע אויגן האָט אויפגעלויכטן אַ מילדקייט, וואָס מ׳זעט ביי אַ קאַץ ווען זי ווײַזט אַרויס דאַנקבאַרקייט איר באַלעבאָס. יהודה האָט אפילו דערהערט אַ לײַכטן ברום ווי אַ שטילן זיפץ פון פאַרגעניגן. אַנטציקט פון דער ווירקונג וואָס זײַנע צערטלענישן האָבן געהאַט אויף דער לייביכע, האָט ער אַרויפגעלייגט די האַנט אויף איר שאַרבן, זיך געשפּילט מיט אירע אויערן און געקראַצט איר בויך.

ס׳האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז דאָס ריזיקע באַשעפעניש, וואָס קען זײַן צאַרט און שטורמיש, דערבאַרעמדיק און גרויזאַם, האָט אַצינד, קוקנדיק אויף אים, פּלוצעם אײַנגעצערט אין מאָס. איז עס וואָר, אַז דער קערפּער פון אַ לייב, וואָס איז אַזוי מעכטיק ווי אַ לעמפּערט, קען אײַנשרומפּן אין וווקס ווען ער פאַרלירט די לוסט צו פאַרצוקן?

פאַרוווּנדערט פון זײַן אויפטו, איז ער געוואָרן נאָך דרייסטער. ער האָט מיט דער שאַרף פון זײַן קינזשאַל מילד געקיצלט דעם האַרטן גרעטן־אַנוווּקס אַרום אירע באַקנביינער. אין דער דרייסטקייט איז געווען די פאַרצווייפלטע וואַכזאַמקייט פון אַ פאַרמשפּטן. ער האָט געטשאַטעוועט, געוואַרט אויף דעם אויגנבליק זי צו דערהרגענען. אָבער דאָס שטאַרקע לײַב פון דער חיה האָט געמאַכט אויפשוידערן די וואָרצלען פון זײַנע האָר און פאַרטריבן די האָפענונג אויף אַ נצחון.

ווען דער מענטש, דאָס אַנמעכטיקע באַשעפעניש צווישן גאָטס ברואים, שטייט מער ווי אַ רגע קעגן אַ שרעקלעכן מאָנסטער און ווערט נישט פאַר־צוקט, איז דאָס דער נצחון פון קוראַזש איבער דער מאַכט פון טויט. מיט וועלכן כּוח האָט יהודה אויסגעלאַשן אין דער לייביכע די לוסט אַנצוגרײַפן? די האַרינטע פון מדבר איז געוואָרן גנעדיק צו איר שקלאַף. אַ, ווען ער קאָן אַצינד אָנצינדן אַ פײַער, אַז זי זאָל אַרײַנקוקן אין די פלאַמען. פײַער איז די שטאַרקסטע בײַטש קעגן אַ לײַב. פון פײַער אַנטלויפט דער לייב און דער שפּיגל ציט צו דעם טיגער. ווען דער טיגער דערזעט זיך אין שפּיגל, מיינט ער, אַז ער זעט אַ צווייטן טיגער און פרייט זיך צו טרעפן אין דער פרעמד זײַן מין. מיט שפּיגלען ווערן טיגערס פאַרנאַרט דורך כיטרע יעגערס. וואָס פאַרוואַרפן אויף זיי נעצן. מיט שפּיגלען און ברענענ־דיקע שטורקאַצן האָבן די רוימער געפאַנגען גרויסע האַרדעס חיות און זיי געבראַכט קיין רוים, כּדי די גלאַדיאַטאָרן זאָלן זיך מיט זיי ראַנגלען.

יהודה האָט געטראַכט פון אַ נס מיט אַן אַנגעצונדענעם פאַקל און די חיה האָט געקוקט אויף אים מיט אויגן, וואָס האָבן געשײַנט מיט אַ צשטראַלטער מילדקייט, ענלעך צו באַרעמהאַרציקער ליבשאַפט. „איז דאָס אַן אַפּגאַרעניש, ווײַל זי איז נאָך זאַט פון דעם נעכטיקן רויב?" — האָט ער זיך געפרעגט. ס'איז אים אײַנגעפאַלן, אַז אויב אַצינד איז דער אויגנבליק זי אומצוברענגען, מוז ער זי דערהרגענען מיט איין האַסטיקן זעץ פונעם מעסער. דער קינזשאַל דאַרף אַרײַנגיין טיף אין איר גרגרגת. „זײַ שטאַרק! — האָט אַ קול אין אים געברילט — גור אַריה יהודה. אַ יונגער לייב ביסטו אַליין, יהודה, און פון פאַרצוקונג ביסטו אויפגעוואַקסן!"

ער האָט זיך דערמאָנט אַן זײַן ביקס און זי אויפגעהויבן. אויס באַוואַרעניש האָט ער געעפנט דעם שנאָל און דערזען, אַז דאָס געווער איז געבליבן אַן קוילן. ער האָט די ביקס אַוועקגעוואָרפן.

די לייביכע האָט אויסגעשטרעקט דעם האַלדז, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דער ווייכער בליק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַרעמלאָזער וואַכזאַמקייט. איין אויג האָט געגרוט אויף דעם קינזשאַל אין זײַן האַנט, און דאָס צווייטע האָט דורכגעבויערט זײַנע געהירן. יהודה האָט אַרונטערגעלאָזט דעם וואָפן. ער האָט אַרויסגענומען פון זײַן בײַטל ביי די לענדן די לעצטע איילבירטן און זיי אַנגעהויבן שלינגען. די חיה, אַ באַרויִקטע, האָט זיך אײַנגעקנוילט בײַ זײַנע פיס און אויס אונטערטעניקייט גרייט געווען אָפּצולעקן דעם שטויב פון זײַנע שיך. ער האָט אויסגענוצט איר צוגעלאָזנקייט און אַנגעהויבן קלעטערן צום שפּיץ פעלדז, כדי פון דאָרט אַראָפּצושפּרינגען אין זאַמדיקן טאָל. אָבער זי האָט מיט אומצוטרוי נאָכגעשפּירט יעדן באַוועג זײַנעם. זי האָט אויסגעצויגן די שטײַפע לאַפּעס און אים אַ שלעפּ געטאָן צוריק. דאָס איז געווען אַ וואָרענונג, אַז ער האָט זיך נישט באַפרײַט פון איר קאַלטן רחמנות. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטיין. אין איר נאָענטקייט האָט איר אָטעם אויף אים געבלאָזן מיט אַזאַ קראַפט, אַז זײַנע נאָזלעכער און זײַן שאַרבן זענען אַנגעפילט געוואָרן מיט דעם וואָרעמען שווייסיקן ריח. דער שווערער גערוך האָט אויף אים אַנגעיאָגט אַ מידקייט און ער איז אײַנגעשלאָפן.

— ד —

ווען ער האָט זיך אויפגעוועקט, האָט די זון זיך שוין געזעצט אין מערב, אָבער דאָס שפּיל האָט זיך איבערגעחזרט. יעדעס מאָל ווען יהודה האָט זיך געשטעלט אויף די פיס, האָט דער שטומער בליק פון דער חיה געצוימט

זײַנע טריט. ס׳איז געווען אַ פֿאַרלוירענער פּאַרמעסט צווישן אַ געפֿאַנגענעם און זײַן באַצווינגערין. שפּעטע זונפֿלעקן ווי אויסגייענדיקע ליכט־פּלאַטער־לעך זענען געפֿאַלן אויף די קאַרבן און קנייטשן פֿון דעם הויכן פּעלדז. זײַן אומרו איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שלומערדיקן פּײַן. ווען ס׳איז געוואָרן פֿינצטער, האָט אים באַוועלטיקט אַ גלײַכגילטיקייט, וואָס איז נאָר קאַנטיק ביי די פֿאַראורטיילטע, וואָס וואַרטן אויף דער שעה פֿון אונטערגאַנג. זי וועט מיך נישט פֿאַרטיליקן, ווײַל זי איז נישט הונגעריק — האָט ער זיך געטרייסט — אָבער ווי לאַנג וועט איר מעכטיקער אינגעווייד בלײַבן געזעטיקט? פֿריער צי שפּעטער וועל איך זײַן אַ געשמאַקער ביסן פֿאַר איר גומען... די חיה, שטום ווי זי איז געווען, האָט מיט פֿאַרווונדערטע אויגן געקוקט אויף יהודהן אין זײַן אַנגסט, געפֿרעגט: „פֿאַר וואָס שרעקסטו זיך פֿאַר מיר?״ ווען זי וואָלט געקענט פֿאַרשטיין זײַן שפּראַך, וואָלט ער איר געענטפֿערט: „צי פֿרעגט דען אַ רוצח פֿאַר וואָס זײַן קרבן איז טויט?״

די לבנה איז אַרויסגעשווומען איבערן הימל. די שטערן האָבן זיך אָנגעצונדן און פֿון דער אומענדלעכקייט אַרויס האָט זיך געטראָגן דער אָפּהילך פֿון ווײַטע שטורעמווינטן. אין יענער נאַכט איז דער מדבר מער נישט געווען לײדיק. דאָס אויסגעשטרעקטע לאַנד איז געווען באַוווינט פֿון אַ פֿאַרבלאָנדזשעטן זעלנער און אַ פֿאַרוואָגלטער חיה. צוויי איינזאַמע באַ־שעפֿענישן האָבן זיך דערנענטערט מיט אַן אויסטערלישער פֿרײַנדשאַפֿט, וואָס איז געווען אָנגעסטלעכער פֿון טויט און וואָרהאַפֿטיקער פֿון לעבן. באַרויִקט פֿון דער דאָזיקער דערקענטעניש, האָט ער זיך אָוועקגעלייגט אויף זײַן שטיינערנעם געלעגער. ער האָט זיך געווערט קעגן שלאָף. אָבער ווי גרויס ס׳איז געווען דער באַגער צו בלײַבן וואַך, האָט די מידקייט באַזיגט זײַן ווידערשטאַנד און ער איז אײַנגעזונקען אין אַ טיפֿן שלאָף.

צו מאָרגנס איז ער אויפֿגעשטאַנען אַ הונגעריקער. די בויך־גרימענישן האָבן אים פֿאַרשאַפֿט סײַ איבל, סײַ פּײַן. די טרוקענע ליפּן זענען געווען אויסגעצערט. דאָס פֿאַרחלשטע מויל האָט באַגערט שפּײַז, אָבער דאָס אייל־בירטן־זעקל איז געווען לײדיק. די לעצטע טראָפּנס אין דער וואַסער־באַנקע זענען נישט געווען גענוג צו שטילן דעם דאָרשט. ער האָט זיך אויפֿגעזעצט און איז אַראָפּ פֿון געלעגער. דורך דער עפֿענונג איבער דעם געשפּאָלטענעם פּעלדז האָט ער אַרויפֿגעקוקט צום הימל. דאָס ליכט פֿון דער אויפֿגייענדיקער זון האָט שוין געגליט איבער זײַן קאָפּ. זײַנע אויגן האָבן געזוכט די לייביכע, אָבער די חיה איז נעבן אים נישט געווען. דאָס האַרץ האָט געזעצט שטאַרקער.

די שלייפן האָבן געבריט. אַ האָפענונג האָט געשטאַרקט דעם אָפּגעשוואַכטן גוף און ער האָט זיך געלאָזט גיין צום דעם זאַמדאײַנשניט קעגן איבער, וואָס האָט זיך אַרונטערגעלאָזט ווי אַ פלאַכער טאָל.

אַ גערויש ווי אַ צאַרנדיקער געבריל הינטער אים האָט אים אָפּגעשטעלט. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. די חיה האָט אים אָנגעיאָגט מיט אַ שפּרינג־געריי, לײַכט ווי אַ גאַזעל. די שטאָלענע אויגן האָבן געשײַנט. דאָס אָפענע מויל האָט געוויזן די מעכטיקע ציין. דער שטעכיקער אָנוווקס אַרום די באָקן האָט געציטערט פון פריידיקער אויפרעגונג. דער עק האָט זיך אונטער־געוויגט. אַפילו די זײַדענע פאַלדן אויף דער געלבלעך־ברוינער פעל האָבן ווי אויפגעלויכטן אונטער דעם שאַרפן ליכט פון דער פרימאָרגן־זון. די קעניגין פון מדבר איז געווען באַרוישט פון גליק, וואָס זי האָט נישט פאַרלוירן איר באַזיץ. אין יענער רגע איז איר אידעלער אויסזען ווידער ענלעך געוואָרן צו פאַטימאַן, און דער פאַרבליפּטער יהודה האָט זיך דער־מאָנט נאָך איין וואָרענונג פון דער שפּילפּרוי אין חלום: „דו וועסט מער נישט אַרויס פון דעם מדבר. אַ פאַרוואָגלטער זעלנער, אַזוי ווי אַ בלאָנדזשענ־דיקער קעמל, לאָזט איבער די ביינער אין די גליענדיקע זאַמדן. דו ביסט געפאַנגען אין דעם צויבערלאַנד ווי אין אַ פײַערראָד...״

„געפאַנגען און פאַרמשפּט — האָט זײַן אייגן קול צו אים גערעדט — די העכסטע היילונג פאַר אַן אומגליק איז תּפילה״. ער איז אַרײַן אין דעם פעלדזנשפּאַלט, ער האָט אָפּגעזאָגט אַ געבעט צום באַשעפער און דערפילט אַ דערלײַכטערונג. די חיה האָט וואַכזאַם געריט קען איבער. די מידקייט פון גוף האָט אים פלוצעם באַפרײַט פון פּחד. ס׳איז געווען אייביקער פרידן אין דעם דאָזיקן מדבר, ווו יעקב האָט זיך געראַנגלט מיט דעם מלאך און שמשון האָט דאָ צעריסן אַ לייב. ביזן האַלבן טאָג האָט יהודה געקוקט אויף דער באַרויִקטער לייביכע, וואָס איז געוואָרן זײַן וועכטערין און באַ־שיצערין. ווען די זון האָט געפלאַקערט הויך אין האַלבן הימל, האָבן זײַנע אויגן־דעקלעך זיך געקלעפּט. ער האָט באַנומען, אַז דער שלאָף פאַרטרײַבט די יסורים פון הונגער. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפן שטיין און זיך געטרייסט: „גאָט איז וואַך, ווען די שטערבלעכע שלאָפן. אויב ס׳וועט קומען אַ נס, וועל איך זיך אויפוועקן...״

אויפן דריטן טאָג האָט די חיה אים אַרויסגעוויזן אַזוי פיל צוטרוי, אַז זי האָט אים איבערגעלאָזט אַליין אין באַגינען און איז שפּעטער געקומען מיט אויפגעשוואָלענע ליפּן, באַנעצט מיט בלוט. דאָס איז פאַר יהודהן געווען אַ צייכן, אַז זי האָט פאַרצוקט אַ רויבפויגל, אַ פוקס אָדער אַ שאַקאַל. איר

געטרײַשאַפט האָט אים געריירט מיט יענעם נשמה־אויפרודער, וואָס ברענגט בטחון צו די פאַרצווייפלטע. זי האָט געשטילט איר הונגער מיט אַ פאַנג אין מדבר כּדי צו שוינען זײַן לעבן. ער האָט ווויל פאַרשטאַנען, אַז זײַן קינזשאַל איז איבעריק, ווײַל דער וואָפן וועט מער נישט רוימען דעם וועג צו זײַן פרײַהייט און וועט אויך נישט אומברענגען זײַן באַצווינגערין. פאַר וואָס זאָל ער זי אומברענגען? זי האָט אים אַרויסגענומען פון אַלע פּחדים אויסער דעם פּחד פאַר הונגער. זייער ערשטע באַגעגעניש איז געווען אַ גרויזאַמער פאַרמעסט, אָבער ער האָט געצערטלט איר לײַב און בײַגעקומען איר לוסט צו פאַרטיליקן. אַן קאַמף האָט ער אײַנגעשטילט אַ הייסן שטורעם, אָן אָנגריף האָט ער אויסגעלאָשן אַ פײַער־שפּײַענדיקן באַרג. אַצינד טוט זי אים היטן ווי עס היט אַ דערבאַרעמדיקע דינסט אַ שוצלאָז קינד, וואָס מען האָט איר אָנפאַרטרויט. פון שוואַכקייט האָט ער מער נישט געהאַט קיין באַגער צו פאַרלאָזן דעם פעלדזשפאַלט.

אַ דערשעפּטער האָט ער געלאָסן צוגעזען ווי עס בײַטן זיך די קאָלירן אין באַשאַף און ס׳ענדערט זיך דער סדר פון צײַט. פון פינצטערניש איז אַרויס ליכט און די טונקלקייט האָט געלויערט בײַם סוף פון טאָג. די כּישוף־בליצן איבערן הימל צינדן זיך אָן יעדע נאַכט און באַלײַכטן דעם אויסשפּרייט מיט איבערערדישן צויבער. ווי גוט איז דעם פאַרלוירענעם אין זײַן איינזאַמקייט, ווען די שטערן וואַכן בײַ זײַן צוקאָפּנס.

אין זײַן שלומער און אין זײַן אויפוואַכונג האָט ער אַנטפּלעקט נײַע רעטענישן, וואָס זענען ביז דענסטמאָל געווען פאַרהוילן פאַר אים. די זון האָט צעפלאַקערט די ליכטיקע זאַמדן און די לבֿנה האָט אויסגעשפּונען ווײַסע נעצן איבער די גאָלדענע פלאַכן. אַלע באַשעפענישן אין מדבר האָבן געטאָן דאָס, צו וואָס זיי זענען געבוירן געוואָרן זיי זאָלן טאָן. דער אָדלער איז געפלויגן אין די וואָלקנס. דער פוקס האָט פאַרשטעקט זײַן רויב אין די גריבער און דער שאַקאַל האָט זיך אײַנגעגראָבן ווי אַ שילדקרעט אין דער ערד. און אויף יענער זײַט פון דעם אומענדלעכן לאַנד, אַרויס פון דער אָפּשיידונג, האָבן גערוישט ים־כּוואַליעס, און מעוועס האָבן זיך געטראָגן איבערן שפּריצנדיקן שוים. ס׳איז פאַרבײַ די נאַכט און ס׳איז אַרויס דער מאָרגנשטערן. נאָך אַ טאָג איז אויפגעגאַנגען, אַ טאָג ווי אַ ברענענדיקער גיהנום, וואָס וועט דערנענטערן זײַן אונטערגאַנג.

אויסגעשעפּט ווי ס׳איז געווען זײַן גוף, אַזוי וואָך איז געווען זײַן געהירן, וואָס האָט נישט דערלאָזט אויסלעשן דאָס פײַער, וואָס האַלט אויף די נשמה ווען דער קערפּער ווערט חרובֿ. אין דער טיפסטער דער־

שלאַגנקייט האָט ער געהאַט געגוג קראַפט צו ענטפערן אויף די שטיפעריַיען פון דער פרידלעכער חיה. זי איז געווען באַרויִקט, ווען ער האָט געגלעט און געצערטלט איר פעל מיט זײַנע פינגער. ווען זי איז אַוועק הונגעריק מיט אַ גרימעניש, איז זי צוריקגעקומען זאַט מיט אַ פריילעכן געברום. די לייביכע איז געווען זײַן האַרינטע, אָבער אויס באַגער אים אויפצומונטערן האָט זי אים אַרויסגעוויזן אונטערטעניקייט פון אַ הונט. זי האָט קעציש פאַרשײַט זיך געקאָלערט פאַר אים, זיך געקנוילט, אײַנגעגנורעט איר לײַב אין זאַמד ווי אַ קונצנמאַכערין און געוואָלט ער זאָל באַלוינען איר איידעלע ליבשאַפט מיט דעם באַריר פון זײַנע צאַרטע הענט.

ס׳איז געווען אויפן פערטן טאָג פאַר שקיעה, ווען ער איז געלעגן אַ פאַרשמאַכטער בײַם קאָפּ פון פעלדז, מיטן פנים אויסגעשטרעקט קעגן דער פאַרגײַענדיקער זון, ווי ער האָט פלוצעם דערהערט אַ גערויש פון עראָפּלאַן־פליגלען. דאָס גערויש איז געקומען פון דער ווײַט ווי דאָס קוים הערבאַרע פלאַטערניש פון אַן אָדלער איבער די וואָלקנס. זײַנע חושים זענען געוואָרן אָנגעשפיצט. ס׳איז געווען אַ לעבעדיקע אויפשאַלונג און נישט קיין אויסדוכטעניש, אַ וואָרער אָנזאָג און נישט קיין חלום, אַ בשורה אַז כוחות פון רעטונג זוכן אַרום דעם פאַרלוירענעם זעלנער פון ישראל. „זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז איך לעב! — האָט אַ קול אין אים געשריגן — מײַנע ברידער קומען נאָך מיר!״

ער האָט מיט אַן אויפגעוואַכטן כּוח זיך אויפגעזעצט. ער האָט צוגע־שטעלט די האַנטפּלאַך ווי אַ דעקל איבער די אויגן און אַרויפגעקוקט צו די הייכן. דאָס גערויש איז געוואָרן נענטער און דאָס האַרץ זײַנס האָט געזעצט האַסטיקער. ווי פון זיך אַליין האָט זײַן האַנט זיך ווידער געקלאַמערט אָן דעם קינזשאַל. אין איין אויגנבליק איז נעבן אים אויסגעוואַקסן די חיה. אין אירע אויגן האָט געברענט אַ וואָרענונג. איר פריערדיקע ליבשאַפט איז אויסגערונען. פון איר מילדקייט איז געוואָרן פאַראַכטונג, פון איר דערבאַרעמדיקייט אַ גרויזאַמער צאָרן. ווער איז געקומען שטערן די רו פון דער קעניגין פון די זאַמדן? ווער וויל פאַרוואַנדלען איר פרידלעכן שקלאַף אין אַ שונא?

טראַציק, אַרויסרופעריש האָט יהודה געקוקט אויף דער חיה. ער האָט פעסטער געדריקט דאָס הענטל פון קינזשאַל אין זײַן פאַרקוועטשטער פויסט, גלײַך ער וואָלט געוואַרט אויף דער רגע אַרײַנצושטעכן דאָס מעסער אין איר האַלדז. דער פאַרמעסט איז געווען אומגעריכט. די חיה האָט געטשאַ־טעוועט און ער האָט געלויערט. טויזנטער אויסדוכטענישן, וואָס האָבן פריער

געטרייסט זײַן געמיט, געוואָרעמט זײַן האַרץ, זענען אַצינד פֿאַרלאָשן געוואָרן. דער אמת איז אכזריותדיק ווי דער טויט. די פֿליגלען פֿון אויבן וועלן אים ראַטעווען, די חיה אונטן וועט אים פֿאַרטיליקן. אַלע טעג פֿון צוגעלאָזנקייט, פֿון צוטרוי און געטרײַשאַפֿט האָבן נאָר אויסגעפּלאָכטן אַ פֿאַנגנעץ פֿאַרביידן און אין דעם געוועב זענען זיי געבליבן פֿאַרוויקלט.

„דערשלאָג, יהודה, איידער דו ווערסט פֿאַרצוקט! — האָט אַ קול אים באַפֿוילן — דערשטעך איידער דו ווערסט צעריסן ווי שפּינוועבס אויף אירע ציין!"

דאָס געדויש פֿון יענער זײַט וואָלקנס איז אָפּגעשטאָרבן. דער געפּלאָטער פֿון די פֿליגלען איז אויסגעגאַנגען, און די שטילקייט, וואָס האָט אײַנגעהילט די וועלט בײַם סוף פֿון טאָג, איז געוועזן אימהדיקער פֿון אַלע הילכיקע בליצן און דונערן. יהודהס האַרץ איז אײַנגעפֿאַלן. זײַן גוף איז געוועזן באַגאָסן פֿון קאַלטע אַנגסטן. די חיה האָט רויִק אַנידערגעקניט בײַ זײַנע פֿיס. אין אירע אויגן האָט ווידער אויפֿגעלויכטן אַן אָפּשיין פֿון ליבשאַפֿט און צוטרוי. ער איז געווען באַזיגט, אָבער זי האָט פֿון אים נישט געמאָנט קיין פֿאַרענטפֿערונג. זײַן לײַב האָט אַצינד געקאָנט זעטיקן איר אויפֿגע־וואַכטן הונגער, אָבער זי האָט געהאַט אַ העכערע באַלוינונג: זײַן אונטער־טעניקייט. „גאָט, זי האָט מער לײַטזעליקייט איידער אַ זיגער אין שלאַכט!" — האָט ער געוואָלט אויסשרייען. דער הונגער וועט אים פֿאַרפּײַניקן, די ברענענדיקע היץ וועט אים פֿאַרצערן, אָבער זי וועט צומאָל נישט אַ קראַץ טאָן זײַן הויט. ער האָט זי נישט געצוימט. ער האָט מיט איר נישט געלערנט צו זײַן הכנעהדיק, אָבער זי איז געלעגן פֿאַר אים אַנטוואָפֿנט, דער קאָפּ אײַנגעקנוילט אין שטײַפֿן האַלדז, די נעגל אַרײַנגעצויגן אין ווייכן פֿלייש פֿון די לאַפּעס. גרויסמוט און דערבאַרעמדיקייט האָט דער אַלמעכטיקער אַרײַנגעגעבן אין דעם אכזריותדיקן באַשעפֿעניש, וואָס איז געבוירן צו רויב און רציחה.

יהודה איז געלעגן אָן כּוחות, פֿאַרלאָזן אין זײַן שמאַד, אויסגעשטעלט צום גנאָד פֿון אַלמעכטיקן. אַזוי ווי דער לעצטער שײַן פֿון דער צאַנקענ־דיקער זון איז דאָס חיות אין אים אויסגעגאַנגען. מיט אַ מאָל האָט דאָס גערויש פֿון עראָפּלאַן זיך ווידער דערנענטערט, דאָס מאָל ווי אַ מעכטיקער ווירבער. ער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן. דער עראָפּלאַן האָט זיך געטראָגן נידעריק ווי אַ גליענדיקער רויבפֿויגל, בויגעוודיק און וויקלדיק. די פֿליגלען ווי בליאַסקענדיקער שטאָל האָבן אויסגעשניטן קרײַזן, פֿאַרכּישופֿטע עיגולים, זיך אַרונטערגעלאָזט און זיך אויפֿגעהויבן. „פֿון וואַנען יאָגט זיך דער קאָל־

טער, גרויזאַמער אַדלער? זיצן אין זײַן איגעווייד די שליחים פון ישראל, צי פון שונא? — האָט יהודה געשעפּטשעט — קומען זיי פון רפיח צי פון אַבו עגילה?" אַ באַגאַסענער פון אַנגסטן איז ער אַנידערגעפאַלן און אײַנגעגראָבן דעם קאָפּ אין זאַמד.

אַ שיסערײַ, ווי אַ דורכברוך פון דונערן צווישן וואָלקנס, האָט זיך אַרונטערגעלאָזט אין די זאַמדן. די שאָסן האָבן זיך געקײַקלט איבער די אומענדלעכע שטרעקעס ווי אַ פּײַער־האָגל און אָפּגעהילכט אין די ווײַטע פּאַרפּאַלענישן. דערנאָך איז דער אַנגעצונדענער שרויט אויסגעלאָשן געוואָרן און אַ שטילקייט ווי דער אָטעם פון דער אייביקייט האָט אײַנגע־הילט דאָס אָפענע לאַנד.

אַן אומגעהײַער געברום, ענלעך צו דעם אויפברויל פון אַ לעמפּערט האָט צעריסן די שטילקייט אין מדבר. די לייביכע האָט אויפגעצאַפּלט און זיך געלאָזט לויפן איין רגע פאַרויס און איין רגע הינטערווײַלעכץ, גלײַך זי וואָלט געליטן שווערע יסורים. אַזוי צאַפּלט אויף אַ חיה ווען זי ווערט געביסן פון אַ שלאַנג. זי האָט זיך געקוויקלט אין אַ ראָד ווי אין אַ וואַנזיניקן געדריי. דערנאָך איז זי הינקענדיק אונטערגעשפּרונגען איין מאָל און נאָך אַ מאָל און מיט אויפגעריסענע אויגן געקוקט אַהין, דאָרט וווּ ס׳איז געלעגן דער אַנמעכטיקער יהודה הינטערן פעלדז. אין אירע גליענדיקע בליקן האָט געגליווערט אַ געבעט ווי זי וואָלט געזוכט בײַ אים שוץ. יהודה, אַליין אויסגעשעפּט, אָן כּוחות, האָט פון זײַן באַהעלטעניש אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און דערזען פלעקן בלוט אין זאַמד. „איז עס דאָס בלוט וואָס רינט פון איר צאַרט לייב? — האָט ער אַ דערשראָקענער געפרעגט — צי האָט אַ קויל געטראָפן די פרידלעכסטע צווישן די רויב־חיות?" ווי אַ ריינע טויב האָט זי פאַר אים אויפגעטויכט אין דעם וויסטן לאַנד. ווער האָט פאַרוואונדעט די געטרײַע, וואָס האָט אים אַלע טעג באַשיצט פון די סכנות אין מדבר? אויב איר לייב איז פאַרבלוטיקט, וועט זי אַצינד אויסגיין בײַ זײַנע פיס.

טרערן זענען געגרונען איבער זײַן פּנים, די אַנגסטן האָבן אים פאַר־לאָזט און אַ רחמנות אויף דער פאַראומגליקטער חיה האָט צעריסן זײַן האַרץ. און ווי ער האָט ווידער אויפגעהויבן די אויגן, האָט פּלוצעם די זעונג זיך געביטן. די חיה האָט מער נישט געהונקען. זי האָט זיך געטראָגן פאַרויס צו אים אַן אויסגעשטרעקטע. דער שײַן פון דעם לעצטן זונפלאַקער איז געפאַלן אויף איר און די ליכטיקע, ווייכע פאַלדן אויף איר פעל זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין גאָלדענע רינגען. זי האָט געש־

טעלט געמאַסטענע און זיכערע טריט. אין יענעם אויגנבליק, ווען די ערשטע טראָפּנס בלוט זענען פון איר געררונען, איז די אומצוכט פון איר אַוועק און זי איז געוואָרן לויטער ווי אַ פלאַנץ, אומשולדיק ווי אַ טויב, און איר לײַב האָט זיך געוואַשן איר דער ריינקייט פון מדבר. די גבורה פון ווידער־שטאַנד האָט ווידער אין איר אויפגעוואַכט. אין איר אייגן קעניגרײַך וועט זי באַזיגן דעם טויט, נאָר ער, יהודה וועט אויסגיין פון שמאַך ביי די פיס פון דער באַרעמהאַרציקער.

אין דעם טונקעלן גלימער האָט זיך געלאָשן די וועלט. אין שײַן פון די אויסגייענדיקע פלאַמען איז די לייביכע געוואָרן גראַציעזער, לײַכטער. די שווערע משא פון איר קערפּער איז אײַנגעשרומפּן. עס זענען אײַנגעלאָפן אירע בײַסיקע ציין, די שאַרפע נעגל האָבן זיך אײַנגעצויגן און זי האָט אָנגעטאָן די איידלע געשטאַלט פון פּאַטימאָן. זי האָט געשפּרײַזט שטאָלץ ווי אַ געזאָלבטע, מעכטיק ווי אַ הערשערין און גנעדיק אויסגעשטרעקט אירע אָרעמס. אָבער יהודה איז נישט געקומען אונטער איר גנאָד. ער איז געלעגן אָן אויסגעלאָשענער, פרײַ פון פּחד, אויסגעלייזט פון יסורים. אין דעם גרויסן אויסשפּרייט האָבן ווינטן אים אויפגעהויבן פון זײַן פאַרזונ־קענקייט און אים אַוועקגעטראָגן, ווי שטויב פון מדבר, צום פליענדיקן ווײַנגאָרטן פון דעם טונקעלן רײַטער, וואָס האָט אים גערופן צו זײַן אַן אָנשפּאַר פאַר דעם פעלדז פון ישראל און אויפגעעפנט פאַר אים דאָס ווײַסע טויער פון רו.

דער מוכטאַר

— א —

דרײַ מאָל האָט דער מוכטאַר קאַסעם כאַליל זיך פאַרנייגט ביז צום בויכבאַנד. ער האָט בשעת־מעשה אַ הייב אויף געטאָן צוויי פינגער צום שטערן, דערנאָך זיי צוגעטראָגן צום האַרצן, ווי ס'איז דער שטייגער בײַ די נכבדים ווען זיי ווײַזן אַרויס סײַ הכנעה, סײַ אצילות. ער האָט געזאָגט:

— ווי ס'איז נישטאָ קיין רחמים אין דין, אַזוי איז נישטאָ קיין ווייכ־האַרציקייט אין האַנדל. בײַ אַללאַ! כ'וועל די רמאים האַרב באַשטראָפן. אויף זייערע קני וועלן די אָפּנאַרערס קומען אָפּגעבן דעם באָדן צו די ייִדן.

שמריה חיסין האָט אָפּגעמאָסטן דעם ברייטלײַביקן אַראַבער מיט דעם אומצוטרוי וואָס מען וואַרפט אויף די הינטערליסטיקע און גײַציקע. פאַר אים איז געשטאַנען דער מוכטאַר פונעם דאָרף לוביה, אונטערטעניק און דורכגעטריבן, געניט בײַם חנפענען אַ האַר און שלוי ווען ס'קומט צו פאַר־זיגלען אַ ליגן אויף זיבן שלעסער. ער איז געווען אויסגעצירט ווי אַ קאַליף, מיט דינע שנירלעך וואָנצעס איבער דער אייבערשטער ליפּ. ער איז געווען אײַנגעהילט אין אַ זײַדענער אַבאַיע מיט געלע שטרײַפן. אַנשטאָט אַ ווײַסע קעפיִע אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ גרינעם טורבאַן. די האַריקע פינגער זענען געווען באַשטעקט מיט שווערע רינגען. אין אײַלעניש האָט ער אַרויסגעשלעפּט פונעם בויכבאַנד אַ בײַטל מיט בורשטין־קרעלן און זיי גענומען איבערקלײַבן, גלײַך ער וואָלט זיך געגרייט דערמיט צוצוגעבן וואָג זײַנע רייד. ער האָט ווידער געזאָגט:

— כ'וועל די רמאים האַרב באַשטראָפן, אַחאַ.

שמריהו האָט אים אַרײַנגעקוקט אין די אויגן.

— זיי האָבן אָפּגענאַרט דעם באַראָן — האָט ער געטענהט — זיי האָבן צוגענומען זײַנע גאָלדענע רענדלעך פאַר דער פאַרקויפטער ערד, אָבער ווען די אייגנטימער זענען געקומען איבערנעמען דעם באָדן, האָט מען זיי פאַרלייקנט דאָס באַזיצרעכט.

— כ'וועל שמײַסן זייערע נאַקעטע לײַבער.

— די פעלאַכן פון לוביה שרעקן זיך נישט פאַר שמיץ.

דער מוכטאַר האָט געלאַכט מיט אַ פול מויל געזונטע ציינער.

— די ענגלענדער האָבן נאָך נישט געווונען די מלחמה און דער סולטאַן הערשט נאָך אין לאַנד. זייַנע תליות שטייען אויף אַלע מערק. כ'שווער בייַ אַללאַ, דער כבוד פון יידישן באַראָן וועט נישט פאַרשוועכט ווערן!

דער כבוד פונעם באַראָן און דער בייַטל פון קאַסעם כאַליל — האָט שמריהו חיסין ליצנותדיק געטראַכט, קוקנדיק ווי דער אַראַבער ציילט די קרעלן מיט דער פרומער העוויה אַזוי ווי גאָלדענע דינאַרן — דער יידישער כבוד טאָר נישט פאַרשוועכט ווערן אויב דער כאַבאַר פאַרן מוכטאַר וועט פאַרטאָפּלט ווערן. דאָס איז דאָס געבעט פאַר אַלע דאַרפסעלטסטע אונטער דעם טערקס טריפהנערווירטשאַפט.

ער האָט געקוקט אַרום זיך. ביידע זענען געשטאַנען אין דעם הייסן טאָג אין מיטן יפו, אויפן ברייטן שטיינער־געפלאַסטערטן פלאַץ, קעגן־איבער דעם רעגירונגס־בנין. ער, חיסין, די רעכטע האַנט פון דעם תל־אָביבער בירגערמייַסטער, איינער פון די שטאָט־פאַרזאָרגערס, און קאַסעם כאַליל, דער האַר איבער זייַנע פעלאַכן אין דאָרף. דער טורעם־זייגער אויף דעם סאַראַיאַ־בנין האָט געוויזן האַלב־טאָג. דער הימל איז געווען טיף־בלוי ווי דער ים, אָבער די זון האָט געשרפעט מיט בראַנדפייַער. דורך די געהויקערטע געסלעך, וואָס האָבן זיך געקאַלערט באַרג אַראָפּ צו האַפן, האָבן דאַרפסלייַט אַרייַנגעפירט מאָגערע אייזלען, באַלאָדן מיט גרינצייַג. פון די אָפענע אַראַבישע אַכסניות האָבן זיך געטראָגן ריחות פון געבראָטענעם שעפסנפלייש.

מיט דער האַנטפלאַך איבערן שטערן האָט שמריהו חיסין געוואָרפן די בליקן אַהין־און־אַהער. אַ שערער מיט אַ שוואַרצן באַנד אויפן רעכטן אויג האָט פאַר זייַן קראָם געגאָלט אַן אויסגעפוצטן עפענדי. אַ לאָמער פרוכטן־הענדלער האָט געשטופּט פאַרויס זייַן וועגעלע און מיט אַ הייזעריק קול אויסגערופן אויף זייַנע פּירות: פאַרגעלטע הענגלעך ווייַנטרויבן, צוגעפוילטע פלוימען, צעקוועטשטע פייַגן. אַ פאַרטיע באָרוועסע אַראַבער אין צעפלויגענע אַבאַיעס זענען אַנגעלאָפן פונעם פאַרט. פון דער ווייַטנס האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ שמאָלער מעטשעט־בנין. די ווייַסע קופּאָלן האָבן זיך געטונקען אין זונליכט, און פאַר די טרעפּ האָבן געקניט אַ פּאָר בעטלערס. אַ מידע פוילקייט, וואָס פאַרוויגט און שלעפערט איין סייַ די רירעוודיקע, סייַ די פאַרגליווערטע, איז געהאַנגען איבער יפו.

שמריהו חיסין האָט אַ קער געטאָן די אויגן צו די אָפּגעשונדענע נידעריקע הייַזער. די אַלטע יפו איז אָרעם און די יונגע תל־אָביב הונגערט,

די מלחמה פלאַקערט. די ענגלענדער שלאָגן די טערקן און די דײַטשן אין סיני, אָבער אויף די מיליטערישע תבואה־שפּײַכלערס הענגען שלעסער. די אײַנוווינערס אין יישוב עסן קלײַען און קליאַטשע מיט וואָס מ׳שפּײַזט די בהמות. דער היישעריק האָט אויפגעפרעסן די פעלדער און די טיפוס־מגיפה לייגט אַרײַן יונג־און־אַלט אין די קברים.

חיסין האָט מיט אַ מאָל אָנגעכאַפּט דעם מוכטאַר פאַר אַן אַרבל, אים אַ טרייסל געטאָן און געזאָגט:

—כ׳וויל נישט קיין תּליות, קאַסעם כאַליל, טויטע פעלאַכן וועלן נישט העלפן לינדערן דעם הונגער אין לאַנד. הער זיך אײַן, מוכטאַר, כ׳האָב אַ פּלאַן.

דער מוכטאַר האָט לאַכנדיק זיך ווידער פאַרנייגט און געזאָגט:

— רייד, מײַן האַר. עס האָרכט דײַן קנעכט.

— כ׳האָב אַ פּלאַן. קאַסעם כאַליל. כ׳ווייס דו ביסט וווילגעפעלן אין די אויגן פון דעם טערקישן רעגירער אין דמשק. אמת, דער דזשעמאַל פּאַשאַ איז אַ טיראַן צו די פאַרדאַרבענע, אָבער ער געטרויט די ערלעכע, וואָס דינען געטרײַ דעם סולטאַן. שיק אַ שליח קיין דמשק, ער זאָל קומען אַהער און עפענען די תבואה־שפּייכלערס אין רמלה. אַ פּאָר טויזנט זעקלעך ווייץ וועלן זעטיקן די הונגעריקע אין לאַנד, יידן און אַראַבער.

בײַ קאַסעם כאַלילן האָבן די אויגן אויפגעקאָכט. ער האָט פלינק פאַר־שטעקט דאָס בײַטשל קרעלן אינעם בויכבאַנד און געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט.

— דזשעמאַל פּאַשאַ איז אַן אַכזר צו אַלעמען. ער שוינט נישט דעם יאַהוד און דעם אַראַבער. הונגעריקע מײַלער מאַכן נישט ווייך זײַן שטיינערן האַרץ. תּליות זענען אים ליבער איידער געפּעפּערטער שאַשליק און געש־מיסענע לײַבער דערוואָרעמען זײַן געמיט. בײַ אַלע טערקישע מאַכטהאָ־בערס ברענט די לוסט צו פּרויען אָבער ער אַנטלויפט פון די ווײַבער. ער טרײַבט פון זיך אויסגעלאַסענע און ער שענדט נישט קיין צנועה. ווי יעדער שטאַרקער זכר, זאָגט ער: אַ פרוי איז אַזוי ווי אַ שאַרפער אַראַק. זי קאָסט געלט און פאַרדרייט דעם קאָפּ...

— אין האַרץ פון איטלעכן אַכזר טליעט אַ פונק פון דערבאַרעמדיקייט. רוף אים, קאַסעם כאַליל.

— ווי קען איך אים רופן, יאַ אַחאַ? ווער ווייס דען נישט פון וואָס ס׳האָט פאַרגעניגן דער שטן? נישטאָ בײַ דזשעמאַל פּאַשאַ קיין רחמנות צו די געפּלאָגטע. בײַם נביא! אַליין קען איך אַפילו נישט צוימען די פעלאַכן

אין מײַן דאָרף, טאָ ווער בין איך, אַז כ׳זאָל פאַרוואַנדלען אַ וואָלף אין אַ שעפּס?

— שיק אַ שליח קיין דמשק, מוכטאַר. ביסט בײַם הערשער מער אָנגעזען ווי דער מועדזין און מער געאַכפּערט ווי דער קאַדי אין מצרים.

קאַסעם כאַליל האָט געשמייכלט. פון אויפגעבלאָזענע לויבדרייד האָט דאָס בלוט בײַ אים שטענדיק אויפגעזאָטן, אָבער ער האָט מיט דעם אָנשטעל פון עניוות געשוויגן. שמריהו חיסין האָט דורכגעבויערט דעם געראַטענעם מוכטאַר, וואָס קען, ווען ס׳לוינט זיך אים, אַרויסווײַזן גבורה און פּחדנות, שטאָלץ און בושה, מוט און שיפלות. ער קען אויפהעצן דאָס פעבל און אײַנשטילן דעם המון, אַלץ ווערליק זײַן לוסט און דעם פאַרלאַנג פון אַללאַ. וואָס נאָר מען האָט דערציילט וועגן אים, איז פון חיסינען נישט געווען פאַרהוילן. דער מוכטאַר האָט נישט געהאַט קיין ווײַב, קיין האַרעם. זקנים האָבן געמורמלט, אַז איין ווײַב זײַנס האָט ער פאַרסמט און אַ צווייטע האָט ער אַרויסגעטריבן מיט חרפּה. נישט דער מופטי און נישט דער מועדזין האָבן אים דערמאָנט די שטראָף־דינים פון קאָראַן און דער מוכטאַר האָט קיינעם נישט געדאַרפט אָפּגעבן קיין רעכענונג. פאַר אים האָט געגאָלטן אַן אַנדער דין: ווײַבער, אַזוי ווי קעמלען און אייזלען, קען מען דינגען פאַרן אייגענעם באַנוץ אָדער קויפן אויף די מערק.

און שמריהו חיסין האָט ווײַטער געשאַצט דעם מוכטאַרס ווערט: אין זײַן דאָרף איז ער דער מושל. ער קען אַראָפּנעמען אַ פאַרמישפּטן פון דער תליה און עפענען דעם טויער פון תפיסה. ווי אַ מאַן פון זינד און ווילשטאַנד פאַרקוקט ער די גזלות פון די רײַכע און וואָרט געדולדיק אויף באַלוינונג. איין זעקל דינאַרן איז ווינציק אים אונטערצוקויפן. זאָלן אַללאַ און דער נביא אים אויסהיטן ר׳זאָל אַליין זיך נישט אײַנשמירן די פינגער. דער טערקישער הערשער אין דמשק ווייס פון אַלע זײַנע אָפּנאַרעכצער. ער האָלט אַן אויג אויף זײַן אויסגעשטרעקטער האַנט. ר׳ווייס פון זײַן שיכּרות און זנות. אויף זײַן באַפעל קען אויך דעם מוכטאַרס גוף זיך וויגן אויף דער תליה. ס׳איז שוין געשען איין מאָל, ווען דזשעמאַל פּאַשאַ איז אַרײַנגעריטן אין יפו, האָט ער געשיקט רופן דעם מוכטאַר און אים באַגריסט מיט אַ וואָרענונג.

— וואָס וואָלסטו געזאָגט, מוכטאַר פון לוביה, אויב כ׳זאָל אַרויסגעבן אַ באַפעל דיך אויפצוהענגען אויף אַ בוים?

אַן אַנדערער אויף זײַן אָרט וואָלט פון פּחד געפאַלן אויף די קני און געקושט דעם שטויב פון דזשעמאַל פּאַשאַס פיס. אָבער בײַם מוכטאַר איז

נישט אײַנגעפאַלן דאָס האַרץ. ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שיפלות און קיין חניפה. ער האָט קוקנדיק אויף דעם אומדערבאַרעמדיקן מושל וווילעריש זיך אָנגערופן:

— פון דער לאַסט פון מײַן קערפּער, וואָלט דער בוים צעבראָכן געוואָרן און דעם קרעכץ פונעם בוים וואָלטן די ענגלענדער דערהערט אין באר־שבע...

דער ענטפער איז וווילגעפעלן דעם טיראַן. ער האָט פלינק אַ שמיץ געטאָן מיט זײַן בײַטשל דעם מוכטאַר איבערן נאַקן און זיך צעלאַכט:

— כ׳האָב ליב אַ קנעכט, וואָס קען פאַרדעקן זײַן פּחדנות מיט חוצפה.

אָבער אַצינד, שטייענדיק פאַר שמריהו חיסין, קעגן דעם סאַראַיאַ־בנין, אונטער דער פײַערדיקער זון, האָט קאַסעם כאַליל נישט אַרויסגעוויזן קיין ווידערשפּעניקייט, קיין צולהכעיסדיקייט. פאַרקערט, פון זײַנע קוילנאָויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ נאַכגיביקייט. דאָס האַלב אָפענע מויל איז געווען אַ צייכן פון זײַן וואַקלעניש. חיסין האָט זיך אָנגערופן:

— איידער דו פאָרסט צוריק אין דאָרף, געדענק מײַן בקשה.

קאַסעם כאַליל האָט פרום אַ זאָג געטאָן:

—אַללאַ אַליין, דערהויבן איז זײַן נאָמען, קען דערפילן בקשות.

שמריהו חיסין האָט האַסטיק אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף דעם מוכ־טאַרס אַקסל ווי ער וואָלט פאַרלאַנגט אַ הבטחה.

— זאָג מיר צו, אַז דו וועסט שיקן אַ שליח קיין דמשק.

— ב —

דער מוכטאַר איז אַוועק אָן אַ צוזאָג און שמריהו חיסין האָט אויס־גערעכנט ווי גרויס ס׳דאַרף זײַן דער מתנת־יד, אַז קאַסעם כאַליל זאָל אַרויסרופן דזשעמאַל פּאַשאַן קיין יפו. צו מאָרגנס האָט דער מוכטאַר זיך באַוויזן מיט צוויי רײַטאייזלען, גרייט אַרײַנצופירן חיסינען אינעם דאָרף און צווינגען די פעלאַכן, אונטער אַ שבועה, אָפּצוגעבן דעם פאַרקויפטן באָדן צו די ייִדן. ס׳איז אים גרינגער געווען צו באַשטראָפן די דערשראָקענע דאָרפסלײַט איידער צו ברענגען אַהער דעם מושל פון דמשק. פון זיכער־קייט וועגן האָט ער אויך געלאָזט רופן דעם יפוער קרײַזריכטער, אַז אַלץ זאָל דורכגיין לויט די שטרענגע געזעצן פון דעם געאַכפּערטן פאַרשיאַ פון סטאַמבול, דעם סולטאַן אַבדול כאַמיד, — ער וואָס דאָס לעבן און פאַרמעגן פון אַלע גלייביקע מחמדאַנער איז אין זײַנע הענט.

ביידע זענען אַרײַנגעריטן אין דאָרף און דער מוכטאַר האָט אַרויס־געטריבן זיבן פעלאַכן פון זייערע הײַזער און זיי פאַרזאַמלט אויפן זעלבן

שטיק באָדן, וואָס דער באַראָן, דער נדיב הידוע, האָט אָפּגעקויפט. ער האָט זיי אויסגעשטעלט ווי איבערגעשראָקענע לעמער אין אַ האַלבן ראָד. דעם עלטסטן צווישן זיי, אַבו אַראַף, האָט ער אַרויסגערוקט פון פאַרנט ווי אַן ערשטן צייכן פון בושה. דער זקן, אַ מאָגערער און געבויגענער, האָט געהאַט אַ פּנים פול מיט פאַקנלעכער און אַ פּאָר איבערגעדרייטע וואָנצעס ווי ביַיטשן. שמריהו חיסין האָט זיך אומגעדולדיק געדרייט הינטערן געזעמל און דער מוכטאַר האָט ווידער אַ מאָל אים פאַרזיכערט, אַז קיין זאַך איז פון אים נישט פאַרהוילן, ר׳ווייס אַלץ וואָס ס׳איז זיך פאַרלאָפן צווישן די שליחים פון דעם באַראָן און די רמאים. דער באַראָן האָט באַצאָלט מיט גאָלדענע דינאַרן וויפל די פעלאַכן האָבן פאַרלאַנגט, אָבער די ממזרים טענהן: נישט קיין בערן, נישט קיין וואַלד. זיי האָבן דאָס שטיק לאַנד נישט פאַרקויפט און קיין געלט נישט געקראָגן, מ׳וויל ביַי זיי צוגזלנען זייער ערד. אויב געפעלשט האָבן זייערע צינגער, זאָגן זיי, זענען זיי גרייט אָפּצוקומען מיט אַ הארבער שטראָף.

דער טערקישער שופט איז אָנגעקומען אין אַ געפּוצטער קאַרעטע. ער האָט געהאַט דעם קאָפּ פון אַ וויזיר און אַ פּירקאַנטיקע צוגעשווירענע באָרד ווי ביַי אַ קאַרטן־מלך. ער האָט געטראָגן קליידער פון אַ פּאַשאַ. ער האָט צוגעלייגט צוויי פינגער צו די פליישיקע ליפּן און געקנייטשט דעם שטערן, אַ צייכן אַז ער איז מבולבל. ס׳ערשטע מאָל ווי מען רופט אים צו פסקנען אין אַ שטרייַט אונטערן אָפענעם הימל. זייַנע שטרענגע אויגן האָבן געמאָנט ביַים מוכטאַר אַ פאַרענטפערונג און קאָסעם כאַליל האָט אַלץ פאַרטייַטשט: אַזוי איז עס זיך פאַרלאָפן, מייַן האַר ריכטער! נישט קיין טעות נאָר אַ שווינדל איז דאָ באַגאַנגען געוואָרן. ווי די גנבים פון באַגדאַד זענען געוואָרן די פעלאַכן פון לוביה, צו דער חרפה פון אַלע מאַמינים.

— זאָלן זיי שווערן, אַז זיי האָבן די ערד נישט פאַרקויפט! — האָט דער ריכטער באַפוילן.

די זיבן פעלאַכן האָבן אויפן ווונק פונעם מוכטאַר אַרומגעקרייַזט דרייַ מאָל דאָס אָנגעצייכנטע שטיק באָדן און געשווירן ביַי אַללאַ און זייַן נביא מוחמד, אַז זיי האָבן נישט פאַרקויפט צו די ייִדן די ערד, וואָס אויף איר שטייען אָציגד זייערע פיס.

פון רוגזה האָט שמריהו חיסין זיך אָנגעכאַפּט ביַים שטערן. די שלייפן האָבן ביַי אים געזעצט. אי זיי ווילן גזלנען, אי זיי שווערן פאַלש. ער האָט אַ צעמישטער געקוקט אויף קאָסעם כאַלילן, אָבער דאָס אויסגעגלעטע פּנים ביַים מוכטאַר איז געווען רויק. אַ קילער שמייכל האָט צעשיידט

זײַן ווייך מויל. ער האָט זיך אַ בייג געטאָן צום ריכטער און געזאָגט.

— זאָלן זיי אויסטאָן די שיך און באַרוועסערהייט נאָך אַ מאָל שווערן.

ביים טערקישן ריכטער האָבן זיך אַ הייב געטאָן די שיטערע ברעמען. ער האָט אַרײַנגעשטאָכן צוויי פינגער אין דער פּירקאָנטיקער באָרד. ער האָט געפרעגט:

— אַ צווייטע שבועה?

— אַ שבועה צום צווייטן מאָל, מײַן האַר ריכטער. וועסט באַלד זען, אַז כ׳בין גערעכט.

דער ריכטער האָט אַ מבולבלדיקער געוואָרפן צעשטרייטע בליקן צו ערשט אויף דעם מוכטאַר, דערנאָך אויף די פעלאַכן. זײַן נײַגעריקייט איז געווען גרעסער פון דער צעטומלעניש. ער האָט נאָכגעגעבן דעם מוכטאַרס פאַרלאַנג.

— טוט אויס די שיך און באַלייגט צום צווייטן מאָל אַ שבועה! — האָט זײַן קול געקלונגען ווי אַ געבאָט.

און ווי די פעלאַכן האָבן אין אײַלעניש אויסגעטאָן די שיך, האָט דער מוכטאַר מיט שלויקייט באַטראַכט די העוויות אויף דעם ריכטערס פּנים. דערנאָך האָט ער געהייסן יעדן איינעם צוטראָגן זײַנע שיך צום שופט. באַלד האָט דער אויסטיילער פון גערעכטיקייט אַ געפלעפטער דערזען ווי אַלע פּאָר שיך זענען אָנגעפילט מיט זאַמד.

— זאַמד אין אײַערע שיך? פאַר וואָס? — האָט ער געפרעגט.

די פעלאַכן האָבן געשוויגן און אײַנגעבויגן די קעפּ.

— אויף די קני, רמאים! — האָט דער מוכטאַר געשריגן — דערציילט דעם ריכטער, געאַכפּערט איז זײַן נאָמען, דעם אמת. זאָגט אים ווי אַזוי איר האָט פאַלש געשווירן.

דער עלטסטער פון די פעלאַכן האָט דער ערשטער זיך אַרויסגערוקט און זיך מודה געווען, אַז ער און זײַנע דאָרפסלײַט האָבן אַרײַנגעשאָטן אין זייערע שיך זאַמד פון דעם שכנותדיקן דאָרף, כּדי שטייענדיק אויף דעם פרעמדן זאַמד, זאָלן זיי קענען שווערן, אַז די ערד אויף וועלכער זייערע פיס טרעטן, איז קיין מאָל נישט פאַרקויפט געוואָרן צו די ייִדן. און זאָל דער שופט אין זײַן גנאָד זיי מוחל זײַן. „אַזוי און נישט אַנדערש איז עס געשען, האַר ריכטער! דאָס וואָס מיר האָבן אָפּגעטאָן, איז נישט ערלעך אין דײַנע אויגן, אָבער אויך אונדזער שבועה איז נישט געווען פאַלש״.

דער מוכטאַר האָט געזאָטן פון כּעס, אָבער דער ריכטער האָט זיך הילכיק צעלאַכט. ער האָט אַראָפּגעכאַפּט אַ בײַטש פון זײַן קאַרעטע און לוסטיק

אַ שמיץ געטאָן איבער די קעפּ פון די פעלאַכן. דערנאָך האָט ער געלאָזן און בכּבֿודיק זיך אַרײַנגעזעצט לעבן דעם אַנטרײַבער און אים געהייסן אָפּפאָרן.

דעם ריכטערס קאַרעטע איז פאַרשווונדן. די רעדער האָבן זיך געוויקלט אין וואָלקנס שטויב, אָבער דער מוכטאַר איז נישט אָפּגעטראָטן פון אָרט. ער האָט אויך פאַרבאָטן די פאַרשעמטע פעלאַכן אַהיים צו גיין. אַ תּם מעג מען פאַרגעבן — האָט ער צו זיך געזאָגט — אָבער בײַ אַ פעלשער מוז מען אָפּשינדן די הויט. ער האָט צוגערופן דעם עלטסטן פעלאַך אַבו אַראַף. ער האָט צוגעשטעלט אַ פינגער צו זײַן שטערן און געזאָגט:

— װעסט נישט אויסמײַדן מײַן שטראָף, בן זנונים! כ'בין נישט קיין סלחן. און געדענק, דו טאָרסט הײַנט נישט אַרויסגיין פון דײַן הויז ביז זונפאַרגאַנג!

דער זקן האָט געשוויגן און דער מוכטאַר האָט זיך צעשריִען.

— װעסט באַצאָלן פאַר דער נבֿלה, כּופֿר! דאָס פלאַקערדיקע פײַער פון דעם נבֿיאָס רײַטוואָגן איז נישט גענוג הייס פאַר דײַן קרעציק לײַב!

דער פעלאַך האָט הכנעהדיק זיך אָפּגערוקט, גרייט זיך אָפּצוטראָגן. אָבער דער מוכטאַר האָט אים צוריקגעצויגן פאַר אַ פאָלע פון זײַן אַבאַיע. ער האָט אים אײַנגערוימט:

— הײַנט נאָך זונפאַרגאַנג ברענג לאַטיפאַן אין מײַן הויז.

אַבו אַראַף האָט אויפגעציטערט.

— לאַטיפאַ מײַן טאָכטער? זאָל דער נבֿיא אונדז ביידן באַשיצן, מוכ־טאַר! זי איז קוים זעכצן יאָר אַלט. זי איז ריין ווי דער טוי אין באַגינען, לויטער ווי אַ בלום קעגן דער זון, אַזוי ווי יעדע בתולה, וואָס האָט קיין מאַן נישט דערקענט.

— די שענסטע רויז פאַרוועלקט אויב מען רײַסט זי נישט אָפּ באַ־צײַטנס פון דעם צווײַג. כ'וועל נעמען לאַטיפאַן פאַר אַ קעפּסווײַב, אַבו אַראַף.

— אַללאַ זאָל דיך אויסהיטן צו טאָן אַזאַ זאַך!

קאָסעם כאַליל האָט אָפּגעמאָסטן דעם פעלאַך מיט ביטערן שפּאָט. זײַנע אויערן האָבן זיך אײַנגעהאָרכט צו אַן אַלטן געבאָט: „זאָלסט צונעמען אַלע געשאַנקען פון דעם פאַרזינדיקטן און זאָלסט נישט אויפהערן צו מאָנען בײַ אים חובֿות זײַן גאַנץ לעבן, וואָרעם קיין מאָל קען אַ פאַרשולדיקטער זיך נישט אויסקויפן אין די אויגן פון אַללאַ". דער מוכטאַר האָט געקענט אַלע שטרענגע דינים פון דעם אַלמעכטיקן, אָבער פאַר יענע, וואָס האָבן ווידערשפּעניקט זײַן אייגענעם ווילן, האָט ער אײַנגעשטעלט אייגענע געזעצן.

ער האָט געזאָגט:

— דעם סולטאַנס ריכטער האָט דיר מוחל געווען. אָבער ס'איז פֿאַראַן אַ העכערער שופט אין לאַנד, אונדזער רעגירער דזשעמאַל פּאַשאַ אין דמשק. ער שענקט נישט קיין אַפּנאַרערײַ.

אַבו אַראַף האָט אַ פֿאַרייִאושטער זיך געקלאַפּט מיט בײדע פֿויסטן אין האַרצן:

— קאַסעם כּאַליל! קאַסעם כּאַליל! אַזוי גרויס איז דײַן לוסט צו לאַ־טיפֿאַן, אַז דו גייסט מיך מסרן פֿאַר דעם אומדערבאַרעמדיקן דזשעמאַל פּאַשאַ?

— איך בין דער מוכטאַר פֿון דאָרף! דו טאַרסט דאָס נישט פֿאַרגעסן, אַבו אַראַף! און וואָס איז אַ מוכטאַר, אויב ער זאָרגט נישט, אַז גערעכטיקייט זאָל אויסגעטיילט ווערן? דײַן גאַנצע משפּחה איז אַ באַפֿלעקט געזינדל, דײַנע ברידער זענען וועגרויבערס און זייערע זין גנבֿענען אַהער כּאַשיש דורכן מידבר. ווי לאַנג איז ווי דײַן אייגענער בכור סאַיִד האָט פֿאַרקויפֿט מוסולמענישע טעכטער צו די טערקישע זעלנערס?

בײַם דערמאָנען די חרפּה אין דער משפּחה, בײַ דער בייזער וואַרענונג פֿונעם מוכטאַר, איז אַבו אַראַף אײַנגעשרומפּן געוואָרן, זײַן מאָגערער גוף האָט זיך אײַנגעבויגן ביז צו דער ערד אונטער דער לאַסט פֿון די וואָרענונגען. נאָך דעם זעלבן פֿאַרנאַכט איז ער גרייט געווען צו באַגלייטן לאַטיפֿאַן צום מוכטאַרס טיר און פֿאַר אַ צולאָג האָט ער אַרײַנגעציילט אין זעקל פֿופֿציק טערקישע באַשליקן.

— ג —

און ווי דער מוכטאַר האָט געוואַרט אויף לאַטיפֿאַן פֿון האַלבן טאָג ביז זונפֿאַרגאַנג, האָט שמריהו חיסין דערווײַל זיך באַזינגען און איז אַוועק פֿון דאָרף. ער איז גרייט געווען אָנצובאָטן אַ באַלוינונג דעם שוחד־נעמער בתנאי, אַז דזשעמאַל פּאַשאַ זאָל קומען עפֿענען די מיליטערישע תּבֿואה־שפּײַכלערס.

אויף אים איז געלעגן אַ קהלשער עול. ער האָט געהאַט אַ שליחות צו פֿאַרזאָרגן די הונגעריקע אײַנוווינערס מיט ברויט. די פֿאַרהעמערטע שפּײַכלערס אין רמלה זענען אָנגעשטאָפּט מיט מעל און נאָר דער טיראַן דזשעמאַל פּאַשאַ קען לינדערן דעם הונגער. חיסין האָט זיך געקווענקלט. מיט וואָס פֿאַר אַן אָנבאָט קומט ער צום מוכטאַר? נישט מיט אַ פּעטן כּאַבאַר, נישט מיט קיין גאָלדענע רענדלעך נאָר מיט אַ צוזאָג פֿון אַ פֿאַר־דינסטל בײַ מעקלערײַ. אַ סוחר פֿון ביירוט האָט זיך נעכטן באַוויזן אין

שטאָט, אַן אָנגעשטאָפּטער נגיד, אַ בעל־נכסים, וואָס וויל איינהאַנדלען אַ שטח באָדן הינטער יפו אָדער אַ פּאָר הייזער אין תּל־אָביב. קאָסעם כּאַליל קען אַלע לאַנדשטיקער, ער האָט אויפן קאָפּ אַלע אָפּגעשטאָכענע בערג און נאַקעטע זאַמדן אַרום די אַראַבישע דערפער. ער איז פלינקער פון די געריבענע מעקלערס. מיט זיין געשליפענער צונג פון אַ געבראָטענעם ישמעאל וועט ער דעם נגיד איבערריידן און פון דעם אומגעריכטן ריווח וועט דער ברייטלייביקער מוכטאַר נאָך מער געשוואָלן ווערן.

ספקות זענען חיסינען באַפאַלן. און אַז די קניה וועט נישט דורכגיין? אויב דער סוחר איז אַ היציקער ספרדי און אַ קמצן פּאָר אַ צולאָג און ס'וועט פון דעם מיסחר זיך אויסלאָזן אַ טייך? שמריהו חיסין האָט באַלד פאַרטריבן אַזאַ אויסדוכטעניש. ער האָט געהאַט אויף דעם מוכטאַר אַ צווייטע בייטש. ער וועט אויפמישן זיינעם אַן אַלטן חטא, אים דערמאָנען ווי ער האָט פּאַראַיאָרן געשענדט די שוועסטער פון כּאַביב דעם וואָלשערער. דאָס דאָרף האָט געשוויגן. דער הערשער אין דמשק איז שטום געוואָרן און דער מוכטאַר איז אָפּגעקומען אַן שטראָף, אַן נקמה. די קרובים האָבן נישט דורכ־געפירט קיין בלוטאויסלייז ווי ס'איז דער שטייגער ביי מחמדאַנישע משפחות.

אויפגעמונטערט פון בטחון, געשטאַרקט פון די צוויי בייטשן אין זיינע הענט, האָט חיסין זיך דערנענטערט צום מוכטאַרס הויז. די קרומע שטעגן און ליקעס פון דעם אָרעמען דאָרף זענען געוועזן הינטער אים. די ליימיקע הייזקעס מיט שפּאַלטן אין די ווענט זענען ווי אָפּגעקרישלטע מצבות געוועזן איינגעזונקען אין דער ערד. אַ מידער פעלאַך האָט געשטופּט זיין אייזל פאַרויס און אים געפּאַטשט אין הינטער־חלק. אַ פאַרשלייערטע אַראַבערקע מיט אַ קרוג אויפן קאָפּ איז געגאַנגען צום ברונעם. און מיט אַ מאָל, אין מיטן גאַנג, האָט אויף שמריהו חיסינען אַ יאָג געטאָן אַ שווערער אומעט. אויף וואָס האָט דער ישוב זיך דערוואָרט? פערציק יאָר נאָך דעם ווי די ראשונים האָבן אויסגעבויט די קאָלאָניעס און דער נדיב הידוע האָט אויס־געלייזט שטרעקעס ערד, איז אַ מלחמה באַפאַלן דאָס לאַנד. די טערקן, די דייטשן און די ענגלענדער האָבן פון ארץ־ישראל אַ שלאַכטפעלד געמאַכט. די איינוווינערס ווערן געפּייניקט פון הונגער און מגפות. ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז מ'שפּייזט זיך שוין מיט דעם ביטערן מאכל תּורמוס וואָס קען פאַרברענען די געדערעם. דער געפעפערטער באָב קען זיין אַ געשמאַקער נאָש ביי אַ ברית, ביים שרייבן תּנאים. ס'איז גוט ווי אַ שאַרפער לעק אויפן שפּיץ צונג, אָבער אַ סם־המוות ווען מען באַנוצט דאָס פאַר אַ טעגלעכן מאַלצייט. די דערוואַקסענע קריגן דערפון אַ גרינע מראה און ביי די קינדער

ווערן די בײַכער געשוואָלן. די שטאָטטאָטעס באַשטייען מ׳זאָל אַרײַנפירן ווייץ פון סיריע און פון עבר־הירדן. ס׳איז עטלעכע קהל־טוערס געראָטן פון דאָרט צו ברענגען קליינע טראַנספּאָרטן. מ׳האָט צעכאַפּט די זעקלעך ווייץ, צעמאָלן די תבואה און געבאַקן ברויט, אָבער דער זאַפּאַס האָט אויף לאַנג נישט געסטײַעט און ביטערע גזירות זענען געקומען. אַנשטאָט צו שטילן דעם הונגער אין לאַנד, האָט דער טערקישער מושל אָנגעהויבן אַ גירוש פון די עסקנים אין יישוב.

שמריהו חיסין האָט נישט אײַנגעשטימט, אַז יידישע געשיכטע איז פול מיט סתירות, אַז יעדע גזירה איז אַ שטויס פאָרויס צו גאולה. די הײַנטיקע קנאים, דאָס יונגוואַרג פון נילי, וואָס אַרבעטן באַהאַלטענערהייט פאַר די ענגלענדער, זיי גלייבן, אַז ווען דער טערק וועט אַרויסגעטריבן ווערן, וועט ארץ־ישראל זײַן אויסגעלייַזט און ס׳וועט פון דאָס נײַ אויפשטיין די יידישע מלוכה. אויב אַזוי, וואָס איז געווען דער שכר פאַר אַלע נגישות ביז הײַנט? וואָס איז די באַלוינונג פאַר צוויי טויזנט יאָר יסורים? צוליב וואָס די שײַטער־הויפנס, די קרבנות, די דורות מאַרטירערס, אַז דער צוריק־קער נאָך ארץ־ישראל איז געשטעלט נישט אויף היסטאָרישן רעכט, נאָר אויפן חסד פון די הערשערס וואָס זיגן? חיסין האָט פאַרגליכן די טערקישע מאַכט צו דער רוימישער אימפּעריע. דער הײַנטיקער יישוב איז אַזוי ווי ארץ־ישראל נאָכן פאַלן פון דער לעצטער פעסטונג. אַדריאַן האָט באַזיגט די יידישע חיילות. סעווערוס האָט דערשטיקט דעם אויפשטאַנד, יידן זענען געלאָפן צו די פיר עקן וועלט זיך צו שיצן פון דעם אימפּעראַטאָרס שווערד. בלויז יענע וואָס זענען נישט אַנטרונען, האָבן אויפגעהיט די אַחיזה אויף אייגענער ערד...

בײַ דער שוועל פון דעם מוכטאַרס הויז איז שמריהו חיסין געוואָרן שטאַרק אויפגעמונטערט. ער האָט מיט איין פיר איבערן שטערן אָפּגעווישט אַלע ספקות. קאַסעם כאַליל איז געוואָרן צעטומלט בײַם דערזען אָנקומען דעם אומגעריכטן גאַסט. אָבער ווי אַ גנעדיקער מכניס־אורח האָט ער ברייט געעפנט די טיר. ער האָט דעם גאַסט אַקעגן געטראָגן אַ פלאַש אַראַק, אָנ־געבאָטן אַ בײַכיקע נאַרגילע צום רייכערן. חיסין האָט אַ פריילעכער אָנגע־הויבן ריידן, ווי ס׳איז דער שטייגער בײַם מזרח־מענטש, ווען ר׳איז באַ־רוישט פון פרייד.

— קאַסעם כאַליל! קאַסעם כאַליל! דאָס מזל פאַלט אַרײַן צו דיר אומגעריכט. ס׳איז הײַנט פאַר דיר אַ ליכטיקער טאָג.

— פאַר דעם מוכטאַר פון דאָרף לוביה איז איטלעכער טאָג אַ ליכטיקער

— האָט קאַסעם כאַליל מיט דעם אָנשטעל פון עניוות געשמייכלט.

— דער היינטיקער טאָג איז אַנדערש פון אַלע טעג, מוכטאַר. ביסט ווי אַ פלינקער יעגער, וואָס כאַפּט אַ טאָפּעלן פאַנג, צוויי רויבפייגל אויף איין מאָל.

— איך ווייס נאָר פון איין רויבפייגל. כ׳האָב געכאַפּט די פעלאַכן, די רמאים.

— ס׳וואַרט אויף דיר אַ צווייטער פאַנג, קאַסעם כאַליל. נישט קיין רמאי, נאָר אַן ערלעכער סוחר, אַ רייַכער לאַנדבאַזיצער. ער קומט פון לבנון און וויל איינהאַנדלען באַדן צי הייזער. דו וועסט אים אַרומפירן איבער די ליידיקע שטרעקעס הינטער יפו. צי דאַרף איך דיר זאָגן, מוכטאַר, ווי גרויס ס׳וועט זייַן דייַן באַלוינונג? ער האָט אַ ברייט האַרץ און אַן אָפּענע האַנט, דער סוחר פון לבנון.

דער מוכטאַר איז געווען אין פאַרלעגנהייט. זייַן הויז איז הייַנט גע־שטאַנען אָפן פאַר לאַטיפאַן, נישט פאַר קיין לאַנדבאַזיצער פון לבנון. ער האָט אַ הייב אויף געטאָן ביידע הענט ווי וואָגשאָלן: וואָס וועט אַריבער־וועגן? דער ריווח פון ערד־מיסחר, צי דאָס לייַב פון אַ בתולה? ער האָט זיך געדרייט אַרום שמריהו חיסינען ווי ער וואָלט געהאַט ווערעם אין געזעס. ער האָט געזאָגט:

— נישט הייַנט, יאַ אַחאַ, כ׳וואַרט אויף אַ גאַסט.

— געסט צום מוכטאַר קומען אַלע טאָג, און דאָס הויז פון דעם גוטן גאַסטגעבער איז שטענדיק אָפן. דאָס מאָל זאָג מיר נישט אָפּ, קאַסעם כאַליל. דער סוחר אייַלט זיך. מאָרגן קאָן זייַן צו שפּעט.

דער מוכטאַר האָט אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר ליצנותדיקע אויגן. דעם אמת וועגן לאַטיפאַן האָט ער נישט געטאָרט אויסזאָגן. ער איז אויך נישט געווען פרייַ פון דער מורא, אַז זייַן צונג זאָל זיך נישט אויסגליטשן. דאָס ווייכע פּנים איז געוואָרן שטרענגער. ער האָט אין חיסינען אַרייַנ־געשטאָכן אַ בליק ווי אַ שפּיז.

— כ׳טאָר נישט פאַרשעמען אַ מענטש, וואָס וויל אַריבערטרעטן מייַן שוועל. דער גאַסט וועט קומען נאָך זון־אונטערגאַנג.

חיסין האָט אַרויסגענומען פון וועסטטעשל אַ גראָבן זייגער אויף אַ גאָלדענער קייט און אַ קוק געטאָן אויפן ציפערבלאַט.

— ביז זונפאַרגאַנג קענסטו פאַרקויפן דעם גאַנצן מידבר — האָט ער געזאָגט — וועסט נישט פאַרשפּעטיקן אויפצונעמען דייַן גאַסט, קאַסעם כאַליל. ווייסטו וואָס? דו בלייַב אין הויז. זאָלסט אָנגרייטן דעם אַראַק און

זאָלסט אופּבריִען די טערקישע קאַווע. אין אַ שעה אַרום ברענג איך דיר אַהער דעם סוחר מיטן געשוואָלענעם בײַטל.

דער מוכטאַר האָט זיך געוואַקלט. ער האָט זיך געדונגען, דערנאָך בנעימותדיק געװײַלט, װעגן דער אײדעלער מידה פֿון אױפֿנעמען געסט. ער האָט זיך פֿאַררופֿן אויף אַ פּסוק אין קאָראַן און לסוף נאָכגעגעבן.

ווי גיך שמריהו חיסין איז אַוועק אין שטאָט, איז ער נאָך גיכער צוריק־געקומען. ער האָט געפֿירט מיט זיך דעם לאַנדבאַזיצער פֿון לבנון רצון מגיד. דער מוכטאַר, וואָס האָט געוואַרט בײַ דער שוועל, האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם סוחר ספֿק ברוגזלעך, ספֿק מיט נײַגער.

דער סוחר האָט אויסגעזען ווי אַ יעוונוך, אַ נידעריקער, אַ קײַלעכדיקער מיט אַ נאַקעט פּנים. אַרום דעם קין איז נישט געווען קיין זכר פֿון אַ שפּראָץ האָר. ער האָט געטראָגן ווײַסע, געפּרעסטע הויזן, אַ טונקל־בלויען ראָק, גלאַנציקע שיך. די חמימה איז געווען גרויס, אָבער אַרום דעם שטײַפֿן קראָגן איז געווען אויסגעבונדן אַ דיקער, רויטער שניפּס, אויפֿן קאָפּ אַ טערקישע פֿעזע. ער האָט געהאַט די פֿולע הלבשה פֿון אַ לעוואַנטינער, דעם פּוץ פֿון אַ מיזרח־פּראַנט. נאָך אײדער קאָסעם כאַליל האָט געעפֿנט דאָס מויל, האָט דער סוחר אַליין זיך צערעדט אין אַ גאָרגלדיקן אַראַביש צו ביידן, צו חיסינען און צום מוכטאַר. מיט זײַנע היציקע תּנועות איז ער גיכער ענלעך געווען צו אַ מחמדאַנישן באַזאַר־הענדלער אײדער צו אַ געלאַסענעם שטאָט־סוחר. שמריהו חיסין האָט אים פֿאַרגעשטעלט ווי אַ ברייטהאַרציקן נגיד, אַ באַזיצער פֿון הײַזער און נחלאות אין ביירוט, ער האָט געזאָגט:

— כ׳ברענג דיר אַ ייִדישן שייך, מוכטאַר. מעגסט שווערן בײַ אַלץ, וואָס איז דיר הייליק, אַז דאָ שטייט פֿאַר דיר אַן אמתער באַראָן פֿון לבנון, אַ מאַגנאַט! ער איז רײַכער פֿון אַלע דײַנע אויפֿגעבלאָזענע עפֿענדיס, וואָס זענען אָנגעשטאָפּט מיט ממון ווי אַ מילגרוים מיט קערנער. ער אַליין קען אויסקויפֿן גאַנץ יפֿו.

— כ׳קען קיין איין גאַס אין יפֿו אויך נישט אויסקויפֿן! — האָט דער סוחר רצון נגיד גענומען שרײַען מיט רוגזה — מאַך מיך נישט פֿאַר קיין פֿאַלשן מאַגנאַט. דו וועסט מיט אַזוינע דיבורים בײַ מיר גאָרניט אויסצאַפּן. קאָנסט דען צאַפּן פֿון אַן אויסגעקוועטשטן לאַגל? ווי דו קוקסט מיך אָן, בין איך אַזוי ווי אַ געלעכערטע קאַקאָסנוס. בײַם האַנדל־וואַנדל האָב איך מער פֿאַרלוירן ווי געוווּנען. אַהער האָב איך געבראַכט בלויז עטלעכע אַלפֿים. זאָל זיך קיינער נישט נייען קיין בײַטל! כ׳בין אַ זהיר ונזהר! כ׳צייל מײַנע דינאַרן ווי אַן אביון זײַנע פּרוטות... געקומען אַהער בין איך צו גאַסט

צו אַ קרוב. אויפן וועג איז מיר איינגעפאַלן: אויב ס'זאָל מיר געפעלן ווערן אַ נייַ הויז, אַ שיינער בנין אין שטאָט...

דער מוכטאַר, וואָס האָט ביז אַצינד געשוויגן, האָט געקראָגן לשון. ער האָט זיך צוגערוקט צום סוחר מיט אַ פריילעכער העוויה און אים געגעבן די ערשטע הבטחה:

— ס'וועט דיר געפעלן ווערן, אַוודאַי געפעלן ווערן, כאַדזש רצון מגיד — האָט ער גערעדט און אַרויפגעלייגט די האַנטפלאַך אויפן האַרצן — די הייַזער אין תל־אָביב זענען אמתע פּאַלאַצן. פּאַלאַצן זענען דאָס? טורעמס פון העלפאַנדביין! האָסט געזען ווי די נייַע שטאָט צעוואַקסט זיך? ווי לאַנג, מיינסטו, וועט די מלחמה געדויערן? די טערקן וועלן אַנטלויפן מיט חרפה און די ענגלענדער וועלן אַרייַנרייַטן מיט כבוד. בייַם נביא! ס'וועט זייַן אויס הונגער, אויס מגפה. יאַהוד און אַראַבער וועלן זיך האַלדזן ווי ברידער. פון יעדער מויער וועט ווערן אַ בנין מיט טאַפּאַזן און עמעראַלדן. ערד וועט זייַן מיט גאָלד צו גלייַך און די גרעסטע מטבע וועט זייַן ביליקער פון אַ קמיע. קום אַרייַן אין הויז, כאַדזש. לאָמיר אָנפילן די גלעזער אַראַק!

פון דעם מוכטאַרס צעפלאַמטע רייד איז חיסין דער ערשטער צעוואָרעמט געוואָרן. ער האָט אַ צי געטאָן צו זיך דעם גאַסט, וואָס האָט זיך געוואַקלט און אים אַרייַנגערוימט אין אויער:

— ווען דו פאָלגסט מיך, שלעפּסטו הייַנט אַרויס דייַן געלט פון ישמעאלס מדינה און דו שטעקסט דאָס אַרייַן דאָ אין הייַזער, אין פּלעצער, אין פּרדסים, בהן שלי! ווי מיר זענען ביידע יהודים מאמינים, ווי נאָר דער טערק וועט אַרויס פון לאַנד, וועט פון דייַן פאַרמעגן ווערן כפל כפליים!

בייַם לבנונער סוחר האָט דאָס נאַקעטע פּנים זיך פאַרקרימט פון רוגזה. ער האָט זיך געבייזערט:

— כ'וויל נישט כפל כפליים! און פון ווען אָן איז לבנון בייַ דיר געוואָרן ישמעאלס מדינה? הער, דו אַשכנזישער למדן! צי האָסטו פאַרגעסן, אַז מיט צעדערן און ציפּרעסן פון לבנון האָט שלמה המלך געבויט דאָס בית־המקדש? אויב ס'איז אמת, אַז מ'וועט פון דאַנען אַרויסטרייַבן דעם טערק, וועט אין צוואַנציק יאָר אַרום ארץ־ישראל זיך אויסשפּרייטן אַריבער דעם באַרג חרמון. ס'וועלן זיך אויך מערן די ייִדן אין טריפּאָלי, אין צידון. נייַע שטעט וועט מען אויסבויען ביז צום גרויסן ים און דעמאָלט וועלן מיר, לבנון־ייִדן, זיצן אין צפון־טייל פון לאַנד...

דעם סוחרס מונטערע נביאות האָט אויף חיסינען אָנגעטראָגן אי פרייד, אי שרעק — פרייד, וואָס דער קויפער האָט אַזוי פיל אמונה אין ארץ־ישראל,

שרעק, וואָס צוליב דעם גיכן וווּקס פון לאַנד קען ער חרטה האָבן צו מאַכן אַ קניה. און ווי שמריהו חיסין איז געווען אין קווענקלעניש, האָט דער מוכטאַר פּלוצעם דערפילט מער צוטרוי צום פרעמדן, מער זיכערקייט אין זיך. ער האָט זיך צוגעבויגן צו אים און געזאָגט:

— און איך האַלט מיט כאַוואַדזשאַ חיסין. איידער מיר, יאַהוד און מוסלעמענער, וועלן אַרײַנשטעלן יעדע פיס אין דער לבנון־מדינה, דאַרף מען צו ערשט דאָ אַרײַנבראָקן וואָס מער געלט. מיט אַ חודש פריִער זענען דאָ אַרײַנגעפאַלן צען יאַהודים פון באַגדאַד, זיי האָבן געטאָן אַ שנאַפּ צו דער ערד, אַ שמעק און געקויפט. און זיי האָבן קלוג געטאָן מיט זייער ערשטער קניה, די חכמים פון באַגדאַד.

— ווײַל זיי האָבן באַגראָבן אַ מטמון אין די וויסטע שטרעקעס?

— יאָ — האָט דער מוכטאַר געענטפערט.

דער סוחר האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט ביידע הענט.

— ס׳אַ בלינדער מיסחר! זאָג מיר נישט, אַז זיי זענען געווען גערעכט.

— גערעכט! — האָט קאָסעם כאַליל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — און נאָך ווי גערעכט! אַפילו ווען זיי האָבן איבערגעצאָלט אויפן פריַיז! ווי זאָגט דעם סולטאַנס וויזיר: אויפן אָרט ווו ס׳פּויזעט די טויב, נישט ווײַט פון דאָרט לויערט דער רויבפויגל, — און דער מוכטאַר האָט פּלוצעם אויסגעשאָסן אין אַ ווילד געלעכטער: אַז מ׳פּאַקט אַ לאַם מיט געדיכטע וואָל, מעג מען זי שערן...

דער לבנונער סוחר האָט זיך אַ רוק אָפּ געטאָן פון דעם מוכטאַר ווי פון אַ חסר־דעה. פון אויפרעגונג האָט ער זיך אַ פּליאַסקע געטאָן איבער די גאָלע באַקן. באַלד איז ער צוריקגעקומען און אַ וואָרף געטאָן דעם אַראַבער אין פּנים אַרײַן:

— ביסט אַ רמאי!

דער מוכטאַר איז געבליבן אָפּגעשמיסן. אין איין אויגנבליק האָט ער באַנומען, אַז דעם סוחרס כעס האָט אים געקאָסט דאָס מעקלערײַ־געלט. חיסין האָט פון אומבאַהאָלפנקייט געצויגן מיט די פּלייצעס, געוווּנקען צו קאָסעם כאַלילן ער זאָל דעם באַליידיקטן יחסן איבערבעטן. דער נגיד, וואָס האָט געזאָלט קומען מיט אַ ברייט הארץ און אַן אָפענער האַנט, איז אַנטלאָפן ווי אַן אָפּגעבריטער. דער מוכטאַר האָט אים נאָכגעיאָגט און אַרײַנגערעדט אין אים, אַז צו ערשט דאַרף ער גיין אָנקוקן אַ גאַס מיט הײַזער, אויסמעסטן די לאַנדשטיקער און שאַצן זייער ווערט. און פאַר וואָס נישט אַריבערטרעטן זײַן שוועל און זיך דערקוויקן מיט אַ גלאָז אַראַק?

אַנטלויפֿן אַנטלויפֿט מען נישט פֿון מאַרק. אַפֿילו אַ מציאות־זוכער אויפֿן באַזאַר טראָגט זיך נישט אָפּ איידער ער באַטאַפּט די חפצים. אָבער דער אָפּגעהיטער רצון מגיד האָט זיך נישט געלאָזט איבערבעטן. ער האָט געשריִען אַז מ׳וויל אים אָפּנאַרן.

— אויב די יפֿוער רמאים זוכן לעמער צו שערן זייער וואָל, האָב איך דאָ נישט וואָס צו טאָן! די, וואָס זענען אָפּגעהיט און געטרויען נישט, האָבן נאָך אין ביירוט מיך געוואָרנט אַז ארץ־ישראל איז אַ לאַנד, ווו מ׳באַגראָבט אוצרות. די אַראַבער נעמען צו ס׳געלט פֿאַר דער ערד און די אַשכּנזים פֿאַר די ציגלווענט...

ער האָט זיך פֿלינק דערווײַטערט אויף עטלעכע טריט, באַלד צוריקגעקומען און זיך אַ קניפּ געטאָן אין דער אויסגעגלעטער גאָמבע. ער האָט געליאַרעמט:

— כאַלאַס! פֿאַרטיק! נישט מיך וועט מען אָפּשינדן! נישט מײַנע קעשענעס וועט איר באַרײַסן, יפֿוער רמאים!

דער מוכטאַר האָט נאָכגעקוקט דעם אַנטלויפֿנדיקן סוחר. דערנאָך האָט ער אויפֿגעהויבן די אויגן צום הימל. די זון האָט זיך גענומען נייגן צו מערב. ער האָט אָפּגעווישט אַ וואָלקן טרויער פֿון זײַן שטערן און גערעדט האַלב מיט שפּאָט, האַלב מיט באַדויער:

—הײַנט האָט ער פֿאַרלוירן זײַן עשירות, דײַן סוחר! ווער האָט אַרויס־געשיקט פֿון ביירוט אַזאַ געשטראָפֿטן שעפּס? אַללאַ איז אַקבאַר! ווען ער באַשטראָפֿט דעם גרויסהאַלטער, מאַכט ער אים פֿאַר אַ נאַר. דער דאָזיקער כאַדזש דײַנער! ער זאָגט נביאות אויף צוואַנציק יאָר שפּעטער, אָבער ר׳קען נישט זען ווײַטער פֿון זײַן נאָז... דער דערבאַרעמדיקער זאָל אים עפֿענען די אויגן אין יענעם טאָג, ווען די טײַערסטע מטבע וועט זײַן ביליקער ווי דאָס קופּער פֿון אַ קמיע...

שמריהו חיסין האָט אַ מונטערער אַרויפֿגעלייגט אַ האַנט אויף דעם מוכטאַרס פּלייצע:

— ציטער נישט, קאַסעם כאַליל! פֿלאַטער נישט ווי ס׳וואָלט דיך גע־טרייסלט אַ ביטערע קדחת — און ער האָט שפּאַסיק אים געוואָרנט מיט אַ פֿינגער — היט זיך, מוכטאַר, פֿון אַן ערדציטערניש אין בויך! כ׳וועל אים צוריקברענגען, דעם יחסן. גיי אַרײַן אין הויז און פֿיל אָן דערווײַל די גלעזער מיט אַראַק, וועסט זען, אַז ער וועט צוריקקומען. ברוב פּאַר והדר וועט ער צוריקקומען!

און ער האָט מיט האַסטיקע שפּרײַזן גענומען נאָכיאָגן דעם באַליידיקטן נגיד.

— ד —

שמריהו חיסין האָט דעם סוחר נישט צוריקגעבראַכט. דער מוכטאַר איז אַרײַן אין הויז. ווי נאָר די לעצטע זונפלאַמען האָבן זיך פאַרלאָשן אין מערבדיקן הימל־אויסבייג, האָט לאַטיפאַ זיך באַוויזן בײַ זײַן טיר. דער דערפרייטער קאַסעם כאַליל איז אַרויס אין הויף זוכן דעם אונטערפירער, אָבער איר פאָטער אָבו אַראַף איז אין דרויסן נישט געווען. זי איז געקומען אַליין, דרייסט און אַרויסרופעריש. מיט איר ערשטן שפּרײַז פאַרויס האָט זי אויף אים אַנגעיאָגט אַ פלאַטערניש, וואָס פון אַזוינס האָט ער נישט געוווסט זינט ער איז פון דעם וויגל אַרויס. לאַטיפאַ איז געווען געוויקסיק און פאַר־ריסן. דאָס טונקל־ברוינע לײַב אונטער די געוואַנטן איז געווען געפורעמט און געקנאָטן. זי האָט אויסגעזען רײַפער פון אירע יאָרן. איר שוואַרצער קאָפּ האָר, אַ באַרג צעפּאָטלטע צעפּלעך, האָט איר צוגעגעבן אַ ווילדן רייץ. אירע קוילנאַויגן האָבן געגליט מיט שינאה אויף דעם אומגעבעטענעם גאַסט־געבער. די פולע, אַנגעטרונקענע ליפּן ווי בײַ אַ שיינער מולאַטין האָבן זיך פאַרקרימט מיט פאַראַכטונג.

זי איז געשטאַנען פאַר אים ווי אַן אומדערשראָקענע דראַטן־שפּרינגערין פון סטאַמבול. דער מוכטאַר האָט באַלד אײַנגעזען, אַז נישט אַ זעכצן־יאָריקע בתולה איז צו אים געקומען, נאָר אַ יונגע שפּילפרוי, אַ שטורעמ־דיקער וויכער, ענלעך צו איינער פון יענע ייִדישע מאַסקאַבישע טעכטער, וואָס פאַרכאַפּן בײַ די מאַנסלײַט דעם אָטעם. קאַסעם כאַליל האָט געהאַט זײַן שטייגער מיט ווײַבער, דעריבער איז זײַן האַרץ נישט אײַנגעפאַלן פון דעם האַס, וואָס האָט געשפּריצט פון אירע אויגן. האַס און פאַרשײַטקייט גייען געפּאַרט, האָט ער צו זיך געזאָגט. דאָס פּנים בײַם מוכטאַר האָט אויפגעלויכטן. דער ברייטער שמייכל האָט זיך צעגאָסן פון איין אויער צום צווייטן.

— ביסט געקומען, טאָכטער שיינע — האָט ער געזאָגט — כ׳האָב געוווסט, אַז דו וועסט קומען.

ער האָט געוואָלט איידל זי אַנגעמען בײַ אַ האַנט און אַרײַנפירן אין הויז, אָבער לאַטיפאַ האָט זיך אָפּגערוקט פון אים. זי האָט אים געוואָרנט:

— היט זיך, מוכטאַר. היט זיך פאַר מיר!

אויף איין אויגנבליק איז ער געבליבן שטיין געפּלעפּט. ווען איז אַזוינס געהערט געוואָרן, אַז אַ פעלאַכס אַ טאָכטער זאָל וואָרענען דעם מוכטאַר? באַלד האָט ער צוריקגעקראָגן זײַן זיכערקייט. אין זײַן קול איז געווען

פּאַטערלעכע ווייכקייט. די רייד האָבן געהאַט דעם טאָן פון אַ גוטמוטיקן שטראָפער:

— פאַר דיר, לאַטיפאַ, זאָל איך זיך היטן? ווי רעדסטו צו מיר יאַ בינעט, טאָכטער שיינע? ווייסטו ווער איך בין? דער עלטסטער פון דאָרף, דער דערבאַרעמדיקער טאַטע פון אַלע קינדער אין לוביה! נישט נאָר געדענק איך ווי מ׳האָט דיך פון דער מאַמעס ברוסט אַנטווינט, כ׳בין אויך געווען אין הויז ווען די הייבאַם האָט דיך אויף דער וועלט געבראַכט.

— דו געדענקסט מײַן הייבאַם? — האָט זי נײַגעריק געפרעגט.

— אַזוי ווי מײַן אייגענע מאַמע, לאַטיפאַ.

— און דו האָסט געזען ווי זי האָט מיך אויף דער וועלט געבראַכט?

— אויף אירע אָרעמס האָט זי דיך געבראַכט און מיר האָט זי דעם ערשטן דײַן ליכטיק פנים געוויזן.

— אויב אַזוי, דערבאַרעמדיקער טאַטע פון דאָרף, צווינג מיך נישט, כ׳זאָל פון דער וועלט מוזן אַוועקגיין.

אַנשטאָט ער זאָל זיך דערשרעקן פון דער וואָרענונג האָבן אירע רייד אים פאַרווײַלט. זײַן צונג האָט ווי געטריפט מיט האָניק.

— קום אַרײַן אין מײַן הויז, לאַטיפאַ. כ׳האָב אָנגעגרייט אַ שיסל מיט מאַנדלען און ניס, און אַ קויש פרוכטן אויפן טיש. אין אַן אָרעמער שטוב ביסטו געבוירן געוואָרן. כ׳געדענק דאָס ווי נעכטן. אָבער הײַנט דאַרף מען דיך אין איידלשטיינער צירן. בײַם נביא! איך אַליין וואָלט באַדאַרפט אויף דײַן האַנט אַ גאָלדענעם אָרעמבאַנד אָנטאָן און אַ רימען מיט פּערל אויף דײַן האַלדז אָנהענגען. נישט יעדן חודש ווערן געבוירן אַזוינע געראָ־טענע טעכטער. קום אַרײַן, שיינע לאַטיפאַ.

צי דערפאַר ווײַל קאַסעם כאַליל האָט געוווּסט ווי צו פאַנגען אַ פּרויס האַרץ, צי ווײַל אין לאַטיפאַן האָט פּלוצעם אויפגעוואַכט אַ מיידלשער נײַגער, אָבער איר האָס האָט אומגעריכט פאַר איר אַליין זיך גענומען לעשן. דער מוכטאַר, אַ זיכערער, אַז ער קען די ווײַבערישע נאַכגיביקייט, האָט ווינציק געטראַכט פון זייער הינטערליסטיקייט. דאָס האַרץ פון אַ מוסולמענישער טאָכטער איז שטיל ווי אַ טויב און דאָרט הויערט נישט קיין נאַרערײַ. זי איז אים נאָכגעגאַנגען ביז צו דער ערשטער קאַמער און האָט דערזען די קאָלירטע לאָמפּן אָראָפּהענגען פון סופיט, בלויע גאָבעלינען אויף די ווענט און טעפּעכער אויף דער ערד. וויפל שלעסער און פרענטעס אַזוי פיל זענען דאָרט געווען פאַרהאַקטע טירן, וואָס האָבן געלאָקט ווי געהיימע עפענונגען צו אַ פאַרבאָרגענער וועלט.

דער מוכטאַר האָט געשפּרײַזט פּאַרויס און גערעדט:

— אַזוי ווי כ׳האָב געזאָגט, לאַטיפאַ. נישט יעדן חודש ווערן אין דאָרף געבוירן אַזוינע שיינע טעכטער און נישט אין יעדער מיסטגרוב בליט אויף אַ רויז. אין מײַן הויז איז פֿאַר דיר אויסגעשפּרייט דער טעפּעך פֿון מזלות. האָסט דאָ געשטעלט די ערשטע טריט, וועסטו שוין שפּרײַזן ווײַטער.

זי איז געווען געהאַרכיק און דער מוכטאַר איז נישט אַנטשוויגן געוואָרן.

— פּאַרויס לאַטיפאַ. אַזוי, טאַכטער שיינע, נאָך אַ טראָט און נאָך אַ טראָט. כ׳וועל עפענען די טיר צום הויף און דו וועסט דערזען אַ פּרעכטיקן אָרט, וואָס איז אַזוי בליִענדיק ווי דער גאָרטן פֿון אַללאַ. דו וועסט פֿאַרגעסן דײַן פֿאָטערס שטאַל און דעם אַלטן ברונעם און דעם שלעגעריונג יוניס אַלי...

לאַטיפאַ האָט אויפגעציטערט.

— דו ווייסט פֿון יוניס אַלי?

— כ׳קען אַלע ביינערברעכער אין מײַן דאָרף. און קיין איינער פֿון זיי איז נישט קיין דזשעדאַ, קיין גיבור. גלייב מיר, לאַטיפאַ. וויל איך, קען איך די פֿאַרדאַרבענע יונגען אַרויסטרײַבן פֿון לוביה. וויל איך, קען איך ווערן בלינד צו זייערע גנבות. פֿון פֿרימאָרגן ביזן אָוונט האַלט איך אָן אויג אויף יוניס אַלי. ער געפֿעלט מיר נישט. וואָס ס׳דאַרף דיר זײַן באַשערט, איז אַ שטאַרקער מאַנצביל, נישט קיין לאַם.

— יוניס אַלי איז אַ לאַם?

— אַ פּעלאַך וואָס גנבעט אַרויס בלינדע קי און דערשטיקט שלאָפֿנדיקע הינער אין שטײַג, איז אַ פּחדן. ער קען זײַן שטאַרק בײַ אַ גנבה, אָבער ער פֿאַלט אויף די קני בײַ אַ געשלעג. אַזאַ איינער ווי ער וועט נישט קומען צו דײַן פֿאָטער און זאָגן, אַז ער וויל דיך קויפֿן פֿאַר אַ ווײַב. באַהיטן זאָל דיך אַללאַ פֿון אַזאַ ליבעניש! ער וועט ווי אַ גנב אין דער נאַכט דיך פֿאַרשלעפּן אין מידבר אַרײַן.

בײַ לאַטיפאַן האָט דאָס האַרץ אויפגעשטורעמט. זי האָט דערפֿילט אַ צעמישעניש אין קאָפּ. דעם מוכטאַרס מויל, וואָס האָט נאָר וואָס פֿאַרמיאוסט יוניס אַלין, איז פֿול מיט בייזע דראָונגען און פֿאַרהוילענע צוזאָגן. זײַן גלאַטיק פּנים האָט אָפּגעשטויסן, אָבער זײַן צונג האָט גערייצט.

— ער געפֿעלט מיר נישט, שיינע לאַטיפאַ — האָט דער מוכטאַר ווייך גערעדט — אַזאַ פּערל ווי דו איז ווערט אַ מאַן פֿון אַנזען, אַ קאַליף צי גאָר אַ וויזיר, וואָס קען לייגן טײַערע געשאַנקען צו דײַנע פֿיס. וועסט גלייבן? איך אַליין ווייס פֿון אַ בעסערן מאַן, וואָס באַגערט דיך, טאַכטער שיינע...

און ער האָט אַרויסגעצויגן פֿונעם בײַטל אַרום זײַן בויכגאַרטל אַ האַלדז־באַנד און אַזוי ווי אַ צויבערמאַן גענומען טרייסלען מיט די בליציקע איידל־שטיינער פֿאַר אירע אויגן, וואָס זענען אײַנגעוויגט געוואָרן ווי פֿון אַ פֿאַר־בלענדעניש.

מיט אַ מאָל האָט זי זיך אויפֿגעריסן פֿון אָרט. איר קערפּער, אַ קנויל בלוט און פֿײַער, האָט זיך אַ צי אויס געטאָן ווי גרייט צו אַ געראַנגל. זי האָט געמאַכט איין שפּרײַז פֿאָרויס און געבליבן שטיין אַ צערייצטע. זי האָט געשריִען:

— אַציגד ווייס איך צו וואָס דו האָסט מיך גערופֿן אַהער, פּרומער מוכטאַר! כ׳ווייס צוליב וואָס דו האָסט אָנגעגרייט די מאַנדלען און די ניס און די פּרוכטן. און פֿאַר וועמען האָסטו געבראַכט דעם טײַערן האַלדזבאַנד? אויב מיך מיינסטו, דערבאַרעמדיקער טאַטע פֿון לוביה, אויב מײַן לײַב באַ־גערסטו, אַלטער לוסטיונג, האָרך מיך אויס! איך בין לאַטיפֿאַ, די טאָכטער פֿון אַבו אַראַף! נישט קיין קאַליף און נישט קיין וויזיר וויל איך. מײַנער איז יוניס אַלי! און אים באַגער איך! און אויב דו וועסט אים אומבר־ענגען, וועל איך דײַנע אומרײנע אויגן אויסקראַצן! ווי נאַריש קענסטו זײַן, אומ־פֿאַרשעמטער, אויב דו גלייבסט, אַז נאָכן שענדן מײַן לײַב וועל איך ווערן דײַן קעפּסווײַב, וואָס וועט אַ גאַנץ לעבן בענקען נאָך אַנדערע מאַנען.

דער מוכטאַר איז נישט נתפּעל געוואָרן פֿון איר פֿלאַמענדיקן צאָרן. אירע געשרייען האָבן אים געלאָזן קאַלט. מיט דער זיכערקייט פֿון די מעכ־טיקע, וואָס קענען צעטרעטן שוואַכע באַשעפֿענישן ווי איידעלע פֿלאַנצן, אַזוי האָט ער אַרומגעוויקלט דעם פֿינקלענדיקן האַלדזבאַנד אַרום זײַנע האָ־ריקע פֿינגער און פֿאַרעקשנט געטרייסלט מיט דעם צירונגשטיק פֿאַר אירע אויגן. ער האָט לאַנג נישט געדאַרפֿט וואַרטן ביז לאַטיפֿאַ וועט ווערן אונטערטעניק. דאָס צירונגשטיק האָט זי פֿאַרבלענדט. פֿון דער פֿאַרבלענדע־ניש איז זי געפֿאַנגען געוואָרן נאָך גיכער ווי ער האָט דערוואַרט.

דאָס איבעריקע איז אָנגעקומען גרינג. ער האָט אַראָפּגענומען דעם שלאָס פֿון טיר און זי איז אַרײַן אין אַ צווייטער ליכטיקער קאַמער. דער דיל איז געווען אויסגעלייגט מיט גאָלדיק־בלויע דיוואַנען און די ווענט זענען געווען באַדעקט מיט שפּיגלען. דער מוכטאַר איז אַרויסגעגאַנגען און לאַטיפֿאַ איז אַ באַרוישטע, מיט זאַכטע טריט פֿאַרבײַגעגאַנגען איין וואַנטשפּיגל און אַ צווייטן. בײַם דריטן שפּיגל, קעגן ברוינע ווינקלזײַלן, איז זי שטיין געבליבן. דער צאָרן איז געווען פֿאַרלאָשן, דער ווידערשטאַנד געבראָכן און לאַטיפֿאַ האָט באַטראַכט איר אָפּבילד מיט דעם שטאָלץ פֿון אַ צנועה, וואָס דערזעט

צום ערשטן מאָל איר ווײַבלעכן רייץ.

דער קאָפּ באַרוישט, די אויגן פאַרחלשט, אַזוי האָט זי געקוקט אויף איר געשטאַלט און געוואָלט מעסטן איר ווערט מיט יענער מאַנצבילשער מבינות ווי ס׳האָט ערשט געקוקט אויף איר דער זינדיקער מוכטאַר. פאַר וואָס האָט יוניס אַלי זי קיין מאָל נישט פאַרגליכן צו אַ פּערל אָדער צו אַ רויז? און איר גוטער פאָטער, פאַר וואָס האָט ער איר נישט געזאָגט, אַז זי איז ווערט די ליבע פון אַ קאַליף צי אַ וויזיר, וואָס קען לייגן טײַערע געשאַנקען צו אירע פיס? לעבן שפּיגל, אויף אַ געשטעל, איז געלעגן אַ קאַם מיט אַ באַרשט. זי האָט פלינק צעקעמט די צעפּאַטלטע צעפּלעך האָר, וואָס זענען אַצינד לויז אַרונטערגעפאַלן איבער איר נאַקן. דאַרפישע טעכטער פאַרדעקן זייערע פּנימער מיט שלייערן. ס׳איז פאַרווערט צו טראָגן לאַנגע, צעלאָזענע האָר, אָבער לאַטיפאַ האָט געוווסט, אַז לאַנגע האָר זענען דער סוד פון רייץ, וואָס לאָקט דאָס אויג פון יעדן זכר.

דאָס פײַער אין אירע אויגן האָט זיך ווידער צעגליט. די ברוינע באַקן פון אַליוון־קאָליר האָבן אויפגעלויכטן. די נאָז איז געווען שמאָל און דאָס פולע מויל ווי אַ פּרוכט, אָנגעטרונקען מיט זאַפט. וואָס טיפער זי האָט אַרײַנגעקוקט אין שפּיגל, אַלץ שטאַרקער האָט זי באַוווּנדערט איר אייגענע געשטאַלט, גלײַך ווי די געוואַנטן וואָלטן פּלוצעם געוואָרן דורכזיכטיק און אַנטבלויזט אירע צאַרטע לענדן. און ווי זי איז געשטאַנען אַליין אין דער קאַמער, האָט זי געקראָגן אַ פאַרלאַנג אַרונטערצוּוואַרפן פון זיך די קליידער. זי איז צוגעלאָפן צו דער טיר, געוואָלט פאַרשליסן און ווידער צוריקגעקומען צום שפּיגל פון דאָס נײַ צו באַטראַכטן יעדער גליד פון איר אויסגעפורעמטן קערפּער. די טיר האָט זיך אויפגעריגלט און ס׳איז אַרײַנגעקומען קאַסעם כאַליל.

לאַטיפאַ האָט אויף אים געקוקט פונעם שפּיגל אַרויס. שטייענדיק פאַר דער שוועל איז ער פּלוצעם געוואָרן העכער און שענער. ער האָט געטראָגן אַ ווײַסע אַבאַיע, באַזוימט מיט גילדענע פעדעם און ס׳איז מיט אַ מאָל פאַרשוווּנדן יעדער שפּור פון זײַן פעטלײַביקייט. דער דינער גוף איז געווען אויסגעשטרעקט. די אָרעמס אָנגעגאָסן מיט גבורה. ער האָט נישט געהאַט אין האַנט דעם האַלדזבאַנד, אָבער אַרום זײַן בויכגאַרטל איז געהאַנגען אַ שווערער בײַטל. ס׳איז לאַטיפאַן אײַנגעפאַלן: אויב ער קען זי נישט געווינען מיט די פּערל, וויל ער זי פאַנגען מיט גאָלדענע רענדלעך. ער האָט זיך צו איר דערנענטערט און זיך צעלאַכט מיט אַ פרעכן געלעכטער, וואָרעם ס׳איז דעם רײַכן גרינג צו לאַכן פון לעבן, ווען דער געלטבײַטל

קיצלט זײַן בויך. ווי אַזוי איז די ענדערונג געקומען אויף אים אַזוי פּלוצעם? איין וווּנדער האָט נאָכגעיאָגט אַ צווייטן ווונדער. דער מוכטאַר איז מער נישט געווען אַפּשטויסנדיק. לאַטיפאַ האָט דאָס אַליין נישט געקענט באַנעמען, אָבער אַ ציטער פון פריידיקער איבערעגונג האָט דורכגענומען איר קערפּער, ווען זי איז אַפּגעבריט געוואָרן פון זײַנע בליקן. זי האָט געקענט הערן איר אייגן האַרצקלאַפּעניש.

און ווי ער האָט זיך גערוקט פּאַרויס צו איר, איז אויך לאַטיפאַ געוואָרן אַ פאַרענדערטע. געריכט האָט ער זיך צו דערזען טרערן אין אירע אויגן, אָבער איר פּנים האָט געשטראַלט. דער חכם זאָגט: אַ פײַכט אויג בײַ אַ פרוי האָט מער טרויער ווי אַ פליײץ רעגן, אָבער דער פרויס טרער קען אויך זײַן דער לעצטער שקר, וואָס באַגלייט דעם מאַן צום קבר. דער מוכטאַר איז געווען פרײַ פון אַלע מוראס. אין זיין אויסדוכטעניש האָט ער זי געזען הויל און נאַקעט ווי אַ בתולה אין דער נאַכט פון איר ערשטער אַנטבלויזטקייט. אומגעזעענע פּעדעם האָבן אים פאַרשפּונען מיט לאַטיפאַן. זייערע מײַלער זענען געבליבן שטום, אָבער אין דער שטומקייט איז געקומען די באַהעפטונג. זײַנע אויערן האָבן געקענט אויפכאַפּן איר שטיפערישן זאָג:

— כ׳שרעק זיך מער נישט פאַר דיר, דערבאַרעמדיקער טאַטע פון דאָרף לוביה...

— נישט קיין דערבאַרעמדיקער טאַטע בין איך, לאַטיפאַ — האָט ער זיך געקלאַפּט מיט אַ פויסט אין האַרצן — אַ ווילדער מידבר־רויבער, וואָס גייט באַפאַלן אַלע פרידלעכע אײַנוווינערס, בין איך!

— אַ רויבער — האָט זי געלאַכט — אַן אמתער מידבר־רויבער? דײַן פּנים איז נישט גרויזאַם. אין דעם איידעלן געוואַנט זעסטו אויס ערנהאַפטי־קער פון אַ קאַליף.

— כ׳בין ערגער פון אַלע אכזרים, לאַטיפאַ. כ׳בין אַ שענדער אין אַ זײַדענער אַבאַיע, אַ לעסטערער מיט פרומע ליפּן.

זי האָט געלאַכט פון זײַנע גוזמאות און געגלעט זײַן האַריקן, האַרטן קין.

— דײַנע אויגן בריִען ווי פײַער, אָבער זיי וואָרפן נישט אַן קיין פּחד אויף מיר. דײַנע קינבאַקן זענען האַרט, אָבער אונטער מײַנע פינגער ווערן זיי ווייך ווי סאַמעט. אויב דו ביסט אַ רויבעריונג און אַ שענדער, פאַר וואָס שרעק איך זיך נישט פאַר דיר, קאַסעם כּאליל?

— מײַן אויסזען גענאַרט דיך, לאַטיפאַ. כ׳קען פאַרפירן אַ דינסט און אַ האַרינטע צו גלײַך. כ׳קען אַרויסגנבענען די שענסטע שפּילווײַבער פון דעם סולטאַנס שלאָפקאַמער און קיין איין ריכטער אין גאַנץ סטאַמבול וועט מיך

דערפֿאַר נישט מישפּטן.

— רעדסט פֿאַלשע רייד, מוכטאַר. שוואַכע זכרים זענען באַרימערס. דו ביסט שעמעוודיקער פֿון דעם מועדזין און שרעקעוודיקער פֿון דעם אָרעמען וואַלשערער. איז דאָס אמת, אַז דו האָסט זיין שוועסטער פֿאַראומרייניקט? פֿאַר וואָס ביסטו געבליבן אַזוי נישט דרייסט צו מיר? יעדן טאָג האָסטו מיר נאָכגעקוקט ווי כ׳בין געגאַנגען מיטן קרוג צום ברונעם, אָבער דו האָסט זיך געשראָקן מיך אָפּצושטעלן. כ׳האָב אָפּגעדעקט דעם שלייער פֿון פּנים, אָבער דיר האָט אויסגעפּעלט מוט צו קוקן אויף מיר. מיין האַרץ האָט גע־צאַפּלט, דאָס בלוט האָט אין מיר אויפגעזאָטן. צוליב דיר בין איך געוואָרן פֿאַרשייטער און כ׳האָב אין גאַנג געוויגט מיט מיינע היפּטן ווי אַן אויס־געלאַסענע בויכטענצערין, אָבער דו האָסט גרויזאַם געשוויגן. כ׳בין געווען באַליידיקט, אָבער כ׳האָב געלאַכט פֿון דיין פּחדנות. ווי אַזוי קאָן דער עלטסטער פֿון דאָרף, וואָס האָט נישט מורא אַרויסצוגנבענען דעם סולטאַנס שפּילווייבער, זיין שעמעוודיק צו דער אָרעמער טאָכטער פֿון אַבו אַראַף? און אפשר ביסטו געוואָרן דרייסטער, קאָסעם כאַליל, הײַנט ווען כ׳בין מיט דיר אין דיין פֿאַרשלאָסענער קאַמער?

דער מוכטאַר האָט געשוויגן. ער האָט געשטעלט אַ וואַקלענדיקן טראָט פֿאַרויס. זי האָט זיך געררייצט מיט אים.

— פֿאַר וואָס דערנענטערסטו זיך צו מיר אַזוי פּאַמעלעך? דיין בלוט בריט, כ׳זע פֿײַער אין דיינע אויגן. אָבער כ׳ווייס נישט צי דו ביסט גענוג שטאַרק צו באַצווינגען אונטער דיין דאַך איינע, וואָס האָט דיך אָפּגעשראָקן אונטערן אָפֿענעם הימל...

ער איז צוגעקומען צו איר אַ צעפּלאָנטער. ער האָט אַריינגענומען אירע פֿינגער אין זיינע האַנטפּלאַכן און געזאָגט:

— צי קען מען אָפּשטעלן אַ הײשעריק אונטער אַ ברענענדיקן הימל?

די צונג, וואָס האָט פֿריִער גערעדט שקר, איז אַצינד מער נישט געווען פֿאַלש. אויך זיין געשטאַלט האָט געקראָגן אַן אַנדער צורה. די ברייטע אַבאַיע האָט אַרויפגעלייגט וואָג און אויפגעהויבן דעם וווקס פֿון דעם מוכטאַר. פֿונעם שפּיגל אַנטקעגן האָט אַרויסגעקוקט זיין דיקער נאַקן. די שיטערע ברעמען זענען איינגעלאָפֿן. דער פֿלאַכער שטערן איז איינגעשרומפּן אונטער די ברוינע קרויזן האָר אויפן קאָפּ. אַזוי איז ער געשטאַנען פֿאַר איר אָנגע־שפּיצט, שאַרף ווי אַ שפּאַרבער.

ער האָט געלויערט מיט אויפגעוואַכטער פֿרייד. איר שיינקייט איז געווען ווי אַ זייל ליכט אין דער פֿינצטערניש. די גליִענדיקע אויגן ברייט צעעפֿנט,

די צוקנדיקע ליפּן צעשיידט, אַללאַ אַליין האָט אָן איר פאַרגעסן און דער נביא האָט נישט פאַרהיט איר צניעות, וואָרעם דאָס דינע געוואַנט האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּגליטשן פון דעם אייבערשטן טייל פון איר געשניצטן גוף. דער אָפּגעדעקטער האַלדז האָט זיך ווי געבעטן: קוש מײַן צאַרטע הויט.

וואָס איז געשען מיט דער איידעלער לאַטיפאַ? איז זי געוואָרן אַ לייביכע, אויסגעוואַקסן צו פאַרצוקן דעם שטאַרקסטן פון די זכרים אין דאָרף? זײַנע ליפּן זענען געבליבן געשלאָסן. אָבער זי האָט געקענט הערן זײַן שטומען באַפעל:

— האַלט נישט קיין סוד פאַר דעם, וואָס קען אַרײַנקוקן אין אַלע הערצער!

ער האָט זי צוגעפירט צום האַריקן טעפּעך אונטער דעם לאָמטערן. אונטערן זײַן שטרענגן בליק האָט זי אײַנגעבויגן דעם קאָפּ און געדריקט זײַן קנאָכיקע האַנט ווי אַ דערשראָקענע טויב וואָס וויל זיך באַשיצן. דאָס וואָס איז פריִער געווען אויסדוכטעניש, איז אַצינד געוואָרן וואָרהאַפטיק. אירע אָרעמס האָבן צאַרט אַרומגענומען זײַנע אַקסלען און ביידע זענען געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייט. דער געפּלעפּטער קאַסעם כאַליל האָט פאַטערלעך באַרירט מיט אַ פינגער איר שטערן, אָבער זי האָט פאַרשײַט צוגעטראָגן אירע ליפּן צו זײַן מויל און ער האָט דערשפּירט די היץ פון איר אָטעם. צי האָט אַללאַ אַליין אַרײַנגעגעבן אַזוי פיל קראַפט אין דער שטילער לאַטיפאַ, אַז זי קען פאַרברענען אַ זכר אין אירע פלאַמען? צום ערשטן מאָל האָט אַ בתולה אים געקושט מיט דעם ברען ווי עס קושן זיך מאַן און פרוי פאַר זייער באַהעפטונג. ווען זײַנע גראָבע ליפּן זענען געבליבן צוגעפּרעסט צו אירע, האָט זי געוווּסט, אַז דאָס איז נישט קיין פאַטערלעכער קוש, נאָר די ווילדע גלוסטונג פון אַ מידבר־יונג, וואָס קומט באַצווינגען דאָס, וואָס איז דאָס רעכט פון איטלעכן זכר.

— ה —

ווען שמריהו חיסין איז צוריק אַרײַנגעריטן איז דאָרף, האָבן אויפן הימל שוין געהאַט אויפגעלויכטן אַלע שטערן. דעם סוחר פון לבנון האָט ער פאַרלוירן, אָבער דעם מוכטאַר, האָט ער געוווּסט, וועט ער נישט אַרויס־לאָזן פון זײַנע הענט, ביז דער מושל פון דמשק וועט נישט קומען עפּענען די שפּײַכלערס מיט תבואה. תל־אָביב הונגערט און דאָס ברויט ליגט בײַם טערק הינטער שלעסער. אויב קאַסעם כאַליל וועט נישט אַראָפּברענגען דזשעמאַל פּאַשאַן, וועט ער פאַר אים אויפמישן זײַן אַלטן חטא, ר׳וועט

אים וואָרענען, אַז די שענדונג פון דעם וואַלשערערס שוועסטער וועט צע־פויקט ווערן איבערן דאָרף און ס׳וועלן זיך אַפּזוכן נקמה־נעמערס. די שטומע פעלאַכן וועלן ווערן באַריידעוודיק. דער פאַרשעמטער וואַלשערער וועט בײַלן די פויסטן. כ׳האָב אַ בײַטש אויף אים — האָט חיסין זיך אַליין פאַרזיכערט — דער מוסולמענער זאָגט: אַ זינדיקע פרוי איז ווי אַן אָפּגעריבענע מטבע, מ׳קען נישט וויסן אירע יאָרן... אָבער דאָס פאַרברעכן פון דעם עלטסטן פון דאָרף ווערט קיין מאָל נישט אַלט. אַ גוואַלדאַקט איבער אַ בתולה פאַרגעסט מען נישט בײַ די קריגערישע שבטים, נאָר מ׳וואַרט אויף בלוט־אויסלייזונג. אַזוי פירט זיך פון קדמונים אין יעדן דור. חיסין איז זיכער געוועזן, אַז נאָך אַזאַ וואָרענונג וועט דער דערשראָקענער מוכטאַר צו מאָל נישט וואַרטן ביזן פרימאָרגן. ער וועט אין אײַלעניש אָוועקרײַטן קיין דמשק.

אויפגעהײַטערט פון דעם אײַנפאַל אָנצושרעקן דעם נואף, איז שמריהו חיסין אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד בײַם אַרײַנפאָר פון דאָרף. ער האָט דאָס פערד צוגעבונדן צום ערשטן פּלויט. ער האָט זיך געלאָזט גיין צום מוכטאַרס הויף און געוואָרן בײַגעריק וועמען ער פאַרווײַלט אַצינד אין זײַן הויז, אַ מאַנצביל צי אַ לוסטיקע מויד פון יפו? ליימיקע קנופּן ערד האָבן זיך געהויבן איבער דעם פלאַך, אַ האַרב אַרויף, אַ האַרב אַראָפּ. פון די לעצטע שקיעה־פלאַמען איז געבליבן אַ בלייכער ראַזער אָפּשײַן אין ווײַטן הימלזוים.

די נאַכט האָט געהויערט איבער די בלינדע דאָרפישע הײַזער. חיסין איז קוים דערגאַנגען צום ליידיקן ברונעם ווי ס׳איז אים אַקעגן געשפּרונגען אַ יונגער פעלאַך, אײַנגעהילט אין אַ טונקעלן געוואַנט פון אַ בעדויִנער. ס׳איז געווען שטאָק פינצטער, אָבער פון דער אָפענער אַבאַיע האָט אַ שימער געטאָן דער אייבערשטער טייל גוף, אויסגעגאָסן ווי אַ פעלדז. דער אַראַבער איז געווען באָרוועס. דער ווײַסער קאָפּטוך האָט צוגעדעקט בײַ אים אַ האַלב פּנים. זײַנע שוואַרצאַפּלען האָבן געשפּיזלט. ער האָט געהאַט אַ קינזשאַל בײַם גאַרטל. ער האָט זיך צוגעבויגן צו חיסינען און אים אײַנגערוימט.

— כ׳ווייס, דו יאָגסט זיך צום מוכטאַרס הויז. איך וועל מיטגיין.

—ווער ביסטו, פעלאַך? — האָט חיסין שטרענג אַ פרעג געטאָן ווי ס׳איז דער שטייגער בײַ וועגגייערס, וואָס טאָרן נישט אַרויסווײַזן קיין פּחד אין דער נאַכט.

— כ׳בין יוניס אַלי — האָט ער געפּליסטערט — אַבו אַראַף האָט מיר דערציילט וואָס ס׳איז הײַנט געשען אין דאָרף. דער מוכטאַר האָט אים פאַרגעבן דאָס גענאַרערײַ, אָבער געצוווּנגען אים צו ברענגען די טאָכטער. כ׳שווער בײַ אַללאַ! כ׳וועל איבערשנײַדן זײַן געשוואָלענעם האַלדז, אויב

ער וועט אַרויפֿלייגן אַ האַנט אויף לאַטיפֿאַן!

חיסין איז געווען געפּלעפֿט. זײַן פֿאַרגעפּיל האָט אים נישט אָפּגענאַרט. דער אויסגעלאַסענער מוכטאַר האָט פֿאַרנאַרט אַ מיידל צו זיך אין הויז. צונעמען די טאָכטער פֿון אַן אָרעמען פֿעלאַך איז בײַ אים אַ פּעטער באַקשיש, טייערער פֿון אַ זעקל דינאַרן. דער צאָרן פֿון דעם יונגן אַראַבער האָט דער־פֿרייט חיסינס האַרץ. פֿון הימל האָט מען אים אַצינד אַראָפּגעשיקט. ער האָט אַרויפֿגעלייגט אַ האַנט אויף דעם פֿעלאַכס אָרעם און געזאָגט.

— קום, יוניס אַלי. דערצייל מיר וועגן דעם מוכטאַר און דײַן לאַטיפֿאַ...

חיסין איז געגאַנגען פֿאַרויס, דער אַראַבער מיטן קינזשאַל הינטער אים. דער אומצוטרוי צום מוכטאַר האָט זיי ביידן פֿאַראייניקט. חיסין האָט זיך נישט געשראָקן פֿאַר דעם גזלן. ער האָט געהאַט געהערט, אַז יוניס אַלי איז אַ רויבער, איינער פֿון דער כנופֿיא גנבים פֿונעם דאָרף שייך מוניס, וואָס לויערן אויף די קאַראַוואַנען־פּירערס אין די בערג. ס'איז אים קלאָר געוואָרן פֿאַר וואָס דער יונגער פֿעלאַך באַווײַזט זיך אין די נעכט אין דעם אָרעמען דאָרף לוביה. אויב גזלות זוכט ער, קען ער געפֿינען אַ גרעסערן זאַקרויב בײַ די הענדלערס אויף די וועגן. דאָס האַרץ פֿון גנב גייט מסתמא אויך אויס פֿון לוסט נאָך אַ פֿרוי און יוניס אַלי האָט געפֿונען זײַן מיידל בײַם אַלטן אַבו אַראַף. חיסין האָט נישט איבערגעציילט וויפֿל גזלות ער איז ביז הײַנט באַגאַנגען, אָבער מ'וואָלט אים געדאַרפֿט מוחל זײַן אַלע פֿאַרברעכענס, אויב ער זאָל זיך נוקם זײַן אין דעם מוכטאַר פֿאַר זײַנע גוואַלד־מעשים. ווי רעכט וועט זײַן די שטראָף, וואָס קומט פֿון דער האַנט פֿון רויבעריונג!

און צו געווינען צוטרוי בײַ דעם ביינער־ברעכער, האָט חיסין חשק געהאַט צו רײדן צו אים דאָס לשון, וואָס עס נוצן די פּראָסטע דאָרפֿסלײַט. ער האָט געוואָלט זאָגן: „אַללאַ זאָל דיך בענטשן, מײַן ברודער יוניס אַלי! אַללאַ זאָל דיך באַשירעמען, אומדערשראָקענער דזשעדאַ! דו גייסט טאָן אַ גערעכטע זאַך"!" אָבער אָנגעהויבן האָט ער מיט אַ מילדער צונג ווי אַ פּריידיקער:

— יוניס אַלי, דו ביסט אַ גלייביקער מוסולמענער. אָבער מ'דערציילט, אַז די צאָל פֿון דײַנע רציחות איז מער ווי די פֿאַסטטעג אין ראַמאַדאַן. ווי אַזוי האָסטו אַ האַרץ אויסצולעשן דאָס לעבן פֿון אַ מענטש, וואָס איז באַשאַפֿן פֿון אַללאַ?

— כ'האָב נאָך קיין איין ערלעכן מוסולמענער נישט דערהרגעט, כ'שווער בײַם נביא! כ'וועל אַ סקאָרפּיאָן נישט צעטרעטן, אויב ער וועט מיך פֿריִער

נישט אַ גיפטיקן ביס טאָן. אָבער בײַם מוכטאַר וויל איך מיט מײַן קינזשאַל זײַן מאַרך אויסגיסן.

— אַלץ פאַר לאַטיפאַן?

— פאַר לאַטיפאַן, אויב ער האָט זי פאַראומרייניקט און אויך פאַר דער חרפּה, וואָס ער האָט געבראַכט אויף דעם דאָרף.

—אַ חרפּה אויף דעם דאָרף? וואָס האָט ער געטאָן?

— אַלע טעג פון יאָר באַגזלט ער די פעלאַכן. צי האָסטו נישט געהערט כאַוואַדזשאַ, אַז ער שמײַסט זיי ווי פערד און פאַרפירט זייערע ווײַבער? ער איז דעם סולטאַנס וועכטער, ער רײַט אויפן פערד ווי אַ קאַליף, אָבער זײַן האַרץ איז פאַרוועמט פון פאַלשקייט. דער מוכטאַר הייסט די בעדוי־נער שמוגלען כאַשיש און לייגט אַרײַן אין אייגענעם בײַטל דעם פעטן באַקשיש. מיט די עפענדיס שיכורט ער. פון די זעלנערס ציט ער אַראָפּ די שטיוול, די מונדירן, און בײַ מאַרק־הענדלערס נעמט ער אונטערקויף־געלט.

— דו ווייסט אַ סך — האָט שמריהו חיסין אים איבערגעשלאָגן — דערצייל ווײַטער, יוניס אַלי.

— ער טיילט זיך בײַ אַלע גנבות מיט די טערקישע וועכטערס, וואָס נאַרן אָפּ די זשאַנדאַרמען און די זשאַנדאַרמען נאַרן אָפּ די רעגירערס אין דמשק. הער, כאַוואַדזשאַ, אויב דו ווייסט אַזוי פיל פון דעם דאָרף לוביה, פאַר וואָס האָסטו נישט געהערט, אַז דער מוכטאַר האָט פאַראַיאָרן אָפּגעטאָן אַ שאַנדאַקט מיט דער שוועסטער פון כאַביב דעם וואַלשערער? דער אָרע־מער כאַביב איז שטום געוואָרן פון שרעק. דאָס צעמישטע מיידל איז פון בושה אַנטלאָפן קיין רמלה. יונג און אַלט האָבן געוווּסט פון דער נבלה, אָבער דער שאַבאַב האָט געשוויגן ווי אַ סטאַדע לעמער. בײַ אַללאַ! כ׳מוז אים דערהרגענען. כ׳וועל זײַן נישט נאָר זײַן מערדער, נאָר אויך זײַן ריכטער!

יוניס אַלי האָט געפלאַקערט פון צאָרן, געפאָכעט מיט דעם קינזשאַל. חיסין האָט אים געוואָלט אָפּקילן. ער האָט געזאָגט:

— פאַרמסר אים צום ריכטער! דעם סולטאַנס וועכטערס וועלן אים אַרײַנזעצן אין געפענקעניש. צו וואָס דערהרגענען אַ מענטש? אַללאַ האָט אַלעמען באַשאַפן, די גערעכטע און די געמיינע.

— כ׳בין אַ פּראָסטער מאַן, כאַוואַדזשאַ. נישט אַזוי געלערנט ווי דו ביסט. כ׳ווייס נישט צוליב וואָס אַללאַ האָט באַשאַפן די מענטשן. אָבער איינס ווייס איך: ער, דערהויבן זאָל ווערן זײַן נאָמען, האָט באַשאַפן די פיש אין ים און באַפוילן זיי זאָלן זיך מערן, אָבער גענוג שפּײַז האָט ער פאַר זיי נישט אָנגעגרייט. צאַלאַח דער ים־רויבער האָט אונדז געלערנט, אַז אַללאַ

אַליין האָט געהייסן די פיש זיי זאָלן זיך אויפעסן איינער דעם אַנדערן. יעדער גרויסער פיש מוז איַינשלינגען קלענערע פישלעך אַנצופילן דעם ליי־דיקן בויך. צום סוף ווערן די גרויסע פיש אויפגעגעסן פון דעם ריזיקן וואַלפיש, אַזוי איז אויך מיט מענטשן. אַלע עסן און ווערן אויפגעגעסן, נאָר אַללאַ אַליין בליַיבט לעבן אייביק. פון הימל קוקט ער אַראָפּ אויף דער וועלט און לאַכט.

יוניס אַלי האָט זיך אויסגעגליַיכט אין גאַנג מיט זיַין באַגלייטער. אַ ווינטל, וואָס האָט אַנגעיאָגט ווי אַ שאַרפער בלאָז פון מידבר, האָט צעפּעכערט זיַין אַבאַיע. זיי האָבן געשטעלט גיכערע שפּריַיזן פאָרויס. איבערן הימל האָבן זיך געצונדן יונגע שטערן און געבוירן מזלות. פון ביידע זיַיטן סטעזשקע האָט זיך געטראָגן אַ שאַרכעריַי צווישן די געוויקסן. אַ צוויַיג האָט געאָרעמט אַ צוויַיג. אַ פלאַנץ האָט זיך געהאַלדזט מיט אַ פלאַנץ גליַיך ווי זיי וואָלטן זיך איַינגערוימט די סודות פון באַשאַף.

פון דער וויַיטנס האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ לאַנגער הויף אַרומגעצוימט מיט אַ שטיינערנעם פּלויט. אַרום דעם פּלויט האָבן זיך געדראָפּעט שיטערע צוויַיגן און קאַקטוסן. אַ קליינער לאַמטערן ווי אַ רויט אויג האָט געלויכטן איבערן אַריַינגאַנג פון אַ הויז מיט בלוי־געקאַלכטע ווענט. אונטערן לאַמטערן איז געהאָנגען אַ האָרנביין אויסגעבויגן ווי אַ שופר. יוניס אַלי האָט דערקענט דעם מוכטאַרס ווינאָרט און זיך פאַרהאַלטן אין מיטן גאַנג. ער האָט אָפּגע־שטעלט שמריהו חיסינען.

— דאָ בליַיב איך שטיין! — האָט ער אַנטשלאָסן אַ זאָג געטאָן.

חיסין האָט אַנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, האַלב פאַרוווּנדערט, האַלב שפּאַסיק.

— ווילסט נישט עפענען זיַין טיר, יוניס אַלי? דו וואַרטסט דער מוכטאַר זאָל דיך אַריַינבעטן?

דער פעלאַך האָט אויפגעהויבן דעם קינזשאַל.

— כ׳וועל אויפריַיסן זיַין טיר אָן אַ פאַרבעטונג. כ׳בין נישט אַליין. מיַינע ריַיטערס וואַרטן אויף מיַין פיַיף. וועסט זען, זיַין הויז וועט באַלד זיך צעפאַלן ווי שפּענער.

— ביסט אויפן קאָפּ געווירט, יוניס אַלי! — האָט חיסין אים אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט — זיַין הויז איז נישט קיין פעסטונג. דו קענסט דעם מוכטאַר בייקומען אָן דיַינע שווערדן־פעכטערס. וואָס ווילסטו? באַגיין אַ רציחה אָדער באַפריַיען לאַטיפאַן?

— כ׳וויל אַרויספירן לאַטיפאַן און פאַר אַ צולאָג דורכלעכערן זיַין

שאַרבן. אויב דו שרעקסט זיך צו זײַן אַן עדות ווען ס׳נעמט נקמה אַ רויבער־יונג, גיי בעסער צוריק, כאַוואַדזשאַ.

— אויך איך האָב אַ חשבון מיט דעם מוכטאַר — האָט חיסין געזאָגט

— אָבער כ׳וויל אים האָבן אַ לעבעדיקן. און צי מעג דען איין מוסולמענער מיט אַ שווערד פעכטן מיט אַ צווייטן מוסולמענער, וואָס איז אומבאַוואָפנט?

— דער שענדער איז אַ כופר! אַן אומגלייביקער! די אײַנוווינערס פון דאָרף וועלן אַליין וואַרפן זײַן טויטן לײַב צו די הינט!

ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ פײַף און ווי אויף אַ קאָמאַנדע־רוף זענען פון דער פינצטערניש אַרויסגעריטן פיר בעדויִנער אין טונקעלע אַבאַיעס מיט ווײַסע קאַפּטיכער ווי צעפּעכערטע פענער. זיי זענען אַראָפּגעשפּרונגען פון די פערד און געהאָרכיקע זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי הינטער יוניס אַלין.

— נישט ווי קיין טערקישע זעלנערס זאָלט איר שטיין! — האָט יוניס אַלי באַפוילן — אייזלקעפּ! איינער נאָכן אַנדערן וועט איר שלײַכן אויף די בײַכער און אַרומרינגלען דעם הויף פון די פיר זײַטן. נעמט אַראָפּ די בינטלעך שטרוי פון די זאָטלען. האַלט גרייט די פלעשער בענזין. דאָס פײַער מוז אַזוי אויפפלאַקערן, אַז ס׳גאַנצע דאָרף זאָל אַרויסקומען זען ווי דער מוכטאַר בראָט זיך!

די בעדויִנער האָבן אַרויסגעשלעפּט די בינטלעך שטרוי, די פלעשער בענזין. זיי האָבן זיך געלייגט אויף די קני און געהאָרכיק געוואַרט אויף זײַן באַפעל.

— וואַרט! כ׳וועל פריִער אַרויספירן לאַטיפאַן. רירט זיך נישט פון אָרט, שעפסן, איידער כ׳וועל געבן דעם צייכן: צינדט אָן!

יוניס אַלי איז ווי אַ קאַץ אַריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט. אַ באַרוועסער האָט ער זיך פאַרגנבעט צו דער הינטערשטער מויער און פאַרקראָכן צו אַ פענצטער, וואָס איז געווען פאַרדעקט מיט אַ שווערן לאַדן. ער האָט צוגע־לייגט אַן אויג צו אַ לאַדנשפּאַלט און איז צוריקגעשפּרונגען ווי אַן אָפּ־געבריטער. ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— זי טאַנצט! דער מוכטאַר קריכט פאַר איר אויף די קניִען און לאַטיפאַ טאַנצט גלײַך דער שטן פון אַלע לוסטן וואָלט זי געטראָגן אין שטורעם!

פון רוגזה האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ ברומעניש. ער האָט געוואָרפן די גליִענדיקע אויגן אַהין־און־אַהער און דערנאָך אַרויפגעקוקט צום הימל. די שטערן האָבן געפינקלט. די נאַכטיקע לופט איז געווען לויטער. אַ פרישׁ ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן פון די ביימערצווײַגן, אָבער אין זײַנע נאָזלעכער האָבן געקיצלט ביטערע ריחות אַזוי ווי יעדעס מאָל ווען ער האָט דערשמעקט

אַ סכּנה. ער האָט זיך גערוקט הינטערווייַלעכץ צו אַ וואַנט מיט קריכפּלאַנצן. פון דער נידער האָבן זיך געדראַפּעט אַרויף געדיכטע צווייַגן און געוויקסן — צווייַגן ווי פאַרגליווערטע פאַרזעעניש, געוויקסן ווי האַריקע זקנים מיט אויסגעדרייטע אברים.

און ווי ער איז גרייט געווען צו געבן אַ צייכן, אַז די בעדויִנער זאָלן אונטערלייגן אַ פייַער, האָט אַ האַנט באַרירט זייַן אַקסל. לעבן אים איז געשטאַנען שמריהו חיסין. ער האָט געזאָגט.

— טו דאָס נישט, יוניס אַלי. אַללאַ זאָל דיך אויסהיטן! דו ברענג אַרויס לאַטיפאַן. איך אַליין וועל זיך אָפּרעכענען מיט אים.

דער פעלאַך האָט זיך אַרויסגעריסן פון זייַן האַנט. זייַנע ליפּן האָבן זיך פאַרקרימט מיט שפּאָט.

— אין פייַער מוז ער פאַרצערט ווערן! — האָט ער אַ געשריי געטאָן.

— אַז דו וועסט פאַרברענען זייַן הויז, וועסטו חרוב מאַכן אַ האַלב דאָרף — האָט שמריהו חיסין געוואָרנט — קיין ריכטער וועט דיר דערפאַר נישט שענקען דאָס לעבן. איך האָב אַ שטאַרקערע בייַטש אויף אים.

יוניס אַלי האָט אים אָנגעקוקט מיט פאַרדאַכט.

— אַ יאַהוד איז אַ סלחן, אַ פאַרגעבער — האָט ער געזאָגט — דייַן צונג איז שאַרף, אָבער דייַן האַרץ איז ווייך. נאָר אַ פייַער וועט אויסלעשן זייַן לעבן.

ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ צווייטן פייַף און די פיר בעדויִנער זענען אַריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט און אָנגעהויבן קריכן אויף די בייַכער. שמריהו חיסין איז געשטאַנען אַ צעמישטער. ער האָט געוואָלט אויסמייַדן אַן אומגליק. רציחה איז אומזיניק, הרגענען אַ נפש איז משוגעת. אָבער אין מיטן זייַן פאַרלוירנקייט איז אים פּלוצעם אויפגעגאַנגען אַ פאַרדראָס פאַר וואָס דער פעלאַך האַלט אים פאַר אַ סלחן. צי האָט ער נישט געהערט, אַז אין דער שעה פון סכּנה קען דער יאַהוד פון אַ לאַם פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ וואָלף, פון אַ פאַרגעבער אין אַ שטראָפער, פון אַ בעל־רחמנות אין אַ נוקם ונוטר? אַ געשטאַרקטער האָט ער אַצינד געוואָלט אָפּשטעלן די קריכנדיקע מחבלים, וואָס האָבן זיך גערוקט אַלץ נענטער צום הויז. ער האָט באַגערט אַ געשריי צו טאָן:

— צוריק, פּחדנים! אַנטלויפט, שעפּסן! פאַרן טויט פון דעם מוכטאַר וועלן די טערקן אייַערע קעפּ אַרויפשטעכן אויף דער ערשטער מויער אין יפו!

ער האָט אָזוינס נישט געזאָגט. די בעדויִנער האָבן אונטערגעלייגט די

בינטלעך שטרוי. באַלד האָבן אויפגעלויכטן די ערשטע פלאַמען. יוניס אַלי האָט געוואַרט ביז די בראַנד־ריחות האָבן זיך געטראָגן צווישן די טרוקענע פלאַנצן. אַ ווילדער פון פרייד איז ער אונטערגעשפּרונגען און געשריִען.

— הייבט די פיס, איר זין פון הורן! יאַללאַ! טראָגט זיך אָפּ גיכער, אַז מ׳זאָל אײַער געביין מער נישט געפינען!

אין בהלה זענען זיי אַנטרונען אויף יענער זײַט פלויט. זיי זענען מיט אימפּעט אַרויפגעשפּרונגען אויף די פערד און אַוועקגאַלאָפּירט. שמריהו חיסין איז געבליבן אַ פאַרציטערטער. די פלאַמען האָבן זיך אויפגעהויבן אין אַ העלישן פײַער. די בלויע ציינגער, וואָס האָבן שוין געלעקט די פיר ווענט פון הויז, האָבן כּהרף־עין אַנגעצונדן דעם הימל און אין דער שרפה האָט יוניס אַלי אויפגעבראָכן די פאָדערשטע טיר און איז פאַרשוווּנדן הינטער די פלאַמען. מער ווי איין רגע האָט ער אינעווייניק זיך נישט געזוימט. ער איז צוריק אַרויסגעשפּרונגען, טראָגנדיק אויף די הענט לאַטיפאַן, אײַנגעוויקלט אין אַ צעדריוולטן דיוואַן.

אַן אַרויסצורײדן אַ וואָרט האָט ער אַראָפּגעלאָזט לאַטיפאַן בײַם הויף־טויער. פון אַ הילצערן שטיבל, הינטער די געדיכטע געוויקסן, זענען אַרויסגעלאָפן צוויי באַרוועסע וועכטערס מיט בײַטשן אין די הענט, ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט צו פאַריאָגן גנבים פון הויף. יוניס אַלי האָט אַרויסגעכאַפּט די בײַטש בײַ איינעם און זיי דערלאַנגט שמיץ איבער די קעפּ. ער האָט זיך ווילד צעלאַכט און געשריִען:

— זײַן פערד! פירט מיר אַרויס זײַן שענסטן רײַטפערד! נישט דער מוכטאַר, איך וועל אַרויסרײַטן פון דאָרף ווי אַ קאַליף!

די צעטומלטע וועכטערס האָבן זיך געבויגן אונטער די שמיץ. זיי האָבן מיט געוואַלדן זיך געטראָגן צו דער ברענענדיקער הויזטיר אַרויסצוראַטעווען זייער האַר. אָבער דאָרט זענען זיי געבליבן שטיין ווי געליימטע. די בײַטש אין יוניס אַליס האַנט האָט נישט אויפגעהערט צו פאַלן אויף זייערע רוקנס.

— זײַן בעסט פערד וויל איך! — האָט ער געשריִען.

—איך וועל דיר ברענגען זײַן פערד, יוניס אַלי! לאָז מיך, געטרײַער! איך וועל אַרויספירן פון שטאַל דעם מוכטאַרס פערד!

יוניס אַלי האָט זיך אויסגעדרייט. אינעם שײַן פון פײַער האָט ער דערזען ביים טויער לאַטיפאַס פאָטער אַבו אַראַף. ער איז געשטאַנען אַ צעקאָכטער, נישט אונטערטעניק, נאָר אַרויסרופעריש. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער טאָכטער מיט אַ בליק פון דערלייזונג און איז אַרײַן

אין הויף מיט שפּרינגענדיקע טריט, נישט ווי דער שטייגער פון אַ מידן זקן. פון דער פרייד וואָס איז געווען צעגאָסן אויף זײַן פּנים, זענען די פּאַקנלעכער אײַנגעפאַלן. די איבערגעדרייטע וואָנצעס זענען געווען פאַרשפּיצט. זײַן געבויגענער גוף, אויסגעגלײַכט. אויס דאַנקבאַרקייט צו יוניס אַלין, וואָס ער נעמט נקמה פאַר זײַן חרפּה, האָט ער פאַרגעסן צו ריידן צו דער אייגענער טאָכטער. ער האָט אונטערגעטענצלט און ווידער זיך געבעטן:

— איך וועל אַרויספירן פון שטאַל זײַן רײַטפערד, יוניס אַלי. כ׳וויס וואָס דו ווילסט. דאָס ווײַסע לויפפערד מיט די שוואַרצע באַקנפלעקן ווילסטו. איך וועל דיך אויך אַרײַנזעצן אין זאָטל, יוניס אַלי.

—אַבו אַראַף! אַבו אַראַף! גיי צוריק אַהיים! — האָט יוניס אַלי געליאַרעמט — לייג נישט הײַנט קיין האַנט אויף לאַטיפאַן און לויף אַהיים! דער מוכטאַר איז מײַנער! זאָלן אַלע אין דאָרף געדענקען, אַז איך, יוניס אַלי, האָב אונטערגעצוונדן זײַן הויז!

אָבער דער אַלטער פעלאַך האָט זיך נישט געלאָזט אוועקטרײַבן. ער איז צוגעשפּרונגען צו אים און אָנגענומען אַ פּאָלע פון זײַן אַבאַיע.

— כ׳וועל נישט אָפּטרעטן, יוניס אַלי. כ׳וועל וואַרטן ביז דאָס פײַער וועט אַלץ פאַרצערן. איך וועל טאַנצן אויף דעם באַרג אַש!

בײַם טויער איז געשטאַנען לאַטיפאַ און געציטערט. זי האָט געוואָרפן אירע דערשראָקענע אויגן פון יוניס אַלין אויפן פאָטער. אַ ווינט האָט צעבלאָזן די פלאַמען. דאָס פײַער האָט זיך געהויבן מיט אַ קנאַקערײַ. אַבו אַראַף האָט אַ באַרוישטער ביז שגעון זיך גענומען פּאַטשן איבערן פּנים, זיך קנײַפּן די באַקן, ער האָט זיך געדרייט אין אַ ראָד און אונטערגעזיפּצט פון פאַר־געניגן. מיט אַ מאָל האָט ער אויפגעהויבן עטלעכע ברענענדיקע צווײַגן און זיי איינציקווײַז געוואָרפן אויף דער מויער. בײַ יעדן וואָרף האָט ער אונטערגעזונגען מיט אַ כאַרכלדיקן ניגון:

— דאָס איז פאַר כאַביב דעם וואַלשערער!

— און דאָס פאַר זײַן געשענדטער שוועסטער!

— און דאָס איז פאַר מײַן אייגענער חרפּה! פאַר מײַן טאָכטערס שאַנד!

פון אַן אויסגעזעצטן פענצטער אין דער הינטערשטער וואַנט איז אַרויס־געשפּרונגען דער מוכטאַר אין אַ צעפליקטן כאַלאַט, אָן אַ קאָפּטוך. דער כאַלאַט איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ בויכגאַרטל. זײַן אָפּגעדעקטער באַקן איז געווען שוואַרץ פון בראַנדווונדן. ער איז געבליבן שטיין מיט צעשפּרייטע פיס ווי אַ לץ. ער האָט אויפגעהויבן ביידע הענט צום הימל.

— אַללאַ איז דערבאַרעמדיק! — האָט ער אויסגערופן — איך לעב!

זײַנע צעקאַכטע אויגן האָבן געוואַנדערט פון איין עק הויף צום אַנדערן. ער האָט דערזען יוניס אַלין און אַרויסגעלאָזט אַן אומגעהאַריש געשריי.

— הענגען וועל איך דיך, קרעציקער! אויפן העכסטן בוים וועט דײַן גוף זיך וויגן! — און ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו זײַנע וועכטערס, וואָס זענען אומגעלומפּערטע געקראָכן הינטער אים — לעשט די שרפה, חמורים! צי זײַט איר געליימט געוואָרן, פאַרפרוירענע שעפּסן?

ער האָט זיך געוואָלט אַ ריס טאָן צו יוניס אַלין, וואָס האָט שלעפּנדיק מיט זיך לאַטיפאַן זיך אַרויסגערוקט פון הויף און געלאַכט מיט אַ טײַוואָלאַנישן געלעכטער. דער מוכטאַר האָט געשטעלט אומגעלומפּערטע טריט ווי אַ הינקעדיקער. פון זײַן האַלדז האָבן זיך געריסן הייזעריקע קולות:

— ווהין דו ווערסט נישט אַנטלויפן, וועל איך דיך געפינען, בן זנונים! דו איבען שאַרמוטאַ! דער מידבר איז נישט גענוג גרויס, אַז כ'זאָל דיך נישט קענען דעריאָגן. לאַטיפאַ איז אַליין געקומען. איר אומריינער טאַטע האָט זי געשיקט צו מיר און איך האָב צו מאָל זי נישט אַנגערירט. ווי עס לעבט אַללאַ! דו האָסט זיך פאַרקויפט צום שטן, יוניס אַלי! ווער עס צינדט אונטער דעם מוכטאַרס הויז, פאַרברענט דאָס הויז פון גערעכטיקייט, צי האָסטו קיין מאָל נישט געלערנט דעם דין פון שטראָף אין קאָראַן, פאַרשאָלטענער?

ער האָט אונטערגעטריבן זײַנע וועכטערס, וואָס זענען געקומען צו לויפן מיט אַ שוואַרצער צעלעכערטער וואַסער־קישקע. ער האָט אַרויפגע־קוקט צו דער פאָדערשטער וואַנט, ווו דער טינק האָט זיך געקרישלט אונטער די קנאַקעדיקע פלאַמען. ער האָט אַ פאַרצווייפלטער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און באַנומען, אַז עס איז צו שפּעט צו פאַרלעשן די שרפה. פון אַנטקעגן איז אָנגעקומען שמריהו חיסין און דער מוכטאַר האָט זיך צוגעשאַרט צו אים.

ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט שווײַגנדיק. אין איינעמס אויגן איז געווען יִיאוש, אין דעם צווייטנס — באַדויער. ווי לאַנג האָט שמריהו חיסין דעם פריילעכן מוכטאַר געקענט? ווער האָט דען געציילט די יאָרן? אָבער צום ערשטן מאָל האָט ער אים היינט געזען אין זײַן טרויער און געפאַלנקייט. פון דעם האָר איז געוואָרן אַ קנעכט, פון דעם באַפעלער אַ פּחדן, פון דעם באַשטראָפער אַ געשלאָגענער. אונטערן שײַן פון פײַער איז פאַרשוווּנדן געוואָרן זײַן שלויקייט, ס'איז שטום געוואָרן זײַן געבראָטענע צונג. ער, וואָס קעגנשטעלן זיך זײַן ווילן האָט געמיינט זיך קעגנשטעלן דעם דין,

האָט אָציִנד זיך געבויגן אין זײַן שיפּלות.

פּלוצעם האָט דער מוכטאַר אַראָפּגעריסן זײַן בויכגאַרטל און האָסטיק אַליין זיך גענומען שמײַסן איבערן נאַקן, איבערן קאָפּ. ער האָט זיך געשלאָגן מיט רוגזה, מיט צאָרנדיקן אײַפער, גלײַך ער וואָלט געשעפּט פאַרגעניגן וואָס נישט אַ פרעמדע האַנט, נאָר ער אַלײַן פּײַניקט זיך אין זײַן שאַנד. מיט יעדן גאַרטלוואָרף איז דער צאָרן געוואָרן שטאַרקער, די בושה גרעסער ביז הייסע טרערן האָבן אָנגעהויבן רינען איבער זײַנע טונקעלע פּנים־פאַלדן. חיסין האָט אַרויסגעכאַפּט דעם גאַרטל פון זײַן האַנט און דער מוכטאַר איז אַן אָנמעכטיקער אַרײַנגעפאַלן אין זײַנע אָרעמס און זיך צעיאָמערט.

פון דעם אָפענעם הויז האָבן אַרויסגעזעצט וואָלקנס רויך. הינטערן רויך האָבן אַרויסגעשאָסן פלאַמען ווי אויפגעריסענע ראַקעטן. די פײַערקנוילן האָבן זיך צעשפּרייט ווי אַ צרעת, געברענט די קריכפלאַנצן אויף דער מויער, אַרומגעכאַפּט דעם הויף מיט די געוויקסן־געפלעכטן. די געדעמפּטע לופט איז געווען פול מיט בראַנד־ריחות.

ווײַטע קולות, סײַ ווי הילפסרופן, סײַ ווי פרייד־אויסגעשרייען האָבן זיך געטראָגן פון די אַרומיקע בערגלעך און פון פלאַכלאַנד. אין דער בהלה האָט דאָס גאַנצע דאָרף אויפגעוואַכט. ס׳איז אָנגעלאָפן אַ המון פעלאַכן מיט עמערס, זעק, דעקטיכער און דרענגער. זיי האָבן אַרומגערינגלט דעם ברענענדיקן הויף און ס׳האָט אויסגעזען, ווי דאָס צעווילדעוועטע פעבל קלײַבט זיך טאַנצן אַרום דעם פײַער.

דער מוכטאַר האָט אויפגעהויבן די אויגן צום פלאַקער ווי אַן עדות אויף זײַן אונטערגאַנג. די הכנעה פון אַ בעטלער איז געווען אין זײַן טרויעריקן פּנים. ער האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם צעלעכערטן כאַלאַט פון זײַן צעברענטן לײַב. ער האָט אַרײַנגענומען חיסינסביידע הענט אין זײַנע און געשעפּטשעט.

— כ׳וועל נאָך הײַנט בײַ נאַכט אַרײַנפאָרן אין דמשק. כ׳וועל אויפוועקן דעם מושל דזשעמאַל פּאַשאַ ער זאָל אַראָפּנעמען די שלעסער פון די שפּײַכלערס. אַללאַ און דער נביא וועלן מיך באַגלייטן! וועסט מיר גלייבן, אַחאַ, ברודער מײַנער? איך אַליין וועל אויסטיילן אַלעמען זעק מיט ווייץ. קיינער אין לאַנד וועט מער נישט הונגערן...

צירעלע, מיין קרוין

— א —

— צירעלע מײַן קרוין, ווי אַזוי האָט ער דיך פֿאַרכּישופֿט ?

מלך איז געשטאַנען אַן אײַנגעבויגענער פֿאַר זײַן ווײַבס בעט. זײַן שוואַרצע גלאַנציקע באָרד איז געווען צעפּאַליעט. אויף זײַן איידעלן שטערן זענען געווען אײַנגעשניטן טיפֿע קאַרבן, צירעלעס מראה האָט צעריסן זײַן האַרץ. זײַנע ברוינע, ווייכע אויגן, שטענדיק אָנגעלאָדן מיט רחמנות, זענען אַצינד געווען רויט ווי פֿײַער. אין טאָג, ווען צירעלע איז אַוועקגעפֿאַלן אַ שלאָפֿע, איז זײַן וועלט חרוב געוואָרן. ווי האַרב מוז זײַן די שטראָף פֿון באַשעפֿער, אַז דאָס ריינע, צנועהדיקע ווײַב איז פֿאַרכּישופֿט געוואָרן פֿון אַ ווילדן מחמדאַנער אין דער הייליקער שטאָט צפֿת. פֿאַר וועמעס זינד איז אויף אים געפֿאַלן אַזאַ עונש ?

— פֿאָטער אין הימל, פֿאַר וואָס קומט מיר אַזאַ שטראָף ? — האָט ער געפֿרעגט אַ צערודערטער פֿון זײַנע רעיונות.

מלך איז געווען אַ שומר מיצוות. ער האָט אַלע יאָרן באַדינט די יראַי־שמים. און זי צירעלע, איז געווען פֿול מיט מעשׂים־טובֿים ווי אַ מילגרוים. כאָטש זי איז געבליבן אַן עקרה, האָבן מלאָכים געהיט אירע טריט. איר פֿרומקייט און צדקה איז געוואָרן אַ שם דבר אין שטאָט, ווײַבער, רכילות־ניצעס האָבן אויסגעמיטן צו ריידן לשון־הרע פֿאַר איר. גאָטספֿאָרכטיקע נשים האָבן פֿאַרגליכן אירע פֿירעכצער צו די שיינע מידות פֿון די הייליקע אמהות.

ער האָט געקוקט אויף איר אויסגעלאָשן פּנים. דער געלער שײַן פֿון נאַפֿטלעמפּל אויף דער וואַנט האָט געגליוועט אויף דעם הויכן קישן בײַ איר צוקאָפּנס. צירעלעס הויט איז געווען בלייך ווי בײַ אַ מת. זי איז געלעגן אין אַ שלומער. די צאַנקענדיקע אויגן האָבן זיך האַלב געעפֿנט און געקוקט אויף אים מיט אַזאַ ווײַטן, אָפּגעפֿרעמדטן בליק, אַז ער איז פֿאַרציטערט געוואָרן. זײַנע ליפּן האָבן שטום תּפֿילה געטאָן צו גאָט ער זאָל מציל זײַן דאָס ריינע נפֿש.

ס׳איז געווען נאָך האַלבער נאַכט. אין דרויסן האָט דער ווינט געריסן טיר און פֿענצטער מיט אַ וואָיעניש פֿון הונגעריקע וועלף. צפֿת האָט גע־

פלאַטערט אין די טונקעלע בערג. איבער די דעכער האָט געבלאָזן אַ שאַרפֿע טבת־קעלט וואָס קען עוקר הרים זײַן, כאָטש ס׳איז ערשט געווען אין מיטן חודש אָדר. דער דערשראָקענער מלך האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ טיפֿן שטול קעגן איבער דעם בעט. דאָס לעמפּל האָט געראויכערט, זײַנע אויגן־דעקלעך האָבן זיך געקלעפּט, אָבער די מחשבות זענען געבליבן וואַך. ער האָט זיך געראַנגלט מיטן שלאָף. וואָס איז אים באַפֿאַלן. ער האָט מיט געוואַלד אויפֿגעריסן די אויגן. אין מוח האָבן אויפֿגעטויכט די אויסטערלישע רייד, וואָס די שכנטעס האָבן דערציילט, רייד וואָס האָבן אים סײַ פֿאַר־חידושט, סײַ אַרײַנגעטריבן אין יִיאוש.

פּופֿצן יאָר האָט מלך געהאַנדלט מיט תּשמישי־קדושה. זומער האָט ער געפֿירט טליתים קיין טבריה און קיין מירון ווו יִידן פֿון אַלע עקן וועלט זענען עולה־רגל געווען אָפּצוריכטן די הילולאָ בײַם קבר פֿון ר׳ שמעון בר יוחאי. בײַ דער הדלקה האָט ער זיי פֿאַרקויפֿט קמיעות און זעקלעך ארץ־ישראל־ערד. ווינטער האָט ער געהאַט פּולע הענט מיט אַרבעט אין צפֿת. ווו נאָר אַ נײַ־אויסגעבויטער האָטעל, אַן אַכסניא, האָט ער אָנגעקלאַפּט אויף די בײַשטידלעך מזוזות. אין דער פֿרײַער צײַט האָט ער זיך געמאַכט נוצלעך אין דעם ריזשינער שטיבל. זײַן טאַטע, כאָטש אַ יליד צפֿת, איז געווען אַ ריזשינער חסיד. זײַן זיידע אלימלך איז געווען אַן אײַנגייער אין רבינס הויף נאָך מעבר לים. ווי נאָר ער איז עולה געווען קיין צפֿת, האָט ער דאָרט געהאָלפֿן אויפֿבויען אַ מקום־קדוש לכּבֿוד דעם רבין. דער טאַטע איז כּל־ימיו געווען אַן איש תּמים, אַ יושב־אוהל. פֿאַר זײַן פּטירה האָט ער אָנגעזאָגט דעם זון ער זאָל נישט לאָזן פֿאַלן די לעצטע פֿעסטונג פֿון ריזשינער הויף.

מלך האָט אָפּגעהיט דעם טאַטנס צוואה און גאָט האָט אים באַגליקט אין אַלע זײַנע טוונגען, אָבער קיין קדיש האָט ער אים נישט געגעבן. צירעלע איז געווען זײַן געראָטענער זיווג און ער האָט געהאַט בײַ איר אַ גוט לעבן. דער באַשעפֿער האָט פֿאַרמאַכט איר טראַכט און זי האָט ווי די מאַמע רחל געוויינט דערויף וואָס זי איז אַ געשטראָפֿטע עקרה. מלך האָט אויסגעווישט אירע טרערן, געקויפֿט איר צוויי מאָל אַ יאָר מתּנות און זי געטרייסט, אַז ס׳וועט זיי נאָך באַשערט זײַן אַ בן־זקונים. ער האָט זי געצערטלט ווי אַ פֿאָטער צערטלט אַ בת־יחידה. אין שול, אין עזרת נשים, ווען זי איז געזעסן אויף דער ערשטער באַנק מיט די אויגן געווענדט צום אָרון־קודש, האָט איר שיינקייט אַרויסגעלויכטן ווי אַ שמעקעדיקע רויז. די אייפֿערזיכטיקע ווײַבער האָבן זי מקנא געווען, אָבער צירעלע האָט אויף

זיי נישט געטראָגן קיין פֿאַרדראָס.

אין די ענגע חדרים פֿון הויז איז איר אָטעם געווען ווי אַ פֿריש, דופּטיק ווינטל. ווען מלך איז געזעסן איבער אַ ספֿר, איז ער טייל מאָל שיִער נישט געעשטערויכלט געוואָרן מיט הרהורים. ס'איז געגנוג געווען צירעלע זאָל אים פֿאַרבייגיין, אַז ער זאָל אָפּווענדן די אויגן פֿון לערנען און קוקן אויף איר מיט אויפֿגעוואַכטער פֿרייד. צירעלע האָט נישט געמאָנט קיין באַלוינונג פֿאַר איר געטריישאַפֿט. זי איז געווען שטיל ווי אַ טויב, גאָטפֿאַרכטיק ווי אַ שׂרה בת־טובים. אָבער אין איינעם אַ טאָג, ס'איז געווען צוויי וואָכן פֿאַר פּורים, איז זי געקומען צום מאַן מיט אַן אומגעריכטער בקשה: זי וויל לאָזן אויפֿנייען אַ נײַ, שיין קלייד אויף יום־טוב ביַים בעסטן שנײַדער אין שטאָט. ווי האָט ער, מלך, געקענט אָפּזאָגן דעם ווונטש פֿון צירעלע די צנועה. די לויטערע אשה צווישן די צפֿתער ווײַבער?

— ב —

צירעלע איז אַוועק צו שמעון דעם שנײַדער באַשטעלן דאָס קלייד. זײַן ווערקשטעל איז געווען אין אָפּגעעם מאַרק הינטער דער שולגאַס. שמעון האָט געגנייט טײַערע קליידער פֿאַר די נגידתטעס פֿון צפֿת און פֿאַר די קעפּסווײַבער פֿון די דורכפֿאָרנדיקע אַראַבישע עפֿענדיס. ער האָט געהאַט אַ פּאָר גאָלדענע הענט און די רײַכע ווײַבער האָבן אים געצאָלט אין טאָג אַרײַן. ווי צירעלע האָט זיך באַוויזן אויף זײַן שוועל, איז ער געוואָרן שטאַרק פֿאַרחידושט און האָט געמיינט, אַז מלך דער קמיעות־הענדלער האָט אַרײַנגעקראָגן דאָס גרויסע געווינס. אָבער צירעלעס אײדעלע שיינקייט האָט אים פֿאַרבלענדט און כּהרף־עין איז ער גרייט געווען זיך צו לאָזן דינגען, אַפֿילו אַרונטערלאָזן ביזן האַלבן פּרײַז.

דער שנײַדער איז געווען אַ געזונטער זכר מיט מאַנצבילשע לוסטן, אָבער ער האָט געהאַט אָפּשײַ פֿאַר איר איידלקייט און צניעות. זײַנע הענט זענען געווען שווערע און קנאָכיקע, אָבער ביַים נעמען איר מאָס האָבן זײַנע פֿינגער געפֿלאַטערט איבער איר לײַב מיט אַזאַ לײַכטקייט ווי די פֿליגלען פֿון אַ שמעטערלינג. צירעלע האָט אײַנגעקויפֿט אַ טײַערן זײַדענעם שטאָף און געקומען צו אים אָנמעסטן איין מאָל און אַ צווייט מאָל. אַ וואָך שפּעטער. דרײַ טעג פֿאַר אסתּר־תּענית, האָט דער שנײַדער אַרײַנגעהאָנגען דעם מלבוש אין דער שויבנשראַנק. ס'איז געווען דאָס שענסטע קלייד, וואָס ער האָט אויפֿגעגנייט ביז צו יענעם טאָג.

צו מאָרגנס האָט אין דעם שנײַדערס ווערקשטעל זיך באַוויזן אַ פֿריי־

לעכער אַראַבער, אויסגעצירט ווי אַ קאַליף. זײַן אַבאַיע האָט געלויכטן ווי אַ קעניגלעכער מאַנטל, דער קאַפּטוך פֿאַרפּוצט ווי אַ בילשטשענדיקע קרוין. ער איז אַרײַנגעשפּרונגען מיט דעם גאַליאַרעם פֿון אַ צעיאַכמערטן הענדלער אויף אַ באַזאַר אין באַגדאַד. ער האָט געהאַט אַ פֿלאַקערדיק פּנים מיט אַ פּאָר דינע וואָנצעס ווי איבערגעדרייטע קנויטן. ער האָט דערציילט, אַז ער איז אָנגעקומען מיט זײַן צירק פֿון ביירוט צו פֿאַרשאַפֿן פֿאַרגעניגן די אײַנוווינערס פֿון שטאָט. ווער עס וועט זען די שפּילערײַען פֿון זײַנע קונצן־מאַכערס, פֿײַער־שלינגערס, שווערדן־פּעכטערס און קאַרליקעס, בײַ יענעם וועלן זיך שטעלן די האָר קאַפּויער. דער אַראַבער האָט געוואָלט באַשטעלן בײַ שמעון שנײַדער אַ רויט קלייד מיט דורכזיכטיקע שלייערן פֿאַר איינער פֿון זײַנע דראַטן־גייערינס, אַ פֿאַרזעעניש מיט אַ טאָפּעלן בוזעם. ווי דער פֿריילעכער אַראַבער האָט דערזען צירעלעס קלייד אין דער שויבנשראַנק, האָבן זײַנע פֿײַערדיקע אויגן זיך צעגליט. ער האָט אויסגערופֿן:

— אַזאַ קלייד איז אָנגעמאָסטן פֿאַר דעם שפּילווײַב פֿון אַ וויזיר! אָבער ס׳וועט אויך גוט פּאַסן פֿאַר מײַן מיאוסער דראַטן־גייערין... האָסט אַ פּרײַז?

דער שנײַדער האָט דערזען אַן אומהיימלעכע לוסט אין דעם אַראַבערס אויגן און זיך אָנגערופֿן:

— דאָס קלייד איז פֿאַרקויפֿט, עפֿענדי.

— אויב כ׳וועל דיר צאָלן מיט גאָלדענע דינאַרן, ווי פֿיל פֿאַרלאַנגסטו?

— דו האָסט נישט גענוג גאָלד דאָס מלבוש אָפּצוקויפֿן, עפֿענדי. דאָס ווײַב פֿון אַ גאָטפֿאַרכטיקן מאַן האָט עס באַשטעלט.

דער אַראַבער האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן אין די גרויסע האַנטפֿלאַכן. ער האָט געזאָגט:

— אויב כ׳קען נישט קריגן דאָס קלייד, ווײַז מיר די פֿרוי וואָס וועט דאָס שיינע געוואַנט טראָגן.

שמעון דער שנײַדער האָט אים צוגעוואָרפֿן אַ צעטומלטן בליק און געשוויגן. בײַם פֿריילעכן אַראַבער האָבן די אויגן זיך פֿאַרגלאָצט. פֿון גרויס גלוסטעניש צו זען די פֿרוי, וואָס איר לײַב וועט טראָגן דאָס טײַערע קלייד, האָט אין זײַן מוח אויפֿגעוואַכט אַ הינטערליסטיקע מחשבה: ער וועט אַרײַנטאָן כּישוף אין דעם קלייד און די פֿרוי, וואָס ער וויל מיט איר זינדיקן, וועט צו אים קומען.

ער האָט אײַנגעקלעמט אין זײַנע פֿינגער די שפּיצן פֿון די קנויט־וואָנצעס און זיך צעלאַכט.

— ביסט גערעכט, שנײַדער. הירזש פֿאַר עופֿות, פֿאַשע פֿאַר בהמות

און אַ דינסט איז נישט ווערט צו גיין אַנגעטאָן ווי אַ האַרינטע. ווײַז מיר אַנדערע געוואַנטן פון לײַוונט און פון ציגנהאָר פאַר מײַן דראָטן־גייערין.

ווען דער שנײַדער איז אַרײַן אין דער קליינער קאַמער ברענגען די פּראָסטע שטאָפן, האָט דער אַראַבער אַרויסגעכאַפּט פון זײַן אַבאַיע אַ שטיקל פּאַרמעט, באַשריבן מיט צויבערשפּרוכן. ער האָט גיך אַן עפן געטאָן די שויבנשראַנק און מיט אַ קליינער נאָדל אַרײַנגעשטאָכן דעם פּאַרמעטענע קוויטל אין בוזעמפאַלד פון דעם טײַערן קלייד. דער שנײַדער איז צוריק־געקומען מיט פולע אַרעמס. דער אַראַבער האָט איבערגעוואָרפן דעם שטויס געוואַנטן, אָבער זײַן פּנים האָט זיך פאַרקרימט. פון אַלע שטאָפן האָט ער נישט געהאַט וואָס אויסצוקלײַבן. ער האָט איבערגעלאָזט שמעון דעם שנײַ־דער אַ שיינע מטבע פאַר דער טירחה און איז אַוועק.

צירעלע האָט איר קלייד אָפּגענומען באַצײַטנס און אָנגעטאָן האָט זי עס צום ערשטן מאָל פאַר דער פּורים־סעודה. זי האָט זיך געגרייט צו גיין הערן לייענען די מגילה. אָבער ווי נאָר דאָס געוואַנט איז געווען אויף איר לײַב, איז די שיינע, פרומע צירעלע נישט געווען צו דערקענען. דאָס בלוט האָט אין איר אויפגעפלאַמט ווי אַ קנויל פײַער. אויסטערלישע באַגערן האָבן אויפגעזאָטן און ס'האָט איר געצויגן צום אַראַבער. אַזוינס האָט נאָך קיינער פריִער נישט געהערט אין דער הייליקער צפת, אַז אַ פרומע, אָפּ־געהיטענע אשה זאָל עס ציִען צו אַ זינדיקן מאַנצביל, וואָס פון זײַן געדעכעניש האָט זי צו מאָל נישט געוווּסט. אירע לויטערע אויגן האָבן אויפגעלויכטן מיט אומהיימלעכע פײַערלעך. דאָס האַרץ איז אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט. מלך האָט זי גערופן מיטצוגיין אין שול אַרײַן און הערן לייענען די מגילה, אָבער איר לײַב איז שוין געווען אַנגעשטעקט מיט לוסט און פאַרשײַטקייט און זי האָט געזאָגט צו מאַן ער זאָל גיין אַליין פריִער און זי וועט נאָכקומען. ווי נאָר מלך האָט פאַרמאַכט די טיר, איז צירעלע באַפאַלן געוואָרן פון אַ ווילדער שטיפערישקייט. זי האָט פאַרגעסן אַן אַלע שטרענגע דינים און פון גרויס פרייד געכאַפּט אַ טענצל פאַרן וואַנטשפּיגל. די שטענדיקע צניעות און אָפּגעהיטנקייט איז אַוועק און געקומען איז אַן אומגעריכטע צעלאָזנקייט. זי האָט דערשפּירט אַ ווילן צו באַגיין זינדיקע טוונגען.

— ג —

מאַן און ווײַב האָבן זיך געלאָזט אויף צוויי באַזונדערע וועגן. מלך איז געגאַנגען אין שול אַרײַן און צירעלע האָט זיך פאַרנומען אויפן וועג צו

טרעפֿן דעם פֿאַרבאַרגענעם אַראָבער, וואָס האָט איר אָפּגעטאָן אַ כּישוף. זי האָט נישט געוווּסט ווו ס'איז זײַן וווינאָרט, אָבער זי איז אַן צעגערניש געגאַנגען פֿאַרויס, גלײַך אַן אומגעזעענע האַנט וואָלט זי געפֿירט. צפֿת, די העכסטע פֿון אַלע שטעט אויף גאָטס ערד, האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער ליכטיקע בערג. ס'איז געווען פֿאַר זונזעצונג און די שקיעה האָט געברענט אויף די רויטע דעכער פֿון די נידעריקע הײַזער, וואָס האָבן אַרויסגעשפּראָצט וויווילדע שוואָמען. צירעלעס טריט זענען געוואָרן גיכער, פֿעסטער. זי איז שוין געווען בײַם עק פֿון דער אונטערשטער שטאָט ווו עס קלעטערן אַרויף בלינדע שטיבלעך, געשפּאָלטענע מויערן, אָפּגעבראָכענע זײַלן. זי האָט געהאַט אויסגעמיטן דאָס מאַרקגעסל און זיך פֿאַרנומען צום בערגל פֿון דער מצודה, די פֿאַרצײַטיקע פֿעסטונג, דאָרט ווו ווינציק מאָמי־נים האָבן אַ מאָל באַזיגט פּילצאָליקע גיבורים.

צירעלע האָט אין אײַלעניש זיך אַראָפּגעלאָזט מיט די טרעפּ פֿון דער מצודה און איז אַרײַן אין אַ רעשיקער גאַס פֿון קראָמען, ישיבֿות און שטיבלעך. פֿון אָפֿענע פֿענצטער האָבן זיך געטראָגן ניגונים פֿון לערנער־בחורים, און כאָטש ס'איז נאָך געווען צו פֿרי צו הערן לייענען די מגילה, זענען שוין אַנגעלאָפֿן ייִנגלעך שטיפֿערס און געקלאַפּט מיט די גראַגערס. איבער די קראָמען האָט געגלימערט דאָס שוואַכע ליכט פֿון פֿאַררייכערטע לעמפּלעך. ס'זענען פֿאַרבײַגעגאַנגען ייִדן אין גלאַנציקע זשופּיצעס, מיט אויסגעצוואָגענע בערד און פּיאות. זיי האָבן זיך געיאָגט צו די שטיבלעך און בתּי־מדרשים, ווײַבער אין הײַבלעך, אין שטערנטיכלעך, מיידלעך אין פּאַטשיילעס זענען געהאַרכיק נאָכגעגאַנגען. אַ הײַפֿל באַוואָקסענע אַראָבער זענען בנעימותדיק דורכגעריטן אויף פֿוילע אייזלען.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און צירעלע איז געווען אויסער דער שטאָט. אַן אויפֿגעהויבענע, געטראָגן פֿון ווינט, האָט זי ווי אַ מלאך גע־פֿלאַטערט איבער די פֿאַרטונקלטע בערגלעך. זי האָט געמאַכט שפּרײַזן אַזוי ווי אַ צדיק בײַ קפֿיצת־הדרך. אַ שפּרײַז — אַ דאַך, אַ שפּרײַז — אַ בלינדע וואַנט, באַוואַקסן מיט מאָך. צופֿוסנס פֿון הילצערנעם פּלויט איז געשטאַנען אַ באַרוועסער בעדויִנער און געפּאַמפּעט אַן אַלטע פּלומפּ, אַז דאָס וואַסער זאָל ציִען דורך די רערן אַרויף צו די שכנותדיקע הײַזלעך.

דער טאָג איז אויסגעגאַנגען. דאָס ליכט פֿון דער צעפּלאָמטער זון האָט געצאַנקט, אָבער צירעלע איז געווען פֿרײַ פֿון שרעק. זי האָט געוואָרפֿן אַ בליק הינטער זיך. ווײַט־ווײַט, אויף די מויערן פֿון דער אייבערשטער שטאָט האָבן געמיניעט ליכטסיגנאַלן. פֿײַערווערק האָבן אויפֿגעריסן און זיך

צעשפּריצט מיט אַלע רעגן־בויגן־קאָלירן. ס'האָט זיך געהערט אַ פּולווער־שיסערײַ פון דעם קליינוואַרג אַזוי ווי דאָס קנאַלערײַ פון ביקסן. די שימחה פון פּורים האָט אָפּגעהילכט אין די בערג און צירעלע האָט באַנומען, אַז איבער צפת איז אויפגעגאַנגען דאָס געראויש פון שושן הבירה. אויף איין רגע איז אַ טרויער זי באַפאַלן און איר פּנים איז פאַרוואַשן געוואָרן מיט טרערן... געדאַרפט האָט זי אַצינד זיצן אין דער עזרת־נשים און הערן לייענען די מגילה, אָבער זי שוועבט גאָר אין די הויכקייטן, גלײַך זי וואָלט געריטן אויף שטורעם־וואָלקנס.

צירעלעס טרערן האָבן אויסגעטריקנט און זי האָט פּלוצעם דערזען ווי פונעם טאָל אַרויס איז אַנגעריטן אויף אייזלען און פערד אַ האָרדע בײַכיקע אַראַבער מיט דעם געיעג פון פערסישע שווערדן־פעכטערס. זייער געפּילדער האָט אויך דערמאָנט אַ צוזאַמענלויף פון אויפקויפערס, וואָס טראָגן זיך צום בשמים־יאַריד. זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אומגעהאַרישע געשרייען און זיך פאַרקירעוועט צו אַ זאַמדיקן ריוו. קוקנדיק אויף די רײַטערס פון טאָל האָבן בײַ צירעלען די אויגן אויפגעשטראַלט. איר האַרץ האָט זיך צעשטורעמט. יעדער גליד האָט אין איר געציטערט מיט דער פרייד פון דערוואַרטונג. זי האָט געוווסט אַז דער, וואָס פון זײַנטוועגן האָט זי אָפּגענאַרט איר מאַן און אויסגעמאַסטן האַלב צפת, וועט באַלד אַרויסשפּרינגען פון דער האָרדע רײַטערס.

אַ פאַרגאַפטע איז זי געבליבן צוגעשמידט צום אָרט. פּלוצעם האָט אַ צעוואַקסענער רײַטער האַסטיק זיך געטראָגן איר אַנטקעגן. זי האָט נאָך רעכט נישט באַוויזן אַ קוק צו טאָן אויף אים ווי ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון זאָטל און זיך געשטעלט פאַר איר. ער איז געווען טונקלהויטיק, ברייט־אַקסלדיק און געהאַט דאָס זעלבע פלאַקערדיקע פּנים און דינע קנויט־וואָנצעס ווי אין יענעם טאָג, ווען ער האָט זיך באַוויזן בײַ שמעון דעם שנײַדער. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער הייסט צאַלאַח ראַכמאַן און שווײַגנדיק זי אָנגעקוקט מיט אַזעלכע שפּיזלדיקע אויגן גלײַך ער וואָלט דורכגעלעכערט אירע געהירן.

פון צערודערטקייט איז צירעלע געבליבן פאַרגליווערט און האָט געגאַפט אויף אים. ווענדליק זײַן הינטערליסטיקן אויסזען האָט זי דערקענט, אַז ער איז איר אָקעגנגעריטן אויף די זעלבע וועגן ווו זי האָט אים אַרומגעזוכט. ס'האָט געמוזט זײַן פון שרעק און פרייד אין איינעם ווען זי האָט אַרויס־געלאָזט אַ געשריי. אַלע אירע חושים זענען פאַרטויבט געוואָרן. ס'האָט איר געשווינדלט פאַר די אויגן. זי האָט געהאַלטן בײַם פאַלן אין חלשות.

דער רײַטער האָט אויסגעשטרעקט זײַנע האַריקע הענט זי אונטערצו־שפּאַרן. ער האָט זי אַ כאַפּ געטאָן אויף זײַנע אָרעמס, דערנאָך האָט ער זי אַרויפגעזעצט אויפן פערד און זי אַוועקגעפירט אין זײַן הויז הינטער דער שטאָט.

— ד —

ווי צאַלאַה ראַכמאַן האָט צירעלען אַרײַנגעבראַכט אין זײַן אָפּגעזונדערט הויז, האָט ער פאַרשלאָסן דאָס טויער פון הויף. ס'איז שוין געווען אָוונט און איבער דער אײַזערנער טיר פון אַרײַנגאַנג האָט געברענט אַ שטורקאַץ. ער האָט זי אַרײַנגעפירט אין זײַן שלאָפקאַמער, אָבער אָנגערירט האָט ער זי נישט. דער רויטער פלאַם פון אַ לאַמטערן האָט באַלויכטן די ווענט. ער האָט געקוקט אויף איר מיט אַ ברי̇ענדיקער תאווה. איר שיינקייט איז געווען ווי אַ זײַל ליכט אין דער האַלב־טונקעלער שלאָפקאַמער. אירע גרויסע, לויטערע אויגן זענען געווען ברייט צעעפנט. די ליפּן, צעשיידט אין אַ שמייכל, האָבן צוגעזאָגט אונטערטעניקייט. דאָס זײַדענע אײַנגעשניטענע קלייד איז געלעגן אָפּגעצויגן אויף איר אויסגעקנאָטענעם לײַב. דער אָפּ־געדעקטער ווײַסער האַלדז האָט זיך ווי געבעטן: קוש מײַן איידעלע הויט.

דער צעפלאַמטער אַראַבער האָט געלעכצט נאָך איר גוף. פון זײַנע נאָזלעכער האָט געבלאָזן אַ הייסער ווינט. ער האָט אַ פאַכע געטאָן מיט די טונקעלע פאַלדן פון זײַן אַבאַיע און ער איז אויסגעוואַקסן פאַר איר ווי אַ ריזיקע פלעדערמויז. ער האָט איר אײַנגערוימט:

— קום, דו שיינע צווישן פרויען. מײַן קעניגרײַך אין מידבר איז דײַנס. מײַן הערשאַפט שפּרייט זיך אויס איבער דעם ווײַטן אָפענעם לאַנד, אָן היילן פאַר חיות, אָן נעסטן פאַר רויבפייגל.

אויך צירעלע איז געווען אָנגעלאָדן מיט באַגערן צום דעם שטאַרקן זכר. אָבער דער כוח, וואָס באַשיצט אַ צנועה פון שטרויכלונגען און אַ כשרע אשה פון זינד, האָט איר געגעבן די קראַפט פון ווידערשטאַנד. זי האָט אָפּגעשפּעט פון זײַנע באַרימערײַען:

— רעדסט פאַלשע רייד, פאַרפירער. דײַן קעניגרײַך קען זײַן נאָר דער גיהנום.

באַרוישט פון איר שטיפערישן ענטפער, האָט ער אַ וואַקלדיקער ווי אַ שיכּור זיך דערנענטערט צו איר און געזאָגט:

— ווי קען די זון לײַכטן אין גיהנום? צי האָט מען דיר נישט דער־ציילט, אַז דער דאַך פון מײַן פּאַלאַץ איז אַ חופּה מיט שטערן?

זי האָט אים אָפּגעשטויסן.

— דײַן קעניגרײַך איז אַ טונקעלע הייל, אומגליקלעכער — האָט זי זיך געריידצט — דו ביסט דער האַר איבער פינצטערניש. אַפילו שדים זענען נישט געהאַרכזאַם צו דיר.

ער האָט אָנגערירט די שפּיצן פון אירע פינגער.

— נאַרעלע, מלאָכים בוקן זיך צו מיר און לייבן לעקן מײַנע פיס.

— ביסט נאָך אַ גרעסערער ליגנער ווי אַ רשע — האָט צירעלע געזאָגט — אַ הערשער אין מידבר איז נישט מער ווי אַ הונגעריקער רויבער. שאַקאַלן אין די זאַמדן און פוקסן אין די גריבער האָבן נישט קיין פּחד פאַר אים...

ער האָט זיך צעלאַכט און דאָס געלעכטער איז געווען אַזוי הילכיק ווי די דונערן, וואָס ברעכן דורך פינצטערע וואָלקנס. ער האָט געשריִען:

— נישט נאָר די חיות אויף דער ערד קניִען פאַר מיר, אויך די פייגל פון הימל נידערן אַראָפּ צו מיר. ווען איך הייב אויף די שווערד, שטעלט זיך אָפּ דער שוואַרצאַדלער אין מיטן פליִען. דער פאַלקפויגל ווערט פאַר־ציטערט, די קראָ ווערט אײַנגעשרומפּן, בײַם שפּאַרבער פאַלן אַרונטער די פליגלען. צי האָסטו נישט געזונג געהערט וועגן מײַן מאַכט? מיט איין שפּרונג קען איך אַראָפּברענגען אַ מבול אין דער וויסטעניש. כ׳דאַרף בלויז אויסשפּרייטן מײַן אַקסלבאַנד און דער ים ווערט אויסגעטריקנט.

— אַוועק, פאַרשאָלטענער! האָסטו דען נישט קיין מורא פאַר דעם באַשעפער פון דער וועלט?

ער האָט אויפגעהויבן איבער איר קאָפּ זײַנע ברייטע אַרבל און זײַן צונג איז געוואָרן אַזוי שלוי ווי די צונג בײַ דער פאַרצײַטיקער שלאַנג הינטערן עפּלבוים:

— קום אַרויס אין הויף, שיינע שפּילווייב. מײַן קעמל וואַרט אויף אונדז. דער זאָטל אויף זײַן האָרב וועט זײַן פאַר דיר אַ ווייך הימלבעט. מיט דיר וועל איך אַוועקרײַטן פון דעם טרוקענעם לאַנד און אַריבערשווימען דעם גרויסן ים. קאַליפן וועלן לייגן זייערע שווערדן צו דײַנע פיס. ווילסט פאַרזוכן דאָס גליק פון הערשאַפט? פון דײַנעטוועגן וועל איך ווערן דער קעניג פון טערקיי, כ׳וועל אַרויסטרײַבן דעם סולטאַן פון סטאַמבול.

ווי דער מכשף האָט אַזוי גערעדט צו איר זײַנע פאַרפירערישע רייד, האָט זי מיט אַ מאָל דערשפּירט ווי אַלע אירע גלידער ווערן אָפּגעשוואַכט. אַ קאַלטער שווייס האָט זי באַגאָסן, אין מוח האָט גערוישט, די שלייפן האָבן געזוזעצט. אין יענער רגע האָט ער זי אַרײַנגעכאַפּט אין זײַנע אָרעמס

און זי איז געוואָרן אַזוי לײַכט ווי אַ שפּענדל אין ווינט.

זי האָט אַ זיפץ געטאָן:

— כ׳ווייס נישט ווי אַזוי כ׳בין געקומען אַהער צו דיר.

— דער נביא מוחמד אַליין האָט אונדז צונויפגעפירט — האָט ער ריידנדיק זי געדריקט צו זיך — אונדזער באַגעגעניש איז געווען באַשערט בײַם סוף פון טאָג. דער שענסטער צוזאַמענטרעף פון צוויי פאַרבענקטע נשמות איז אונטער די אויסגייענדיקע זונשטראַלן.

דאָס צאַנקענדיקע ליכט אין דעם לאַמטערן האָט געטענצלט און אויס־געשפּרייט שאָטנס איבער די ווענט פון דער שלאָפקאַמער. פּלוצעם האָט די סטעליע זיך אונטערגעהויבן. די ווענט זענען צעגומען געוואָרן און וואָל־קנס האָבן זיי אײַנגעהילט. דער מכשף מיט צירעלען האָבן באַרוישטע גע־טאַנצט און נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. ווי זי האָט אַזוי זיך געקלאַמערט אין זײַנע אָרעמס, האָבן פאַרבאָטענע באַגערן אין איר אויפגעזאָטן און איר לײַב האָט אָנגעהויבן גליִען מיט דער ציטערדיקער פרייד פון אַ כלה אין איר חופּה־נאַכט.

דער באַגײַסטערטער אַראַבער האָט אָפּגעזאָגט אַ צויבערשפּרוך און זי האָט פּלוצעם דערזען אין דער שלאָפקאַמער אַ טיש מיט טײַערע שפּײַזן און געטראַנקען. נאָכן עסן און טרינקען זענען זיי ווידער באַפאַלן געוואָרן פון אַ לוסט צו טאַנצן. זיי האָבן זיך צעוויגט אין אַ ראָד ווי צוויי פלאַטער־דיקע פייגל. דער אַראַבער האָט געשפּירט ווי דאָס צאַרטע לײַב גיסט זיך אַרײַן אין זײַן בלוט. צירעלע איז געשוווּמען אין זײַנע אָרעמס אַזוי לײַכט ווי אַ פעדער. זײַנע קנאַכיקע הענט האָבן געהאַלטן איר דינעם רוקנביין מיט אַזאַ קראַפט, אַז ס׳איז געגוג געווען איין שטאַרקער קלעם, אַז איר אײדעלער גוף זאָל זיך צעברעכן. זי איז געווען באַוועלטיקט צו ערשט פון פרייד, דערנאָך פון טרויער. אַ פאַראומערטע האָט זי געפרעגט:

—ווער ביסטו, פאַרפירער? פון וואַנען שטאַמסט דו?

דער מכשף האָט אָנגעקוואָלן פון גליק. זײַן שלויע צונג איז געוואָרן היציקער פון זײַן צעפלאַקערט פּנים.

— איך בין צאַלאַח ראַכמאַן, דער רײַכסטער צויבערמאַן אין מידבר — האָט ער געזאָגט — מײַן פאָטער איז געווען אַ באַרג־קלעטערער און ער האָט געקענט דורכגראָבן די טיפסטע היילן. זײַן פויסט איז געווען ווי אַ שפּיציקער האַמער, זײַנע פיס פלינק ווי בײַ אַן אינד אין פעלד. זײַן לאַנד איז געווען פעט און גרויס אַזוי ווי דער ליכטיקער אויסשפּרייט פון מעקאַ ביז דזשעדאַ. ער האָט פאַרמאָגט שאָף און רינדער און לאַסט־חיות. ס׳האָבן

בײַ אים נישט געפעלט אַ פוקס און אַ דאַמהירש, אַ שטײנבאָק און אַ גאַזעל, אַ װילדציג און אַ באַרגשעפּס. ער האָט אויך געהאַט אַ סך פּעטע בהמות און קאַלירטע פֿייגל לויט זייערע מינים. אָבער ער איז געװען אַ כּופר און געלעסטערט דעם נביא. איין מאָל האָט צו אים זיך באַװיזן אַ בייזער מכשף, ער האָט אַ בלאָז געטאָן אין אַ ביינערנעם האָרן און אַרײַנגעכאַפּט אין זײַן קליינעם קאַפּטור מײַן פֿאָטערס גאַנץ רײַכטום, זײַן האָב און גאָב. דער מכשף האָט מיך פֿאַרשלעפּט אין זײַן הויף און דאָרט בין איך געוואָרן אַ באַדינער בײַ זײַנע האַרעמװײַבער. פֿון אים האָב איך געלערנט אַלע צויבערשטיק. כ׳האָב זיך דערוווּסט די געהיימע שפּרוכן און קללות, וואָס קענען פֿאַראומגליקן מענטשן. ווען כ׳בין אונטערגעוואַקסן, האָב איך אויס נקמה דעם מכשף דערהרגעט און געשענדט זײַנע ווײַבער. דערנאָך האָב איך זיי געמאַכט פֿאַר לוסטמוידן אין מײַן צירק. כ׳האָב אָנגעהויבן וואַנדערן איבער ווײַטע לענדער און אָנגעזאַמלט אַן עשירות. הײַנט וואַשן מײַנע פֿיס הונדערט פּריילעכע פּרויען, אָבער כ׳קען זיך נישט צורירן צו זיי, ווײַל זיי זענען קויטיק. בלײַב מיט מיר, דו לויטערע טאָכטער.

צירעלע איז באַפֿאַלן געוואָרן פֿון אַן אויסטערלישער צערודערניש. אירע חושים זענען געוואָרן פֿאַרטויבט. זײַן היציקער אָטעם האָט געבלאָזן אויף איר ווי אַ פֿײַערדיקער ווינט, אָבער זײַנע פֿאַרפֿירערישע רייד האָבן געגלעט אירע אויערן אַזוי ווי שמעקעדיקער באַלזאַם גלעט די הויט פֿון אַ הייס פּרויענלײַב. אין מיטן ריידן האָט ער אַרויסגעצויגן פֿון אַ קופּערנעם קעסטעלע בליציקע צירונגשטיקער און אָנגעטאָן אויף איר אַ פּערלשנור, אַ האַלדזבאַנד, אַ פּאָר בראַנדזעלעטן און קניגלעקלעך.

ווען זיי האָבן ווידער זיך געוויגט אין דעם פֿאַרחלומטן געדריי, האָבן זײַנע נאַזלעכער אַרײַנגעצויגן דעם אָנגענעמען ריח פֿון אירע סאַמעטענע האָר. זײַנע גראָבע ליפּן האָבן אויפֿגעזוכט איר פֿאַרחלשט מויל. די מאַנצבילשע תּאווה, וואָס איז בכּוח צו באַצווינגען ווײַבלעכע צניעות, האָט שוין נישט געקראָגן שליטה איבער צירעלען. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט אויפֿגעבליצטע פֿײַערלעך און אירע אונטערטעניקע בליקן זענען דערטרונקען געוואָרן אין זײַנע. דאָס בלוט האָט אין אים געזאָטן ווען ער האָט זי געהאַלדזט און ווילד געקושט.

ער האָט זיך אײַנגעביסן אין איר מויל, אין איר האַלדז און נאַקן, גלײַך ער וואָלט נישט געקענט דערשטיקן די הייסע תּאווה זיך צו באַהעפֿטן מיט איר. די אָנמעכטיקע צירעלע האָט ביטער געוויינט. דער פּחד, אַז זי וועט זיך נישט קענען װערן קעגן דעם נואף האָט אָפּגענומען בײַ איר די לעצטע כּוחות.

— ה —

ווען מלך האָט אײַנגעדרימלט בײַם בעט פון דער שלאָפער צירעלע און דורכגעחלומט אירע איבערלעבענישן, האָט די טיר זיך אויפגעריסן און ס׳איז אַרײַנגעקומען די לאָמע זיסל. דאָס פאַררייכערטע נאַפטלעמפל האָט שוין אויסגעצאַנקט, דורכן שמאָלן פענצטער האָט זיך דורכגעזיפּט דאָס גרויע ליכט פון פאַרטאָג. זיסל האָט אַ קוק געטאָן אויף צירעלעס וואַקסענעם פּנים. זי האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט אַרײַן און אויסגעשריִען:

— הלוואי זכות־אָבות זאָל איר בײַשטיין!

זיסל איז געווען מלכס לײַבלעכע מומע, אַ דאַרע זקנה, געבויגן אין דרײַען. בײַם אַרײַנקומען איז איר אײַנגעצערטער גוף געוואָרן נאָך מער אײַנגעשרומפּן הינטער דעם לויזן שוואַרצן קלייד. איר בלאָנדער האַרשייטל פון זאַמדקאָליר איז געווען צוגעדעקט מיט אַ דרײַעקיק קאָפּטיכל, דאָס צעקנייטשטע מויל אײַנגעפאַלן, אָבער פון אירע וואַכע, שטרענגע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ פײַער, וואָס לאָזט די וועלט נישט אײַנשלאָפן. די מומע זיסל האָט געשטאַמט פון פיר דורות לומדים אין צפת. זי איז געווען אַ הייבאַם און אָפּגענומען אַלע קינדער פון די שטאָטישע מיוחסים. אָן די געזונטע עופּעלעך האָט זי גלײַך פאַרגעסן און די שוואַכע האָט זי געהאַלפן אויסהאָדעווען. פון צו פיל פאַרטועכקייט אין פרעמדע הײַזער האָט זי נישט געהאַט קיין צײַט צו גיין צו גאַסט צו קרובים. צו מלכן און צירעלען האָט זי זיך באַוויזן צוויי מאָל אַ יאָר, פּסח און אין די ימים־נוראים. אָבער ווי נאָר ס׳איז געשען אַ מאַליער אין דער משפּחה, איז זי געווען פלינק אויף די פיס. פאַר אַ חולה־מסוכן האָט זי געהייסן אָפּזאָגן תהילים־זאָגערס אין דער ערשטער שול פון אר״י הקדוש. ווען אַ קימפּעטאָרין האָט געהאַט אַ שווער האָבן, האָט זי באַפוילן אײַנצורײַסן קברים.

די זעלבע נאַכט ווען מ׳האָט איר אָנגעזאָגט, אַז צירעלען האָט מען אָפּגעטאָן אַ כּישוף און זי ליגט אַ פאַרשלאָפטע, האָט זיסל זיך אָפּגעשטעלט דאַווענען אַ פּאָר שעה. אויפן שפּראָץ פון טאָג איז זי אָוועקגעלאָפן צען די קראַנקע. אין מיטן וועג האָט זי אָנגעקלאַפּט אין דעם לאָדן פון אַ גוטן יידן און געלאָזט וויסן וועגן דעם אומגליק.

זיסל האָט אַצינד געשטעלט הינקענדיקע טריט איבערן חדר. זי האָט מיט געניטשאַפּט אָנגעקוקט דעם דערשראָקענעם מלך איין מאָל און אַ צווייט מאָל און פאַרבראָכן די הענט:

— ווי איז מיר, מלך! ביסט אַליין אויך חרוב! — האָט זי אויסגערופן

— קוק אַרײַן אין שפּיגל, וועסטו זען דײַן מראה.

זי האָט אים צוגעשטופּט צום קײַלעכדיקן שפּיגל איבער דער קאָמאָדע אין אַ זאַג געטאָן:

— עפּעס שענערס פון דיר לייגט מען אין קבר אַרײַן.

מלך האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. פון דער מומעס רייד איז אים געוואָרן קאַלט אין אַלע אברים. די קניִען האָבן זיך אײַנגעבויגן ווי זיי וואָלטן נישט אויסגעהאַלטן די משא פון גוף. די זקנה האָט צוגעאײַלט צו דער שוואַכער צירעלע און באַנומען, אַז אַלע אָנשיקענישן באַפאַלן בלויז אַן עקרה. זי האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף איר בלייכן שטערן און זיך אָנגערופן:

— צירעלע דאַרף רחמים.

זי איז אַרײַנגעלאָפן אין קיך און צוריקגעקומען מיט אַ שיסל וואַסער און אַ רעפטל אַלט־געבאַקן ברויט. זי האָט אַרײַנגעבראָקט שטיקלעך ברויט אין שיסל, אײַנגעטונקט אַ טיכל און מיט אַ שעפּטשעניש אויף די ליפּן באַנעצט צירעלעס שלייפן. זי האָט זיך אַ קער געטאָן צום אומבאַהאָלפענעם מלך מיט אַ געשריי:

— שטיי נישט ווי אַ געליימטער, זעץ אָוועק אַ מנין תהילים־זאָגערס אין שטיבל!

ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

— ווער וועט בלײַבן מיט צירעלען? — האָט ער שטיל געפרעגט.

זי האָט אים געשטופּט צו דער טיר:

—זי בלײַבט נישט אַליין. כ׳האָב געהאָלפן ברענגען דורות אויף דער וועלט, וועל איך דען לאָזן צירעלען אויסגיין?

זיסלס געשריי האָט אַרויסגעטריבן מלכן פון הויז און ער האָט זיך געלאָזט לויפן צו ר׳ צדוקן, דעם לעצטן חסיד פון ריזשינער שטיבל. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אַלע פאַראומגליקטע לויפן צו ר׳ צדוקן. ער קען טרייסטן אבלים און לינדערן הערצער פון געליטענע. ער ווישט אָפּ די טרערן פון באַרויבטע אַלמנות און פאַרלאָזענע יתומים. מלך האָט זיך געטראָגן מיט אַזאַ אימפּעט גלײַך נישט זײַנע פיס, נאָר פליגלען וואָלטן אים אויפגעהויבן. דער וועג איז געווען אַ לאַנגער, דורך שמאָלע געסלעך און ענגע הויפן מיט אָפּגעבראָכענע פּלויטן. ער איז געשפּרונגען איבער בערגלעך. די אונטערשטע שטאָט האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ווי אין אַ שאול תחתיה. שטיינערנע פאַרקאָנעס און אײַזערנע טויערן האָבן אָפּגעצוימט די פלאַכע הײַזער. אין דעם פאַרטאָג איז צפת געווען לויטער ווי תכלת. די ווינטן, וואָס גרויען צוזאַמען מיטן באַגינען און זאָגן אָן דעם איבערגאַנג

פון נאַכט אויף טאָג, האָבן געשמיסן פון די הויכע געקייטלטע בערג. די זון ווי אַ ריזיקע קנויט האָט אויפגעפלאַמט אין מיזרח און געצונדן שׂרפֿות איבערן הימל.

מלך האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער שטייט שוין צופוסנס דער אייבערשטער שטאָט. אויס צערודערטקייט האָט ער פאַרבלאָנדזשעט און איז פאַרקראָכן אין אַ טאָל מיט יונגעביימער. ער איז אַרײַן אין אַ פעלד און געטראָטן אויף הויפנס גרינס, מאָנבלימעלעך, נעגעלעך. זײַנע ליפּן האָבן געוואָלט לויבן דעם באַשעפער פאַר זײַן ליכטיקער וועלט, אָבער אין דער מחשבה האָט ער געבעטן רחמים פאַר צירעלען. ער האָט געקוקט הינטער זיך. צו מיזרח, אויפן ליימיקן וועג, האָט זיך אַרויסגעהויבן דער כּסא אליהו, אַן אויסגעהאַקטער ווײַסער שטיין, געפורעמט ווי גאָטס אַ נישט־פאַרענדיקט ווערק. מלך האָט אויפגעהויבן די אויגן צו די הייכן. אין יענע לויטערע בערג האָט אַ מאָל שפּאַצירט ר׳ יוסף קאָרו און ס׳האָט דאָרט אויסגעזונגען זײַנע געזאַנגען צו שבת מלכּתא ר׳ שלמה אַלקאַביץ און אונטן, אויפן וויסטן וועג, שטייט דער שטיינערטער שטול און וואַרט אליהו זאָל זיך דאָרט אָוועקזעצן און בלאָזן שופר אויף גאולה. דורות גייען, דורות קומען און משיח זיצט אין טויער אַ געבונדענער און פאַרגייט אין צער אויף שעבוד־מלכות.

דורך די שמאָלע באַרגסטעזשקעס האָט מלך געקלעטערט אַלץ העכער. אַ פאַרסאָפּעטער האָט ער געווישט דעם שווייס פון שטערן. ער האָט זיך דערנענטערט צו די געדרייטע געסלעך פול מיט יידישע און אַראַבישע קראָמען. פון זײַטיקע ליקעס זענען אַרויס אַראַבערקעס, געשלייערט אין שוואַרצע געוואַנטן ווי פלעדערמײַז. מיט גרויסע קרוגן אויף די אַקסלען זענען זיי געגאַנגען שעפּן וואַסער פון ברונעם. הענדלערס אויף אייזלען זענען געריטן צום מאַרק. איבערן הימל איז אָנגעשוווּמען אַ וואָלקן, טונקל ווי אַ רעגן־כמאַרע. שטיקלעך זון ווי שמייכלען האָבן צעריסן דעם וואָלקן און דאָס ליכט פון פרימאָרגן האָט געפלייצט איבער די ווײַסע דעכער און קופּאָלן.

מלך איז אָנגעקומען אויפן נידעריקן מאַרק, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט ווי אַ ברייטער קײַלעכדיקער הויף. די געקאָלכטע הײַזער זענען געווען אײַנגעוואַקסן איינס אין ס׳אַנדערע. טירן און קראָמען האָבן זיך געעפנט. הענדלערס זענען אָנגעקומען מיט זייערע שטופּוועגענער. ס׳איז נאָך געווען פרי, אָבער די ריחות פון געפּרעגלטן בוימל און געבראָטענע פליישן האָבן זיך שוין געטראָגן פון אַן אָפענער אַכסניא. ס׳איז פאַרבײַ־

געלאָפּן אַ קנאַכיקער תּימנער מיט גערעדלטע פּיאות ביז צו די אַקסלען. לויפנדיק האָט ער געצויגן הינטער זיך אויף אַ שטריק צווי מאָגערע ציגן. ביי יעדן הויפּטויער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און גערופן די בעל־הביתטעס צו קויפן וואַרעמע ציגנמילך.

אַן עלטערער פּרוכטן־הענדלער האָט געשטופּט זיין בויד אויף רעדלעך, אָנגעלאָדן מיט פּירות און גרינצייג. אַ האַלב־בלינדער שערער האָט אַרויס־געשטעלט פֿאַר זיין שוועל אַ דריישטול, אַ וואַנטשפּיגל מיט אַ פּאָר שערן און גאָלמעסערס. אַ הייפל געוויקסיקע יידן אין רבנישע קאַפּעליושן, מיט אויסגעוואַשענע בערד, זענען דורכגעגאַנגען דעם מאַרק מיט אַזאַ אימפּעט ווי זיי וואָלטן זיך געאיילט צו אַ דבר־מיצווה. פֿון אַן אַראַבישער טרינק־שטוב האָט באַצייטנס אַרויסגעקרייט אַ הייזעריקער גראַמאָפאָן. ס׳זענען שוין דאָרט געזעסן אויף געפלאָכטענע פּוסבענקלעך שטאָטישע אַראַבער און פּעלאַכן אין געשטרייפטע אַבאַיעס, ווער ס׳האָט געזופּט אַ טערקישע קאַווע, ווער ס׳האָט גערויכערט אַ נאַרגילע.

פּונעם מאַרק האָט דער אויפגעוואַכטער געליאַרם זיך אַריבערגעטראָגן צו די זייטיקע גאַסן. מלך האָט אַריינגעדרייט אויף דעם וועג, וואָס שניידט זיך צום בית־עלמין. ער האָט געקלעטערט איבער פלאַכע שטיינערנע טרעפּ צו דער אייבערשטער גאַס. ער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ הויכן געמויערטן זייל, וואָס איז געווען פאַררוסן ווי אַ פאַרצייטיקער עשתּורת־טויער אין בבל. הינטערן זייל איז געשטאַנען אַ געביי מיט אַ ברייטן ווייסן קופּאָל, ענלעך צו דעם צודעק אויף דער מערת־המכפּלה. אַ שפּריי אַהין, אַ שפּריי אַהער, געסל איין, געסל אויס און מלך האָט פֿון דער ווייטנס דערזען די ריזשינער קלויז. פּלוצעם האָט זיך פאַרטראָגן דער רעש פֿון גראַגערס, וואָס פאַראַ גראַגעריי איז דאָס אַ טאָג נאָך פּורים? — האָט ער זיך געוווּנדערט — דער יום־טוב איז ביי אים געוואָרן אַ תּשעה־באָב, די פּורים־סעודה איז געווען פאַרשטערט. נישט מרדכי האָט געזיגט, המן האָט מנצח געווען, און די אָרעמע צירעלע ליגט אין הויז אַ שלאָפע. ער האָט דערזען ווי פֿון אַ הויף לויפן אַרויס אַ חבֿרה חדר־ייִנגלעך מיט גראַגערס און לאָזן הערן אַ פאַרשפּעטיקט גראַגעריי.

מלך איז צוגעקומען צום קלויז. אויפן געזימס פֿון דעם שמאָלן בנין איז געהאַנגען אַן אויסגעקרימטער מגן־דוד, איבערן פענצטער מיט קאָלירטע שייבלעך זענען געווען אייזערנע שטאַכעטן. פֿאַר דעם נידעריקן הילצערנעם מויער האָט ניסן דער שמש, אַ געבויגענער זקן מיט אַ לויזער לאָק־באָרד ווי אַן אונטערגעשוירענער צאָפּ, אויסגעקערט די שוועלטרעפּלעך.

דער שמש האָט ברייט צעעפֿנט די אויגן.

— אַזוי פֿרי, מלך ?

— כ׳זוך ר׳ צדוקן.

— ער וועט קומען צו שחרית.

— ס׳איז פּיקוח־נפֿש. כ׳מוז אים זען.

דער זקן האָט באַטראַכט דעם צערודערטן מלך און פֿון גרויס חידוש האָט ער אויף אים אויסגעגלאָצט זײַנע מידע אויגן. זײַן אָנצייניק מויל איז געווען ברייט אָפֿן און ס׳האָט בײַ אים געקלאַפּט אַ יאַסלע אָן אַ יאַסלע.

— כ׳גיי אים שוין רופֿן — האָט ער געזאָגט.

דער שמש האָט אָנועקגעשטעלט דעם בעזעם בײַ דער וואַנט, גרייט זיך צו לאָזן לויפֿן העלפֿן דעם באַזאָרגטן מלך, ווי פֿון יענער זײַט געסל האָט ווי אויף אַן אָרויסרוף זיך באַוויזן ר׳ צדוק.

ר׳ צדוק איז געווען אַ הויכער, אַ בעל־צורה. זײַן איילבערט־פּנים ליכטיק ווי בײַ אַ צדיק, די העלע געקאַרבטע באָרד האַרט ווי אַ באַרשט. די הלבשה ציכטיק, אָן אַ פּגם. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ שטעקן, צעבויגן ווי אַ צווײַג. זײַנע טונקעלע אויגן הינטער די ברילנשײַבלעך זענען געווען שאַרף ווי חלפֿים. ער האָט זיך אָנגערופֿן:

— כ׳האָב געהערט פֿון דײַן אומגליק, מלך. דײַן מומע זיסל האָט בײַ מיר אָנגעקלאַפּט אין מיטן נאַכט. האָסט פֿאַרדינט דעם עונש.

מלך איז געוואָרן צעטומלט.

— כ׳וויל אָנועקזעצן אַ מנין תּהלים־זאָגערס — האָט ער אַרויסגע־שטאַמלט.

— מ׳דאַרף נישט קיין תּהילים־זאָגערס — איז ר׳ צדוקס קול געווען שטרענג.

— צירעלע מײַן ווײַב ליגט אַ שלאַפֿע. זי דאַרף רחמים.

— מיר אַלע דאַרפֿן רחמים, און דער באַשעפֿער איז באַרעמהאַרציק צו יעדן בעל־חי.

ר׳ צדוקס שאַרפֿע אויגן האָבן מיט דער קראַפֿט פֿון אַ ווײַטזעער דורכגעשטאָכן זײַן חוט־השדרה. ער האָט אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט.

— קום אַרײַן.

אינעווייניק, אין קלויז האָט דער אַלטער שמש שוין געהאַט אַרומ־געווישט דעם שטויב פֿון ספֿרים־אַלמער, צוגעדעקט דעם שטענדער נעבן אָרון־קודש. ער האָט אָנגעהויבן פּוצן דעם מעשענעם כּיור. ר׳ צדוק האָט געעפֿנט אַ טיר פֿון אַ הינטער־חדר און אַרײַנגערופֿן מלכן. מיט דעם צעבוי־

גענעם שטעקן פּאַרויס האָט ער געשטעלט ברייטע, פעסטע טריט, זײַן גוף אויסגעשטרעקט, דעם קאָפּ אויפגעהויבן. ער האָט זיך געשטעלט פאַר מלכן ווי אַ שטומער מאַנער. כאָטש זײַנע אויגן האָבן מלכן דורכגענומען ווי הייסע שפּיזן, האָט אָבער זײַן פּנים געלויכטן מיט פרומער תמימות. מלך האָט באַנומען, אַז ער גייט אים אויסמוסרן.

— טו זיך אויס! — האָט ר׳ צדוק באַפוילן.

מלך איז געשטאַנען אַ פּאַרגאַפטער. ווי אַזוי זאָל אַ מאַנצביל זיך אויסטאָן פאַר די אויגן פון אַ צווייטן זכר? ר׳ צדוק האָט אים נישט געלאָזט זיך לאַנג קווענקלען. ער האָט אַרײַנגערופן דעם שמש.

— ניסן, טו אויס זײַן קאַפּאָטע.

דער שמש האָט געפאָלגט און ר׳ צדוק האָט געזאָגט.

— נעם אַראָפּ זײַן וועסט.

און ווי דער שמש האָט אַזוי געטאָן, האָט ר׳ צדוק ווידער געהייסן:

—טו אים אויס דעם טלית־קטן.

מלך האָט זיך געווערט, אָבער צדוקס שטרענגער בליק האָט בײַ אים אָפּגענומען דעם ווידערשטאַנד. דער שמש האָט פון אים אַראָפּגעצויגן דאָס העמד, דאָס אונטערלײַבל. נאָך אַ רגע איז מלך געבליבן שטיין הויל אַזוי ווי די מאַמע האָט אים געהאַט.

ר׳ צדוק האָט אונטערגעהויבן די ברילן איבערן שטערן. ער האָט מיט געניטשאַפט באַטראַכט מלכס גוף. ער האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פּיסקנעכלעך און געפּסקנט.

— דײַן גוף האָט נישט קיין פּגימה, וואָס איז מיט דער נשמה?

מלך איז געווען פאַרשעמט. ער האָט אין אײַלעניש זיך גענומען אָנטאָן. ר׳ צדוק האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט די ברילן איבער די אויגן. זײַנע שלייפן האָבן געצוקט. די ברעמען זענען אונטערגעשפּרונגען. אין די העוויות אויפן פּנים איז געווען מער ביטול ווי אײַנזועניש. ער האָט זיך אָנגערופן.

— אַ מענטש ווערט געבוירן מיט צווײ אויערן און איין מויל, אַז ער זאָל אַ סך הערן און ווייניק ריידן.

— כ׳האָב תּמיד זיך געהיט פון לשון־הרע — האָט מלך געזאָגט.

— אַ מאַנצביל קען אויך אָפּטאָן שלעכטס אין דער מחשבה, מלך. ס׳איז נישט גוט דעם זכר, ווען זײַן ווײַב איז אַן עקרה.

מלך האָט געשוויגן. ר׳ צדוק האָט געפרעגט:

— דערמאָן זיך, מלך, ווען האָסטו געהאַט זינדיקע הרהורים?

די רייד זענען אויף מלכן געפאַלן ווי שמיץ. אויב דער ערלעכער

צדוק האָט אויף אים אַ חשד, מוז ער גוט גישטערן אין זײַנע מעשים. זינדיקע הרהורים? ווען איז ער געשטרויכלט געוואָרן? ער האָט אויף קיין בתולות נישט געקוקט און צו קיין אשת־איש נישט געגלוסט. צדוק האָט נאָך קיינעם נישט חושד געווען אומזיסט. ער איז נישט דער ריזשינער רבי, אָבער ער איז זײַן לעצטער חסיד אין צפת, ער האָט די טביעת־עין פון אַ צדיק. איז אַן עת־צרה לויפן צו אים די פּאַרכטיקע, וואָס האָבן מורא פאַר שטראָף. ער איז אַ בוחן לבבות. ער קען אַרײַנקוקן אין יענעמס נשמה. קוק צוריק אין דײַן עבר — האָט אַ קול צו מלכן גערעדט — אויך דער אָפּגעהיטענער ייִד איז נישט ריין פון אַ מכשול. אַן עבירה איז ווי אַ שאָטן, גייסטו אים נאָך, אַנטלויפט ער, אַנטלויפסטו פון אים, גייט ער דיר נאָך. דערמאָן זיך מלך, ווען ביסטו געשטעלט געוואָרן פאַר אַ נסיון?

זײַנע מחשבות, געוויקלט אין טונקעלע נעצן, זענען אַראָפּגעזונקען אין דער פאַרהוילעניש און אין מוח האָט פּלוצעם אויפגעטויכט אַ ווײַטע דערמאָנונג ווי אַ פאַרלאָשענער בליץ.

ער האָט זיך דערזען אין הויז פון זײַן פעטער גבריאל. ס׳איז געווען שמחת־תורה בײַ קידוש און געקומען זענען אַלע קרובים. מלך איז שוין געווען דרײַ יאָר נאָך דער חתונה, אָבער צירעלע האָט נאָך אַלץ נישט פאַרשוואַנגערט. די פריילעכע מומע מרים, וואָס יעדער טראָט איז בײַ איר געווען אַ טענצל, האָט דערלאַנגט צום טיש מאכלים און שאַרפע משקאות, די געסט האָבן געטרונקען און זיך משמח געווען, אָבער ער, מלך, האָט זיך פאַרקוקט אויף דער שיינער דינסט יוכבד, זי איז געווען אַ יפת־תואר, וואָס האָט פאַרלויכטן די שטוב. נישט אַנדערש נאַר אַ קליפּה האָט אין אים זיך באַזעצט, וואָרעם ווי נאַר ער האָט יוכבדן דערזען, האָט ער זי געגעסן מיט די אויגן. אין זײַן פאַרגלאָצטקייט זענען אים באַפאַלן הרהורי־עבירה, אַ מאַנצבילשע לוסט האָט אין אים אויפגעפלאַקערט. די תאווה איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט אין דער מחשבה באַגערט זיך צו באַהעפטן מיט איר, גרייט געווען איר צו שענקען אַ פאַר גאָלדענע אויריינגען אויב זי וועט ווערן זײַן פילגש און אים געבוירן אַ קדיש. ס׳ווערט געזאָגט: אַ שטאַרקער רצון איז דער כוח, וואָס דער מענטש דערשפּירט אין דער פינצטער. ער, מלך, האָט אַזאַ רצון נישט געהאַט. די גלוסטעניש צו דער דינסט האָט אים פאַרבלענדט. איז ער אין יענער רגע אַזוי ניכשל געוואָרן, אַז ס׳קומט אים דערפאַר אַזאַ האַרבער עונש? און אויב ער האָט געזינדיקט אין דער מחשבה, פאַר וואָס איז די בייזע שטראָף געפאַלן אויף צירעלען?

מלך איז געשטאַנען אין זײַן שיפלות. ער האָט זיך נישט דערוועגט אויפצוהייבן די אויגן צו דעם גערעכטן מאַן, וואָס קען זען אַלע פאַר־הוילענישן אין יענעמס נשמה. בײַ ר׳ צדוקן האָבן פון אומגעדולד די ליפּן געבומען בלאָזן. זײַן קול האָט געמאָנט.

— קליינע עבירות זענען די שליחים פון גיהנום, מלך, ביסטו חייב?

מלך האָט געשוויגן. ר׳ צדוק האָט אויסגעטאָן די ברילן און זײַנע טונקעלע אויגן האָבן אויפגעלויכטן ווי לעמפּלעך איבערן איילבערט־פּנים.

— בייזע הרהורים שטאַרבן נישט — האָט ער געזאָגט — מען מוז זיי פאַרטיליקן. ווען ביסטו באַגאַנגען אַ חטא?

— כ׳בין אַ מאָל ניכשל געוואָרן אין דער מחשבה, ר׳ צדוק.

— מיט אַן אשת־איש?

— מיט יוכבד די דינסט.

ר׳ צדוק האָט מיט די פינגער איינגעקלעמט עטלעכע קאַרבן פון זײַן האַרטער באָרד און אַ פאַרטראַכטער געקוקט אַרויף צו דער אויסגעוועלבטער סטעליע. אין דעם אַרויפקוקן איז געווען די ווײַטזעעוודיקייט פון אַ העלזעער, די שפּירונג פון אַ גולה עמוקות, וואָס קען אַנטבלויזן די נשמה אַ נאַקעטע. דאָס האָט געדויערט בלויז איין רגע, ער האָט אַנגעשטעלט זײַן בליק אויף דעם הכנעהדיקן מלך און זיך אַנגערופן:

— סוף מעשה במחשבה תחילה, מלך, אויב אָבער ס׳איז דײַן ערשטער מיכשול, וועט מען מן השמים דיר פאַרגעבן. איך טאָר אַוודאי נישט זײַן דײַן קטיגור, ווי ס׳שטייט: והוי דן את כל האדם לכף זכות.

דער צערודערטער מלך האָט מיט אַ ציטערדיק קול געפרעגט:

— ווען וועט צירעלע גענעזן ווערן? כ׳קען נישט צוזען אירע יסורים.

— זי וועט איבערקומען דאָס איריקע — האָט ר׳ צדוק געזאָגט — כ׳זע, דײַן האַרץ ווערט צעריסן פון אירע מאַטערנישן, אָבער פון דעם עונש קען אַרויסקומען אַ שכר, און דאָס, וואָס זיסל האָט מיר דערציילט וועגן די מעשי־קסמים פון אַ מכשף, איז נישט מער ווי אַ פאַרבלענדעניש. אַן אמתער נס קען אַצינד געשען.

— אַ נס?

— דײַן אומגליק, מלך, איז וואָס אין איינעם מיט דײַן תאווה האָט אויפגעוואַכט אין דיר אַ גאווה און אין דײַן גאווה האָסטו זיך פאַרגליכן צו אַברהם אָבינו. אַזוי ווי ער, דער ערשטער פון די אָבות, האָסטו געמיינט, אַז ס׳איז רעכט צו קומען צו דער דינסט ווען דאָס ווײַב איז אַן עקרה. ווי אַזוי האָסטו, אַ יליד־צפת, פאַרגעסן אַז קיין זינדיקער בן־אָדם טאָר

זיך נישט פֿאַרגלײַכן צו די אָבות? שרה אַלײן האָט געגעבן הגרן צו אַברהמען, אָבער דײַן װײַב האָט דיך נישט אָנגערעדט צו דער פֿרעמדער דינסט. די ריזשינער מאמינים האַלטן, אַז אַפֿילו אַ זינדיקער במחשבה אין צפֿת װערט האַרבער באַשטראָפֿט װי אין אַנדערע מקומות. װי ס׳שטײט: עין רואה ואוזן שומעת וכל מעשיך בספר נכתבים.

ר׳ צדוק האָט אַן אױפֿגערױמטער געקוקט אױף דעם צעטראָגענעם מלך, װי ער װאָלט אָנגעקװאָלן פֿון זײַן צעטומלעניש. ער האָט אױפֿגעהױבן צװײ האַנטפֿלאַכן װי אַפּענע װאָגשאָלן אױף צו מעסטן מיצװות און עבֿירות. ער האָט געזאָגט:

— אײַל זיך אַהײם, מלך, אַ בשׂורה װאַרט אױף דיר.

מלך האָט אױסגעגלאָצט די אױגן:

— אַ בשׂורה?

ר׳ צדוק האָט געקלאַפּט מיט צװײ פֿינגער אױף זײַנע ליפּן.

—פֿרעג נישט בײַ דעם, װאָס די לעפֿצן זײַנע מוזן בלײַבן פֿאַרזיגלט. לױף אַהײם, מלך. אײַל זיך, װאָרעם פֿון מיר גײסטו אַרױס אַ זכאי. געדענקסט דעם אָנזאָג פֿון די חכמים? וכשיהיו בעלי הדין עומדים לפניך, יהיו בעיניך כרשעים, וכשנפטרים מלפניך יהיו בעיניך כזכאים.

— ו —

אין יענעם אױגנבליק װען צאַלאַח ראַכמאַן האָט געװאָלט זיך באַהעפֿטן מיט צירעלען, איז די צנועהדיקע אשה שיִער נישט אױסגעגאַנגען פֿאַר פּחד. אין אים האָט געברענט דער באַגער צו זינד װי אַ העליש פֿײַער און זי איז געװען צו שװאַך זיך צו ראַנגלען מיט אים. און װי ער איז שױן גרײט געװען צו טאָן די עבֿירה און ער האָט אַראָפּגעריסן פֿון איר דאָס קלײד, האָט פּלוצעם אַן אױסטערלישער כּוח זיך אױפֿגעװעקט אין איר. כּהרף־עין האָט דער כּישוף זיך אָפּגעטאָן פֿון איר און זי איז געקומען צו די געדאַנקען, װאָרעם דאָס פֿאַרמעט־קװיטל מיט דעם צױבערשפּרוך, װאָס איז געװען פֿאַרשטעקט אין אַ בוזעמפֿאַלד פֿון איר קלײד, האָט מער נישט באַרירט איר לײַב.

באַװעלטיקט פֿון בטחון האָט זי זיך אַרױסגעריסן פֿון זײַנע אָרעמס און געלאָפֿן צו דער טיר. אָבער די קאַמער איז געװען פֿאַרשלאָסן. זי האָט געװאָלט זיך אַרױסראַטעװען פֿון דעם נואף, װאָס האָט זי געװאָלט פֿאַראומרײניקן, און אַ גוטער מלאך האָט איר אַרײַנגעגעבן אַ געדאַנק אָפּצונאַרן דעם רשע, װאָס װיל נאַרן גאָט און מענטש. זי האָט אים געזאָגט

אַ ליגן, אַז זי וויל אַרויסגיין צו דער פּלומפּ אין הויף און וואַשן איר לײַב. אַז זי זאָל זײַן ריין ווען ער וועט קומען צו איר. צירעלע האָט אין יענער רגע אויסגעזען פֿאַרשײַט. איר פּנים האָט געפּלאַמט מיט לוסט, זי האָט גערעדט צו אים שטיפֿערישע רייד און דער אַראַבער האָט אויפֿגעשלאָסן פֿאַר איר די טיר.

ווען זי איז אַן אײַנגעהילטע אין אַ געוואַנט אַרויס אין הויף, האָט זי דערזען אויפֿן טויער הענגען אַן אײַזערנעם שלאָס. זי האָט געוואָלט אַנטלויפֿן, אָבער דער פֿאַרמויערטער הויף איז געווען פֿאַר איר אַ שטײַג. נאָר אויף איין הילף האָט די פֿאַרלוירענע צירעלע געקענט האָפֿן: אַ ישועה פֿון אויבן. זי האָט זיך אָוועקגעשטעלט בײַם פֿאַרשלאָסענעם טויער און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן בײַ גאָט:

— פֿאָטער אין הימל, לייז מיך אויס פֿון דער קלעם! ס׳איז פּורים אויף דער וועלט און ניסים קאָנען געשען מיט דײַנע קינדער. בעט איך דיך, האַר פֿון דער וועלט: אַזוי ווי אסתּר האָט פֿאַרהיט איר שטאָלץ קעגן המנען און אָפּגעראַטעוועט די ייִדן פֿון פֿאַרטיליקונג, אַזוי ראַטעווע מיך אַצינד, אַז מײַן לײַב זאָל נישט געשענדט ווערן און מלך מײַן מאַן זאָל צוליב מיר נישט שטאַרבן פֿון חרפּה.

אַ גערירטע פֿון אירע ערשטע געבעטווערטער האָט זי זיך ביטער צעוויינט און ווידער מתפּלל געווען:

— רבונו־של־עולם, געדענק ווי איך האָב דיך אַלע טעג מיט מײַן גאַנצן האַרצן געדינט, געדענק מײַנע מעשׂים־טובֿים און מײַן צדקה און זײַ מיך מציל פֿון דעם רשע, ער זאָל מיך נישט מטמא זײַן. ס׳איז הײַנט אַן עת רצון און דער זמן פֿון פֿרייד בײַ ייִדן. האַר פֿון דער וועלט, האָב רחמנות אויף דײַן אָרעמער דינסט און טו מיט איר גנאָד. באַווײַז אַ נס, אַז כ׳זאָל אַנטרינען פֿון דעם אומריינעם נואף, וואָס וויל מיר אָנטאָן שאַנד.

צפֿת איז אַ שטאָט פֿון ניסים און צווישן אירע מויערן געשעען אין יעדן דור וווּנדערס. די זקנים פֿון אַלטשטאָט האָבן שפּעטער דערציילט, אַז גאָט האָט זיך צוגעהערט צו איר געוויין און אַראָפּגעשיקט אַ שטורעם־ווינט, וואָס האָט צעטרייסלט די מויער אַרום הויף. ווי צירעלע איז געשטאַנען מיט אויסגעשפּרייטע הענט צום הימל און אירע אויגן זענען געווען געווענדט צום טויער, האָט דער ווינט אַ פּאַטש געטאָן איבער איר לויטער פּנים, אַז זי איז אין גאַנצן פֿאַרבלענדט געוואָרן. זי האָט פּלוצעם דערזען אַ גרויסן שפּאַלט אין עק מויער. דער ווינט האָט צירעלען אַ שלעפּ געטאָן

צו דער געשפּאַלטענער וואַנט, און דאָס, וואָס איז נישט צו גלייבן, איז געשען: פון דעם שפּאַלט איז געוואָרן אַן עפענונג, גענוג גרויס, אַז אַ מענטש זאָל דאָרט קענען דורכגיין. אין איין אויגנבליק איז צירעלע געווען אויף יענער זײַט מויער און מיט אימפּעט גענומען לויפן איבערן אָפענעם וועג.

זי איז געלאָפן און געלאָפן אָן אָפּשטעל. די פיס זענען בײַ איר געווען גרינגער ווי בײַ אַ גאַזעל. דער ווינט האָט זי געטראָגן ווי אויף וואָלקנס און איידער זי האָט זיך רעכט אַרומגעקוקט, איז זי געשטאַנען אויף אַ הויכן, ליכטיקן באַרג. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און ס'האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז זי איז דערגאַנגען צום סוף פון דער וועלט. די נאַכט האָט זיך געלאָשן, די שטערן זענען אויסגעגאַנגען און ס'האָט געשאַרײַעט אויף טאָג. צירעלע האָט געקוקט צו ערשט צו די הייכן און דערנאָך אַראָפּ אין די נידערונגען, ווו עס האָבן זיך געוויקלט די שיידוועגן. די צונויפגעקניפּטע צפת איז געלעגן אײַנגעקלעמט צווישן טאָלן און גע־טרעפּלטע בערג. ווינטן און שיטערע נעפּלען האָבן די באַרגשטאָט אײַנגע־הילט. פון דער ווײַטנס האָבן די שפּיצן און קאַנטן פון הר עצמון זיך אַרויס־געשניטן ווי אַ ריזיקער קעמלהאָרב.

ווען זי איז צוריק אַראָפּגעקומען אין די ענגע געסעלעך, האָבן אין איר זכרון מיט אַ מאָל אויפגעוואַכט פאַרגעסענע געשעענישן. יענע טעג, ווען זי האָט זיך פאַרקנסט צו מלכן האָבן אויפגעהעלט פאַר אירע אויגן, דער יונגער מלך אַ חתן, זי אַ כּלה. ער אַן ערלעכער וויללערנער, זי אַ שעמעוו־דיקע בתולה. פון הימל האָט מען זיי צונויפגעפּירט. אויס גרויס ליבשאַפט האָט מלך געערדט צו איר בלויז צערטלעכע רייד. צירעלע מײַן קרוין — האָט ער זי גערופן, אָבער אין הויז האָט אויסגעבראָכן אַ מחלוקת. איר טאַטע, ר׳ יחזקאל, אַ בעל נכסים, איז באַשטאַנען אויף אַ נגידס זון פאַר אַן איידעם. צירעלע האָט שטאַרק ליב געהאַט דעם שיינעם איידעלן מלך. דער טאַטע דער כּעסן האָט געשריגן, אַז פאַר זײַן שיינער בת־יחידה שטייט אָפן די וועלט, אַז זי האָט פאַרדינט אי תּורה, אי גדולה. צירעלע האָט געוויינט, אַז זי וועט אַנטלויפן פון הויז, נעמען חופּה בײַ אַ מורה־הוראה אין טבריה און גיין וווינען מיט מלכן אין אַן אָרעם שטיבל.

ווען יחזקאל דער נגיד האָט דאָס פאַרל צעשיידט און צירעלע איז פון בענקשאַפט קראַנק געוואָרן, האָט די שטילע מאַמע פאַרבראַכן די הענט. דער בייזער טאַטע האָט געוואָלט זי איבערבעטן מיט מתנות, אָבער זי האָט די געשאַנקען נישט אָנגענומען. אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט צירעלע באַהאַלטענערהייט אַרויסגעשיקט די דינסט מיט אַ קוויטל צו איר חתן.

„מלך מײַן טײַערער, האָט זי געשריבן, הײַנט האָט דער טאַטע מיר געבראַכט אַ מתּנה, אַ פּאָר גילדענע אוירינגען פון דמשק. כ'האָב דאָס געשענק נישט אָנגענומען, אַ צייכן, אַז כ'וועל אים נישט מוחל זײַן די שפיכת־דמים וואָס ער האָט דיר פאַרשאַפט". צו מאָרגנס האָט זי געשיקט אַ צווייט קוויטל: „טײַערער מײַנער, נעכטן אין באַגינען האָב איך זיך ווידער אויפגעכאַפּט מיט דער אויסדוכטעניש, אַז דו שטייסט הינטער מײַן טיר ווי אַ פּאָרטריי־בענער בעטלער... דער טאַטע איז געוואָרן אויס בעל־גאווה. ער האָט צוגע־זאָגט מיך מיטצונעמען אויף פּסח קיין ירושלים... כ'האָב אים געשטעלט אַ תּנאי: ירושלים מיט דיר, אָדער כ'בלײַב אַליין אין צפת... ער איז געבליבן בײַ זײַן עקשנות".

צירעלע האָט ווײַטער געשפּאַנט אַ פּאָרטראַכטע. די דערמאָנונגען פון יאָרן פריִער האָבן פאַרבײַגעפלאַטערט אַזוי ווי פליגלען פון מלאכים אין ווינט. זי האָט געבראַכן דעם טאַטנס עקשנות. זי איז געגאַנגען צו דער חופּה מיט מלכן, אָבער וויפל זי האָט זיך דאָס אָנגעליטן! וויפל צער האָט דער טאַטע איר פאַרשאַפט! פון שרעק, אַז זי וועט ווערן פאַרזעסן איז זי שיִער נישט אַרײַנגעפאַלן אין אַ מרה־שחורה. אין זכרון האָט ווידער אויפגעטויכט דער טאָג, ווען זי האָט געשריבן צו מלכן: „ערשט הײַנט הייב איך אָן צו באַנעמען דעם זינען פון מײַן געטרײַשאַפט צו דיר און כ'פאַרשטיי ערשט וואָס עס מיינט ליב האָבן אַ מאַן. ווי אַזוי איז עס געקומען, אַז כ'זאָל אוועקשענקען מײַן האַרץ גראָד דיר, מלך? קינדווײַז האָב איך זיך געשראָקן צו קוקן אויף אַ ייִנגל. מענטשן האָבן געזאָגט, אַז כ'בין אַ געפרוירענער שטיין. ווען כ'בין עלטער געוואָרן, האָב איך מורא געקראָגן פאַר אַ דרייסטן מאַנצביל. ס'האָט מיך קיין מאָל נישט געצויגן צו די ייִנגלעך אין שולגאַס אַזוי ווי מײַנע חברטעס, אָבער די קלוגע ווײַבער האָבן פאַרויסגעזאָגט, אַז ווען כ'וועל אַ מאָל ליב קריגן אַ מאַן, וועל איך אים ליבן ווי אַ פלאַמפײַער, מיט מײַן גאַנצן ברען, מיט מײַן האַרץ און נשמה. ס'איז אַזוי געשען, מלך, מיט דיר געשען..."

וואָס נאָך איז אין יענעם בריוו געשטאַנען? צירעלע האָט זיך אַ רײַב געטאָן דעם שטערן. יאָ, זי האָט געהאַט אין דעם בריוו געשריבן: „נעכטן זאָגט צו מיר דײַן שלוּיע מומע זיסל: ס'איז ווינציק אַז מען האָט אַ חתן, צירעלע. מ'דאַרף אויך זאָרגן, אַז ער זאָל מיט דער כּלה שטיין אונטער דער חופּה. איך צייל שוין די חדשים, די וואָכן, דעם טאָג, ווען מיר'ן ווערן מאַן און ווײַב, מלך. פאַר איין זאַך שרעק איך זיך נאָר, טאָמער וועל איך זײַן אַן עקרה..."

צירעלע האָט אַ פּיר געטאָן מיט דער האַנט איבער די אויגן ווי זי וואָלט אַראָפּגענומען אַ הײַטל. דאָס, פּאַר וואָס זי האָט זיך אַזוי געשראָקן, איז געשען. גאָט האָט שוין אַזוי פיל יאָרן פאַרשלאָסן איר טראַכט. נאָך איין פאַרלויפעניש איז אויפגעגאַנגען אין געדעכעניש: די חופּה־נאַכט, ווען זי און מלך זענען געשטאַנען אין ייִחוד־שטיבל. צירעלע איז אַרײַן אין אַ זײַטיקן אַלקער און אַרונטערגעוואָרפן פון זיך די קליידער. זי האָט אָנגעטאָן אַ לאַנג ווײַס העמד, אויסגעהאָפטן אַרום נאַקן מיט שפּיצן און קרוינדלעך. אויס מורא, אַז זי זעט אויס צו פאַרשײַט האָט זי זיך אײַנגעהילט אין אַ ראָזלעכן זײַדענעם שלאָפמאַנטל. די פיס האָט זי אַרײַנגעשטעקט אין אַ פּאָר באַגילדטע לעטשלעך אויף הויכע קנאַפּלען, דערנאָך איז זי צוגעגאַנגען צום וואַנטשפּיגל און באַטראַכט איר אָפּבילד. וועט זי געפעלן ווערן מלכן? דאָס פּנים איז געווען פריש און צאַרט, די רויטע ליפּן פײַכט, אירע אויגן האָבן געשטראַלט מיט יענעם שטילן ליכט, וואָס שײַנט אַרויס בײַ פאַרבענקטע מיידלעך מיט אַ לאַנג דערשטיקטער לוסט געליבט צו ווערן. אַזוי איז זי אַקעגנגעגאַנגען דעם שעמעוודיקן מלך.

אַלע דערמאָנונגען זענען פּלוצעם אויסגערונען. צירעלע האָט זיך דערזען צווישן די געסלעך, וואָס זענען געווען אויסגעלייגט ווי טרעפּ צופוסנס די שפּיציקע בערג. זי איז צוריקגעלאָפן אַהיים, אַ געראַטעוועטע פון שאַנד און מלך וועט אַפילו זיך נישט דערוויסן וואָס ס׳איז זיך מיט איר פאַרלאָפן. אַן אײַנזאַמער זיצט ער מסתּמא אין זײַן חדר און וווּנדערט זיך: ווי אַזוי האָט זי, וואָס האָט אים ליבער ווי איר אייגן לעבן, געקענט פאַרשווונדן ווערן אויף אַ טאָג מיט אַ נאַכט? אָבער צי קען זי דען נישט איר גוטן מלך? ווי נאָר ער וועט זי דערזען אין טיר, וועט ער אַ גליקלעכער איר אַקעגנלויפן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן: צירעלע מײַן קרוין!

דער אימפּעט האָט זי געיאָגט פאָרויס, אָבער ווען זי איז אַרײַנגעקומען אין דער וועבערגאָס און דערזען פון דער ווײַטנס איר הויז, זענען אירע טריט געוואָרן פאַמעלעכדיקער, גלײַך אַ שוואַכקייט וואָלט זי באַפאַלן. די זון האָט שוין געפלאַמט הויך אין הימל. שיטערע וואָלקנדלעך זענען געשווומען אין די בלויע הייכן. די וועלט האָט זיך געבאָדן אין ליכט, אָבער בײַ צירעלען האָבן הענט און פיס געציטערט. וואָס נעענטער זי איז צוגעקומען צום הײַזל, אַלץ שטאַרקער האָט איר גוף זיך געוואַקלט.

ווען זי איז שוין געשטאַנען פאַר דער שוועל פון איר דירה, איז זי אַנידערגעפאַלן אַ פאַרחלשטע. דאָס בלוט פון איר פּנים איז אויסגערונען. די אויגן זענען געוואָרן פאַרגלייזט ווי בײַ איינער, וואָס האָט געקראָגן די

פּאַליקע. אַ שכנה, וואָס האָט זי דערזען ליגן אָן אויסגעצויגענע, האָט אַרויס־געלאָזט אַ געשריי. די צוזאַמענגעלאָפענע ווײַבער האָבן די שלאַפע צירעלע אַרײַנגעטראָגן אין הויז און אַרויפגעלייגט אויפן בעט.

— ז —

ווי נאָר מלך איז אַרויסגעלאָפן פון ריזשינער קלויז, איז דער צוריק־וועגס אַזוי ווי אײַנגעשרומפּן. די וועגן זענען אײַנגעלאָפן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין די הייכן פון צפת, ווו ס'איז אַרומגעגאַנגען דער אר״י הקדוש מיט זײַנע תּלמידים, קען יעדער מאמין זוכה זײַן צו קפיצת־הדרך. אין זײַן אימפּעטיקער אײַלעניש איז די ריפּסענע קאַפּאָטע זיך צעפלויגן. די שוואַרצע גלאַנציקע באָרד האָט געפלאָטערט. זײַן גאַנצע מראה האָט אויפגעלויכטן און דער טרויער פון די אויגן איז אַפּגעווישט געוואָרן. דאָס האַרץ איז שווער געוואָרן פון דער משא פרייד. נישט אַנדערש נאָר אַ מלאך האָט אים אין באַגינען אָנגענומען בײַ דער האַנט און אַראָפּגעפירט צום ריזשינער קלויז. צי איז ר׳ צדוק באַוועלטיקט פון דעם רוח־הנבואה, אַז ער האָט געקראָגן דעם כּוח צו פאַריאָגן זײַן יִיאוש און אַרײַנבלאָזן אין אים בטחון ?

ער איז אַרויס אויף אַ ברייטן שליאַך. פון ביידע זײַטן וועג האָבן שמאָלע שטעגן ווי אָדערן זיך געצויגן צווישן די באַרגהייכן. די זון אַ צעפלאַמטע האָט זיך שוין אַרויסגעהויבן איבערן הימל־אויסבייג. פייגל האָבן געזונגען די שירה פון מלאכים. די ליכטיקע צפת האָט געקלעטערט איבער די הייליקע בערג. אירע געסלעך און מערק זענען געווען צוואָרפן ווי אַפּגעזונדערטע יישובים. מלך האָט אָנגעקוואָלן פון חדווה. די וועלט האָט זיך געטונקט אין קדושה, זיך געבאָדן אין טהרה, פּלוצעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ס'איז צײַט צו דאַווענען שחרית, אָבער ער האָט נישט געהאַט מיטגענומען טלית און תּפילין. די זאָרג נישט צו פאַרשפּעטיקן ס'דאַווענען האָט אים געטריבן פאָרויס. אין דעם הײַנטיקן טאָג האָט ער באַדאַרפט אָפּטרעטן אין דעם ערשטער שול פון הייליקן אר״י. צוויי שולן פונעם אר״י זענען געבליבן אין דער מקובלים־שטאָט. איינע פון די אַשכּנזים בײַם אַרײַנגאַנג צו דער נידעריקער שטאָט, די צווייטע פון די ספרדים, דער בית־הכּנסת של האר״י השחור, וואָס שטייט ווי אַ מויער און פאַרמאַכט די אַלטשטאָט. אין אַלע צײַטן קומען יִדן בעטן אויף ישועות אין דער ספרדישער שול, וואָס קוקט אַריבער צום אוהל פון אַר״י אויפן אַלטן בית־עלמין. מלך האָט בײַ זיך אָפּגעמאַכט, אַז ווי נאָר ער

וועט דערזען צירעלען אַ גענעזענע, וועט ער אַרײַנלויפן אין דער אַלטער שול. דאָרט קען ער אויסגיסן זײַן האַרץ. דאָס מקום־קדוש איז אַזוי טײַער ווי דער מישכּן. דער אַלטער שמש, וואָס שײַערט אָפּ מיט אַ באַרשט יעדן פאַרנאַכט דאָס אָרט ווו די הייליקע פּיס פונעם אַר״י זענען געשטאַנען, אים וועט ער באַלוינען מיט אַכצן זילבערנע מטבעות ווי אַן ערדישער שכר פאַר אַ צולאָג צו זײַן חלק עולם־הבא.

מלך האָט זיך דערנענטערט צום אויבסמאַרק .ער איז פאַרבײַ אַ נידע־ריקע ליימיקע מויער. פאַרן טויער פון אַ אָפענעם הויף איז געזעסן אַ זקנה מיט אַ קאָפּ צעקנאָדערטע גרויע צעפּלעך. זי האָט געהאַלטן צווישן די קני אַ געשאָכטענעם עוף און אויסגעצופּט די פעדערן.

ס'איז פאַרבײַגעגאַנגען אַן אַראַבישער קצב, הויך ווי אַ מויער, האַרט ווי אַ פעלדז. איין האַנט האָט ער געהאַלטן אויפן באַקעטן חלף, וואָס איז געווען אַרײַנגעשטעקט אינעם בויכבאַנד. ער האָט געהאַט דאָס געשטעל פון אַ תּלין. אין זײַן פאַרשוואָלענעם פּנים, אין די האָריקע הענט, אַפילו אין זײַנע שפּרײַזן איז געווען די רציחה פון אַ וועגרויבער. אַן אײַנגעבוי־גענער וואַסער־טרעגער האָט דורכגעשלײַכט מיט אַ לאָגל אויף די אַקסלען. פון דער סופר־גאַס האָט זיך געטראָגן דאָס טויבע קלינגערײַ פון אַ קאַראַוואַן מיט קעמלען.

מלך האָט דערזען בײַם עק מאַרק אַ צונויפלויף. ס'האָבן זיך געהערט קולות.

— אָט איז סענדער!

— וועמען לויפט ער שעלטן אַזוי פרי?

אַ צעפּליישטע יידענע מיט אַ בויך, אָנגעשוואָלן און שלאַבעריק פון צו פיל קינדער האָבן, איז אַרויסגעלאָפן פון שפּײַזקראָם. זי האָט געשטופּט מיט איר פאַרנט די אָנגעלאָפענע מאַנסלײַט און געשריגן:

— וואָס ווילט איר פון דעם אָרעמען סענדער? ס'אַ העזה צו שפּעטן פון אַ קראַנקן ייִד. און אַז ער איז געררירט אויפן קאָפּ, האַ? קיינער קען אײַך נישט פאַרזיכערן, אַז הײַנט־מאָרגן וועט דער שׂכל בײַ אײַך נישט אויסרינען... יעדער איינער פון אײַך קאָן ווערן אַ סענדער. די צפתער למדנים געדענקען נאָך גוט זײַן שאַרפן מוח. מיט אַ יאָר צוריק האָט ער אין לערנען זיך געקענט פאַרגלײַכן מיט אַלע דיינים און ראָשי־ישיבה אין שטאָט.

אין דעם געדרענג, אַרומגערינגלט פון אַ רעדל ליאַרמענדיקע ייִדן און נײַגעריקע אַראַבער, איז אַרויסגעשפּרונגען אַ קליין מענטשעלע מיט אַ

גלאַטיק פּנים פון אַ טומטום. ער איז געווען אײַנגעצערט, ווינציק אין מאָס, אָנגעטאָן אין אַ שווערן לײַבסערדאַק, אויפן קאָפּ אַן אויסגעקראַכענער שטרײַמל ווי אַן אויסגעצופּטער ווײדל. זײַנע רויטע אויגן האָבן געברענט ווי פײַער. דער מטורף איז אַרומגעשפּרונגען אין אַ קרײַז און געטריבן פון זיך דעם אָנלויף.

— אָוועק ארחי־פרחניקעס! אַנטלויפט שטעקל־דרייערס, האָקוס־פּאָקוסניקעס... פאַר אַ הקדש־זיצער האָט איר מיך געמאַכט. פאַר אַן אורח בײַ פרעמדע טישן. און איר אַליין, עולם־הזהניקעס? איר ליידיקט אויס די צדקה־פּושקעס! פאַלשקייט האָט ליב שותּפים און איר מאַכט מיט די כּוללים אַ חלוקה פון דער קיצבה. אָוועק שנאָרערס, און נעמט מיט ישמעאלס אייניקלעך! אַנטלויפט מנוּוולים!

אַ צערייצטער האָט ער אַראָפּגעצויגן פון זיך דעם לײַבסערדאַק, אַ שלײַדער געטאָן צו דער ערד דאָס שטרײַמל. ער האָט געבײַלט די פויסטן און געמאַכט קולות.

— ס'וועט אײַך נישט געשאָנקען ווערן, סדום־ועמורהניקעס! פאַר אַ פּרוש האָט איר מיך געמאַכט, די אשה פון מיר אָפּגערעדט. וואָס בין איך בײַ אײַך, אַ סריס? מענטשן מײַנע ליבע, זעט נאָר ווער ס'וויל אָפּהיטן די קדושה פון צפת? לאָזט בעסער צו רו סענדערן און זײַט בודק צי די דיינים גלוסטן נישט צו פרעמדע ווײַבער. פאָרשט נאָך בײַ די נשים צדקניות צי זיי היטן אָפּ די טהרה און ס'נידהשאָפט; אוי, אוי, אַ פאַרפלייצעניש אין אײַערע געהירנס! אַן ערדציטערניש אין אײַערע בײַכער!

מלכן איז געוואָרן טרויעריק אויפן הארצן. אין מיטן צפתער מאַרק לויפט אַרום דער משוגענער סענדער ווי אַ באָרוועסער נביא און שעלט די גאַנצע עדה. צי האָט מיט אַזעלכע קללות אויך געפלוכט עמוס, ווען ער איז אַרויסגעטראָגן קעגן די רײַכע שׂרים און אונטערגעקויפטע שופטים? מלך איז אַרויס פון מאַרק און זיך פאַרנומען מיט אַן אָפּגעליידיקטער גאַס. אָבער דער צאַרנדיקער סענדער איז נישט אָפּגעטראָטן פון זײַנע אויגן. נישט נאָר ער, מלך, טראָגט אַן עונש, אויך דער אומגליקלעכער ייִד אין מאַרק מוז אָפּקומען דאָס זײַניקע. פאַר וואָסער חטא איז סענדער באַשטראָפט געוואָרן? און אפשר שרײַט פון אים אַרויס אַ גערעכטער צאָרן? ס'איז אים געקומען אויפן זינען אַן אַלטער שפּרוך: פאַלשקייט לויפט פאָרויס און דער אמת קומט נאָך הינקענדיק.

די געדאַנקען האָבן מלכן צוריקגעפירט צו זײַן זיידע אלימלך, וואָס איז מיט הונדערט יאָר צוריק עולה געווען מיט אַ הײַפל ריזשינער חסידים.

אויך ער האָט געהאַט ביטערע תּרעומות צו דער עדה. דער ריזשינער רבי אַליין האָט אים באַפוילן זיך צו באַזעצן אין צפת. ער איז אָנגעקומען אַ יונגערמאַן, קרוע־בלוע. די ערשטע צײַט האָט ער געהונגערט, אָבער די כּוללים האָבן אים נישט געוואָלט אויסטיילן חלוקה. אין צפת האָט געלעבט אַ רײַכער ריזשינער חסיד ר׳ ירוחם, האָט ער איין מאָל אַ פרעג געטאָן דעם יונגן אלימלך צי ער האָט שוין אויפגעמאָנט בײַ די ממונים חלוקה־געלט. אלימלך האָט זיך פאַר אים פאַרטרויט, אַז ער האָט געמאָנט, אָבער זיי גיבן נישט. לויט די תּקנות, טענהען זיי, גיט מען נישט קיין שטיצע צו אַ נײַעם עולה. האָט ר׳ ירוחם אַ צעקאָכטער אַ כאַפּ געטאָן אלימלכן פאַר דער האַנט און איז מיט אים אַוועק צו די ממונים. ער האָט זיי גראָד געטראָפן אין מיטן אויסצייִלן די מטבעות פון די צדקה־פּושקעס און זיך צעשריגן: „פאַר וואָס ווילט איר נישט געבן חלוקה דעם ריזשינערס באַליבטן חסיד?" האָבן זיי מיט חוצפּה געענטפערט: „אַזוי און נישט אַנדערש וועט עס זײַן, ר׳ ירוחם! מיר האָבן אַ תּקנה נישט צו געבן קיין חלוקה צו איינעם וואָס וווינט נאָך נישט קיין צוויי יאָר אין צפת". האָט ר׳ ירוחם אויפגעהויבן זײַן קול נאָך העכער: „דער רבי זאָל לעבן, ער בכבודו ובעצמו האָט אַהערגעשיקט דעם יונגנמאַן און איר ווילט אים פאַרלייקענען די חלוקה? איך שרײַב שוין הײַנט אַוועק אַ בריוו צום ריזשינער און דער רבי שיחיה וועט פון אײַער גאַנצער חלוקה מאַכן אַש און פאַרעך".

דערהערט ר׳ ירוחמס געבייזער זענען די ממונים געוואָרן ווייך ווי די לעמער און האָבן כּהרף־עין באַשטימט פאַר דעם זיידן אַ בכּבודיקע שטיצע —דרײַ טערקישע לירעס אַ יאָר. דער זיידע האָט געדונגען אַ דירה און חתונה געהאַט. ער איז געוואָרן אַ דרדקי־מלמד און געעפנט אַ חדר. ער האָט מרביץ תּורה געווען און אויפגעשטעלט אַ דור לומדים און די גאַנצע עדה האָט זיך געשפּיגלט מיט דעם ירא־שמים, וואָס האָט באַשײַנט צפת. אין אלימלכס משפּחה איז געווען אַ גערעטעניש אויף טעכטער און דאָס האָט אים געשראָקן. ביז צום סוף פון זײַנע טעג האָט ער זיך געזאָרגט, אַז זײַן שטאַם זאָל נישט אָפּגעהאַקט ווערן און ער האָט נאָך אַנאַנד מתפּלל געווען, אַז זײַן זונס ווײַב זאָל געבוירן אַ זכר און דער זון נאָך אים זאָל אויך ברענגען אויף דער וועלט אַ זכר אַז ס׳זאָל נישט אָפּגעטאָן ווערן זײַן נאָמען און ס׳זאָל בלײַבן נאָך אים אַ נין־ונכד.

דער שווײַגער ווערט צעטראָטן און דעם מאַנער פאַרגיטיקט מען — איז מלכן דורכגעלאָפן אַ מחשבה. פאַרטראַכט ווי ער איז געווען, האָט דער מוח פון דעסטוועגן געשפּריצט מיט פונקען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט. ער

האָט שוין געהאַלטן בײַם אַראָפּגיין פון אַ זאַמד־שיפּוע ווי ס׳זענען אים אַקעגנגעקומען אַ פּאָר באַלאָדענע אייזלען, אונטערגעהעצקעט פון אַ פוילן פעלאַך. ס׳איז אָנגעריטן אויף אַן אויסגעפּוצטער פּרדה אַ געוויקסיקער עפענדי מיט אַ שמאַלצבויך. אויף דער שוועל פון אַן אײַנגעבויגן הײַזל זענען געזעסן אַ פּאָר אַראַבישע זקנות, זייערע קעפּ אײַנגעוויקלט אין טונקעלע פאַטשיילעס ווי בײַ פּאַרצײַטיקע קלאָגווײַבער.

ער איז אָנגעקומען צום אָפּגעם שאָסיי, וואָס האָט זיך געקאָלערט אַראָפּ אין אַ טאָל מיט צונויפגעקנוילטע געסלעך. אין איינעם פון יענע געסלעך איז געשטאַנען זײַן שטוב. ער האָט געוואָרפן בליקן אַרום זיך. די צעוואָרפענע צפת איז ווידער געלעגן אויף באַרגשטאָקן, פּערציק איילן העכער פון דער ערדפּלאַך. מלך האָט אַן אויפגעהײַטערטער געקוקט אויף גאָטס לויטערער וועלט. איבער אים איז געהאַנגען אַ בלויער הימל, אַ ליכטיקע זון. הינטער אים אַ ווינט, וואָס האָט אונטערגעיאָגט זײַן גאַנג און אים געטריבן גיך, גיכער צו דער שלאָפער צירעלע.

וואָס פלינקער ער האָט זיך דערנענטערט צו זײַן שטוב, אַלץ מונטערער איז געוואָרן זײַן געמיט. דאָס האַרץ האָט געפּלאַטערט און ער האָט זיך דערמאָנט אַ לויבגעזאַנג פון כנסת ישראל: שמש אחת במרומים ושיר אחד בלב, ואין שני... איין זון אין די הייכן און איין ליד אין האַרצן און נישטאָ קיין צווייטס. די שפּרײַזן זענען געוואָרן גרעסער, די חדווה שטאַרקער וואָס באַלד וועט צירעלע אַליין אים אַקעגנגיין. אויב ר׳ צדוקס טרייסט איז אמת, דאַרף צירעלע אַ געזונטע אים אָפּוואַרטן אויף דער שוועל. ער האָט אַליין נישט געוווּסט פאַר וואָס, אָבער ער איז געשטאַרקט געוואָרן פון זײַן אייגענער הבטחה. זי וועט ווערן מעוברת, זי וועט געבערן, צי איז דען די הבטחה פון די מלאָכים צו שרהן נישט מקוים געוואָרן?

פאַרן אָפּגעם הויף איז געשטאַנען אַ רעדל ווײַבער און געפּילדערט. דערזעען אָנקומען מלכן, זענען זיי אים אַקעגנגעלאָפן מיט שײַנענדיקע פּנימער, אים אָנגעזאָגט:

— האָסט אַ געפונען ווײַב, מלך.

— געלויבט דער אייבערשטער! זי איז שוין איבערגעקומען ס׳ערגסטע...

פונעם רעדל האָט זיך אַרויסגערוקט די מומע זיסל מיט הינקענדיקע טריט. זי האָט זיך אָוועקגעשטעלט פאַר אים אַ שטאָלצע, מיט אַן אויפ־געהויבענעם קאָפּ. זי האָט געטראָגן אַ ברייטן פאַרטעך, די אַרבל זענען געווען אַרויפגעשאַרצט איבער די עלנבויגנס ווי בײַ אַ הייבאַם וואָס מאַכט אַ וואָרע אַרום אַ געווינערין. זי האָט איין קוק געטאָן אויף דעם צעיאָכמערטן

מלך און זיך אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט אַרײַן:

— ביסט צוריקגעקומען אין דער ריכטיקער שעה! — האָט זי אַ זאָג געטאָן — צירעלע איז באַלוינט געוואָרן פֿאַר אײַערע ביידנס יסורים...

מלך, אַ צערודערטער, האָט נישט באַנומען אירע רייד. ער האָט אויפֿגעפּראַלט די טיר, געוואָלט אַרײַנלויפֿן אין הויז, אָבער זיסל האָט מיט אַ שלעפּ בײַם אַרבל אים פֿאַרהאַלטן. זי האָט אים אַרײַנגעקוקט אין די אויגן מיט דעם סודותדיקן בליק פֿון אַן אַלצווייסערין, וואָס האָט ערשט אַנטפּלעקט די גרעסטע פֿאַרהוילעניש. זי האָט אַ זאָג געטאָן:

— צירעלע איז מעוברת!

מלך איז געשטאַנען אַ פֿאַרגליווערטער. זי האָט אַ לאַכעדיקע אים געשטופּט אין דער אָפֿענער טיר:

— אַצינד גיי אַרײַן און שטעל זיך דאַווענען. בעט בײַם באַשעפֿער זי זאָל דיר געבערן אַ קדיש.

ער איז אַרײַן אין הויז און אַרויסגעכאַפּט פֿון דער שראַנק טלית און תּפֿילין, דערנאָך האָט ער אויף די שפּיץ־פֿינגער אַרײַנגעשלײַכט אין שלאָפֿצימער און זיך געשטעלט נעבן צירעלעס בעט. נישט קיין חולה־מסוכן איז געלעגן אויף די ווייכע געוואַנטן, נאָר אַ צעשטראַלטע בת־מלכּה. דאָס אײדעלע פּנים איז געווען לײַכט פֿאַררייטלט, די ליפּן האַלב צעעפֿנט. אירע ליכטיקע אויגן האָבן געקוקט אויף אים מיט שטומער ליבשאַפֿט. די שלאָפֿקייט איז אַוועק, ס׳איז געקומען אַ סוף צום עונש. פֿאַר אים איז געלעגן אַ פֿרישע, רײַפֿע צירעלע, וואָס איז פֿאַרגאַנגען אין טראַגן. ער האָט פּלוצעם זיך דערמאָנט ווי די מאַמע רחל האָט אויסגעטראָגן אירע יסורים, איידער זי האָט געבוירן איר בן אוני, בנימין. יאָ, רחל האָט אויך נישט געוואָלט בלײַבן אַן עקרה. לאַנג איידער גאָט האָט זי געבענטשט מיט דעם בכור יוסף, האָט זי געוויינט פֿאַר יעקבן: הבה לי בנים, ואם אין, מתה אנכי. — גיב מיר קינדער, אַז נישט שטאַרב איך — פֿאַר וואָס פֿאַרגלײַכט ער צירעלען צו רחלען? צי האָט ר׳ צדוק אים נישט געוואָרנט, אַז אַ זינדיקער בן־אָדם טאָר זיך נישט פֿאַרגלײַכן מיט די אָבות און אמהות? אין מלכן איז אויפֿגעגאַנגען אַן עקשנות, אַ טראַציקייט. ער מעג יאָ פֿאַרגלײַכן! צירעלע איז ריין און צנועהדיק אַזוי ווי ס׳איז געווען די יינגסטע פֿון די אמהות. גאָט האָט געבענטשט איר טראַכט, זי וועט אים געבן אַ זון און דעם זיידע אלימלך וועט באַשערט זײַן אַ נין־ונכד.

ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו איר און איר אַ קוש געטאָן אין שטערן. ער האָט געשעפּטשעט:

— צירעלע מײַן קרוין, מלאָכים האָבן איבער דיר געוואַכט...

צירעלע האָט אונטערגעהויבן דעם קאָפּ פון קישן. זי האָט אָנגענומען זײַן האַנט און צוגעטראָגן צו די ליפּן.

— מלך, אויב אַ קדיש וועל איך דיר געבערן, וואָס פאַר אַ נאָמען וועסטו אים געבן?

מלך האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דער סטעליע. אַ געדיכטער נעפּל האָט זיך געשטעלט פאַר זײַנע אויגן, דער דאַך האָט פּלוצעם זיך אונטער־געהויבן. דער רוישיקער ווינט, וואָס האָט אַרײַנגעבלאָזן פון די הייכן, האָט איבערגעשטעלט די צײַט. דאָס שלאָפצימער איז פול געווען מיט זיפצן פון חבלי־לידה. נישט צירעלע איז געלעגן אין קימפּעט, נאָר די מאַמע רחל אַליין האָט זיך געקאָרטשעט אין יסורים. ער האָט זי דערזען אין אירע ווייען. ער האָט דערהערט די קרעכצן פון דער שטאַרבנדיקער יולדת איידער דער וולד איז אַרויס פון איר טראַכט, און דער דערשראָקענער מלך האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי:

— ער וועט הייסן בנימין!

א וויינגארטן

צום אנבייסן האט רפאל תורגמן, א סאלאניקער ספרדי, אלט און צעקנייטש ווי מתושלח, זיך צוגעזעצט אויפן היסב־בעט אין זיין רויט־געשטרייפטן שלאפראק. אויף די פיס האט ער געהאט ווייכע, אויסגעפלאכטענע שטעקשיך און אויפן קאפ א סאמעט־געבלימלט קאפל מיט א טראלד ווי ביי א לץ. תורגמן איז נישט איינגעזעסן אויפן הויכן קישן. די לאנגע אויערן האבן געוואלט איינזאפן דאס שטילע גערויש אין צימער. די נאזפליגל האבן געשנאפט אין אלע ווינקלען. אין זיינע פלינקע אויגן האבן געפלעמלט די פייערלעך פון פארדאכט ווי ביי א צירונגהענדלער אין אלעקסאנדריע.

קעגן איבער אים, אין שטרויענעם שאקלשטול, האט זיך געוויגט זיין ווייב אסנת, א געוויקסיקע זקנה אין א גרין־זיידענעם הייבל איבער די גרויע קודלעס האר. אירע שווערע רייפן־אויירינגען זענען אראפגעהאנגען ביז איבערן האלדז. זי האט געהאט קופערנע און מעשענע בראסלעטן אויף די ברוינע ארעמס און רינגלעך אויסגעזעצט מיט איידלשטיינער אויף די פינגער. אסנת האט שווייגנדיק אונטערגערוקט אויפן טיש איר מאן איין מאכל נאכן צווייטן: זויערמילך מיט גרינע פעפערלעך, אליוון מיט קנאבל, אשכוליות און געזאלצענע מצות.

תורגמן האט אויסגעשאבן מיט א לעפעלע א פענעצל פון דער פרוכט מיט זאפט. נאכן אראפשלינגען האט ער זיך פארקרימט און געמאכט א מינע ווי נאך א זויערער רפואה. באלד אבער האבן די פלינקע אויגן אויפגעשיינט. איבערן רעכטן שלייף האט זיך פארצויגן א נעץ מיט אדערן ווי שלענגלעך. ער האט פון תענוג זיך צעקרעכצט:

— א טייערע פרי, א זאפטיקע פרוכט...

אסנת האט געקוקט דורכן פענצטער איבערן בארג כרמל. אירע גליענדיקע בליקן זענען געהאנגען איבער די ווייטע גרינע אויסשיטן. הארט הינטער איר טויער האט זי געזען אן אייזערנעם פארקאן. נאכן פארקאן, א פרדס. ווייטער, לענג אויס דעם בארגאראפלאז, האט זיך געקאלערט א צווייטער פרדס, דערנאך א דריטער און די פולע קנופן מיט אשכוליות

זענען אַראָפּגעהאַנגען פון די אַלטעביימער. אסנת האָט זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקן אויף די פרוכטבאַרע שטחים און זיך אָנגערופן:

— וואָס טוסטו רפאל, אַז אַזעלכע פירות זאָלן צו דיר געהערן און נישט צום שכן?

— דו מיינסט אַצלאַנס פרדס, זיינע פירות? — האָט תורגמן אויף איר אַ שאַרפן קוק געטאָן און די ביימעלעך אונטער זיינע אויגן האָבן זיך גע־פּעלדלט.

— פאַר וואָס עפּעס זיינע פירות? מאַנצביל דו! חלוש איינער! — האָט אסנת זיך צעשריגן — דער פרדס קאָן ווערן דיין פאַרמעגן! האָסט אַ חזקה דערויף פון לאַנג, ווען דיין פעטער, דער חכם באַשי, האָט דאָס נאָך געוואָלט איינהאַנדלען פאַר גוט געלט!

תורגמן האָט אָפּגעבראָכן אַ שטיק מצה און פאַרביסן מיט אַ פעפערל. דערנאָך האָט ער אַ וויש געטאָן די ליפּן מיט אַ שפּיץ פון דער קאָלירטער פאַטשיילע און שטרענג אַ זאָג געטאָן:

— כ׳וועל נישט מסיג גבול זיין אַ שכן?

די זקנה איז נישט צופרידן געווען מיט איר מאַנס באַשלוס. איבער אירע בייזע אויגן זענען אַראָפּגעהאַנגען די ברעמען ווי הערנער. זי האָט זיך אויפגעשטעלט שווער, מיט דעם געשטעל פון אַ מאַנצביל. אויף די קנאָכיקע פינגער האָט זי אויסגערעכנט דאָס אומבאַוועגלעכע פאַרמעגן: אַ ווייַנגאָרטן, צוויי הייזער אין דער הינטערשטאָט פון חיפה און דערצו זיבן אלפים פונטן צעבאַרגט אויף משכנות פון געביידעס. דער אַלטער רפאל ווייס אַפילו נישט זיין ווערט און זיין מאַכט. גלייך הינטער זיין נאָז, צווישן שטעכלדראָטן און קאַקטוסן, ציט זיך אַ באַיאַרטער פרדס. דער אָרעמער שכן האָט אים אויסגעכאַפּט ווען דער חכם באַשי האָט אונטערגעהאַנדלט. זי, אסנת, וועט נישט שענקען אַזאַ בזיון, זי וועט דעם פרדס מוזן באַזיצן. זי וועט דעם באַדן פאַרצעלירן און פאַרקויפן אויפן דונאַם. און דער תמע־וואַטער רפאל, דער חלוש וועט נאָך גאַפן אויף זיין אשת־חיל.

פון הינטער אַ שווערן, סאַמעטענעם פאַרהאַנג, ווי אַ פרוכת, האָט זיך באַוויזן ציונה, תורגמנס טאָכטער, אַן אויסגעצויגענע ווי אויף שפּרינגפעדערס. אירע באַקן האָבן געפלאַמט און אירע אויגן האָבן געשרפהט. די טונקעלע קאַשטאַן־האָר זענען געווען פאַרלייגט אין אַ קריינדל. אַרום איר האַלדז האָבן זיך געוויקלט פאַרביקע קרעלן מיט אַ באַגילדטן מגן־דוד ווי אַ קמיע. זי האָט געשטעלט וויגנדיקע טריט ווי אַ דמשקער טענצערין און זיך באַקלאָגט:

— רחמים האָט מיך ווידער געקנײַפּט אין די אָרעמס. בלויע צייכנס מאַכט ער מיר!

— הערסט, רפאל? — האָט אסנת מיט אַ געשריי גענומען שפּרײַזן איבערן צימער ווי אַ זעלנער — דער נבזה יאָגט זיך נאָך איר! אויסגעלינקט מעגן אים די הענט ווערן! און די ריפּן געליימט! און, דו גערעכטער, האָסט מורא אויסצושטרעקן אַ האַנט צו זײַן פֿאָטערס פֿאַרמעגן?

תּורגמן, אַ תּם, גלייך ווי נישט צו אים האָט דאָס בייזע ווײַב גערעדט, האָט געלאָזן צוגערוקט, צו זיך די נאַרגילע. ער האָט עטלעכע מאָל געפּי־פּקעט דורכן גומענעם שלויף און אַרויסגעלאָזט קרײַזלעך רויך. נאָך אַ ווײַלע האָט ער אָפּגעשטופּט די בײַכיקע פֿלאַש און מיט כּעס זיך אויפגעשטעלט צו דער טאָכטער:

— און אַז רחמים קריכט צו דיר, קאָנסטו דען אים נישט שיקן צו די רוחות? צו די טײַוואָלים? טיפּה סרוחה! אומבאַהאָלפֿענע דו! אַ בחור איז נישט קיין סריס און דעם האָן ציט שטענדיק צו די קוואָקעס!

דער אַלטער ספרדי האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן ווײַב ווי אויף אַ ביטערן שונא. די אויגן האָבן געברענט ווי די קוילן אויפֿן האָלדז פֿון דער נאַרגילע:

— און דו, מרשעת, ווילסט מיך מאַכן פֿאַר אַן אַחאָב און זיך פֿאַר איזבל? כ׳בין נישט דער מלך פֿון ישראל און דו ביסט נישט קיין געצנדינערין פֿון צידון! כ׳וועל נישט מסיג גבול זײַן אַ שכן! כ׳וועל נישט צולייגן אַ האַנט צום רויב. און אַז רחמים וויל ציונהן פֿאַר אַ ווײַב, פֿרעג צו ערשט, וואָס האָט אונדז צו זאָגן די בתולה? אויב אָבער דער אויסגעלאָסענער יונג טראָגט זיך אַרום מיט פֿינצטערע כּוונות, גיס אים שוועבל אויפֿן פּנים; ברען אים אויס די אויגן!

ציונה האָט אַ ציטער געטאָן. בײַם פֿאָטערס דראָונג, אַז מען גייט שלעכטס טאָן רחמימען, האָט זי דערשפּירט אַ ברי איבערן לייב. זי האָט אין איילעניש צוגעשפּרײַזט צום פֿאָטער און די לויזע קליידפֿאַלדן האָבן גערוישט מיט אַ בלעטערשאָרך.

— כ׳האָב זיך געוווערט, טאַטע! כ׳האָב אים געשיקט צו זײַנע טענ־צערינס פֿון ביירוט! אָבער ער וויל נישט קיין געקויפֿטע ליבע, רחמים. ער וויל געשאָנקענע ליבע. מיך וויל ער!

אסנת איז איר אַרײַן אין די רייד:

— אַז דו האָסט רחמנות אויף אים, מויד, טאָ שענק אים דאָס האַרץ דײַנס! עפֿן די לאָדנס פֿאַר דעם אביון! פּראָל אויף די טירן! אַ נבזה, אַזאַ נבזה! ער האָט די מויד פֿאַרבלענדט! אַ מגפֿה אויף אים!

תּורגמן האָט זיך אויפגעשטעלט. זײַן פיגור אונטערן שלאַפראַק, קליין און איינגעשרומפּן, האָט אַרויפגעקוקט צום ווײַב ווי צו אַ שטרענגן וועכטער.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו דער טאָכטער.

— ער ווערט גלײַך אַ כּפּרה, דער יונג, אויב ער וועט מיט מיר שפּאַס טרײַבן! און פאַר דיר, ציונה, איז אָנגעגרייט מײַן גאַנץ גאָלד! כ׳וועל פאַרקויפן דעם ווײַנגאָרטן, דעם מאַנדל־גאָרטן, די הײַזער, אַבי זאָלסט געפינען אַ רעכטן זיווג! מעג ער זײַן אַן אביון, נאָר פון אונדזער סאַלאָניקער עדה.

— אַזאַ מטורף? אַזאַ אשמדאי? — האָט אסנת מיט אַ געשריי זיך געלאָזט צו דער טיר.

די קליינע פויסטן בײַם זקן האָבן זיך געקנוילט, נאָכשיקנדיק אַ דראָונג דעם ווײַב. ער האָט געגומען זײַן שטעקן מיט דעם פוקסנקאָפּ, ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו ציונהן זי זאָל אים נאָכגיין. ווען ער איז שוין געווען אין דרויסן אויף דער טעראַסע, האָט ער פאַרקייטלט הינטער זיך די פאַרגלאָזטע טיר.

ער האָט שווײַגנדיק פאַרבײַגעשפּאַנט די פולע פּרדסים, וואָס האָבן זיך געצויגן הינטערן הויף ווי יונגע וועלדער. ס׳האָט געשמעקט מיט טוי־פײַכטקייט און מיט ריחות פון רײַפע פּירות. די צווײַגן מיט פּאָמעראַנצן און די צווײַגן מיט אשכּוליות זענען אַראָפּגעהאַנגען ווי אָנגעלאָדענע בוקעטן. ס׳האָט זיי געצויגן, אויפן ווונק פון באַשעפער, צו דער ערד.

דער זקן האָט גייענדיק צעשפּרייט די נאָזפליגל און אַרײַנגעאָטעמט ריחות, וואָס מאַכן דעם אַלטן גוף יינגער. קאַלטע זונשטרײַפן האָבן מילד געגלעט זײַנע גערונצלטע באַקן. ציונה איז געווען הינטער אים, דער שטעקן — פאַר אים. אַזוי האָט ער געקלעטערט צום קאָפּ פון כּרמל־באַרג. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ס׳איז שוין סוף טבת און ער איז שטאַרק נײַגעריק געווען צו זען דעם שכנס נחלה נאָך די רעגנס. און וואָס טוט דאָרט איצט רחמים, אָט דער יונג, וואָס פאַרוועבט ווי אַ שפּין אַ נעץ אין זײַן הויז? באַאַרבעט ער די ערד מיטן שוויס פון זײַן פּנים?

ער האָט פאַרגעסן, אַז ציונה גייט הינטער אים. פאַר אים האָבן זיך געדראַפּעט די שפּיצן פונעם כּרמל־באַרג ווי האָרבן און הינטער אים האָט זיך געשלענגלט, ווי אַ שמאָלער קאַנאַל, דער אויסגעטריקנטער נחל קישון. פאַר תּורגמנס מידע אויגן האָט געגומען נעפּלען אַ זעונג פון אַן אויפגעמישטן בלאַט תּנ״ך. ס׳האָבן זיך מיט אַ מאָל אָנועקגעשטעלט טעג פון פאַרצײַטנס, ווען דער נחל קישון האָט געפּלייצט און איז אַריבערגעלאָפן די ברעגעס.

— — — און דער פעלדמאַרשאַל סיסראַ מיט זײַנע ניין הונדערט אײַזערנע רײַטוואַגנס האָט געדריקט דאָס פאָלק ישׂראל, שטאַרק געדריקט דורך צוואַנציק יאָר. דבורה הנביאה האָט געמשפּט דאָס פאָלק אין יענער צײַט, און זי איז געזעסן הינטער אַ פּאַלמע. און זי האָט געשיקט רופן ברק בן אבינועם און אים באַפוילן, ער זאָל ציען צום באַרג תּבור און מיטנעמען מיט זיך טויזנט מאַן פון די בני נפתּלי און בני זבולון...

— — — און סיסראַ מיט זײַן גאַנץ חיל זענען געפאַלן פון דער שווערד, קיין איינער איז נישט געבליבן. און דער נחל קישון האָט זיי אָפּגעשווענקט —

פאַרן שכנס הויף, וואָס האָט זיך אויסגעלייגט ווי אַ פּירעק, האָט תּורגמן זיך פאַרהאַלטן. ער האָט אַריבערגעקוקט איבערן דראָט־געפלאָכטענעם פּאַרקאַן. אַ געמויערטע הינערשטײַג, גרויס ווי אַ געבײַדע, איז געשטאַנען אין אַ ווינקל. הינטער דער הינערשטײַג איז געווען אַ שטאַל, ווו אַרום די ווענט האָבן פּולאַייטערדיקע געפלעקטע קי געמעלה־גירהט. אַ טויבנשלאַק, פאַרשפּיצט ווי אַ טורעם, האָט אָפּגעגרענעצט איין טייל הויף פון דעם גאָרטן מיט גרינסן. אינדיקעס, הינער און ווײַסע גענדז האָבן געגראָבן מיט די שנאָבלען אין דער ערד.

אַצלאַן, דער בעל־הבית, הויך און האַריק ווי נמרוד, איז געקראָכן צווישן סטעזשקעס ווו פון ביידע זײַטן האָט אַרום די בייטן אוגערקעס, טאָמאַטן און קעפּלעך קרויט, זיך געשפּאָלטן די הויט פון די צעאַקערטע גרודעס און די זאַפּטן האָבן זיך געריסן פון די ערד־טיפענישן.

תּורגמן האָט נישט באַנומען ווי זײַן ווײַב אסנת טראָגט אַ שׂנאה צו דעם ווילן שכן, אַן אייגענער בן־עיר, אַ סאַלאָניקער. יעדעס מאָל ווען אסנת האָט געהייסן צונעמען בײַ אַצלאַנען זײַן פּרדס, האָט זי אים דערמאָנט אָן איזבלן, וואָס גייט באַרויבן נבותן פון יזרעאל.

פון הינטער אַ געדיכטן קאַקטוס־געפלעכט איז אַרויסגעקראָכן דער בעל־הבית אַצלאַן מיט אַ פּול, שווייסיק פּנים פון קופּער־קאָליר. די הענט און פּלייצעס זענען בײַ אים געווען אויסגעקנאָטן. ער האָט געקוקט דורכן דראָטן־געפלעכט אויפן אָנגעקומענדיקן תּורגמן ווי אויף אַ היישעריק. ווען דער זקן מיט זײַן טאָכטער זענען שוין געשטאַנען פאַרן טויער, איז אַצלאַן זיי אַנטקעגן געגאַנגען.

די שכנים האָבן זיך באַגריסט אין שפּאַניאָליש.

— גוט מאָרגן, שכן.

— גוט מאָרגן, גוט מאָרגן! — האָט אַצלאַן ענטפערנדיק באַהאַלטן זײַן חשד — ווי אַ גאַסט, שכן, וועל איך דיך שטענדיק אויפנעמען אין

מײַן הויף, אָבער פֿאַרקויפֿן מײַן פּרדס, דאָס קיין מאָל נישט!

— מיט אַזוינע פּלענער, אַצלאַן, טראָגט זיך אַרום מײַן אשה, נישט איך. כ׳בין געקומען אַ רייד טאָן מיט דײַן רחמים...

— נישטאָ וואָס אים מקנא צו זײַן! דער יונג אַרבעט פֿון פֿאַר טאָג ביז בײַ נאַכט בײַ עופֿות און שטוב־חיות. אין סאַלאָניקי האָט זיך דעם יונג־וואַרג געלעבט אַ ביסל לײַכטער...

— דאָס קאָן מען נישט אָפּשטרײַטן, אָבער דו, אַצלאַן, ביסט דאָך אַליין אויך אַ טאַטע, און מײַן ציונה לײַדט צוליב אים אויף קאַפּשווינדל, דײַן יונג פֿאַרפּלעכט איר קניפּלעך...

אַצלאַן האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר דער געגאָלטער גאָמבע און ממזריש גענומען קראַצן די קופּערנע הויט. ערשט איצט האָט ער באַנומען פֿאַר וואָס דער שכן איז צו אים געקומען. ער האָט אַ בליק געטאָן אויף ציונהן, וואָס איז געשטאַנען הינטערן פֿאָטער ווי אַ פֿאַרשעמטע כּלה און גערעדט גלאַט אין הימל אַרײַן:

— אַ נײַעס פֿאַר מיר, שכן. ס׳אַ נײַעס! און וואָס זאָגט די יפֿת־תּואר אַליין? שטייט עס איר אָן, אַז אַ סאַלאָניקער אביון זאָל איר קיצלען אין די ווייכע ערטער?

תּורגמן האָט אַרויסגענומען אַ קאָלירטן שניפּטוך און אויסגעבלאָזן די נאָז מיט אַ כריפּעניש, ער האָט גערדאָט אַצלאַנען מיט אַ פֿינגער:

— ניבול־פּה רעדסטו, שכן מײַנער. ס׳פּאַסט נישט פֿאַר דײַן עלטער!

— ס׳איז נישט קיין ניבול־פּה, שכן — האָט אַצלאַן עם־האַרציש זיך צעלאַכט — מען דאַרף אַ מאָל אַ שאַר טאָן איבער די אייגענע קוילן צי זיי גליען נאָך... און וועגן מײַן זון רחמים, איז דער מנהג אַלט ווי מעשה בראשית. ווייסט דאָך, דרך גבר בעלמה...

בשעת די צוויי עלטערע מאַנצבילן האָבן געשמועסט ליצנות, איז פֿון הינטער דער הינערשטײַג אָנגעקומען רחמים, אַן אויסגעקנאָטענער מיט אַ קופּערנער הויט אַזוי ווי זײַן פֿאָטער, מיט פּלייצעס ווי בײַ אַ האָפּן־טרעגער. ער איז געווען רויט ווי אדום און שטאַרק ווי שמעון. ער האָט זיך דערנענ־טערט צו ציונהן מיט דעם אומרו פֿון אַ הונט, וואָס דערשנאַפּט דעם ריח פֿון אַ צויג. אָן בושה האָט ער אַרומגענומען ציונהן בײַם איינשניט און גע־צערטלט איר נאַקן. ער האָט זיך אויסגעדרייט צו תּורגמנען.

— כ׳האָב שוין נישט איין מאָל געוואָלט אָנזאָגן אײַך, רפֿאל תּורגמן, אַז ציונה געפֿעלט מיר. און איך, אַ ספֿרדי, דאַרף נישט זוכן מײַן באַשערטע צווישן די אשכּנזישע טעכטער.

— ריידן איז ווייניק, בחור! — האָט דער זקן אים אָפּגעמאָסטן מיט שטרענגע בליקן — און קיין בײַרוט, זאָגט מען, פאָרסטו אויך נישט קיין מזוזות קושן... וואָס קען מײַן טאָכטער אין דיר געפינען, אויסער אַ מאַן אַ שלעגער?

רחמים האָט אויפגעהויבן די הענט ווי פליגלען און געפּאַכעט מיט זיי איבער אַלע פיר זײַטן פון הויף:

— בהמות און גענדז וועט זי בײַ מיר געפינען! הינער און טויבן! אַ ווירטשאַפט מיט גרינצײַג! אַ פרדס מיט רײַפע פירות! און אפשר וועט זי אויך אַ מאָל קריגן אַ רײַזע קיין סאַלאָניקי...

תורגמנס געקנייטשטע באַקן האָבן געלאַכט צו אַצלאָנען, צו זײַן זון און אָפּגעשעפּעט פון זייער עשירות. נישט רײַכטום קומט ער צו זיי זוכן. אויב שפע, פאַרמאָגט ער דאָס מער אין איין מאַנדלגאָרטן, אין איין ווײַנ־גאָרטן... דאָס לינקע אויג האָט ער אויפגעהויבן צום הימל און דאָס רעכטע אויג, פינצטער ווי אַ ליקוי־חמה, האָט געגלאָצט שטאַר און אָפּגעמאָסטן אַצלאָנען, זײַן זון און דאָס ווערט פון זייער פאַרמעגן. און וואָס שווײַגט איצט ציונה? פאַר וואָס שטייט די מויד פאַר דעם ביינער־ברעכער ווי אַ נישט דערמאָלקענע קו?

רחמים האָט אַרומגענומען ציונהן פעסטער בײַם אײַנשניט און אוועק־געשפּרײַזט מיט איר אַ זיכערער, אַז די מחותנים זאָלן זיך דערריידן צו מזל און ברכה.

נישט אַצלאָן און נישט תורגמן האָבן באַמערקט ווי פון הינטערן דראָטנ־צוים האָט זיך באַוויזן די זקנה אסנת אַ צעיאָכמערטע. דאָס גרין־זײַדענע הײַבל איז געווען אַראָפּגערוקט פונעם שייטל. די רייפן־אויערינגען האָבן זיך געוויגט ווי גלאָקן. זי האָט זיך געגנבעט הינטערוויײַלעכץ, גיך פאַרבײַ־גערוקט זיך פאַר די צוויי זקנים, וואָס האָבן געהאַלטן בײַם אָנשלאָגן תקיעת־כף. ווען זי איז שוין געשטאַנען נאָענט צו רחמימען, האָבן אין אירע פינ־צטערע בליקן זיך אָנגעצונדן יענע פײַערלעך פון שלעכטס, וואָס האָבן אַ מאָל געברענט אין די אויגן פון איזבלן.

רחמים האָט פון פחד זיך אַ רוק געטאָן אויף צוריק, ווי ער וואָלט וועלן אויסמײַדן אַ געפאַר. די זקנה איז אים אַ שפּרונג געטאָן אין די אויגן אַרײַן. זי האָט גיך אַרויסגעכאַפּט פון בוזעם אַן אויפגעפּראָפּט פלעשעלע און עס אַ גאָס געטאָן אויף זײַן פנים.

בײַ תורגמנען האָט פון איבערראַשונג דער טראַלד אויפן קאָפּל געגומען אונטערטענצלען. ער האָט געזוכט נעבן זיך דעם מחותן, וואָס איז פּלוצעם

נישט געוואָרן. אסנת, פינצטער ווי אַ מכשפה, האָט אַרײַנגעשריגן אין אים מיט נצחון:

— שוועבל אויפן פנים האָב איך אים געגאָסן, דעם אביון! די אויגן האָב איך אים אויסגעברענט, דעם יעגער. אַזוי ווי דו האָסט באַפוילן, רפאל!

ים־וועלף

— א —

נישט אַנדערש נאָר גאָט אַליין האָט יענע נאַכט געפירט די שיף איבערן צעברויזטן ים, וואָס האָט אויפגעשוימט אין אַ פאַרפלייצעניש, גלייַך אַלע וואַסער־איינזאַמלונגען פונעם תוהו־ובוהו וואָלטן פון דאָס ניי אויפגעבראָכן אַלע צאַמען און זיך געיאָגט מיט אַ מבול פון פאַרטיליקונג, כּדי אָפּצו־שווענקען די יבשה פון איין אויסשפּרייט צום אַנדערן. צאָרנדיקע ווינטן, געטריבן פונעם געוויטער, האָבן געשלייַדערט די שיף ווי אַ שפּענדל איבער די אויפגעשוואָלענע כוואַליעס. פון די מעכטיקע שטראָמען האָבן בערג זיך אויפגעהויבן, טאָלן האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט און די כוואַליעס האָבן זיך אַ שטעל געטאָן אונטערן טונקעלן הימל ווי סטויגן פאַרגליווערטע. די קליינע שיף האָט געקענט זיין אַ דאַמפּער אויף אַ טייַך, אַ פישער־לאָדקע ביי אַ רויִקן ברעג, אָבער געווען איז זי אַ שווימענדיקע תּיבה, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו שפּאַלטן ימען, דורכברעכן פעלדזן און אויפשטעכן אייַז־בערג ביז זי וועט אַרייַננעמען אין איר איינגעווייד די פאַרוואָגלטע ייִדישע פליטים און זיי ברענגען צו דער זיכערער יבשה.

די שיף איז געשוווּמען איבערן מיטללענדישן ים אונטער אַ פרעמדער פאָן און מיט אַ געבאָרגטן נאָמען. זי איז געווען קליין אין מאָס און ווינציק אין געוויכט. טויזנט טאָן אין וואָג, צוויי הונדערט און זיבעציק פוס די לענג און פערציק די ברייט. דאָס געוויטער האָט זיך געהאָט צערעוועט, די ווינטן האָבן זיך צעפייַפט מיט מער אימה, ווען נורית איז אַרויסגעלאָפן פון איר קאַיוטע. זי האָט מיט וואַקלענדיקע טריט אַרויפגעקלעטערט אויפן אויבערשטן דעק און געבליבן שטיין אונטערן צוגעבונדענעם מאַסטשטאַנג. אַ הפקרדיקע פרייד האָט געברענט אין אירע אויגן. דער ים האָט אַרויס־געלאָזט ברומענישן גלייַך ס׳וואָלטן פונעם טיפן איינגעווייד זיך געטראָגן זיפצן פון יאוש אָדער קולות פון געבעט. אָבער נורית איז געווען פריי פון פחד. אַן אויסטערלישע העזה, שטאַרקער פון די זודיקע כוואַליעס, האָט זי באַוועלטיקט ווי דער שטורעם וואָלט פאַר איר געווען אַ בענטשונג פון הימל און די פלייצונג אַ ברכה פון טיפן תהום.

זי האָט געקוקט אויף די עטלעכע רעטונגס־שיפלעך, באַדעקט מיט גרויע לײַוונטן, וואָס זענען געהאַנגען אויף אײַזערנע שטאַנגען ווי אַן עדות אויף אַ באַשערטן אונטערגאַנג. וועלכע כּוחות האָבן זי געשטויסן צו דער אַוואַנטורע, אַ יונגע פרוי, איינע אַליין, אויסגעשטעלט צום גנאָד פון ווילדן ים און צו דער לוסט פון אַ הײַפל געזונטע מאַנציבלען? די נאַכט וועט פאַרבײַ און אַ פּאָר טויזנט לעבעדיקע מתים פון די אויפגעפּראַלטע טויטלאַגערן וועלן אַרײַנגעקוועטשט ווערן אין די געדערים פון דער שיף. רעשטלעך פון די בראַנד־און פײַער־יידן, אַרויסגעשלעפּטע פון גיהנום, וועלן באַזעצן אַלע דעקן פון דעם איינזאַמען מולטער. די, וואָס גאָט האָט פאַרלאָזן און דער ענגלישער קריגספלאָט האָט זיי נאָכגעיאָגט, זענען פריער אַראָפּגעזונקען אין אָפּגרונט און די, וואָס זענען בײַגעקומען דעם טויט, האָבן זיך דערשלאָגן צו די ברעגן. ווי פיל אַזוינע הילצערנע מולטערס זענען שוין געוואָרן קברים אין טיפן תּהום נאָך איידער דער רויך פון די קאָלכאויוונס האָט זיך געטראָגן צו די הימלען?

נורית האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן פאַרגאָסענעם דעק. אַרום איז נישט געווען קיין לעבעדיקער שפּור. אַ רויט פלעמל ווי אַ קראַנק אויג האָט געברענט אויפן קאַפּיטאַנס בריקל. וווּ איז אַהינגעקומען דער קאַפּיטאַן, און דער ערשטער דעק־אָפיציר, און דער ראַדיאָ־סיגנאַליזאַטאָר? צי איז זי דען אַרויסגעלאָפן פון דער איינזאַמער קאַיוטע און זיך אַרויפגעדראַפּעט צום אויבערשטן שטאָק נאָר צו קענען זען ווי אַ חרובע וועלט האַלט בײַם דערטרונקען ווערן אין אַ מבול? פאַר וואָס זענען אַלע פון דער מאַנשאַפט אויסגערונען? זענען די גיבורים פּלוצעם געוואָרן פּחדנים? קען עס זײַן, אַז די ים־וועלף האָבן זיך מורא צו פאַרמעסטן מיט דעם שטורעם? אַ שטראָם וואַסער, דער אָפּשפּריץ פון אַ כוואַליע, האָט זיך אַ גאָס געטאָן אויף נוריתן. זי האָט געטראָגן אַ לעדערנע קורטקע איבערן רויטן סוועטער, אויפן קאָפּ אַ וואָלן היטעלע ווי אַן איבערגעדרייטער זאַק און אויף די פיס גומענע שטיוול מיט הויכע כאָליעוועס. זי איז געווען באַשיצט פון דער נעץ, אָבער איר קערפּער איז געווען דורכגעפרוירן. דער שפּריי פון די צעקלאַפּטע כוואַליעס האָט פאַרגאָסן דעם שטערן און די אויערן, פון דעסטוועגן האָבן די פאַרוואָשענע אויגן אַרײַנגעלאָכט אין דער פינצטערניש. ס'האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז זי האָט דערהערט אַ געוויש גלײַך אַ ריגל פון אַ טיר וואָלט זיך צעקרעכצט. באַלד האָבן זיך געטראָגן טריט איבער די לייטערטרעפּ פון אַ אונטערשטער קאַיוטע.

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. אַ פלעמל ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער

בליץ האָט געוואָנדערט איבערן דעק. דאָס ליכטפּלעמל האָט אַ שײַן געטאָן אויף איר פּנים מיט אַ פֿאַרבלענדעניש. זי האָט מיט דער האַנטפלאַך פֿאַר־שטעלט אירע אויגן און דערפֿילט ווי אַ שטאַרקע האַנט דריקט איר אָרעם.

— נורית, ווילדע נורית!

פֿאַר איר איז געשטאַנען עברון מיט אַן אָנגעצונדענעם שײַנוואָרפֿער אין האַנט. ער איז געווען אײַנגעהילט אין אַ לאַנגן, גומענעם האַנטל. אויפֿן קאָפּ האָט ער געהאַט אַ קאַסקע ווי אַ פֿײַערלעשער. ער איז געווען הויך, לעפּיש, באַוואַקסן ווי אַ פֿאַרצײַטיקער וואַלדמענטש. ער האָט געקוקט אויף איר מיט דער זאָרג פֿון אַ דערוואַקסענעם, וואָס כאַפּט אַ צעלאָזן קינד בײַם אַפּטאָן אַ לײַכטזין. ער האָט געפֿרעגט:

— ווילסט אַרײַנטאַנצן אין ים? דער ווינט קען דיך אַראָפּבלאָזן ווי אַ שפּענדל.

נורית האָט געלאַכט מיט אירע שוימיקע ציין. דאָס לאַכעניש האָט זיך געקײַקלט נישט ווי אַ געלעכטער אין אַ שטורעמווינט נאָר ווי שליטן־גלעקלעך אין אַ שניי. איר פּנים איז געווען פֿאַרפֿלאַמט, די אויפֿגעלויכטענע אויגן האָבן מיט פֿאַרוווּנדערונג געקוקט אויף עברונען, וואָס איז געווען דעם קאַפּיטאַנס רעכטע האַנט. אויך ער, דער ערשטער מאַטראָז, דער דעק־אָפֿיציר איז געווען אָנגעשטעקט מיט אַ ייִנגלישער שטיפֿערישקייט. איר הײַטערקייט האָט אים געררייצט. ער איז גרייט געווען זי אַ כאַפּ צו טאָן אויף זײַנע הענט און זיך אײַנבײַסן אין איר.

— אַליין אויפֿן דעק? — האָט ער פֿון דאָס נײַ שטרענג געפֿרעגט.

— נישט אַליין. כ׳האָב דעם הימל און דעם ים.

און זי האָט פֿריילעך אויסגעשפּרייט די הענט אין דער הויך.

— אויב דו ווילסט באַגיין זעלבסטמאָרד, נורית, האָסטו נישט אויס־געקליבן דאָס ריכטיקע אָרט. דער ים איז פֿאַר אונדז הייליק.

— כ׳בין נאָך נישט געגוג אַנטוישט זיך צו נעמען ס׳לעבן — האָט זי ווידער אַ לאַך געטאָן.

ער האָט איר געדראָט מיט אַ פֿינגער.

— געדענק, אונדזער שיף קען זיך נישט פֿאַרגינען צו פֿאַרלירן די איינציקע קראַנקן־שוועסטער.

נורית האָט אַרויסגעכאַפּט פֿון זײַן האַנט דעם שײַנוואָרפֿער און אים אויסגעלאָשן. זי האָט אים אָנגענומען פֿאַרן אָרבל און אים געשלעפּט נענטער צו די פֿאָדערשטע באַריערעס פֿון דער שיף, וווּ דער דיל איז געווען פֿאַרגאָסן ווי אַן אָזיערע. זײַנע באַוועגונגען זענען געווען שווערע, אומגעלומפּערטע

און ער האָט זיך אַ גליטש געטאָן ווי אויף אַ שיכט אײַז. זי, האָט כיטרע נאָכגעלאָזט זײַן האַנט און איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט ווו ער שטייט, האָט ער דערשפּירט אַ לויזקייט אונטער די פיס און זיך אויסגעצויגן אויף אַלע פיר. ער האָט זיך אויפגעהויבן אַ פאַרשעמטער. נורית האָט אים פאַר־טויבט מיט איר געלעכטער. זי האָט לויפנדיק זיך דערווײַטערט. ער האָט זיך גענומען יאָגן נאָך איר. ער האָט זי אָנגעכאַפּט בײַ אַן אַקסל, אָבער זי האָט זיך לײַכט אַרויסגעדרייט פון אים. ער איז געלאָפן אַרום די פאַר־שווענקטע רערן, לויפנדיק זיך אײַנגעבויגן אונטער די הענגענדיקע רעטונגס־שיפלעך און מיט צעשפּרייטע הענט געזוכט אין דער פינצטערניש נוירתס קאָפּ, אירע האָר. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַם לייטערטרעפּ, וואָס האָט אַראָפּגעפירט צו איר קאַיוטע. ער האָט זי דעריאָגט און זי האָט, מיט אַ באַגער אים אויפצורייצן, זיך אַרונטערגעלאָזט מיט די טרעפּ. אונטן, אין שמאָלן פינצטערן טרעפּהויז, איז זי געבליבן שטיין און געשיפּעט ווי אַ יונג רײַטפּפערד ווען מ׳שטעלט עס אָפּ אין מיטן געלויף. זי האָט זיך געוואָלט רייצן מיט אים.

— ווער איז געשיקטער? — האָט זי זיגעריש אַ זאָג געטאָן.

— כ׳האָב דיך דאָך געכאַפּט!

— פאַלש! כ׳האָב זיך אַליין אונטערגעגעבן.

עברון האָט זי אַרומגענומען און באַלד זי צוריק אָפּגעלאָזט, ווי ער וואָלט זיך געקווענקלט וואָס מיט איר צו טאָן. איר לוסטיקייט האָט אים צעטומלט. די זעלבע נורית, וואָס האָט אַ גאַנצן טאָג געטראָגן אין איר געמיט דעם טרויער פון דער וועלט, קען אַצינד נישט צוימען איר פרייד. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אין דער אויפגעוואַכטער שטיפערישקייט געפינט זי אַ צעשטרייונג פון דער לאַסט, וואָס אכזריותדיקע כוחות האָבן פאַר איר אָנגעגרייט. קען אַזאַ מיידל ווערן די אומדערשראָקענע באַגלייטערין פון די קאַלטע ים־וועלף?

נורית האָט דערשפּירט אויף זיך דעם בלאָז פון זײַן הייסן אָטעם. און כאָטש זי איז געווען דורכגענומען מיט אַ באַגער נאָך שפּיל, האָט זי פון דעסטוועגן געוואָלט זען ווי אין אַ וועלט פון שנאה און גלײַכגילט צום גורל פון אויסגעוואָרצלטן מענטש, זאָל דער צאָרן און די גבורה שטויסן עברונען, אַזוי ווי אַלע איינזאַמע מאַטראָזן, צו אַ פאַרמעסט מיט דעם אכזריותדיקן ים. די מאַנשאַפט איז צונויפגעבראַכט געוואָרן פון שטאָט, פון פעלד, פון קיבוץ. וועלכער כוח האָט זיי אַלעמען געטריבן אַהער צו ווערן זעלנערס פון אַ נאָמענלאָזער ים־אַרמיי, וואָס גייט פעכטן

קעגן דעם מעכטיקן ענגלישן פלאָט ? נורית האָט נישט אײַנגעשטימט, אַז די רעשטלעך פון אַ פאָלק, וואָס זענען ערשט אַרויס אָפּגעברענטע פון די גיהנום-פײַערן, זאָלן געצוווּנגען ווערן זיך צו ראַנגלען מיט כּוחות שטאַרקערע און גרויזאַמערע פון זיי, זיך ראַנגלען אויף דער יבשה און אויפן וואַסער. צו וואָס ריזיקירן אין אַן אומגלײַכן קאַמף ? צוליב וואָס אַרויסשטעלן די פויסט קעגן פאַנצער ?

ביידע האָבן אין דער געדיכטער פינצטערניש זיך געהאַלטן פאַר די הענט. זייערע אָטעמס האָבן געבריט. די וואַרעמקייט, וואָס איז געפלאָסן צווישן זיי, איז געווען אַזוי פײַכט און דיק ווי בלוט. אין דער טונקלקייט האָט עברון געזען נוריתן אין איר לויטערקייט. ווי לאַנג קען זי בלײַבן צוגעבונדן צו דער שטומער שבועה נישט אָפּצוטרעטן פון די סכּנות ? איז דאָס פאַר איר אַ שפּיל צי אַ געיעג נאָך אַוואַנטורע ? אַ פליכט צי אַ לוסט נאָך ווילדן צײַטפאַרטרײַב ?

אין דער טונקלקייט זענען נישט נאָר די מחשבות בײַ אים געוואָרן וואַכער, אויך די אײַנפאַלן זענען געווען בליציקער. צו וואָס לויערן אויף נוריתן אין דעם פינצטערן טרעפּנהויז, אַז ער קען זי זען אונטערן שײַן פון דער לאָמפּ ? ער האָט אַ שאַר געטאָן מיט די פיס און זיך גערוקט אַ פאָר טריט פאָרויס. ער האָט אָנגעטאַפּט מיט די הענט אַ פאַרשלאָסענע טיר.

נורית האָט זיך אָװעקגעשטעלט פאַר אים אַרויסרופעריש.

— דאָס איז מײַן קאַיוטע. ווילסט אַרײַנקומען ?

— אויב די באַשטייסט, נורית.

— ס'איז מײַן פאַרלאַנג, מאַטראָז !

זי האָט האַסטיק אַן עפן געטאָן די טיר און אים אַרײַנגעשטופּט.

— ב —

אינעווייניק האָט זי ליכטיק געמאַכט. זי האָט אַראָפּגעצויגן דאָס היטעלע און אַ טרייסל געטאָן מיט דעם קאָפּ צעפלויגענע האָר. עברון האָט מיטן אַרבל אָפּגעווישט דאָס נאַסע פּנים. דאָס צימערל איז געווען ענג, מיט אַ הענגבעטל, אַן אײַזערנעם שטול, אַ ווינקלשאַנק און אַ וואַשׁשיסל אונטער אַ מעשענעם קראַן. דאָס רונדיקע פענצטערל ווי אַן אויסגעהאַקט לאָך אינעם רוקן פון דער שיף איז געווען פאַרריגלט אויף שרויפן. דאָס ווײַסע ליכט פון דעם לאָמפּ אין דער סטעליע האָט אויך פאַרשפּרייט אַ וואַרעמקייט.

ביי נוריתן האָבן געפלעמלט די באַקן. אירע דינע אויסגעבויגענע ברעמען, די געטאָקטע נאָז, דער בלייכער שטערן, די פרישע ליפּן ווי

קישעלעך, אַלץ איז געווען אויסגעמאָלט ווי אַ פּאָרטרעט. ביי עברונען אין מוח האָבן געווינטלט פּיַערלעך. ער האָט געקוקט אויף איר און נישט געקענט שטילן זייַן אַנטציקונג. זייַן צונג האָט געוואָלט ריידן: „איך וואָלט דיר אויסגעקושט די שיינע אויגן, חבובה". אָבער ער האָט דאָס נישט געזאָגט. נורית האָט שטומערהייט אים באַצייַטנס געוואָרנט: „זיַי אָפּגעהיט, מאַטראָז. ביסט אונטער אַ דיסציפּלין!" אין עברונס שווייַגעניש איז געווען פּראָטעסט: „אַלץ, וואָס צאַפּלט אין מיר, מוז איך אין איר אַנוועזנהייט דערשטיקן".

ער האָט דערזען אין אַ ווינקל אַ פּאָר שווערע וואַליזעס. ער האָט אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויף דעם געפּעק און זיך צעלאַכט.

— דו ווילסט מיט אונדז לאַנדן אויף אַ ברעג?

— צוליב דעם געפינען איך זיך אויף דער שיף.

— מיט אַזוי פיל באַגאַזש?

— נישטאָ קיין איבעריקע זאַכן. בלויז ס'נויטיקסטע, וואָס אַ פרוי מוז האָבן אונטערוועגס.

ער האָט געוואָרפן אויף איר אַ בליק האַלב מיט באַדויער, האַלב מיט גרינגשעצונג.

— דאָס וועט נישט זייַן קיין טוריסטן־רייַזע, נורית.

דער נייַגער אין אירע אויגן האָט געמאָנט אַן אויפקלערונג. ער האָט געזאָגט:

— ס'וועט זייַן אַ לאַנגע וואַגלעניש אויפן ים, אונטערן געיעג פון ענגלישן פלאָט. ס'קען אויסקומען צו לויפן, ס'קען באַשערט זייַן צו שווימען אויף די קאַלטע כוואַליעס. באַפרייַ זיך פון דעם באַגאַזש אין ערשטן פּאָרט. אַ קליין רענצל און אַ באַדקאָסטיום וועט זייַן גענוג. האָסט מיך פאַרשטאַנען, נורית?

זי האָט געוואָלט בלייַבן שטיפעריש, אָבער זייַן וואָרענונג האָט אויפגעוועקט אַ לייַכטע זאָרג. אין אירע לויטערע בליקן איז געווען חידוש און נאַיִוויטעט. זי האָט זיך אָנגערופן:

— כ'האָב נישט פאַרשטאַנען.

ער האָט צערטלעך אָנגענומען איר האַנט. ער האָט געזאָגט:

— מיר זענען מעפּילים, נורית. אָבער ביַי די, וואָס וועלן אונדז נאָכיאָגן, זענען מיר פּיראַטן. דאָס איז אַ שיף פון אַ פאַרבאָטענעם ים־קאַראַוואַן. זי וועט שווימען אין געהיימע וואַסערן און אויסמיַידן ליכטיקע פּאָרטן ביז זי וועט פאַראַנקערן אין אַ וויַיטן, פרעמדן האַפן. אין אַ פינצטערער

נאַכט וועלן מיר אַרויפנעמען די לעבעדיקע לאַדונג. ביז דעמאָלט וועלן מיר, איך און דו, זיך וויגן אויפן וואַסער ווי שאַטנס אין אַ שווימענדיקן געצעלט. קיין געזעץ וועט אונדז נישט שיצן. קיין וועכטערס וועלן אונדז נישט באַגלייטן. ס׳איז אַ שיף, וואָס האָט נישט קיין נאָמען, אַ מאַנשאַפט, וואָס טאָר נישט אויפהויבן איר פאָן.

אין איר שווײַגעניש איז געווען דערוואַרטונג, אַ הייסער באַגער ער זאָל ווידער דערציילן פאַר איר דאָס, וואָס זי האָט אַזוי גוט געוווּסט. ער איז אין אַ קאָנטראַבאַנדע, וואָס איז אַ הייליקע קאָנספּיראַציע, אויסגעשטעלט צו גרויסע סכנות. ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ וועג פון ריזיקאַלישע וואָגלענישן, אָבער ס׳איז דער איינציקער וועג צו אויסלייזונג פאַר יענע אַרויסגעשטויסענע, וואָס האָבן אויפן קאָנטינענט פון אונטערגאַנג פאַרלוירן דעם הימל איבערן קאָפּ און די ערד אונטער די פיס. עברון האָט אַרײַנ־גענומען איר פּנים אין זײַנע האַנטפלאַכן און אַרײַנגעקוקט אין אירע אויגן.

— נורית, קיינער האָט מיך נישט גערופן אַהער, קיינער האָט מיך נישט געבעטן אײַנצושטעלן דאָס לעבן. גלויב נישט, אַז די כּוחות, וואָס געוועלטיקן איבערן באַשאַף, האָבן מיך געשטויסן אַהער. אפשר בין איך געטריבן געוואָרן פון אַ שגעון און אפשר האָט גאָר אַ געשריי, וואָס קומט פון די טיפע פאַרהוילענישן, מיך גערופן. אין יעדן איינעם פון אונדז וואַכט אויף אַ מאָל אַ רוף, וואָס שלעפּט אונדז אַרויס פון אונדזער זיכערער באַקוועמלעכקייט. אַציינד בין איך אין מיטן ים, אַ דיסציפּלינירטער מאַטראָז. אָבער דו נורית, ווער האָט דיך געצוווּנגען צו דער אַוואַנטורע?

ער האָט נישט געוואָרט אויף איר ענטפער און ווידער געזאָגט:

— קראַנקן־שוועסטערס און נאַנעס זענען די איינזאַמסטע פרויען. וואָס האָט דיך געטריבן אַהער? אַ יאָגעניש נאָך מזלות? אַן אַנטוישטע ליבע? רייד מיט מיר אָפן, נורית.

נורית האָט נישט באַפרײַט איר פּנים פון זײַנע קנאַכיקע הענט. ער איז געשטאַנען פאַר איר אַרויסרופעריש. אין זײַן נײַגער איז געווען אַ מאַנונג. פאַר וואָס פאַרלאַנגט ער זי זאָל אים דערציילן פון אירע בלאָנדזשע־נישן? וויל ער איר אויך אַרויסווײַזן יענעם רחמנות פון אַ מאַן, וואָס איז גרייט צו טרייסטן אַ יונגע פרוי נאָך איר ערשטן דורכפאַל? נישט זי נויטיקט זיך אין עמעצנס טרייסט, נישט זי פאַדערט אײַנגעבעטענע ליבע. פון קינדווײַז אָן האָט זי געוווּסט פון וועמען צו דערוואַרטן צערטלעכקייטן און בײַ וועמען צו פאַרלאַנגען דאָס, וואָס קומט איר אין אַ פולער מאָס. עברון פאַרלאַנגט פון איר אָפענע רייד. ער איז אַן אַנגרײַפער, אָבער ווער

האָט אים אײַנגערעדט, אַז זי וועט אים אַרײַנלאָזן אין דער וועלט פון אירע פאַרהוילענישן?

זי האָט זיך אָפּגערוקט פון אים און געוואָרפן אַ בליק אויפן פאַררינגלטן קאָיוטע־פענצטערל. אין דרויסן האָט געקלאַפּט דער שטורעם און אין יענער רגע האָבן אירע אייגענע יאָרן זיך פאַרבײַגעטראָגן ווי אַ שטורעם אויף כוואַליעס. און פונעם שטורעם האָט זיך אַרויסגעשיילט דער פאַרגעסענער אהוד. ווער איז געווען אהוד, דער קיבוץ־מענטש פון בית־אלפא? אַ פאַרשטעלטער אידעאַליסט, אַ טרוקענער דאָגמאַטיקער אָדער אַן אַסקעט, וואָס פאַרלייקנט אַלע ערדישע פאַרגעניגנס? ווען זי האָט אים דאָס ערשטע מאָל געטראָפן, האָט ער זי באַגערט מיט אַלע מאַנצבילשע תאוות. אָבער ער האָט איר נאָך אַנאַנד דערמאָנט, אַז ער איז אַ זון פון אַ טראַגישן דור, איינער, וואָס איז באַרויבט געוואָרן פון די פרימיטיווע לוסטן. אהוד האָט זיך צו איר באַוויזן ווי אַן אורמענטש, אַ קנויל בלוט און פלייש, אַ מאַן מיט אומגעצוימטן ווילן, אַ דעראַבערער, וואָס ווייס נישט פון קיין צוריק־טריט, אָבער אַלע זײַנע באַגערן זענען פאַרצערט געוואָרן אין דעם פײַער פון זײַן ווילדער באַגײַסטערונג. אין דעם געיעג נאָך דעראָבערונגען האָט ער זי, נוריתן, פאַרלוירן.

נאָך דרײַ חדשים וואַנדערונגען מיט אים צווישן שטעט און קיבוצים איז אהוד געבליבן פאַר איר פאַרזיגלט ווי אַן אײַנגעוויקלטער פאַרמעט. נורית האָט אים פאַרלאָזט. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דעם געהיימען פאַראַשוטיסטן־באַטאַליאָן און געפלויגן אין שליחות קיין אייראָפּע. אין פײַער פון דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ער זיך אַרונטערגעלאָזט הינטער דעם שונאס ליניעס אין אַן אָקופּירט לאַנד און באַפרײַט געפאַנגענע ייִדן פון די טויטלאַגערן. אויף איינער פון די פלירייזעס האָבן די דײַטשן אים געכאַפּט און אומגעבראַכט. נורית האָט געטרויערט נאָך אים ווי נאָך אַן אומגעקומענעם ברודער. זי האָט געשווירן, אַז זײַן שליחות, וואָס דער טויט האָט איבערגעריסן, וועט זי איבערנעמען. אויך זי וועט העלפן אַרויס־פירן די געפײַניקטע פון געפאַנגענשאַפט, נישט דורך הימלרײַזעס, נאָר אויף געהיימע שיפן. אויב זי האָט נישט דעם קוראַזש צו האַלטן אַ מאַשינביקס, וועט זי דינען ווי אַ קראַנקן־שוועסטער פאַר די אומלעגאַלע ים־שפּאַלטערס.

נורית האָט געקוקט אויף עברונען און געזוכט אין אירע דערמאָנונגען אַ פאַרגלײַך צווישןביידן. אהוד האָט געלעבט און איז געשטאָרבן ווי אַ רעטעניש. און ער, עברון, צי איז ער ווירקלעך אַן אָפן בוך? נעכטן, בײַם אַרויפגיין אויף דער שיף, האָט זי אים ס׳ערשטע מאָל באַגעגנט און הײַנט

האָט ער זיך פאַר איר אַנטפּלעקט. קען עס זײַן, אַז זײַן ערשטער באַריר האָט אויפגערודערט איר בלוט? ווו איז די זיכערקייט, אַז ער איז אַנדערש פון אהודן? זי האָט געמאַכט אַ שריט נענטער צו אים. זי איז אים אַרומ־געגאַנגען ווי אין אַ קרײַז איין מאָל, אַ צווייט מאָל און אים באַטראַכט אויספּרווועריש. נאָך אַ ווײַל האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— עברון, אַ מאַטראַז אויפן ים איז פרײַ, אַ נזיר אין מדבר איז אַ געפאַנגענער. אָבער ביידע אונטערדריקן זייערע באַגערן, אמת?

— ניין. נורית. אונדזערע מאַטראַזן האָבן נישט קיין באַגערן. מיר זענען איינזאַמע זעלנערס אויפן ים, אין דינסט פון אַ קליין, שוואַך פאָלק...

זי האָט איבערגעשלאָגן זײַנע רייד:

— וואַרט עברון, לאָז מיך ווײַטער ציען דעם געדאַנק.

— כ׳וואַרט, נורית.

— און די געשיכטע פון יעדן פאָלק, ווערט געזאָגט, איז נישט קיין אידיליע... ס׳איז אַן אומאויפהערלעכער געראַנגל, אַ כּוחות־פּאַרמעסט אַן אָפּשטעל...

— אויסגעצייכנט, נורית! איצט וועל איך דעם געדאַנק שפּינען ווײַטער: און נאָך שווערער איז דער געראַנגל פון אַ פאָלק, וואָס איז אָפּגעבריט געוואָרן אין אַזוי פיל שרפות...

זי האָט אַרויפגעלייגט צוויי פינגער אויף זײַנע ליפּן, אַ צייכן ער זאָל שווײַגן.

— ווי פיל פײַערן קען אַ פאָלק בײַשטיין און נישט פאַרצערט ווערן?

— האָט זי געפרעגט — לאָמיר פון הײַנט אָן אויסמײַדן די היסטאָרישע שרפות...

— אויסמײַדן? ווי אַזוי? כּוחות, גרויזאַמע און שטאַרקערע פון אונדז שטייען אין וועג. ווי קען מען אויסמײַדן די שרפות, אַז דאָס פײַער, וואָס האָט אָנגעצונדן די פעסטונגען פון מצדה, פון יודפת און פון ביתר, דאָס אייגענע פײַער יאָגט אונדז נאָך אין יעדן דור. צי מיר קומען אום אין פרעמדע מלחמות, צי מיר פאַלן אויף אייגענע פּאָזיציעס אין לאַנד, צי ס׳איז אונדז באַשערט צו זינקען אין אָפּגרונט פון ים, אָן דער שלאַכט פון ווידערשטאַנד וועט דער נצחון נישט אויסגעפאַכטן ווערן.

עברון האָט זיך צעפלאַמט בײַם רעדן און נורית האָט אים מער נישט געוואָלט איבערשלאָגן. זי האָט געלאָזט הענגען אויף אים אירע בליקן, וואָס האָבן געהאַט סײַ באַוווּנדערונג, סײַ צעטומלעניש. דער גוטער, שטאַר־קער עברון מיט זײַן אָפנקייט, מיט זײַן העזה, ווי גערעכט ער איז אין

זייַן צאָרן און ווי תּמימותדיק! אַ בונטאַר, וואָס ווייס נישט פון קיין פּשרות, אַ דערוואַקסן קינד, וואָס לאָזט זיך נישט צוימען. און פאַר וואָס זאָל זי אים צוימען? ס'איז נישט איר פאַרלאַנג אָפּצוקילן זייַן ענטוזיאַזם. עברון האָט געקוקט אויף איר מיט דעם אויסדרוק פון איינעם, וואָס האָט שוין אַלע פייַער־נסיונות הינטער זיך. ער האָט זיך אָנגערופן:

— פאַראַן טעג, ווען אַ פאָלק קומט צו דער דערקענטעניש, אַז זייַן ווילן צו באַפרייַונג ווערט אויסגעפּרוווט דעמאָלט ווען זייַן אויסלייזונג שטייט אין קאָן. פאַרפאַלן, נורית, מיר זענען אַרייַנגעכאַפּט געוואָרן אין דער נעץ און מיר שטייען פאַר טעג, וואָס די געשיכטע וועט זיך גרויסן מיט זיי. מיר האָבן אָנגעיאָגט די צייַט, וואָס וועט אַנטשיידן אונדזער מאָרגן. אָבער אַזאַ צייַט קומט נישט מיט פּאַראַדן און טריומף־צוגן. זי קומט מיט פאַרלוסטן און מפּלות. אונדזער רייַפקייט, אונדזער גרייטקייט אויף קרבנות ווערט אַצינד געלייגט אויף דער וואָגשאָל. געדענק דאָס, נורית! דאָ, אויפן ים וועלן מיר ווי פּיראַטן פירן אַ לעבעדיקע קאָנטראַבאַנדע קעגן דעם ווילן פון זאַטע, אַנשטענדיקע פעלקער. אונדזערע שיפן וועלן ווערן די בריק פאַר דעם צוריקקער פון אַ פאַרלוירן פאָלק.

עברון איז אַנטשוויגן געוואָרן. פאַר נוריתן איז די שטילקייט געווען אָנגעלאָדן מיט אַ מאָנונג, וואָס וועגן איר האָט עברון נישט געאָנט. איין פאַרלאַנג האָט זי געהאַט אַצינד: ער זאָל אויף איר נישט אָנוואַרפן קיין אומעט. זי איז געווען צו מיד ווידער צו הערן וועגן אחריות און פליכטן. אין דרויסן האָבן די ווינטן האַסטיקער געבלאָזן. דאָס געוויטער איז געוואָרן ברויזנדיקער. נורית האָט געבענקט נאָך יענער צעשטרייַונג וואָס מען געפינט צווישן הימל און וואַסער, ווען די נאַטור איז פול מיט טייַוולאָנישע קאַפּריזן. זי האָט געשמייכלט. זי האָט אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויף זייַנע אַקסלען. איר טאָן איז געוואָרן לוסטיק.

— זאָג מיר, מאַטראָז, ווו געפינען מיר זיך ערגעץ אויף גאָטס וועלט?

זי האָט די ווערטער באַגלייט מיט אַ פאַרפירערישן ווונק, אָבער ער האָט אַרויפגעלייגט זייַן האַנט אויף איר מויל.

— דאָס איז אַ סוד.

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט דעם אַנשטעל פון פאַרוואורף.

— ווילסט מיר אייַנרעדן, אַז דו ווייסט נישט דעם קורס פון דער שיף?

— כ'ווייס נישט.

— דו לאַכסט פון מיר. יעדער מאַטראָז קען לייענען אַ מאַפּע און יעדער פּיראַט פאַרשטייט זיך אויף אַ קאָמפּאַס.

— יאָ. אָבער אַ דיסציפּלינירטער ים־פּאָרער מוז קענען שווײַגן ווי אַ פיש.

— איז דאָס אַ באַפעל?

— נישט אַ באַפעל. אַ פליכט.

— באַפעל צי פליכט, נישט פאַר מיר וועסטו שווײַגן, עברון. דײַן האַרץ וועט מוזן זײַן אָפן ווי דער ים.

ס'איז געווען רייץ אין איר באַפעלערישן טאָן. זי האָט אים אַזוי דורכ־געבריט מיט די אויגן, אַז ער האָט זיך פאַרלוירן. ער האָט איר אײַנגערוימט:

— ביסט אַרײַנגעקומען און אַ קעניגרייך פון געהיימנישן, נורית. דו וועסט שטעלן פראַגן, אָבער דו טאָרסט נישט דערוואַרטן קיין ענטפערס. דו וועסט האָבן ווונטשן, אָבער וועסט זיי מוזן דערשטיקן. פאַרגעס נישט, דו פאָרסט אויף אַ שיף אָן אַ נאָמען. געהערסט צו אַ מאַנשאַפט פון קאָנ־ספּיראַטאָרן און דו שטייסט אַצינד פאַר אַ פאַרהוילענער וועלט.

זי האָט אים לוסטיק אַ צי געטאָן פאַרן אָרעם.

—פיר מיך אַרײַן אין דײַן פאַרהוילענער וועלט, פּיראַט:

ער האָט זי געוואָלט אַרומנעמען. זי האָט אים געשטופּט צו דער טיר.

— נישט דאָ. אויבן אויפן דעק.

זיי זענען אַרויס פון דער קאַיוטע און געקלעטערט איבער דער לייטער־טרעפּ צום אויבערשטן שטאָק. דער הימל איז געווען פינצטער. די כוואַליעס האָבן זיך געהויבן, געשוימט, געשפּריצט שטראָמענווײַז אַריבער די אײַזערנע באַריערעס. דאָס גערויש ווי פון די טיפענישן פון אָפּגרונט האָט זיך געטראָגן מיט אַ ביטער קלאָגערײַ, אַ מאָל העכער, אַ מאָל נידעריקער. בײַ עברונען און נוריתן האָבן זיך געגליטשט די פיס איבערן נאַסן דעק. דער האַסטיקער ווינט האָט נוריתן לײַכט אונטערגעהויבן ווי אַ בלאַט אין שטורעם. עברון האָט זי אונטערגעכאַפּט זי זאָל נישט אַ פאַל טאָן און זיי זענען געבליבן שטיין אַרומגענומען און געשוויגן. ער האָט אַרום איר געשלאָסן די הענט ווי קייטן. צו וואָס רייד, צו וואָס שעפּטשעניש, אַז דאָס קלאַפּן פון די הערצער, דער ברי פון די ליפּן, דער הייסער אָטעם, אַלץ האָט געטיקט, זיך געשמאָלצן אין דער ענגער נאָענטשאַפט. ער האָט געקושט אירע באַקן, אירע ליפּן. ער האָט אויפגעקנעפּלט איר סוועטער און זיך אַרײַנגעביסן אין איר וואַרעמען לײַב.

נורית האָט מיט די פינגער געקעמט זײַנע האַרטע האָר ווי דראָטענע קנוילן. זי האָט זיך אָנגערופן:

— עברון, דו ביסט דער ערשטער וואָס דערלויבט זיך אַזוי פיל העזה.

קיינער האָט אַזוי נאָענט צו מיר נישט געקענט צוקומען.

— דו האָסט עס מיר נישט פאָרוווערט — האָט ער שטיל געלאַכט און זיך איינגעזוויגן אין אירע האַרטע ליפּן ווי אין בלוטיקע קישעלעך.

אַנשטאָט צו ענטפערן האָט נורית נאָכגיביק פאַרוואָרפן דעם קאָפּ הינטער זיך. דינע, ווייכע פּאַסמעס האָר ווי זײַדענע פעדים זענען געווען איינגעפלאָכטן אין עברונס פינגער. זי איז געבליבן הענגען אָנמעכטיק אויף זײַנע הענט. אירע גרויסע, אָנגעקוואָלענע אויגן האָבן געקוקט אין דער אומענדלעכער טונקלקייט. זי האָט דערפילט די שוץ פון איינער, וואָס האָט ביז יענער רגע נישט געהאַט אויף זיך קיינעמס אויפזיכט. די צעגליטע פײַערלעך אין עברונס בליקן האָבן אויפגעקאָכט אירע אָדערן און געמאַכט זודיקער פליסן דאָס בלוט, וואָס האָט געגאַרט נאָך באַהעפטונג.

— ג —

אין באַגינען, ווען נורית איז אַרויף אויפן אויבערשטן דעק, האָט זיך די שיף רויִק געגליטשט אויף די בלויע שפּיגל־וואַסערן. דער ים, אָן ווינט, אָן טרייסלעניש, האָט אײַנגעזויגן דאָס ליכט פון דער זון, וואָס האָט פון מזרח אַרויס באַלויכטן דעם באַשאַף מיט יענער רו, וואָס שיידט אָפּ דאָס וואַסער פון דער יבשה און דאָס ליכט פון פינצטערניש. דער הימל איז געווען לויטער, דאָ און דאָרט באַפלעקט מיט שיטערע וואָלקנדלעך. נורית האָט זיך דערנענטערט צו די טרעפּ הינטער דעם קאַפּיטאַנס בריק, אָבער קיינער איז דאָרט נישט געווען. זי איז אַריבערגעשפּרונגען אַ געפלאָכטענע שטריק און שטיין געבליבן בײַם דעקפּאַרענטש. זי האָט אַראָפּגעקוקט אויף די דינע צעשפּריצטע ים־בלעזעלעך. די שיף האָט געמוזט זײַן נישט ווײַט פון לאַנד, ווײַל הינטער יענער זײַט הימלאויסבויג האָבן זיך אַרויסגעשיילט לאַנדשאַפטן, אײַנגעהילט אין נעפּל. איינצלנע ים־פייגל האָבן זיך באַוויזן אויפן האָריזאָנט.

זי האָט לאַנג נישט אַרומגעזוכט עברונען. אָן איבערגעבויגענע בײַם פּאַרענטש, איז זי נישט מיד געוואָרן צו קוקן אויף דער בלויער ים־פלאַך. פריער בײַם אַרויפלויפן אויפן דעק איז זי געטריבן געוואָרן פון אומגעדולד. אַצינד האָט זי געשעפּט באַרויִקונג פון דער אויסטערלישער שטילקייט אַרום. פון אויבן אַ הימלאויסשפּרייט אָן אַ סוף, פון אונטן אָן אומענדלעכער ים, און צווישן זיי גאָטס לאַנגער אָטעם אַזוי ווי בײַם ערשטן אָנהייב ווען ס'איז פונאַנדערגעשיידט געוואָרן דאָס טרוקענע לאַנד פון די וואַסער־אײַנזאַמ־לונגען.

נורית איז נישט געווען פריי פון דער עגבערניש: פאַר וואָס האָט עברון זי נישט אָפּגעוואַרט אויפן אויבערשטן דעק? ביי נאַכט, איידער זי איז אַריין צו זיך אין דער קאַיוטע שלאָפן, האָט ער אָפּגערעדט צו מאָרגנס זי אַראָפּצופירן צו די הייצמאַשינען, זי זאָל זען ווי פיל טרייבקראַפט ס'איז נויטיק צו באַוועגן די געדערים פון דער שיף. האָט ער חרטה געהאַט אויף זיין צוזאָג? דאָס געמיט ביי אַ מאַטראָז בייט זיך ווי דאָס וועטער, האָט זי באַשלאָסן. ווען ער האָט זי נעכטן געהאַלטן אין די אָרעמס, איז ער געווען ווי אַ קנויל פייער. די לופט האָט געפלאַקערט. די צונג האָט גערעדט אומזיניקייטן. היינט ליגט ער מסתמא אויף זיין געלעגער מיט אויסגעלאָשענע באַגערן ווי אַ צעשוומענער וואַלקן.

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום קאַפּיטאַנס בריקל. אויף דער אונטערשטער טרעפּ איז געשטאַנען דער יונגער קאַפּיטאַן יוחנן, אַ מאָגערער, אַ בלאָנדער מיט אַ סלאַוויש פּנים און העלע, לאַכעדיקע אויגן. ער האָט געהאַלטן איןביידע הענט אַן אויסגעשפּרייטע מאַפּע און געגעבן אינס־טרוקציעס דעם ראַדמאַן וועגן דעם קורס פון דער שיף. אַ ראַדיאָ־סיגנאַ־ליזאַטאָר איז צוגעקומען און אים עפּעס איינגערוימט. ווען ער איז אַוועק, איז דער קאַפּיטאַן אַרויפגעשפּרונגען אויפן אויבערשטן טרעפּל, צוגעשטעלט אַ פּאָר פעלדגלעזער צו די אויגן און געקוקט צום ווייטן אויסשפּרייט. נורית האָט געוואַרט, ער זאָל זי באַמערקן, אָבער זיינע אויגן זענען געווען ווי צוגעקלעפּט צו די פעלדגלעזער. זי האָט זיך דערנענטערט צום בריקל און זיך געהויבן איבער די טרעפּ, אָבער ער האָט ווייטער געקוקט אויפן ים. זיין פּאַרטזענקייט איז איר געווען איבערדריסיק און אויף איין רגע איז איר איינגעפאַלן, אַז זי פאַרמאָגט גענוג כּוח אים אַרויסצושלעפּן פון דער פלעגמאַטישקייט. זי האָט באַזאָכט זיך געשטעלט הינטער אים און אַ לאַך געטאָן. ער האָט אַראָפּגעכאַפּט די פעלדגלעזער און אַן איבערראַשטער געקוקט אויף איר.

— נורית!

— קוק ווייטער, קאַפּיטאַן. די שיף איז דיינע. דער ים איז דיינער. ווער דען זאָל האַלטן די אויפזיכט אויף דער איינזאַמקייט אַרום?

איר מונטערקייט האָט אים אויפגעהייטערט. ער האָט זי באַטראַכט פאַרשעריש, אָבער אין דער זעלבער צייט מיט שטומען נייגער. זיין לייכט צוגעברוינט פּנים האָט געלאַכט. עס האָבן געלאַכט זיינע ציין, עס האָבן געלאַכט זיינע אויגן. ער האָט זיך אָנגערופן.

— אַזוי פרי באַווייזן זיך אויפן דעק נאָר מאַטראָזן אויף דער וואַך.

— איינער פון די מאַטראַזן פעלט אויף דער וואַך — האָט זי קאַקעטיש געשמייכלט.

— וועלכער?

— דער, וואָס האָט געזאָלט קומען מיך אַראָפּפירן צו די מאַשינען, עברון — האָט זי אָנגעהאַלטן איר שטיפערישן טאָן.

— האָט ער פאַרשפעטיקט?

— ער קען האָבן חרטה געהאַט.

קאַפּיטאַן יוחנן האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ ביינערנע ליולקע, געלאָסן אָנגעשטאָפּט מיט טאַבאַק און פאַררויכערט. נאָכן אַרויסלאָזן די ערשטע קנוילעכלעך רויך האָט ער מיט דער זעלבסטזיכערקייט פון אַן אויסגעדינטן ים־וואָלף אַ זאָג געטאָן.

— דער בעסטער וועגווײַזער איז דער קאַפּיטאַן אַליין.

נורית האָט אויפגעהויבן די אויגן צו אים מיט אומצופרידנקייט, מיט דעם אַנשטעל גלײַך נישט זי וואָלט אים אויפגעזוכט, נאָר ער וואָלט זי גערופן. ער האָט דערקענט אין איר קילן בליק אַן איבערגעשפּיצטקייט. ער האָט אָנגערירט די שפּיצן פון אירע פינגער. זי האָט אַ לײַכטן ציטער געטאָן. אירע פינגער אין זײַן האַנטפלאַך זענען געוואָרן וואַרעמער. זײַן אײַנלאַדונג איז איר געפעלן. גיין מיטן קאַפּיטאַן ווען זײַן מאַטראָז האָט זי פאַרנאַכלעסיקט, וועט זײַן די לײַכטסטע נקמה אין עברונען. איר באַגער אַצינד איז געווען וואָס גיכער אַראָפּצוגיין פון דעק, פון דעסטוועגן האָט אַ קווענקלעניש זי אָפּגעהאַלטן. יוחנן האָט באַמערקט איר צעגערניש און ווידער געזאָגט:

— געדענק, נורית, דער בעסטער וועגווײַזער איז דער קאַפּיטאַן אַליין.

זי האָט אים באַטראַכט לאַנג און אויספּרוּווועריש. ביידנס אויגן האָבן זיך שטיל איבערגעלאָכט. ס׳האָט גענומען נאָך איין רגע און דאָס קווענקלעניש האָט זיך אָפּגעטאָן פון נוריתן. זי האָט געזאָגט.

—דײַן ווונטש איז אַ באַפעל, קאַפּיטאַן!

זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צום אונטערשטן דעק. פון דאָרט האָט אַ שטאָק טרעפּ אַרונטערגעפירט צו אַ קאָרידאָר, לאַנג און פינצטער ווי אַ טונעל. קאַפּיטאַן יוחנן איז געגאַנגען פאָרויס, נורית נאָך אים. ס׳האָט איר געפרייט וואָס זי לאָזט זיך אַראָפּ טיפער אין בויך פון דער שיף אָנצוקוקן ווי עס אַרבעטן די שטאַלענע געדערים, די מאָטאָרן און טרײַב־מאַשינען. זיי זענען פאַרבײַגעגאַנגען עטלעכע אָפענע קאַמערן, וווּ פאַר די טירן זענען געהאַנגען קופּערנע בעקנס ווי וואַששיסלען, אָנגעגרייט פאַר די

הונדערטער פּאַסאַזשירן וואָס וועלן אַרויפקומען. אינעווייניק, אין די קאַמערן, זענען געווען אײַנגעריכט אויבערשטע און אונטערשטע פּאַכן מיט מאַטראַצן־געלעגערס. ווײַטער זענען געווען אויפגעשטעלט ענגע טואַלעט־צימערלעך. אַ שילדל אויף אַ מעטאַלענער טיר האָט אָנגעוויזן אויף אַ קליניק, אַ צווייטע טיר האָט געפירט צו אַ לאַבאַראַטאַריע. פון אַ דריטער טיר, האַלב אָפן, האָט אַרויסגעקוקט אַ שפּײַזסקלאַד. נורית האָט געוווּסט, אַז אַט די טונקלקייט, די פאַרהוילענע שטילקייט איז אַ קאַמופלאַזש צו פאַרפירן די פרעמדע נאָכשפּירערס, וואָס דרייען זיך אַרום די ים־ברעגן, אין די האַפנשטעט.

יוחנן האָט צוגעפירט נוריתן צו אַ שמאָלן טרעפּנלייטער, איבערגעדעקט מיט אַ קײַלעכדיק דעכל ווי אַ קופּאָל. מיט עטלעכע שפּרונגען אַרונטער זענען זיי געשטאַנען פאַר אַ דאָפּלטער אײַזערנער טיר פאַרלייגט מיט פּרענטעס. ס׳איז אַקעגנגעקומען דער אויוונהייצער, אַ הויכער, רויטהאָריקער יונג, האַלב נאַקעט, געדיכט באַוואַקסן, ווי אַ פאַרצײַטיקער היילמענטש. ער האָט געטראָגן אַ ברייטן לײַבגאַרטל אַרום די לענדן. דער מוסקולירטער גוף איז געווען באַשאָטן מיט רויטע שפּרינקעלעך פון קאָפּ ביז פוס. צי פון געפּלעפּטקייט, צי פון שרעק, אָבער נורית האָט ראַפּטוס זיך אַ רוק געטאָן אויף צוריק. דער קאַפּיטאַן האָט מונטער אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער נאַקעטער פּלייצע פון דעם אויוונהייצער.

—עפן, מיקי.

מיקי האָט אַראָפּגענומען די פּרענטעס. די טירן האָבן זיך אויפגערוטשט. ווי נאָר זיי זענען אַריבער די שוועל, האָט נורית דערשפּירט ווי אַ טויבקייט לייגט זיך אויף אירע אויערן. די מאַטאָרן האָבן געהוזשעט. דער רויך האָט געזעצט. פון די ריזיקע קעסלען, פון די רערן האָט געשלאָגן אַ היץ. די בלויע פײַערן, וואָס האָבן אַרויסגעזעצט פון די אונטערשטע אויוונס, האָבן אָנגעיאָגט אַ מוראַדיקע חמימה. די מאַשינען האָבן אויסגעקלאַפּט אַלערליי ריטמען און אַלץ צוזאַמען האָט זיך צונויפגעגאָסן אין יענער יאָגקראַפט, וואָס טרײַבט יעדע שיף אין דער ריכטונג, וווהין דער קאַפּיטאַן הייסט זי קערעווען.

— אויב די ענגלענדער זאָלן דאָ אַראָפּקומען, וועלן זיי אַלע אָפּגעבריט ווערן — האָט קאַפּיטאַן יוחנן זיך צעלאַכט.

ער האָט אָנגעוויזן אויף דער מאַסיווער טיר.

— אָבער זיי וועלן נישט קומען. מײַן שווימענדיקע פעסטונג וועט פאַרלויפן דעם וועג זייערע קריגסשיפן. אויב זייערע מאַרינען זאָלן פּרובירן פאַרכאַפּן די שיף, וועלן זיי צומאָל נישט צוקומען צו דער פּראָמענאַדע. דער

ווידערשטאַנד וועט זײַן אַ שטאַרקער.

— אַ ווידערשטאַנד קעגן די ענגלישע מאַרינען? — האָט נורית גע־פרעגט.

יוחנן האָט אויפגעהויבן דעם ווײַזפינגער צום איבערגעוואַקסענעם אויוונ־הייצער און אַריבערגעטראָגן די בליקן צו נוריתן. ער האָט געזאָגט.

— זאָג איר, מיקי. זאָג אונדזער קראַנקן־שוועסטער וואָס מיר האָבן צוגעגרייט פאַר דעם שונא. זי וועט דאַרפן באַנדאַזשירן זייערע ווונדן.

אויף מיקיס מוסקולירטן פּנים האָט זיך צעגאָסן אַזאַ ברייטער שמייכל, אַז די רויטע שפּרינקעלעך האָבן פון דאָס נײַ זיך אָנגעצונדן ווי שרויט. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ ווי אַ צייכן פון אײַנשטימיקייט.

— דער קאַפּיטאַן איז גערעכט. ער ווייס וואָס ער זאָגט.

און איידער ער האָט געעפנט דאָס מויל איבערצוגעבן נוריתן דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט הערן, האָט יוחנן אים אָפּגעשטעלט.

— וואַרט מיקי. איך וועל איר בעסער אויפקלערן. צו וואָס האַלטן סודות פאַר אונדזער איינציקער קראַנקן־שוועסטער? אויך זי וועט זײַן מיט אונדז אין דער שלאַכט. הערסט נורית? אונדזערע וואַגלדיקע שיפן וועלן באַזיגט ווערן, אויב מיר וועלן וואַרטן די ערשטע אויפן אָנגריף. מיר זענען די געיאָגטע אויף די ימען, דעריבער מוזן מיר אָנהויבן דעם אָפּוועהרקאַמף. כ'האָב געזאָגט צו אונדזערע קאָמאַנדירן אין חיפה: אויב די צעשטערשיפן פון איר מאַיעסטעט, דער קעניגין פון ענגלאַנד, וועלן אונדז אַרומרינגלען, וועל איך נוצן אַ רויכפאַרהאַנג. כ'וויל האָבן גאַז־מאַסקעס פאַר מײַן מאַנשאַפט, מיר זאָלן קענען אָפּשטויסן די פאַרכאַפּערס. כ'וויל האָבן רויכטעפּ ווי אַ פאַנצער קעגן שונא. ביז הײַנט האָבן די ענ־גלענדער נאָכן פאַרכאַפּן אַ שיף ס'ערשטע געוואָרפן טרערן־גאַזן און ליק־ווידירט דעם ווידערשטאַנד. דאָס טאָר מער נישט געשען! כ'האָב אַ פּלאַן צו פאַנגען די אָנגרײַפערס גלײַך נאָך זייער אָנקום. מיר וועלן אַרויפוואַרפן אויף זייערע פּנימער טיכלעך, אײַנגעווייקט אין מאַרפיום און זיי מאַכן אָנמעכטיק. מיט שלאָפנדיקע ענגלענדער וועט זײַן גרינגער צוצופירן די שיף צום ברעג. מײַנע פּאַסאַזשירן וועלן רויִק לאַנדן פונעם ערשטן ביזן לעצטן. די באַרוישטע אָנגרייפערס פון דער בריטישער אימפּעריע וועלן ווי קריגס־געפאַנגענע אַרײַנגעשיקט ווערן אין אַן אויסניכטערונגס־לאַגער.

נורית האָט אויף אים געקוקט אַ פאַרגאַפטע. שוין צום צווייטן מאָל ווי זי הערט אַזוינע געוואַגטע רייד. נעכטן עברון און הײַנט יוחנן. איז דער קאַפּיטאַן אויך אַ טרוימער? אַ פאַנטאַזיאָר? איז ער אויך אָנגעשטעקט

מיט אַמביציעס נאָך אַוואַנטורעס, וואָס וועגן זיי האָבן אַנדערע קאַפּיטאַנען פון מעפּילים־שיפן פריער נישט געחלומט? אין אַלע צײַטן האָבן באַוויגאַטאָרן געהאַט די זעלבע באַגערן זיך צו פאַרמעסטן סײַ קעגן די אור־כוחות פון באַשאַף און סײַ קעגן די ערדישע כוחות, שטאַרקערע פון זיי. קאַפּיטאַן יוחנן איז אוודאי נישט באַוועלטיקט פון יענער לוסט נאָך שיכּרות און אויסגעלאַסנקייט ווי עס זענען די מאַטראָזן אין אַלע האַפנס פון דער וועלט. אָבער אַן אומגעזעענע קראַפט, וואָס איז דויערהאַפטיקער פון דעם ערדישן דאַזײַן, פאַרבינדט אים מיט יענע אומדערשראָקענע ים־וואַנדערערס פון דורות פריער, וואָס זענען אַרויס אַנטפּלעקן נײַע יבשות, גרייט זיך צו ראַנגלען מיט מאָנסטערישע כוחות.

יוחננס רייד האָבן זי אינטריגירט. דאָ, אין אינגעווייד פון דער שיף, צווישן הוזשענדיקע מאָטאָרן, האָבן אַלטע ווונטשן, וואָס זענען אין איר געווען טיף פאַרבאָרגן, ווידער אויפגעוואַכט. זײַן אַ באַגלייטערין פון קאַמפּלוסטיקע יונגע מענער ווי עברון און יוחנן קען פאַר יעדער פרוי זײַן אַ דערפרישונג. אַ ווײַבלעכע לוסט, וואָס האָט אויפגערודערט איר בלוט, האָט אַצינד נאָך מער צעפלאַקערט איר פאַרלאַנג צו זײַן צווישן זיי. אָבער די זעלבע לוסט האָט אַרויסגערופן אַ צווייטן באַגער: ביז צום פאַרמעסט אויפן אָפענעם ים זאָל זי זײַן באַפרייט פון די רוטינע־פליכטן, נישט געדענקען די פונקציעס פון אַ קראַנקן־שוועסטער, פאַרגעסן רעגולאַציעס און דיסציפלין און בלויז באַפרידיקן די ערדישע באַגערן און שוואַכקייטן. זי האָט געוווּסט אַז דער קאַפּיטאַן האָט נאָך נישט אַלץ אויסגעלאָדן פון זיך. ער האָט נאָך נישט אַנטפּלעקט זײַן גאַנצן פּלאַן. זי האָט באַנומען, אַז ער האָט באַמערקט איר פאַרטראַכטקייט און ווי אַ געדולדיקע צוהערערין אַ זאָג געטאָן:

— רעד ווײַטער, קאַפּיטאַן, איך הער.

—אַז דו הערסט, וועל איך רעדן, נורית. ניין, כ׳וועל פאַר דיר מאָלן אַ רעאַל בילד: אין דער געגנט פון די גריכישע אינדזלען וועלן לויערן אויף אונדז ענגלישע קריגסשיפן. דאָס איז אומפאַרמײַדלעך! לאָמיר אָננעמען, אַז נאָך אַ לאַנגן געיעג וועט אונדזער שיף דאָך זיך דערשלאָגן צו די טעריטאָריאַלע וואַסערן פון ארץ ישראל, אָבער ס׳וועט געלינגען די מאַרינען פון זײַן מאַיעסטעטס פלאָט זי צו פאַנגען. אונדזער ווידערשטאַנד וועט זײַן אַ בראַווער, אָבער מיר וועלן באַזיגט ווערן. זיי וועלן באַזעצן די אויבערשטע דעקן, די פראָמענאַדע. זיי וועלן פאַרכאַפּן די בריק, איבערנעמען דאָס טרײַבראַד און האַלטן די פּאַסאַזשירן ווי אומבאַהאָלפענע משכּנות. אָבער

איין אָרט וועט פֿאַר זיי בלײַבן פֿאַרשלאָסן. זעסט אָט די מאַטאָרן־אָפּטיילונג, נורית? דאָ וועט אַלץ זײַן פֿאַרהאַמערט. די געטרײַע ענגלישע מאַרינען, די טאָמיס, וועלן אַרומלויפֿן איבער אַלע דעקן צעטומלטע און פֿרעגן: ווו איז אײַער מאַשינען־אָפּטיילונג? ווייסט איר דעם אַריינגאַנג צו די מאַטאָרן? אָבער זיי וועלן אָהער נישט צוקומען, ווײַל די שילדן אויף אַלע טירן וועלן זײַן פֿאַרפּירעריש און זיי וועלן זיך לאָזן לויפֿן אין אַנדערע ריכטונגען. אונדזערע אינזשענירן וועלן דאָ זיצן פֿאַרשלאָסענע און טאָן זייער צעשטער־אַרבעט. די מאַטאָרן וועלן ווערן פֿאַרקריפּלט, די מאַשינען צעהאַקט, די הייצקעסלען אויפֿגעריסן. נאָך דעם וועלן מיר איבערשנײַדן די עלעקטרישע דראָטן און דעם וואַסער־רעזערוואַר פֿאַרגיכטן. אין דעם חורבן וועט זײַן די העכסטע נקמה.

יוחנן איז אַנטשוויגן געוואָרן, אָבער בלויז אויף איין ווײַל. זײַנע צאָרנדיקע בליקן האָבן געוואַנדערט אין אַלע זײַטן. דערנאָך האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— נישט קיין אײַנגעריכטע פּאַסאַזשירן־שיף וועט אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון די פֿאַרכאַפּערס, נאָר אַ שיף אָן אָטעם פֿון לעבן. אַ שיף אָן ליכט און וואַסער, אַ טויטע שיף, אַ קאַלעקציע פֿון ברוכוואַרג.

אין זײַנע אַנטשלאָסענע רייד איז געווען אַזאַ פֿעסטער גלויבן, אַז נורית איז מיטגעריסן געוואָרן פֿון זײַן ענטוזיאַזם. דאָס איז אַן ענטוזיאַזם, וואָס שעפּט נאָרונג בײַ יענע, וועלכע בלײַבן אומבויגזאַם ווען זיי דאַרפֿן אויסקלײַבן צווישן נאָכגיביקייט און שטאַנדהאַפֿטיקייט.

ער האָט זיך צוגעבויגן צו נוריתן:

— זײַ שטאַרק, נורית. דו וועסט זײַן אַן עדות פֿון אַלץ, וואָס וועט זיך אָפּשפּילן אויף אונדזער שווימענדיקער פֿעסטונג. פֿאַרגעס נישט, דו ביסט די רחמנות־שוועסטער. דײַן פֿליכט איז צו היילן די וווּנדן אין ביידע לאַגערן, אויך די מאַרינען פֿון שונא. אויב דו האָסט אַ ווייך האַרץ, וועסטו גיך ווערן מיד און אַנטוישט פֿון דעם, וואָס דו וועסט מוזן צוזען.

אין נוריתס ענטפֿער איז געווען טראַציקייט.

— כ'וועל נישט ווערן אַנטוישט, קאַפּיטאַן, און כ'וועל אויך די מאַנשאַפֿט נישט אַנטוישן. יעדע רחמנות־שוועסטער געפֿינט באַפֿרידיקונג אין אירע פֿליכטן.

— דו האָסט אַלע אורזאַכן צו געפֿינען באַפֿרידיקונג, נורית. ביז הײַנט ביסטו די ערשטע פֿרוי אויף דער שיף, וואָס וועט געקרוינט ווערן אַלס די קעניגין פֿון ים. און וואָס איז איין פֿרוי צווישן אַ מאַנשאַפֿט אויב נישט

זייער הערשערין?

זיי האָבן געלאַכט. ער האָט אָנגענומען איר האַנט און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג. אין טיר האָט זיך באַוויזן אַ דעק־אָפיציר. ער האָט עפּעס אײַנגערוימט מיקין און איז אַרויס. דער אויוון־הייצער האָט זיך געשטעלט פאַר יוחנען, גרייט איבערצוגעבן אַ פאַרטרויליכע זאַך. נורית האָט באַמערקט ווי זײַן האַרט, בייניק פּנים קען אין איין אויגנבליק ווערן ווייך ווי בײַ אַ לאַם. ער קאָן שמייכלען ווען מ׳דאַרף זײַן ערנסט. ער קאָן לאַכן ווען ס׳איז נויטיק צו בלײַבן שטרענג.

מיקי האָט זיך צוגעבויגן צום קאַפּיטאַנס אויער און אײַנגערוימט:

— אַ ראַדיאָ־קאָמוניקאַט פונעם פּאָרט: אונדזערע אינסטרוקטאָרן וואַרטן דאָרט.

יוחנן מיט נוריתן זענען אַרויס. אויפן וועג צום אויבערשטן דעק האָט ער זיך אָנגערופן:

— קום, נורית. וועסט דאָך נישט וועלן פאַרזוימען אַ שפּאַציר אין אַ שיינעם פּאָרט.

זי האָט אויפגעציטערט פון פרייד.

— די שיף וועט פאַראַנקערן אין אַ פּאָרט?

— אין אַ שעה אַרום וועלן מיר לאַנדן.

אויבן איז די וועלט געווען אײַנגעטונקט אין ליכט. דער הימל טיף און לויטער. דער ים, אַ בלויער אויסשפּרייט, האָט געשפּיגלט אין זיך די זון. צווישן טייל מאַנשאַפט איז געווען אַ גערודער. ביי דער נאָז פון דער שיף האָבן צוויי מאַטראָזן זיך געפּאַרעט מיט אַ געפלאָכטענער שטריק. הינטערן קאַפּיטאַנס בריק האָט אַ דריטער מאַטראָז אין באַדזהייזלעך געפּאַרבט אַ פאַרזשאַווערטע רער. אַ טונקלהויטיקער יונג אין אַ טערקישער פעסקע, מיט אַ רויט פאַרשלייפט טיכל אַרום האַלדז ווי ביי אַן אָפּיום־שמוגלער, האָט זיך געדראַפּעט אויף אַ סלופּ אַרויף צום מאַסט. פון אַ שטאַנג איז אַראָפּגעשפּרונגען אַ ברייטער יונגאַטש אין אַ ווײַסן קאַפּטאַן. ער האָט געהאַט טיפע שניטן אויף זײַן פאַרפלאַמט פּנים. די לאַנגע פלאַקסענע האָר זענען בײַ אים געווען אונטערגעשוירן ווי בײַ אַ רוסישן מוזשיק. ער האָט דערזען נוריתן און הינטערליסטיק זיך צוגעשאַרט. ער האָט געקוקט אויף איר אַ פאַרבליפטער.

יוחנן האָט אַ זאָג געטאָן צו נוריתן.

— די אויגן זענען בײַ אים אַרויס. וואַרט, באַלד וועלן בײַ די אַנדערע אויך אַרויסקריכן די אויגן פון די לעכער. אַזוי ווי כ׳האָב זיך גערעכט. איין

קראַנקן־שוועסטער צווישן אַ האַרדע ווערלף...
ער האָט אַנגעוויזן אויף דעם יונגאַטש.
— דאָס איז בעלאַ, אונדזער קוכער. אַ שייגעץ פון אונגאַרן.
בעלאַ, דער קוכער, האָט זיך אונטערטעניק אײַנגעבויגן און געזאָגט:
— נישט נאָר אַ קוכער. כ'קען טאָן אַלערליי אַרבעטן. כ'בין אַ סטאָליער, אַ שמיד, אַן אײַזנבייגער. כ'באַק ברויט, כ'בראָט שאַשליק און כ'סערוויר אַ געפעפערטן גולאַש.
— אַט פאַר וואָס כ'האָב מורא — האָט יוחנן געלאַכט — זאָלסט נישט פאַרברענען אונדזערע קישקעס מיט דײַן פאַפריקאַ.
און ער האָט אים שטיפעריש אָפּגעשטופּט.
— צו דער אַרבעט, בעלאַ. האָסט פאַרגעסן, אַז אָנבייסן עסט די מאַנ־שאַפט נאָך פאַר דער לאַנדונג?
דער קוכער איז מיט עטלעכע שפּרונג אַרונטער אין עסזאַל. יוחנן האָט איבערגעלאָזט נוריתן מיט אַ צוזאָג, אַז ער וועט נישט עסן באַזונדער אין זײַן קאַבינע, נאָר וועט זי טרעפן בײַם פרישטיקטיש. ווי נאָר ער איז אַוועק, איז אויסגעוואַקסן עברון. ער האָט געטראָגן געפּרעסטע מאַרינ־הויזן, אַ ווייסן קאַפּטאַן מיט אַ שלייף. ער איז אָנגעקומען אַן אויסגערוטער, אָן אָפּגעגאָלטער. צו ערשט האָט נורית געהאַט אַ פאַרלאַנג אים אויסצומײַדן, אָבער דער באַגער זיך צו רייצן מיט אים האָט זי געשטויסן פאַרויס. זי איז אים אַקעגן געגאַנגען מיט פאַרוואורף:
— ביסט שוין אויפגעשטאַנען?
ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ מינע פון אַ פאַרשולדיקטן.
— כ'האָב פאַרשלאָפן, נורית, פאַרשפּעטיקט... פאַרגיב מיר.
— די רעכטע האַנט פון קאַפּיטאַן פאַרשלאָפט זײַנע פליכטן?
— אויך דאָס קען טרעפן ביי קאָנטראַבאַנדיסטן — האָט ער אין פאַר־לעגנהײַט געשמייכלט.
ער האָט געטאָן אַ ווונק מיטן לינקן אויג, אָבער דאָס האָט אים געמאַכט אויסזען נאָך אומבאַהאָלפענער.
זי האָט אים ניכטער אָפּגעמאָסטן.
— מיד, עברון?
— כ'האָב זיך געלייגט שלאָפן ווי אַ לאָם און בין אויפגעשטאַנען ווי אַ לייב.
— און דו ביסט אויך שטאַרק ווי אַ לייב?
ער האָט אָנגעצויגן די מוסקולן אויף דער רעכטער האַנט און אונטער־

געטראָגן דעם אָרעם.

— פּרוביר אויס.

נורית האָט אים באַטראַכט מיט שפּאָט. עברון האָט זיך אָנגערופֿן.

— קום אַראָפּ צו די מאַשינען.

— צו שפּעט. כ׳האָב שוין אַלץ געזען.

— וועל איך דיך אַראָפּפירן אין נאָענטסטן פּאָרט — האָט ער זי געוואָלט איבערבעטן.

— האָסט אויך מיט דער איינלאַדונג פּאַרשפּעטיקט. דיין קאַפּיטאַן איז רירעוודיקער.

קאַפּיטאַן יוחנן איז צוגעקומען. ער האָט זיך געמאַכט נישט הערן דעם איבעררייד.

— גרייט צו די מאַנשאַפֿט, עברון — האָט ער געזאָגט — וואָס פֿריער מיר וועלן אַריין אין האַפֿן, אַלץ בעסער. די, וואָס גיבן מיר באַפֿעלן, וואַרטן שוין דאָרט.

ער האָט זיך געלאָזט אַראָפּגיין צום עסזאַל. אין מיטן גאַנג האָט ער זיך אַ קער געגעבן אויף צוריק און מיט אַ שמייכל זיך אָנגערופֿן:

— נורית וועט אויך מיטקומען. דעם קאַפּיטאַנס צוזאָג!

נאָכן פֿרישטיק האָט נורית זיך געשטעלט אויפֿן קאַפּיטאַנס בריק און געקוקט דורך די פֿעלדגלעזער צום ווייטן האָריזאָנט. יוחנן און עברון זענען געשטאַנען איבערגעבויגענע פֿאַר זייערע מאַפּעס און דיאַגראַמעס און גע־מאָסטן דעם קורס פֿון דער שיף פֿאַרביי וואַסער־דורכגוסן און קליינע אינדזלען. די בלויע כוואַליעס האָבן זיך נישט געקנייטשט, זיך נישט גע־פֿעלדלט, נאָר געפֿלאָסן ווי אַן אומענדלעכער טייַך. די וועלט האָט זיך געבאָדן אין אַן אויסטערלישער אויסשטראַלונג, וואָס האָט פֿאַרבלענדט, און פֿון דער פֿאַרבלענדעניש האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ פֿאַרנעפּלטער בלוי־לעכער באַרג. צו ערשט האָט דער באַרג אויסגעזען ווי אַ מעכטיקער וואַלקן. אָבער וואָס נענטער די שיף האָט זיך גערוקט צו דער יבשה, אַלץ קלאָרער האָבן זיך אַרויסגעשניטן די קאָנטורן פֿון אַן אינדזל. נורית האָט אַרויס־געוויזן נייַגער און דער קאַפּיטאַן האָט איר אויפֿגעקלערט, אַז מען שווימט פֿאַרביי דעם אינדזל פֿון די זשוואַווע, הייסבלוטיקע קאָרסיקאַנער, דאָס לאַנד וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ קליינעם אָפֿיציר, אַ קאָנספּיראַטאָר, וועלכער איז אַרויס דעראָבערן די וועלט און געליינט שטאַרקע הערשערס צו זיינע פֿיס — נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע. מער האָט נורית נישט געפֿרעגט. דער קאַפּיטאַן האָט סודותדיק געשמייכלט. עברון האָט געשוויגן. ווערטער זענען

געווען איבעריק. ליפּן האָבן געמוזט בלײַבן פֿאַרזיגלט. אָבער אין אַלעמנס בליקן איז געווען אַ פֿאַרשטענדעניש, אַז די שיף גליטשט זיך פֿאַרבײַ אַ פֿאַרבאָטענעם ים־ראַיאָן און מײַדט אויס אַ שטיק יבשה, וואָס דאַרף בלײַבן פֿאַרהוילן פֿון זכּרון.

די דערוואַרטונג אַראָפּצוגיין אין נאָעטסטן פּאָרט איז פֿאַר נוריתן געווען אַ דערפֿרישונג. יעדן ים־פּאַסאַזשיר ציט צום לאַנד און וואָס לענגער אַ נסיעה אויפֿן וואַסער, אַלץ גרעסער דער באַגער אַרויפֿצושטעלן אַ פֿוס אויף דער יבשה. פֿון מאָל צו מאָל איז אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן קאַפּיטאַנס בריקל אַ מאַטראָז, אַ סטואַרט, געכאַפּט, געטאָן אַ קוק און פֿאַרשוווּנדן. פּלוצעם האָט דער שיפֿקוימען אָנגעהויבן רעוועדן, און ווי נאָר נורית האָט דערזען אַ פּאָר מאַטראָזן שלעפּן די קייטן פֿונעם אַנקער, האָט זי אַזש אונטערגעטענצלט פֿון פֿרייד.

— דו פֿיבערסט, נורית — האָט עברון אַ זאָג געטאָן און צוגעלייגט אַ האַנט צו איר שטערן.

— ס'איז דער פֿיבער, ווען מ'דערפֿילט ווידער ערד אונטער די פֿיס — האָט זי געלאַכט.

די שיף האָט פֿאַראַנקערט נישט ווײַט פֿון ברעג. אַ קליינע פֿישער־לאָדקע איז אַקעגן געשווּמען. דער פֿישעריונג האָט מיט די רודערס געשניטן דאָס וואַסער אין גרויס אײַלעניש. אַ מאַטראָז האָט אַראָפּגעלאָזט אַ לייטער. דער ערשטער איז אַראָפּ דער קאַפּיטאַן. נאָך אים עברון, טראָגנדיק נוריתן אויף די הענט.

אויפֿן ברעג האָט קיינער נישט געוואַרט. איבער דער גרינלעכער וואַסער־פֿלאַך האָבן זיך געוויגט פֿישער־שיפֿלעך און שלעפּדאַמפֿערס. צווישן צוויי טונקעלע באַרזשעס האָט אַרויסגעשפּאַרט אַ נידעריקע גרויע שיף מיט צוויי קוימענס. יוחננס אויגן האָבן געזוכט אין אַלע זײַטן. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן האַנטזייגער. דער קנאַכיקער פֿישעריונג, אַן אָפּגעבערענטער, איז צוגעקומען, גרייט צו דינען ווי אַ וועגווײַזער. יוחנן האָט זיך אָנגערופֿן צו נוריתן.

— מיר זענען אַ האַלבע שעה צו פֿרי. לאָמיר נעמען אַ שפּאַציר.

— ד —

דער שמאָלער, אויסגעפּלאַסטערטער וועג האָט זיך געדראַפּעט באַרג אַרויף צו אַ שיטערן דאָרף מיט ווײַסע הײַזקעס און רויטע שינדל־דעכער. די זון האָט געצונדן די הויכע גראָזבייטן און וועלדלעך, וואָס האָבן זיך

געצויגן שטאָקנהויך איבערן ים־פלאַך. פויערן האָבן געאַרבעט אויף פעלדער, ווײַבער האָבן געקאָרמעט עופות אָדער געוואַשן גרעט. דער פישעריונג האָט נאָכגייענדיק דערציילט אויסטערלישע פּאַסירונגען אין דער געגנט, וואָס דערקוויקן נײַגעריקע באַזוכערס פון פרעמדע לענדער. ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ הויכן שטיין, ווו נאַפּאָלעאָן האָט אויף זײַנע קני געוויינט פאַר זײַן זשאָזעפין און געבעטלט בײַ איר ליבע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ שמאָלן, ברוינעם קלויסטער. אַהין איז מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק פאַרפאָרן אַ משוגענער גראַף פון פּאַריז, וואָס האָט זיך וואַנזיניק פאַרליבט אין זײַן דינסט. דער גראַף האָט פאַרברענט זײַן פּאַלאַץ, אַרויסגעטריבן דאָס ווײַב מיט קינדער און אָרויסגעכאַפּט פון די פלאַמען זײַן באָרוועסע דינסט. ער איז מיט איר אַנטלאָפן אין דעם פאַרוואָרפענעם קלויסטער און דאָרט מיט איר חתונה געהאַט. יענער ווילדער פּריץ איז געווען דער זיידע פון גראַף מאָנטע קריסטאָ.

אויף אַ באַרגאָפּריס האָט זיך אַרויסגעהויבן אַן אַלט ציגלהויז. אין אַן אָפן פענצטער איז געשטאַנען אַן איבערגעבויגענע ליימענע פיגור און מיט אַ פאַרגליווערטער האַנט באַגריסט די פאַרבײַגייערס. דער פישעריונג האָט אײַנגערוימט דעם קאַפּיטאַן, אַז שוין פיר הונדערט יאָר ווי דער ליימענער מענטש, דער פרײַנדלעכער גולם, זאָגט גוט־מאָרגן צו אַלע דורכפאָרערס אויפן שאָסיי. די פיגור איז געמאַכט געוואָרן פון אַ מײַסטער, וואָס קיינער ווייס נישט זײַן נאָמען. אָבער די דאָרפסלייט האָבן דערציילט, אַז דאָס איז מיקעל־אַנדזשעלאָ אַליין איין מאָל ביי נאַכט אין געהיים אַראָפּגעקומען פון רוים און מיט זײַנע געבענטשטע הענט אויסגעקנאָטן די ליימענע געשטאַלט.

דער פישעריונג האָט דערציילט זײַנע מעשיות מיט דעם ברען פון אַ פאַנאַטיקער, וואָס גלויבט אין וווּנדוירים. נורית האָט נישט באַנומען פאַר וואָס יוחנן און עברון ווערן פאַרכאַפּט פון זײַנע רייד. זי האָט זיך אָנגערופן מיט שפּאָט.

— ווו זענען מיר פאַרקראָכן? אין אַ מוזעום? אָדער מיר זענען געקומען אָנקוקן אַ פאַרטשטאָט?

דער באַגלייטער האָט אָנגעוויזן אויף אַ געשלענגלטער סטעזשקע.

— יענער וועג פירט אַרײַן אין פאָרט.

ווי נאָר זיי זענען אַרײַן אין די פאָרטגעסלעך, איז געוואָרן אַ געפילדער. די טונקעלע דורכגענג און ליקעס זענען געווען פול מיט קליינע קאַפעהײַזער, קאַבאַרעטן, קאַקאַין־שטיבלעך און רעסטאָראַנדלעך. שילדן אויף

די טירן האָבן אַרײַנגערופן פאַרבײַגייערס צו עסן אַלערליי פּיש, קרעבסן, שלימאַקעס, ים־שרצים. פון הינטער ווענט האָבן זיך באַוויזן בעטלערס און אַרומשלעפּערס. אויף די טרעפּ פון אָפּגעשונדענע הײַזער זענען געזעסן זקנים מיט צוגעשווירענע פּראַנצויזישע בערדלעך, וואָס מ׳זעט אויף די פּאָרטרעטן פון די רענעסאַנס־מײַסטערס. אין די נישעס פון מויערן זענען געשטאַנען באָרוועסע מאַלערס מיט ברייטע בערעטן אויף די קעפּ. זיי האָבן געהאַלטן פּאַליטרעס מיט פּענדזלען און געוועזן פאַרטאָן אין זייערע געמעלן.

קאַפּיטאַן יוחנן האָט זיך פאַרטרוילעך איבערגעקוקט מיט עברונען. דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן צו נוריתן.

— אָט די קאַקאָ־שטיבלעך און קאַבאַרעטן זענען נעסטן פון ענגלישע שפּיאָנען.

זיי זענען צוגעקומען צו אַ מאַרק, וווּ אין מיטן האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ האַלב אָפּגעקרישלטער דענקמאָל פון אַ גענעראַל אויף אַ פערד. צו פּוסנס פון דענקמאָל איז געשטאַנען אַ פאַרזשאַווערטער האַרמאַט. אַרום אַן אײַזערנעם פּלומפּ האָט זיך אַרומגעדרייט אַ גרײַזגרויער וועכטער אין אַ פאַרביקן מונדיר פון באָנאַפּאַרטעס צײַטן. ער האָט געשפּרײַזט מיט זאַכטע טריט, די אויערן אָנגעשפּיצט, די בליקן וואַכזאַם אין אַלע זייטן, גלײַך מען וואָלט אים אָנפאַרטרויט צו היטן דאָס עקזאָטישע איבערבלײַב פון דעם פאַרצײַטיקן פּערטל. דער פּישעריונג האָט דערציילט, אַז דאָס דאַרף צאָלט דעם זקן אַ פּעטע פּענסיע פאַר דער שמירה.

נורית האָט געקוקט אַרום זיך און ס׳האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז די בעטלערס, לײַדיקגייערס און אַרומשלעפּערס געהערן אַלע צו אַ שטאַרבנדיקן נאָמאַדן־שבט. זיי באַוואָכן די אײַנגעהויקערטע הײַזקעס ווי אַלטע פייגל היטן זייערע צעפאַרענע נעסטן. נאָך אַ פּאָר שטרוי ווערן צעגומען, נאָך אַ קרישקע ליים פאַלט אַראָפּ און די געפאַר אַז די נעסטן וועלן באַלד אין גאַנצן זיך צעפאַלן יאָגט אַן די אימה פאַר אונטערגאַנג.

ווען זיי זענען אַרויס פון די פאַרקנוילטע געסלעך, איז פון וועג אָנגעפאָרן אַ וועגעלע, געשפּאַנט אין אַ פערד. אויף דעם קאַפּיטאַנס צייכן האָט דער אָנטרײַבער אָפּגעשטעלט דאָס וועגעלע. די ערשטע איז אַרויפגעשפּרונגען נורית. יוחנן און עברון האָבן זיך אַרײַנגעזעצט פון ביידע זײַטן. נאָכן ערשטן שמיץ האָט דאָס פערד אַ הויב געטאָן דעם וואָגן און זיי זענען צוריקגעפאָרן צום ברעג. דאָרט איז אַ מאַטראָז אין אַ מאַרין־קורטקע זיי אַקעגן געגאַנגען. ער האָט געזאָגט:

— מען וואַרט אויף אײַך אויף דער שיף.

— ווער ?

— די אינסטרוקטאָרן. אַ פרוי און נאָך צוויי.

— די טרעפונג איז געווען דאָ.

— זיי האָבן אייך דאָ נישט געפונען און זיך צוגעשיפּלט אַהין.

יוחנן האָט באַפוילן:

— גיך! צוריק צו דער שיף!

אַ פישער־לאָדקע האָט זיי צוגעפירט צו דער שיף. אויפן קאַפּיטאַנס בריק האָבן געוואַרט אַ מיטליאָריקע פרוי מיט צוויי יונגע געוויקסיקע מענער אין לעדערנע מאַנטלען. קאַפּיטאַן יוחנן האָט זיך פאַרענטפערט פאַר דער פאַרשפּעטיקונג. נורית האָט באַמערקט, אַז אין דער האַלטונג פון די דרײַ באַזוכערס איז געווען די פאָרמעלקייט פון האַפן־באַאַמטע, וואָס קומען מאַכן אינספּעקציעס אויף אַ פאַראַנקערטער שיף. אָבער ווי נאָר יוחנן האָט אַלעמען אַרײַנגעבעטן אין זײַן קאַבינע, זענען די בליקן געוואָרן צוטרוילעכער, די שטײַפקייט איז פאַרשוווּנדן און מ'האָט זיך צערעדט ווי נאָך אַן איבערגעריסענעם שמועס.

די רירעוודיקסטע צווישן די דרײַ באַזוכערס איז געווען די פרוי, מיטל־וווּקסיק, אָנגעטאָן אויפן שטייגער פון די איטאַליענישע דאָרפספרויען, אין שוואַרצע קליידער און שוואַרצע זאָקן. אירע טונקעלע האָר, דורכגעוועבטע מיט גרויע פעדים זענען געווען פאַרקעמט אין אַ גרעק. אויפן צוגעברוינטן אַליוון־פּנים איז געווען אויסגעגאָסן סײַ שטרענגקייט, סײַ מילדקייט. פון די שוואַרצע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אַ זאָרג, געמישט מיט צער. לויט איר באַריידעוודיקייט און פלינקער אָריענטאַציע האָט נורית באַנומען, אַז די פרוי האָט די ערשטע דעה צווישן די דרײַ און אַז זי איז נישט געקומען געבן דעם קאַפּיטאַן אָנווײַזונגען, נאָר באַפעלן.

— רופט מיך סאָפיאַ, סעניאָרינאַ סאָפיאַ. דאָס איבעריקע איז אומוויכטיק

— האָט זי האַסטיק אַ זאָג געטאָן און אַ בלייכער שמייכל האָט צעשיידט אירע ליפּן — קאַפּיטאַן, וואָס איז דער אינוועגטאַר אויף דער שיף ?

זי האָט נישט פאַרלוירן קיין צײַט און זיך געהייסן פירן אין אַלע אָפּטיילונגען אויף די אונטערשטע דעקן. גייענדיק צווישן דעם קאַפּיטאַן און די באַגלייטערס האָט זי נאָכגעפרעגט צי די צאָל בעטלעך איז גענוג פאַר צוויי טויזנט פּאַסאַזשירן, אין וואָס פאַראַ צושטאַנד איז די וואַסער־לייטונג, די באַלײַכטונג, די טואַלעטן, צי ס'איז אָנגעגרייט אַ קליניק פאַר פרויען וואָס דאַרפן געבערן. די אונטערזוכונג איז צוגעגאַנגען גיך און

גרינטלעך. ווען זיי זענען צוריקגעקומען אין דער קאַבינע, האָט עברון געעפנט אַ דיקן קאָנטאָבוך, אָוועקגעלייגט אַ פּאָר בלייפעדערס און ווי אַ געניטער בוכהאַלטער גענומען אויסרעכענען ווי עס האַלט מיט ברענשטאָף און הייץ־מאַטעריאַלן פאַר דער רייזע. זיין חשבון איז געווען, אַז ווען די שיף איז אין גאַנג, פאַרברויכט זי זעקס טויזנט גאַלאָן ברענשטאָף אַ טאָג, און ווען זי שטייט פאַראַנקערט, דאַרף זי בלויז פופצן הונדערט גאַלאָן. עברון האָט אויפגעקלערט:

— פון דעם טאָג ווען די שיף וועט אָפּשווימען מיט צוויי טויזנט מענטשן, וועט זי פאַרברענען צוויי און פערציק טויזנט גאַלאָן ברענשטאָף. דאָס מיינט, אויב די רייזע ביז ארץ־ישראל וועט נאָרמאַל דויערן זיבן טעג.

סעניאָרינאַ סאָפּיאַ האָט אים איבערגעשלאָגן:

— נאָרמאַלקייט איז זעלטן אויף אונדזער זייט. דעריבער בייטן זיך אָפט די פּלענער און דער קורס פון דער שיף ווערט נאָך אַנאַנד געענדערט. אויב איר פאַרמאָגט געננוג ברענשטאָף איז גוט. אויב איר האָט צו ווייניק, וועט אַ טאַנקערשיף אין מיטן ים אייך ליפערן מער. און אויב איר האָט צו פיל, וועט מען דעם באַלאַנס אָפּשעפּן. מיר טאָרן נישט האָבן קיין איבעריקע רעזערוון. ס'איז געוונג שלעכט, אַז די ענגלענדער קאָנפיסקירן די געכאַפּטע שיפן אָן מאַטריאַלן. איבעריקער הייץ־מאַטעריאַל קען פאַר־ברויכט ווערן אויף אַנדערע שיפן.

יוחננס פנים האָט זיך געקנייטשט מיט גרימאַסן. ער איז אויפגעבראַכט געוואָרן פון אַזאַ קאַלקולאַציע. זיינע מילדע אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן. זיין קול איז געווען אַנטשלאָסן.

— נישט מיין שיף וועט זיין אַ פאַנג פאַר די ענגלענדער! מיין קורס איז ביז חיפה. קיין איין ים־מייל נישט ווינציקער. כ'בין פון די פאַנאַטישע קאַפּיטאַנען. כ'וועל זיך נישט שיידן מיט דער שיף ביז מירן דערגרייכן דעם אָנגעצייכנטן ברעג.

סעניאָרינאַ סאָפּיאַ האָט געדולדיק און אויספרווועריש געקוקט אויף אים. זיין ווידערשפעניקייט האָט אימפּאָנירט. זי האָט געזאָגט:

— ווייסט איר, קאַפּיטאַן, אַז די ענגלענדער האַלטן אַ בלאָקאַדע אויף די ימען?

— מען האָט עס מיר שוין פריער געזאָגט — האָט ער פלעגמאַטיש אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— און איר זייט גרייט צו פאַרפירן אַ שלאַכט מיט זעקס צעשטערשיפן?

— מיך אַרט נישט ווי פיל פון זייערע צעשטערשיפן וועלן אונדז

נאָכיאָגן. מײַן שיף וועט זיך דורכגליטשן די בלאָקאַדע.

— איר זײַט אַן אָפּטימיסט, קאַפּיטאַן!

— דאָס איז דער ציל! נישט צוליב דעם האָט מײַן מאַנשאַפט פאַרלאָזט דאָס ציווילע לעבן, וועך די שטאָט, וועך דעם קיבוץ, וועך אַ פאַבריק צי אַ שפּיטאָל. נישט צוליב דעם האָבן מיר רעקרוטירט מאַטראָזן פון אַנדערע לענדער און דורכגעשניטן דעם שטורמישן אַטלאַנטיק, כּדי דאָס אַלץ שפּעטער איבערצוגעבן דעם פלאָט פון גרויס־בריטאַניע.

— דאָס איז די ברוטאַלעווירקלעכקייט — האָט איינער פון סאָפּיאָס באַגלייטערס זיך אָנגערופן — מיר ברענגען אַרײַן די מעפּילים און די ענגלענדער קאָנפיסקירן די שיפן.

— מיר ווילן ענדערן די ווירקלעכקייט און באַזײַטיקן די ברוטאַליטעט!

— זענען יוחנן רייד געוואָרן היציקער — הינטער חיפה שטייט אַ גאַנצער פלאָט פון די פאַרכאַפּטע שיפן, ווען ס׳ווענדט זיך אָן מיר, הייס איך באַפאַלן דעם פלאָט און צוריקנעמען דאָס רויב.

דעם יונגן קאַפּיטאַנס ווידערשפּעניקער טאָן, זײַן גרייטקייט זיך צו שלאָגן פאַר זײַנע פּרינציפּן האָט אויסגענומען בײַ די, וועלכע זענען געקומען אָהער נישט נעמען עצות נאָר געבן פאָראָרדענונגען. אָבער צווישן דעם קאַ־פּיטאַנס אײַפער און די ענגלישע צעשטערשיפן זענען געשטאַנען צוויי טויזנט יידישע לעבנס. און ווער האָט געמעגט אײַנשטעלן יידישע לעבנס, וואָס זענען ניצול געוואָרן פון די קאַלכאויוונס, זיך אַרויסגעראַבן פון קברים, אַנטלאָפן פון די טויטלאַגערן? צו וואָס פאַרזייען אַ נײַעם בית־עלמין אין אָפּגרונט פון ים? דער ציל איז צו ברענגען לעבעדיקע יידן אין לעבעדיקן לאַנד.

סעניאָרינאַ סאָפּיאָ האָט אָוועקגעשאָרט דאָס אָפענע קאָנטאָבוך און דער קאַפּיטאַן האָט אויסגעשפּרייט אויפן טיש אַ בלויע ים־מאַפּע. ער האָט אָנגעצונדן אַ קנילאַמפּ, וואָס האָט געוואָרפן אַ העלן שײַן אויף די אָנגע־צייכנטע ליניעס און צירקלען צווישן אינדזלען און וואַסער־דורכגוסן. זי האָט זיך איבערגעבויגן איבער דער מאַפּע און געזאָגט:

— אונדזער באַגעגעניש הײַנט איז צו באַשטימען דעם ווײַטערדיקן קורס פון דער שיף. אונדזערע פּלענער ווערן אָפּט געביטן נאָך איידער מיר באַשטימען זיי. ס׳איז נישט אונדזער שולד וואָס דער שונא האָט פאַרשטאַרקט דאָס געיעג מיט זײַנע פּאַטראָלשיפן. כ׳האָב אינפאָרמאַציע, אַז אײַער שיף ווערט אָפּגעוואַרט אין יענעם פּאָרט, ווו איר דאַרפט הײַנט בײַ נאַכט אַרײַנקומען. דעם שונאס נעץ איז אויסגעשפּרייט אויף אַלע ימען.

שפּיאָנען לויערן אויך אין די באַלקאַנישע וואַסערן. פּאַרפאַלן, ס׳וועט זײַן אַ פאַרשפּעטיקונג בײַם אַרויפנעמען די מעפּילים. מיר האָבן אַ נײַעם פּלאַן.

— דאָס מאָל אָן ענדערונגען ? — האָט דער קאַפּיטאַן געלאַכט.

— אויך אונדזער באַשלוס וועט דאָס מאָל נישט געענדערט ווערן — איז סעניאָרינאַ סאָפיאַ געבליבן ערנסט — די דערפאַרונג לערנט אונדז, אַז איינצלנע שיפן זענען אַ גוטער פאַנג פאַר די בריטישע קריגסשיפן. וועלן מיר פון איצט אָן אַרויסשיקן צו עטלעכע שיפן מיט אַ מאָל. אײַער שיף וועט אָפּשווימען פון פּאָרט אין אַ פּאַרקערטער ריכטונג. דאָס וועט די ענגלענדער צעטומלען. אין מיטן וועג וועט זיך אָנשליסן צו אײַך נאָך אַ שיף, וואָס וועט אָנקומען פון די גריכישע וואַסערן. יענע שיפן וועלן שוין זײַן איבערגעפּאַקט מיט פּאַסאַזשירן. איר וועט אויפנעמען די מעפּילים אין גרופּעס אונטערוועגס. דעם נאָמען פון פּאָרט וועט מען אײַך סיגנאַליזירן דורך ראַדיאָ.

זי האָט מיט אַ בלײַפעדער אָנגעהויבן פירן איבער דער ים־מאַפּע. דער בלײַפעדער אין איר האַנט האָט ווי אַ כישוף־שטעקעלע געמאַכט קפיצת־הדרך, געשפּרונגען פון איין האַפן צום אַנדערן, איבערגעהיפּערט אינדזלען, קאַנאַלן, ים־בוכטעס און אָנגעצייכנט די דורכגאַנג פאַר די שיפן־קאַראַוואַנען. דעם קאַפּיטאַנס אויגן זענען נאָכגעלאָפן אירע צוגן אויף דער מאַפּע. ער האָט אויסגעהערט אירע אויפקלערונגען, אַליין געמאַכט דאָ אַ באַמערקונג, דאָרט אָן אָנצוהערעניש. ווען דער סטראַטעגישער וועג איז געווען אויס־געלייגט, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון זײַן זיצאָרט. ער האָט צו ערשט מיט קווענקלעניש געקוקט אויף די אַרומיקע, דערנאָך אַנטשלאָסן געזאָגט:

— און איך וועל נישט אָפּטרעטן פון מײַן פאַרלאַנג: גיט מיר גאַז־מאַסקעס אַמווייניקסטנס פאַר דער מאַנשאַפט, זיי זאָלן זיך באַשיצן קעגן די ענגלישע טרערן־גאַזן. באַזאָרגט מיר רויכטעפּ, כ׳זאָל קענען אַראָפּלאָזן אַ רויכפאָרהאַנג אין די טעריטאָריאַלע וואַסערן. בײַ מיר וועלן אַלע מעפּילים לאַנדן ביזן לעצטן. דעם זעלבן טאָג וועל איך צוריקפאָרן קיין אייראָפּע נאָך אַ צווייטער לאַדונג.

סעניאָרינאַ סאָפיאַ האָט גערעדט מיט געצווימטער געלאַסנקייט.

— אונדזער בעסטע שוץ איז וואַכזאַמקייט. דער ענגלישער שפּיאַנאַזש איז אַ מוסטערהאַפטער. ערגער איז, וואָס זייער אײַנפלוס איז אויך גרויס אין אַנדערע לענדער. זיי האָבן באַפוילן די פּראָנצויזן זאָלן נישט אַרויסלאָזן אונדזערע שיפן פון זייערע פּאָרטן. די איטאַליענער האָבן זיי אָנגעזאָגט נישט צו דערלויבן אונדז זיך אָפּצושטעלן בײַ זייערע ברעגן. זיי האָבן

געשיקט נאָטעס צו יוגאָסלאַוויע, וואָרענונגען צו גריכנלאַנד.

קאַפּיטאַן יוחנן האָט אַ זעץ געטאָן מיט דער פויסט אין טיש.

— וואָס מיינען זיי, די ענגלענדער, אַז זיי זענען די באַלעבאַטים פון דער וועלט? ווער האָט זיי פאַרזיכערט, אַז אַלע לענדער וועלן ווערן זייערע משרתים?

זיין צאָרן האָט אַ ווײַלע אויפגערודערט די אַרומיקע בײַם טיש. זיי האָבן זיך שווײַגנדיק איבערגעקוקט. עברון האָט געוואָרפן אַ נערוועזן בליק צו גוריתן און אויך געשוויגן. גורית, וואָס האָט די גאַנצע צײַט נאָכגעקוקט יעדן קער און ווענד פון יוחננען און באַוווּנדערט זײַן אײַפער, איז אַצינד מער נישט געווען אין אַ שטיפערישן געמיט. פאַר וואָס באַשטייט ער דורכ־אויס אויף פאָדערונגען, וואָס זענען נישט דורכפירבאַר? ווער נאָך ווי ער ווייס, אַז די מעפּילים, וואָס וועלן אַרויפקומען אויף דער שיף, זענען די געיאָגטע און געפּלאָגטע אונטער דער זון? און ווער מיט אַ ניכטערן מוח האָט דאָס רעכט צו ריזיקירן מיט זייערע לעבנס, אַפילו פאַר דער באַלוינונג זיי צו ברענגען אין לאַנד אַרײַן? האָט ער פאַרגעסן, אַז אין דער הייליקער אונטערערדישער אַרבעט מוז דער קאָפּ קאָנטראָלירן דאָס האַרץ, דער מוח מוז בײַקומען עמאָציעס?

דער קאַפּיטאַן האָט געליאַרעמט און סעניאָרינאַ סאָפיאַ האָט פּרובירט צוימען זײַן כּעס. יוחננס צאָרן האָט זיך ערשט געטאָמעוועט ווען איינער פון אירע באַגלײַטערס האָט אים פאַרטרויט די לעצטע ידיעה פון חיפה, אַז צוויי שיפן האָבן דורכגעבראָכן די ים־בלאָקאַדע און די מעפּילים האָבן געלאַנדעט אָן שטער. אַנדערע צוויי שיפן האָבן די ענגלענדער געפאַנגען און דעפּאָרטירט די פּאַסאַזשירן קיין ציפּערן.

— דאָס, וואָס איך זאָג! — האָט יוחנן אָן אויפגעהײַטערטער אויס־גערופן — גרויסע אַרמאַדאָס מיט שיפן מוזן שווימען! צוויי פון יעדע דריי וועלן זיך שטענדיק דורכרײַסן!

סעניאָרינאַ סאָפיאַ האָט אײַנגעוויקלט די מאַפּע און זיך אויפגעשטעלט, אַ צייכן, אַז אַלץ, וואָס האָט הײַנט געדאַרפט געהערט ווערן, איז שוין געזאָגט געוואָרן. זי האָט געעפנט די קאַבינע־טיר אַרויסצוגיין. דאָס געזעמל איז געווען הינטער איר. שטייענדיק אויפן דעק, האָט זי צוגעלייגט אַ האַנט־פלאַך צום שטערן און געקוקט צום ברעג. אויפן וואַסער־אויסשפּרייט ביז צו דער יבשה האָבן זיך געוויגט זעגל־שיפלעך און רודער־לאָדקעס. זי האָט זיך אויסגעדרייט צום הײַפל און געזאָגט:

— איר אַלע ווייסט, אַז אונדזער אַרבעט איז אַ קאָנספּיראַטיווע און

קאָנספּיראַטאָרן מוזן שווײַגן. אַפילו אין יענעם שטילן דאָרף אויפן באַרג דרייען זיך אַרום דעם שונאס אַגענטן. האַלט זיך בײַ דעם שטרענגן אָנזאָג קיינעם נישט אַראָפּצולאָזן פון שיף. דאָס דאָרף איז קליין, אָבער טומל־מאַכערס זענען דאָרט פאַראַן אַ סך. ווער קען נאָכקוקן ווי פיל פון די דאָרפסלײַט זענען אומשולדיק און ווי פיל זענען שפּיאָנען? איר טאָרט צו אײַך נישט אַרויפלאָזן קיין פרעמדע מענטשן. ס'איז פאַרווערט מיט זיי צו האַנדלען. פאַרגעסט נישט אונדזער שווערע לאַגע. געדענקט די פאַראָרדענונגען, מאַטראָזן!

ווען די פרוי מיט אירע באַגלייטערס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן לייטערטרעפּ צו דער פישער־לאָדקע, זענען יוחנן מיט עברונען צוריק אַרויף אויפן קאַפּיטאַנס בריקל. נורית האָט זיך געשטעלט פאַר דער טאָפּלטער באַריערע. די זון איז געווען הויך אין הימל, די בלויע לופט ווי אײַנגעהילט אין דינע נעפּלען, און ס'האָט זיך איר אויפגעוויזן, אַז די שיף הוידעט זיך אין אַ פאַרכישופטן טײַך, אַרומגערינגלט מיט מעכטיקע בערג, באַדעקט מיט קאַלטונעס געוויקסן. די געדיכטע בייטן גרינס האָבן געגלעט דאָס אויג ווי סאַמעטענע דיוואַנען. דאָ און דאָרט האָבן אַרויסגעשטאַרצט שפּיציקע דעכער פון דאָרפישע הײַזקעס ווי רויטע מאַנבלימלעך. דאָס וואַסער איז געפלאָסן מיט אַזאַ מנוחה, דער האַפן איז געלעגן אַזאַ שטילער, גלײַך אַ שיף וואָלט קיין מאָל פריער נישט פאַראַנקערט בײַ יענעם ברעג.

מיט אַ מאָל האָבן אויפן אויבערשטן דעק אויפגעשפּילט שפּאַנישע געזאַנגען. נורית האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ. בײַם מאַסט איז געשטאַנען אַ מאַטראָז און געטוישט זײַנע פּלאַטן אויף אַ הייזעריקן פּאַטאַגראַף. פון אָנהויב האָבן די מעלאָדיעס זיך געטראָגן געלאַסן, דערנאָך זענען זיי זיך פאַרגאַנגען העכער, ליאַרעמדיקער. עס זענען אָנגעלאָפן עטלעכע מאַטראָזן און פריילעכע געפּאַטשט מיט די הענט און צוגעטופּעט מיט די פיס. נורית האָט זיך געוווּנדערט: אַ שיף, וואָס דאַרף פירן מעפּילים, אַ מאַנשאַפט וואָס גרייט זיך צו קעמפן מיט ענגלישע קריגסשיפן. ווי קומען דאָ אַהער שפּאַנישע געזאַנגען, לידער פון דער פרעמד? באַלד האָט זי אַליין גע־שטוינט אויף איר נאַיִוויטעט און זי האָט פאַרגעבן די יונגע ענטוזיאַסטן. פרײַהייט איז געווען זייער לאָזונג. דער דראַנג נאָך פרײַהייט האָט זיי צונויפגעבראַכט און זיי געשטויסן צו דער אַוואַנטורע. דעריבער איז אַזוי פּאַסיק געווען, זיי זאָלן וועלן אויסשפּילן פרײַהייט־לידער ווען אַפילו די מעלאָדיעס קומען פון פרעמדע פעלקער.

אין מיטן שפּילן איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן דעק דער אונגאַרישער

קוכער בעלאַ. זײַן קאָפּ פלאַקסענע האָר איז געווען צוגעדעקט מיט אַ ברייטן פּוטערנעם היטל, ווי אַ רוסישע פּאַפּאַכע. אַרום האַלדז אַן אַפּאַשן־טיכל. אין זײַן גאַרטל האָט געשטעקט אַ פּיראַטן־מעסער. ביידע הענט ביז אַרויף צו די עלנבויגנס זענען געווען אויסטאַטוירט מיט שלאַנגען און שאַרבנס. ווי נאָר די מאַטראָזן האָבן אים אַרײַנגעכאַפּט אין אַ רעדל, האָט דער קוכער גענומען ריטמיש פּאַטשן מיט די הענט. ער האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ, אויסגעשטופּט די קני און זײַנע פיס — נישט קיין פיס נאָר שפּרינגפעדערס — האָבן אויסגעטאַנצט אַ פּאָלקע, אַ קאַמאַריסקאַ, אַ קאַזאַטשאָק. נורית איז מיטגעריסן געוואָרן פון דער פרייד. זי האָט געזען, אַז בעלאַ איז געריבן אין אַלע זײַנע ביינער. ס'קוועלט פון אים אַרויס אַ זינגער, אַ טענצער, אַן אַקראָבאַט. דאָס הײַפל אַרום האָט באַגײַסטערט געפּאַטשט, געפּיַפּט, געקלאַפּט מיט די אָפּצאַסן, אַז ס'האָט זיך געדאַכט אָט וועט זיך אָנצינדן דער דיל. דער געליאַרעם איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז פון קאַפּיטאַנס בריק איז אַראָפּגעלאָפן עברון און מיט אַ שטומער וואָרענונג זיי דערמאָנט, אַז אויף אַ מעפּילים־שיף מוז די מאַנשאַפט זיך אויסהיטן פון געפּילדער.

נורית האָט געקוקט אויף אים מיט לײַכטן פאַרוואורף. פאַר וואָס האָט ער איבערגעריסן דעם לוסטיקן צײַטפאַרטרײַב? זי האָט זיך דערמאָנט אין די האַרבע רייד פון סעניאָרינאַ סאָפיאַ, אַז קאָנספּיראַטאָרן מוזן זײַן שוויַיגערס. עברונס וואָרענונג האָט געווירקט און די פלאַטן האָבן אויפגעהערט שפּילן. דער לוסטיקער קוכער האָט אויפגעהערט טאַנצן. ער האָט אַ ווײַלע געפּירט מיט די אויגן פון עברונען אויף נוריתן און פלוצעם אַ פרעג געטאָן:

— ווי פיל שטח לאַנד פאַרנעמט ארץ־ישראל?

עברון האָט געוואָלט ענטפערן, אָבער נורית איז אים פאַרלאָפן די רייד:

— צוויי הונדערט און פופציק מײַל די לענג און פערציק מײַל די ברייט.

— דאָס אַלץ? — האָט ער געשטוינט — און צוליב דעם מאַכן די פעלקער אַזאַ גערודער אויף דער וועלט?

— ס'איז אַ סך גרעסער ווי דאָס — האָט עברון זיך צעשמייכלט — און דעם עבר־הירדן, וואָס איז אָפּגעריסן געוואָרן פון ארץ־ישראל, רעכנסטו נישט, נורית?

— יאָ, דאָס רעכנט מען שוין נישט? האָט איינער פון די מאַטראָזן זיך אַרײַנגעמישט — און די טיילן פון די שכנותדיקע לענדער, וואָס געהערן צו אונדז לויט דער ביבל, די שטרעקעס פון סיריע און עגיפּטן?

—אַ נײַער געלערנטער! — האָט נורית זיך צעלאַכט — וואָס פאַראַ

ביבל האָסטו געלערנט, מאַטראָז? דו רעדסט דאָך ווי אַ פּאַרכאַפּער!

פֿון דער אויבערשטער בריק איז מיט געמאָסטענע טריט אַראָפּגעקומען קאַפּיטאַן יוחנן. די העלע אויגן האָבן אויפֿגעלויכטן. פֿון זײַן ברייטן שמייכל האָבן די באַקן זיך צעשיידט. ער האָט אַ פּאַטש געטאָן איין האַנט אָן דער צווייטער. ער האָט געזאָגט:

— גיט מיר צוויי הונדערט און פֿופֿציק מײַל די לענג און פֿערציק מײַל די ברייט! קיין איין שפּאַן לאַנד מער וויל איך נישט. מוחל סיריע! מוחל עגיפּטן! צוויי הונדערט און פֿופֿציק די לענג און פֿערציק די ברייט. בלויז אַזוי פֿיל שטרעקע זוכט מײַן שיף!

— ה —

ס׳איז געווען נאָך האַלבער נאַכט. ס׳האָט אָנגערוקט די נאַכט פֿון דער גרויסער קאָנטראַבאַנדע, ווען די מאַנשאַפֿט האָט זיך געגרייט אַרויסצונעמען די ערשטע טויזנט פּליטים פֿון אַ פֿאַרבאָרגענעם פּאָרט. דער הימל, וואָס האָט געזאָלט אין אַזאַ נאַכט זײַן פֿינצטער, אָנגעלאָדן מיט כמאַרעס, איז געווען גראַנאַט־בלוי. די שטערן האָבן געלויכטן מיט דעם פֿײַער פֿון ברע־נענדיקע שטיינער. די לבנה — נישט קיין רעפֿטל, נישט קיין האַלבע — נאָר פֿול, קײַלעכדיק ווי אַ זילבערנע שיסל, האָט געוואָרפֿן נעצן איבער די צעשפּרייטע ים־כוואַליעס.

די שיף, וואָס האָט בײַ טאָג געשניטן די וואַסערן קוים נײַן מײַל אין זעכציק מינוט, האָט אַצינד זיך געטראָגן מיט אַן אימפּעט פֿון זיבעצן מײַל אַ שעה. איבערן ווײַטן האָריזאָנט האָבן זיך געצויגן טונקעלע לאַנדבערג. אַהין און אַהער האָבן לײַכטטורעמס ווי שוואַכע לאָמטערנס געבלינקט און גערופֿן, אָבער נישט צו דער מאַנשאַפֿט זענען געווען געריכט די סיגנאַלן. די מאַטראָזן, צונויפֿגערוקטע, שווײַגנדיקע, האָבן געוואַרט אויף דעם אויפֿ־בליץ פֿון אַ ריזיקן שײַנוואַרפֿער, וואָס זאָל ווי אַ ליכטזײַל זיי אַרײַנרופֿן אין אַ געהיימען פּאָרט, וואָס איז פֿאַרזוען פֿון גאָט און פֿאַרגעסן פֿון מענטשן.

צווישן די מאַטראָזן איז געשטאַנען נורית. זי איז געווען אַזוי ווי זיי אויפֿגערודערט און געשפּאַנט. די אָנגעלאָדענע שטילקייט האָט געפּײַניקט, נעענטער צוגעבונדן איינעם צום אַנדערן, שווערער געמאַכט די לאַסט פֿון פֿליכטן און אומדערטרעגלעכער די דערוואַרטונג. נורית איז געווען אײַנ־געהילט אין אַ טונקעלער פּעלערינע איבער די קליידער פֿון אַ קראַנקן־שוועסטער. אויפֿן קאָפּ האָט זי געהאַט אַ בלוי מאַטראָזן־היטעלע און אויף די פֿיס נידעריקע ווײַסע שיך. זי האָט אויסגעזען באַזאָרגט, אומרויִק, גלײַך

זי וואָלט אַצינד געוואָכט איבער פּאַציענטן אין אַ שפּיטאָל און נישט גע־שטאַנען צווישן ים־וועלף אויף אַ וואַגלדיקער שיף אין דער שעה פון פּרווונג. זי האָט נאָכגעקוקט דעם קאַפּיטאַן יוחנן, וואָס איז די גאַנצע צײַט נישט אַראָפּ פון דער אויבערשטער בריק. יוחנן האָט באַפוילן דעם פּילאָט צו פאַרשנעלערן דעם גאַנג פון דער שיף. עברון האָט דורך אַ רער־מיקראָפאָן אַראָפּגעשיקט דעם באַפעל צו דער מאַשינען־אָפּטיילונג און גלײַך האָט די נאָז פון דער שיף ווי אַ שטעכצאָן האַסטיקער געביסן די אויפגעברויזטע כוואַליעס.

וואָס פלינקער די שיף האָט זיך געטראָגן פאָרויס, אַלץ מיט מער יבשה איז זי געוואָרן אַרומגערינגלט. דאָס ווײַטע, טונקעלע לאַנד האָט זיך גע־שפּרייט לענג אויס פאַרוואַרלאָזטע ברעגן. די אומרויִקע מאַטראָזן האָבן זיך געטראָגן פון איין אָרט צום אַנדערן און מיט אַנגעשפּיצטע אויערן געוואַרט אויף דעם קאַפּיטאַנס באַפעלן. נורית האָט באַנומען, אַז דאָס איז די שעה פון דערוואַרטונג. צוליב אָט דער שעה האָבן די אומדערשראָקענע פאַרלאָזט זייערע היימען, פאַרגעסן אַלע נאָענטסטע, דורכגעשניטן ימען, געבלאָנדזשעט אַרום אינדזלען און קאַנאַלן, זיך אַרײַנגעגנבעט אין פאַרבאָטענע פּאָרטן. פּלוצעם האָט זי דערפילט הינטער זיך עברונען. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו אים. אין זײַנע אָפּגעמאָסטענע מאַטראָזן־קליידער האָט ער אויסגעזען מאָגערער, לײַכטער. ער האָט מיט אַ קליינעם שײַנוואַרפער באַלויכטן איר פּנים. אין אירע אויגן איז געווען סײַ אומרו, סײַ דערלײַכטערונג און ער האָט אין יענער רגע דערשפּירט ווי אירע בליקן וואָלטן אים אָפּגעבריט. אונטער איר לויזער פעלערינע האָט ער געקענט זען איר גוט געפורעמטן קערפּער מיט די אײַנגעשניטענע היפּטן און געטאָקטן בוזים. אין דער אָנ־געצויגענער שפּאַנונג איז געווען אַ דערפרישונג אויף איר צו קוקן. ס׳איז געווען רייץ אין איר אומרו און זי איז געווען שענער אין איר דערשראָקנ־קייט. ער האָט לײַכט אַרומגענומען איר טאַליע.

— כ׳בין צופרידן וואָס מיר האַלטן שוין אַזוי ווײַט — האָט ער איר אײַנגערוימט.

— צופרידן? דאָס אַלץ וואָס דו קענסט זאָגן? איך פיבער אַזש פון אויפרעגונג!

— ס׳וועט באַלד זײַן וואָס צו זען, נורית. אַ ספּעקטאַקל אין מיטן ים! אין נוריתס טאָן איז געווען פאַרוואורף.

— ס׳איז נישט די צײַט צו דראַמאַטיזירן געשעענישן, עברון. נישט דו און נישט די אַנדערע אין דער מאַנשאַפט זענען אַקטיאָרן. מיר אַלע האָבן

געוואָרט אויף אַ דער שעה, און מיר האָבן נישט פֿאַרזאַמט...

— געדעכט. די אויפֿלאַדונג וועט מוזן צוגיין גיך. די שיף טאָר נישט בלײַבן אין האַפֿן לענגער ווי ביזן באַגינען.

— ווייסן דאָס אַלע?

— מ׳דאַרף ווידער יעדן איינעם דערמאָנען זײַן פֿליכט. ס׳מוז ווערן אַזוי שטיל גלײַך די וועלט וואָלט אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ שלומער. ס׳טאָר נישט זײַן קיין גערויש בײַם אַרויפֿציען דעם אַנקער. מ׳טאָר נישט ברעכן קיין געשיר בײַם וואַשן די טעלערס אין קיך.

פֿונעם קאַפּיטאַנס בריק איז אַראָפּגעלאָפֿן אַ מאַטראָז מיט אַן אַנגעצונדענעם שײַנוואַרפֿער אין האַנט. ער האָט זיך געטראָגן צו די אונטערשטע שטאָקן און געקלאַפּט אויף דער טיר פֿון יעדער קאַמער.

— אויסלעשן דאָס ליכט!

איינציקווײַז האָבן די לאָמפּן זיך געלאָשן. נישט נאָר אין די אונטערשטע שטאָקן, נאָר אויך אויף דער פּראָמענאַדע און אויפֿן קאַפּיטאַנס בריק. די פֿינצטערניש איז געוועזן געדיכט ווי אין אַ וואַלד. פֿון מאָל צו מאָל האָט אויפֿגעבליצט דאָס פֿײַערל פֿון אַ ברענענדיקן סיגאַרעט. עברון האָט מיטגעשלעפּט מיט זיך נוריתן און אויפֿגעזוכט אַלע מאַטראָזן, אויסער יענע וואָס האָבן געאַרבעט אין דער מאַשינען־אָפּטיילונג, און זיי גערופֿן אין דעם אונטערשטן עסזאַל. ווען די מאַנשאַפֿט האָט זיך אויסגעזעצט אַרום די אָפּגעדעקטע הילצערנע טישן, האָט ער זיי אָפּגעמאָסטן מיט די בליקן פֿון איינעם וואָס גייט דערמאָנען זײַנע צוהערערס זייערע פֿאַרגעסענע פֿליכטן. ער האָט געזאָגט.

— מאַטראָזן, מיר וועלן אַרײַנקומען אין דעם פֿאַרוואָרפֿענעם האַפֿן אין אַ שעה אַרום. דאָס וועט נישט זײַן קיין געוויינלעכע לאַנדונג. אונדזער שיף וועט פֿאַראַנקערן ווײַט פֿון ברעג און די מעפּילים וועלן אָנקומען אין גומענע שיפֿלעך, אין באַרזשעס, אין פֿישער־לאָדקעס. די אויפֿלאַדונג וועט מוזן צוגיין גיך, דורך אַלע עפּענונגען. די שיף וועט דאַרפֿן אײַנשלינגען די מענטשן ווי אַ וואַלפֿיש. די נאַכט איז צו ליכטיק און דער ים צו רויִק. פֿאַרגעסט נישט, פֿון יעדער פֿאַרהוילעניש לויערט אַ בייז אויג.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן אויף איין רגע. זײַן קול איז געוואָרן שטילער.

— אויף דער הײַנטיקער נאַכט האָבן מיר אַלע געוואָרט. דאָס האָבן מיר געוואָלט. די ערשטע טויזנט פּאַסאַזשירן וועלן מיר אַרויפֿנעמען הײַנט און אַ נאַכט שפּעטער נאָך אַכט הונדערט פֿון אַן אַנדערן ברעג. יעדער איינער וועט אין דער באַשטימטער מינוט פֿאַרנעמען זײַן סטאַנציע אויף

דעם אויבערשטן און אונטערשטן דעק. קיינער טאָר נישט רויכערן און קיינער טאָר נישט ריידן. האָט אין זינען, אַז דאָס איז אַ הייליקע קאָנטראַ־באַנדע. מאַטראָזן, כ׳וועל אויסרופן דעם נאָמען פון יעדן איינעם און אָנווײַזן דעם פונקט, וואָס ער וועט פאַרנעמען.

ער האָט אַרויסגעלייענט פון אַ פּאַפּיר די נעמען און אײַנגעטיילט זייערע פונקטן בעת דער אויפלאָדונג. די מאַטראָזן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף די לייטערטרעפּ צום אויבערשטן שטאָק. די שיף האָט איצט געשלונגען מײַלן. די ברעגן פון דער ווײַטנס האָבן געבלינקט מיט טויזנטער ליכט און פּראָזשעקטאָרן. לײַכטטורעמס האָבן געוווּנקען, פאַרפירעריש גערופן און זיך געקרייצט מיט זײַלן ליכט פון דער יבשה. אָבער די שיף איז נישט נאָכגעגאַנגען די פאַרפירערישע ליכט. זי האָט געשניטן דאָס וואַסער פאַרויס.

נורית מיט עברונען זענען צוגעקומען צום גרויסן שיפּראַד, ווו ס׳איז געשטאַנען אַן עלטערער קנאַכיקער פּילאָט, אַן אויסגעדינטער ים־וואָלף פון גענוא. מיט בײדע הענט אויפן ראַד האָט ער גערייניקט פאַר דער שיף אַ וועג דורך מינעס, וואָס זענען נאָך פאַרזייט געוואָרן אין דער מלחמה. דער אַלטער ים־פאָרער, אַ קאַפּיטאַן פון פערטן דור, האָט געקענט אַלע וואַסער־דורכגוסן. פאַר אים איז געווען אייגן יעדע גראָטע, יעדער פעלדז, יעדעס אינדזעלע און ער האָט געקערעוועט דאָס שוימענדיקע געצעלט פון ישראל צו אַ זיכערן פּאָרט. ער איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט ים־מעשיות. אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט האָט ער געזוכט וואַכזאַמע אויערן אַרום זיך און דערציילט וועגן זײַנע בראַווע ים־עקספּעדיציעס. קאַפּיטאַן יוחנן, וואָס איז געשטאַנען נעבן אים, האָט אַרויסגעלאָזט קנוילן רויך פון זײַן ליולקע ווי פון אַ קוימען. דער ראַדיאָ־סיגנאַליסט האָט אויפגעכאַפּט אינסטרוקציעס פון ברעג.

די צונג ביים איטאַליענישן ים־נאַוויגאַטאָר האָט נישט גערוט. נורית האָט אַן אויפגעציטערטע זיך אײַנגעהאָרכט און ס׳איז איר אײַנגעפאַלן, אַז אויב דאָס אוממעגלעכע זאָל געשען אין דער הײַנטיקער נאַכט, קען זי אויף אָט דעם וואַסער־דורכגוס, וואָס טיילט אָפּ די שיף פון לאַנד, זײַן אַן עדות פון אַ מוראדיקער שלאַכט. ביז הײַנט זענען אַלע אַנטשיידענע קאַמפן בײַם ייִדישן פאָלק אויסגעפאָכטן געוואָרן אויף ווענט — די ווענט פון יריחו, ווענט פון יודפת, ווענט פון מצדה, ווענט פון די געטאָס. ווי קען באַשערט זײַן אַן אומבאַשיצטער מעפּילים־שיף צו פעכטן די אַנטשיידענע שלאַכט אויפן אָפענעם ים?

דער באַריר פון עברונס האַנט אויף איר באַק האָט איבערגעריסן דעם געדאַנק. ער האָט אַנגעוויזן אויף די טונקעלע, אויפגעשוימטע כוואַליעס. די שיף האָט זיך געשטרעקט איבער דער צעפּאַליעטער אויבערפלאַך, זיך געצויגן דאָ לעפיש, דאָ גראַציעז ווי אַ מעכטיקער וואַלפיש. נאָך אַ מײַל און נאָך אַ מײַל און ס'האָבן זיך דערנענטערט די לאַנג געזוכטע ברעגן. ס'האָבן זיך אָקעגנגערוקט מעכטיקע גראַטעס, ווילדע פעלדזן. דער פּילאָט בײַם ראַד האָט נאָך אַנאַנד געקערעוועט צו צפון. ער האָט דערלאַנגט דעם קאַפּיטאַן זײַנע פעלדגלעזער. דער קאַפּיטאַן האָט זיי איבערגעגעבן נוריתן. ער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט און אַנגעוויזן.

— זעסט דאָס גרויסע ליכט? קוק, אַ מגן־דוד!

נורית האָט צוגעשטעלט די פעלדגלעזער צו די אויגן. פון דעם ווײַטן ברעג, אויף אַ הויכן שטאַנג האָט אַרויסגעשטראַלט אַ בלענדנדיק לויכטעניש, אויסגעפורעמט ווי אַ ריזיקער מגן־דוד. אין מיטן מגן־דוד, ווי אין אַ רעם, איז געווען אײַנגעפּאַסט דאָס פּנים פון הערצלען. איטלעכער ווינקל פון דעם זעקס־שפּיציקן שטערן איז געווען אויסגעזעצט מיט בליציקע לאָמפּן, ווי דימענטן. נורית האָט נישט געקענט אָפּרײַסן די אויגן פון דער זעונג. אויפן שוואַרצן הימל האָט דאָס ליכט געשײַנט ווי אַן אויסטערלישע זון. דאָס בילד האָט געשריען מיט טויזנט קולות. דער פלאַמענדיקער ייִדישער שטערן אויף דער ערד פון איטאַליע האָט אַנגעצייכנט אַ פאַרבאָרגענע סטאַנציע. דאָס מאַטראָזן־פּנים פון הערצלען האָט אַרײַנגערופן די מעפּילים: קומט אַרײַן, מאַטראָזן, און נעמט אַרויף די וואָגלדיקע קינדער פון ישראל!

די שיף האָט האַסטיקער געשניטן פאַרויס אין דער ריכטונג צום לויכטנדיקן מגן־דוד. די דערנענטערונג איז געקומען גיכער ווי מ'האָט דערוואַרט. אַ פּאָר מאַטראָזן זענען געשטאַנען גרייט אַראָפּצולאָזן דעם אַנקער, אַנדערע האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף די ערשטע אַנגעלאָדענע פישער־לאָד־קעס. די שיף האָט געמאַכט אַ קרײַז אויף רעכטס, אַ קרײַז אויף לינקס. ס'האָט זיך דערהערט דאָס קלימפּערײַ פון די אַראָפּגעפּאַלענע אַנקער־קייטן און באַלד איז די שיף ווי אַ פעסטונג געבליבן שטיין אין מיטן וואַסער. אַ פאַרכטיקע שטילקייט האָט געהויערט אַרום. עברון איז ווידער אויס־געוואַקסן נעבן נוריתן. ער האָט זי באַזאַכט צוגעפירט צו אַ צווייטן פאַרענטש און אַ שעפּטשע געטאָן:

— פון דאַנען וועסטו זען בעסער.

נורית האָט אים נישט געהערט. אירע אויגן זענען געבליבן אײַנגעגראָבן אין די פעלדגלעזער. ריזיקע פעלדזן זענען געווען צעוואָרפן אַרום די

ברעגן. אַריבער דעם מגן־דוד האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ באַרג, און אויפֿן באַרג אַ צעפּליגלט הויז, די פֿענצטער באַלויכטן, די טירן אָפֿן, אָבער קיינער האָט זיך דאָרט נישט באַוויזן. דאָס איז געווען די פֿאַרהוילענע סטאַנציע פֿון די פֿאַרוואָגלטע, דער וואָקזאַל פֿון די וואַנדערערס. מיט אַ מאָל האָבן פֿונעם באַרג גענומען בליצן שײַנוואַרפֿערס ווי פֿײַערזײַלן. די שײַנוואַרפֿערס זענען געקומען פֿון פֿאַרשיידענע פּאָזיציעס אויף איין מאָל ווי זיי וואָלטן זיך דורכגערעדט מיט אַ פֿײַערשריפֿט. ס׳האָט זיך פֿאַרטראָגן אַ מאָטאָר־גערויש. עפּעס, וואָס איז געווען פֿאַרשלייערט, גרויס ווי אַ טײַכשיפֿל, האָט זיך געטראָגן פֿאַרויס און וואָס נענטער עס האָט זיך אַרויסגערוקט, אַלץ דײַטלעכער האָט זיך דאָס אויסגעפֿורעמט. ס׳איז געווען אַ קליינע מאָטאָר־באַרזשע, אַ פֿאַרפֿאַסטן וואָס איז געקומען באַגריסן די שיף.

אײַנגעהאַלטענע קולות אויף עטלעכע שפּראַכן האָבן באַגלייט דאָס ריט־מישע גערויש. פֿון דער באַרזשע איז אַרויסגעשפּרונגען אַ הײַפֿל באָרוועסע פֿישעריונגען און אַרויפֿגעקלעטערט אויף דעם שיפֿלייטער. דאָס באַגריסן זיך איז געווען פֿלינק, מיט העכטצייכנס. די פֿישעריונגען מיט דער מאַנשאַפֿט האָבן זיך פֿאַרשטאַנען אויף שטום־לשון.

נורית האָט דערזען ווי אַרום הויז אויפֿן באַרג הויבט זיך אָן אַ גערודער. רייענווייז האָבן פֿאַרנעפּלטע געשטאַלטן זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון די הייכן. טונקעלע, אין גרויע געוואַנדן, ווי זעלנערס מיט רוקזעק אויף די אַקסלען, אַזוי האָבן זיי געצויגן אַראָפּ צו די פֿעלדזיקע ברעגן. די שטילע פּראָצעסיע איז געווען אַ לאַנגע, אַ שערענגע הינטער אַ שערענגע, אַ קאָלאָנע הינטער אַ קאָלאָנע. אַ פֿלעסקערײַ אויפֿן וואַסער האָט איבערגעריסן דאָס שווײַגעניש און מיט אַ מאָל האָבן פֿון אַלע פֿאַרהוילענישן גענומען שטראָמען אָנגעלאָדענע שיפֿלעך, גומענע רעפֿטן, הילצערנע באַרזשעס. זיי זענען געקומען פֿון רעכטס און פֿון לינקס, אַרויס פֿון די פֿעלדזן, פֿון די גראָטעס, פֿון די ברעגאָפּריסן. באָרוועסע יונגען האָבן געשניטן מיט די רודערס. דאָס וואַסער האָט קוים אונטערגעשאַרכט. די שטערן זענען אײַנגעלאָפֿן. די לבנה איז פֿאַרקראָכן הינטער אַ וואָלקן אַ היטערליסטיקע, גרייט צו העלפֿן אין דער גרויסער קאָנספּיראַציע.

בײַ נוריתן האָט אויפֿגערוישט דאָס בלוט אין די אָדערן. איר האַרץ איז געווען איבערגעלאָדן. אַ קול, וואָס קומט פֿון די טיפֿסטע טיפֿענישן, האָט גערופֿן: מענטש, האָסט געזען ווי אַ פֿאָלק — די רעשטלעך פֿון אַ פֿאָלק — שמוגלט זיך אַרויס פֿון אַ גאַנצן קאָנטינענט, נישט פֿונעם קאָנטי־נענט פֿון פֿאַרקנעכטונג, נאָר פֿון דעם קאָנטינענט פֿון פֿאַרטיליקונג.

אַ קברים־לאַנד איז דער קאָנטינענט געוואָרן פֿאַר דעם איבערבלײַב פֿון ישׂראל, אַן ערד באַדעקט מיט בית־עלמינס, און פֿון די קברים אויף די בית־עלמינס הויבן זיך אַרויס די דורך נס און טעות ניצול געוואָרענע. זיי שטראָמען צו געהיימע פּאָרטן, זיי ציִען צו אומבאַקאַנטע ברעגן, ווו עס וואַרטן פֿאַראַנקערטע שיפֿן אָוועקצופֿירן זיי צו זיכערע ברעגן.

נורית האָט אויפֿגעצאַפּלט גלײַך זי וואָלט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון אַ טיפֿן שלאָף. די פֿישער־שיפֿלעך האָבן געשניטן דאָס וואַסער מיט אַ שטילער שאַרכערײַ. די וואָגלערס זענען געזעסן צונויפֿגעדריקט, אומבאַוועגלעך ווי פֿאַרגליווערטע סטאַטועס. אויף יענער זײַט לאַנד איז געשטאַנען אַ פּאָליציי־וואַך, אָבער נישט אָפּצושטעלן דעם מענטשנשטראָם צום ברעג, נאָר צו פֿאַרהאַלטן די נײַגעריקע, די אינפֿאָרמירערס, די מוסרים וואָס וואָלטן אַנט־פּלעקט דעם סוד און געלאָפֿן דערציילן אין שטאָט וועגן דער פֿאַרבאָטענער אויסוואַנדערונג. און פֿון דעם ברעג האָט אַראָפּגעלויכטן דער פֿלאַמענדיקער מגן־דוד און פֿונעם מגן־דוד האָט אַרויסגעקוקט הערצלס קאָפּ. נורית האָט געטראַכט: ווי אַנדערש האָט דער חוזה זיך פֿאַרגעשטעלט דעם צוריקקער פֿון זײַן פֿאָלק אין זײַן לאַנד!

פּלוצעם, אין מיטן דער שפּאַנונג, פֿון דער אָנגעלאָדענער שווײַגעניש אַרויס, האָט זיך דערהערט אַ שטיל געוויין פֿון אַ קינד. דאָס געוויין איז זיך פֿאַרגאַנגען העכער, שטאַרקער, זיך געריסן צום הימל. עס האָט געוויינט אַ ייִדיש קינד אין מיטן ים.

אין נוריתן האָבן זיך געצונדן אַלע חושים. אַזאַ געוויין האָט געקענט ברעכן די הייליקע קאָנספּיראַציע. עס האָט געקענט אַרויסרופֿן פֿון די וואָל־קנס אַ לויערנדיקן עראָפּלאַן, פֿונעם ים אַ פֿײַנטלעכע אויסשפּירשיף. נורית האָט געשפּירט ווי הייסע טרערן באַנעצן איר פּנים. אירע ליפּן האָבן גע־שעפּטשעט: וויין נישט, קלײנער ישׂראל, וויין נישט! דו ביסט אַ וואָגלדיק קינד, וואָס האָט געגנבעט גרענעצן און זיך אַרויפֿגעשמוגלט אויף אַ שיף, וואָס וועט דיך פֿירן צו די צוגעזאָגטע ברעגן.

דאָס קינדישע געוויין האָט נישט אויפֿגעהערט. עמעצער אויפֿן שיפֿל האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס עופֿעלע אויף די הענט, צוגעטוליעט, אײַנגעוויגט אין די אָרעמס ביז דאָס געוויין האָט זיך אײַנגעשטילט.

ווען דאָס ערשטע שיפֿל האָט אָנגעשפּאַרט צו דער שיף, האָט זיך אָנגע־הויבן די אויפֿלאָדונג. בײַ אַלע עפּעוווגען האָבן די מאַטראָזן געאַרבעט פֿלינק ווי אַקראָבאַטן. אַ הויב מיט די הענט, אַ צי אַרויף אַ פּאַסאַזשיר און שוין איז אַן אַנטרונענער געשטאַנען אויפֿן דעק. אַ באַגלייטער האָט אים

גלײַך אַראָפּגעפּירט צו זײַן קאַמער. נורית האָט זיך דערמאָנט וואָס מען האָט אָנגעזאָגט דער מאַנשאַפט אין דעם לעצטן האַפן: זײַט גוט צו די מעפּילים. זײַט באַרעמהאַרציק צו די געראַטעוועטע. זיי זענען קרבנות פון דער גרעסטער אכזריות. אַליין גרייט אַרויסצוווײַזן די פולע מאָס ווײַבלעכע צערטלעכקייט און צו טאָן די פליכטן פון אַ קראַנקן־שוועסטער, האָט זי זיך צוגעקוקט ווי מ׳כאַפּט אַרויס פון די שיפלעך די אָנגעקומענע גלײַך מ׳וואָלט אַרויסגעשלעפּט האַלב דערטרונקענע פון וואַסער.

צו ערשט האָבן די אַרויפגעקומענע זיך אַרומגעקוקט פאַרגאַפטע און צעטומלטע. זיי זענען געווען באַלאָדן מיט קלומיקלעך, מיט רוקזעק און געוואָרפן אַרום זיך בליקן מיט אומצוטרוי. אָבער ווי נאָר מאַטראָזן האָבן זיי אַראָפּגעפירט צו די אונטערשטע שטאָקן און געעפנט פאַר זיי די קאַמערן מיט געלעגערס, ווו זיי וועלן קענען אָוועקלייגן די קעפּ, האָט אַ זיכערקייט זיי דורכגענומען, די זיכערקייט פון גערודפטע, וואָס זענען ווידער צווישן אייגענע. אין דעם געדראַנג האָבן מאַמעס געזוכט זייערע עופעלעך, וואָס פרעמדע הענט האָבן געהאַלטן אויף די שווימענדיקע שיפלעך. קינדער האָבן געוואָרט זייערע עלטערן זאָלן זיך באַווײַזן. נאָענטע האָבן זיך אָפּ־געזוכט, משפחות האָבן זיך פאַראייניקט. די גליקלעכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב.

אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויקלט פון אַ קנויל טיכער און ספּודניצעס, האָט אַ צעשטראַלטע זיך צעשריען.

— איך האָב נישט פאַרגעסן אַרויפצושטעלן דעם רעכטן פוס! הלוואי זאָל מען דערלעבן אַראָפּצוגיין פון דער שיף אויך מיטן רעכטן פוס!

די געטריבענע, די אויסגעוואָרצלטע, די פאַרוואָגלטע האָבן געשטראָמט דורך די עפענונגען צו אַלע דעקן ביז עס זענען אויסגעליידיקט געוואָרן די לעצטע שיפלעך. קאַפּיטאַן יוחנן האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַן האַנט־זייגערל און טריִומפירט. די אויפלאָדונג האָט געדויערט איין שעה מיט פינף און פערציק מינוט. דער אָנזאָג, אַז די ערשטע טויזנט מעפּילים זענען שוין אײַנקוואַרטירט, האָט ווי אַ ליכטיקע בשורה זיך געטראָגן פון מויל צו אויער. די נאַכט האָט נאָך נישט געהאַלטן בײַם אויסגיין. דער ים האָט זיך גע־שווענקט אין דעם ווײַסן לבנה־ליכט.

אין נוריתן האָבן געזונגען אַלע גלידער. זי האָט געקוקט אויף דער אָפּגעליידיקטער פראַמענאַדע מיט אַ דערלײַכטערונג, וואָס קומט נאָך מינוטן פון אומגעריכטער באַרוישונג. עברון איז נעבן איר נישט געווען. דער קאַפּיטאַן איז אַרײַן צו זיך אין דער קאַבינע. זי אַליין האָט געהאַט אַ

באַגער אַראָפּצוגיין אין די אונטערשטע קאַמערן און אונטערלייגן קישנס צוקאָפּנס פֿון די געליטענע. זי האָט געוואָלט טרייסטן די אלמנות, אָפּווישן די טרערן בײַ יתומים. ווו זענען אַלע פּלוצעם פֿאַרשוווּנדן? זי האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דער אויבערשטער בריק. דער אויפגעמונטערטער פּילאָט, דער אַלטער ים־וואָלף האָט זיך געהייסן דערלאַנגען פרישע קאַווע. ס׳איז אַרויסגעקומען דער קאַפּיטאַן און אַרײַנגעקוקט אין זײַן ים־מאַפּע. די דעקמאַטראָזן האָבן אויפגעהויבן דעם אַנקער, דער ראַדמאַן האָט איבערגענומען דאָס טרײַבראָד. עטלעכע און דרײַסיק מאַטראָזן האָבן זיך צוריקגעשטעלט אויף זייערע פּאָסטנס. די אויסגעלאָשענע שיף האָט זיך בגנבה אַרויסגעגליטשט פֿון דעם פֿאַרבאָטענעם פּאָרט.

— ז —

ווען נורית האָט זיך איבערגעוועקט, איז קוים אויפגעגאַנגען דער באַגינען. איר ערשטער פֿאַרלאַנג איז געווען זיך צו שטעלן אין דינסט פֿון אַ קראַנקן־שוועסטער. אין אײַלעניש האָט זי אַרויפֿגעצויגן אויף זיך דאָס ווײַסע געוואַנד, אַנגעטאָן אויפֿן אָרעם אַ באַנד מיט אַ רויטן מגן־דוד. זי איז אַרײַן אין קיך צוגרייטן פלעשלעך מילך פֿאַר די זויגקינדער. אין דער קליניק האָט זי סאָרטירט באַנדאַזשן, זאַלבן, מעדיקאַמענטן פֿאַר די ערשטע פּאַציענטן. דאָס גערודער צווישן די פּאַסאַזשירן אין די אונטערשטע שטאָקן האָט זיך געהאַט געצויגן ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן. די מערסטע אָנגעקומענע, איבערגעוועלטיקט פֿון גליק, האָבן זיך אין גאַנצן נישט געלייגט שלאָפֿן. אין דעם געפּילדער האָט דעם גרעסטן רעש אָנגעמאַכט אַ רויטער ייִד מיט אַ מלמדיש בערדל. ער איז געווען אַזוי באַגײַסטערט, וואָס ער שטייט אַרומגערינגלט פֿון ברידער, שוועסטער, שוואָגערס, נאָענטע קרובים, אַז ער האָט נישט אויפגעהערט זיך צו האַלדזן און קושן מיט די משפּחה־לײַט. ער האָט געליאַרעמט.

— נו, ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן אויף אַזאַ באַגעגעניש? אַלע אין איינעם אויף דער זעלבער שיף!

— וואָס פֿאַראַ באַגעגעניש, לאַנדסמאַן? — האָט אַ לוסטיקער יונג אין אַ פּאָר קאַזאַצקע שטיוול אַריבערגעשריען.

— ס׳הייסט, וואָס פֿאַראַ באַגעגעניש? — האָט דער רויטער ייִד צוריק געפֿרעגט — דאָס זענען געפֿונענע לעבנס! איינער איז געבליבן שטעקן אין איטאַליע, אַ צווייטער האָט זיך געוואַלגערט אין האָלאַנד, אַ דריטער אין דײַטשלאַנד. און אַצינד? דער באַשעפֿער האָט אונדז אַלעמען אַזוי צונויפ־

געפּירט, אַז מיר פֿאָרן אויף איין און דער זעלבער שיף!

נאָך האַלבער נאַכט איז דאָס געפּילדער גענוואָרן גרעסער. אַ זשוואַווע ווײַבל מיט אַ קינד בײַ דער האַנט האָט אָוועקגעשטעלט איר אָנגעשטאָפּטע וואַליזע. זי האָט מבינותדיק באַטראַכט איר געלעגער און אויסגערופֿן.

— ס'איז אַ סך בעסער ווי כ'האָב זיך פֿאָרגעשטעלט. אַזאַ שיף וועט זײַן אַ גרעפּין אויפֿן ים! מ'קען זיך פֿאַרגינען אויף איר צו פֿאָרן אַפֿילו דרײַ חדשים!

אין גרויס אײַלעניש האָט אויפֿן אויבערשטן דעק געשפּרײַזט אַ צע־וואַקסענער ייִד מיט אַ געדיכטער צעפּלאָכטענער באָרד. ער האָט נישט געלאָזט, אַז אַ מאַטראָז זאָל אים באַגלייטן אַראָפּ צו זײַן קאַמער. דאָס אָרעמע געפּעק האָט ער אין מיטן גאַנג געלאָזט הינטער זיך. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן אויף די קני און געקושט דעם דיל.

— טאַטע אין הימל, כ'האָב עס דערלעבט! ווי גרויס איז דײַן חסד, טאַטע אין הימל!

די אָנגעקומענע זענען געשטאַנען אויפֿגערודערטע איבער זייערע גע־לעגערס און אויסגעפּאַקט זייער האָב און גאָב. יונגען אין לעדערנע קורטקעס, אין הויכע שטיוול ווי קאָזאַקן. מיידלעך מיט פֿלאַקסענע קעפּ האָר, פֿאַר־בונדן מיט פֿויערישע טיכלעך. זקנים אין רבנישע קאַפּעליושן, חסידישע ווײַבער אין שייטלען, געוויקסיקע בחורים מיט צעשויבערטע קוטשמעס, באַ־לײַבטע פֿרויען אין שווערע ספּודניצעס.

אין אַ ווינקל איז פֿאַר זײַנע צעעפֿנטע טשמאָדאַנעס געשטאַנען אַ זקן, ווײַס ווי אַ טויב. ער האָט אַראָפּגענומען פֿון זיך די אויבערשטע קאַפּאָטע, דערנאָך דעם ראָק, די וועסט. ער האָט אויסגעטאָן דעם קאַפּעליוש, געבליבן שטיין אין דער סאַמעטענער יאַרמלקע און, ווישנדיק זיך די רויטע אויגן, געזיפֿצט.

— פֿאַר וואָס בין איך אַליין דאָ געבליבן? רבונו של עולם! פֿאַר וואָס אַזאַ זכות? רבקהשע האַרציקע, קינדער טײַערע, פֿאַר וואָס זײַט איר אַלע געגאַנגען צו די אויוונס? רבונו של עולם, פֿאַר וואָס?

נורית האָט געגאַפּט אויף די פֿאַרלויפֿעניש, ווי זיי וואָלטן געקומען פֿון אַן אַנדערער וועלט. אירע אויגן זענען געווען פֿײַכט. זי האָט באַנומען, אַז פֿון איצט אָן וועט איר מוח רעגיסטרירן יעדע פּאַסירונג אויף דער שיף מיט דער זעלבער פּילבאַרקייט ווי אַ באַראָמעטער פֿאַרצייכנט די וועטער־ענדערונגען, ווי אַ סייסמאָגראַף כאַפּט אויף די ערד־אויפֿטרייסלענישן. אין דעם געליאַרעם האָט זי געקענט זען אין איין ווינקל פֿרייד, אין אַ צווייטן

ווינקל טרויער. אָפּגערוקט אָן אַ זײַט איז געשטאַנען אָן איינזאַם ייִנגל מיט אַ מאָגער קלומיקל. קיינער האָט זיך מיט אים נישט געפרייט. קיינער איז נישט געווען אַ שותּף צו זײַן טרויער. ער האָט זיך נישט אָנגעקערט מיט קיינעם. נורית האָט געוואָלט פאַרטרײַבן זײַן עלנט. זי איז צוגעגאַנגען צו אים און געפרעגט זײַן נאָמען. ער האָט געהייסן לייבעלע. נאָכן ערשטן איבעררייד איז איר קלאָר געוואָרן דאָס, וואָס וואָלט אין אַן אַנדערער צײַט געמוזט בלײַבן אומזיניק, מאַנסטעריש. דער גורל, דער אכזר, וואָס מענטשן באַצייכענען טייל מאָל ליצנותדיק אַלס איראָניע, האָט דעם יונגן וואַנדערער אָפּגעטאָן אַ דעמאָניש שפּיצל. מיט פערצן יאָר פריער איז ער געבוירן געוואָרן אין ארץ־ישראל. ווי קומט אַ ילִיד־הארץ, אַ געבוירטיקער אין תּל־אָביב, צו ווערן אַ מעפּיל און זיך שמוגלען ווי אַ היימלאָזער וואַגלער צוריק צו זײַן לאַנד?

נורית האָט געהאָרכט מיט פאַרשפּיצטע אויערן און לייבעלע האָט דער־ציילט. אין נײַנצן פינף און צוואַנציק זענען זײַנע עלטערן עולה געווען פון פוילן. זיבן יאָר שפּעטער איז ער געבוירן געוואָרן. ס׳זענען פאַרבײַ צוויי יאָר און ס׳איז אין לאַנד געוואָרן אַ קריזיס. אָבער ייִדן, וואָס קענען אויסהאַלטן שטורעמס אין פרעמדע לענדער, קענען איבערלעבן קריזיסן אין אַלע גלותן, האָבן נישט געהאַט ס׳געדולד איבערצוואַרטן דעם קריזיס אין ארץ־ישראל. לייבעלעס עלטערן זענען צוריקגעפאָרן קיין פוילן. היטלער האָט אָנגעצונדן די וועלט. פוילן איז צעטראָטן געוואָרן. אויף ייִדן איז געפאַלן דער גזר פון פאַרטיליקונג. טאַטע־מאַמע זענען געגאַנגען אין די ברענאויוונס אין אוישוויץ. פינף יאָר שפּעטער שמוגלט זיך לייבעלע, דער עלנטסטער יתום אויף דער וועלט, פאַרגעסן פון גאָט, פאַרזען פון מענטשן, צוריק קיין ארץ־ישראל.

ביי נוריתן האָט געפלאַטערט דאָס האַרץ. די חושים האָבן געבריט. אין מוח האָט אויסגעבליצט אַ מחשבה: אויב זי וועט אין לויף פון די טעג זיך נישט אָנשטויסן אויף אַ גרעסערער טראַגישער געשעעניש, וועט דער איינזאַמער לייבעלע בלײַבן דער טרויעריקסטער פּאַסאַזשיר אויף דער ים־רײַזע.

די ערשטע קורצע נאַכט איז פאַר די פּליטים געווען גענוג לאַנג, אַז זיי זאָלן פון פרעמדע, זײַטיקע פאַרוואַנדלט ווערן אין אייגענע מענטשן, וואָס ווילן ווערן שותּפים צו די זאָרגן פון דער וואַגלדיקער שיף. פאַר טאָג זענען די פּאַסאַזשירן שוין געווען אויף די פיס. פרויען האָבן זיך געבעטן מען זאָל זיי לאָזן וואַשן די וועש פאַר דער מאַנשאַפט. געווזענע קעלנערס,

אויסגעדינטע קוכערס אין דער אַרמיי האָבן אָנגעבאָטן זייער הילף אין דער קיך, ביַים אויסטיילן די מאָלציַיטן. שלאָסערס און מעכאַניקערס האָבן זיך געריסן צו אַרבעטן אין דער מאַשינען־אָפּטיילונג. סטאָליאַרעס האָבן זיך געוואָלט מאַכן נוצלעך און אויפבויען ניַיע וואַש־צימערלעך און קאַמערן.

די שיף האָט געשניטן די בלויע וואַסערן, וואָס האָבן זיך רויִק געבלעזלט. אויפן אויבערשטן דעק האָט זיך געהאַט פאַרזאַמלט אַ היַיפל פרומע ייִדן אָפּצוריכטן די ערשטע תּפילת־שחרית אונטערן אָפענעם הימל. ווען זיי האָבן פאַרוואָרפן די טליתים איבער די קעפּ, איז געווען קוים איין מנין, אָבער ווען דער בעל־תּפילה האָט געהאַלטן ביי שמונה־עשרה, האָבן זיך שוין געהערט קולות פון זעקס מניגים. דאָס דאַווענען בציבור אין מיטן ים, די כּאַראַלע תּפילה, דער געפלאַטער פון טליתים האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם שטילן גערויש פון די פליעסקענדיקע כוואַליעס.

דער ערשטער פרישטיק איז געקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג. די צערו־דערונג, דער אומרו, דאָס איַינטיילן די פּאַסאַזשירן משפּחהווייז, אין גרופּעס, אין קאַטעגאָריעס אויף דער אויבערשטער פּראָמענאַדע, האָט נישט דער־לאָזט קיין פּינקטלעכקייט ביים פאַרטיילן דאָס אָנבייסן. אָבער אין האַלבן טאָג, ווען דער גלאָק האָט גערופן צום מיטאָג, האָבן די פּאַסאַזשירן געהאַרכזאַמע זיך געלאָזט צו זייערע פּלעצער. די אויפוואַרטערס מיט זייערע אַרויסהעלפערס האָבן זיך געטראָגן טרעפּ אַרויף, טרעפּ אַראָפּ מיט גרויסע עמערס און קאָכ־לעפל. דאָס אויסטיילן די הייסע געקעכצער איז צוגעגאַנגען בחפזונדיק. די אויסגעהונגערטע פּאַסאַזשירן האָבן זיך צוגעכאַפּט צו די שפּייזן ווי נאָך אַ לאַנגן תּענית. מ׳האָט קוים אַראָפּגעשלונגען די הייסע זופּ ווי מ׳האָט שוין געריסן פון די טעלערס שטיקער פליש. פון דעם פרוכטן־קאָמפּאָט האָט מען געלעקט די פינגער. נאָכן עסן האָט אַ מונטערער יונג אין אַ זעלנערישער קורטקע אָן קנעפּ, זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן דעק און אויסגערופן.

— אַ בחינמדיקע שיף קיין ארץ ישראל און אַזאַ מיטאָג פאַר אַ צולאָג, ווער דאַרף ריַיזע־סערטיפיקאַטן פון די ענגלענדער, ווער?

ס׳האָט זיך אַרויסגערוקט אַן עלטערער ייִד מיט אַ וויַיס, מאָגער בערדל. ער האָט אויפגעהויבן דעם וויַיזפינגער צום הימל און מיט אַ פרומער מינע אויף זיַין יראת־שמים־פּנים געזאָגט:

— פאַרגעסט נישט, ייִדן, ס׳איז היַינט פריַיטאָג. מ׳דאַרף זיך גרייטן צו קבלת־שבת. אַז מיר וועלן אָפּהיטן ייִדישקייט, וועט דער יושב במרומים אונדז בשלום דורכפירן איבערן ים.

נורית, געטריבן פון נײַגער, האָט געוואָנדערט פון איין דעק צום אַנ־דערן. זי האָט געהאַט די אויגן אין יעדן ווינקל פון דער שיף. פון יענער זײַט פראַמענאַדע האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען פון גיטאַרעס און מאַנדאָ־לינעס. אין אַ געפלאָכטן ראָד האָבן געוועזענע פאַרטיזאַנער אין די וועלדער געזונגען בטחון־לידער. קעגן איבער האָט אַ הײַפל בחורים און מיידלעך זיך ראַפּטום אויפגעהויבן און זיך אַוועקגעלאָזט טאַנצן אַ האָרא. הינטער דעם קאַפּיטאַנס בריק איז געזעסן אַ רעדל פרויען מיט זייערע קינדער און דערציילט צווישן זיך פון זייער טראַגישער פאַרגאַנגענהייט. נוריתן איז אײַנגעפאַלן, אַז יעדער מאַמע באַטראַכט איר קינד ווי אַן אויסגעוויינטן קדיש, וואָס האָט דורך טויזנט ניסים דורכגעבראָכן דאָס ליכט פון דער וועלט. חנה, אלקנהס ווײַב, וואָס האָט אויסגעבעטן בײַ גאָט איר זון שמואל אין שילה, האָט אוודאי נישט געקענט אַרײַנוויינען מער ליבשאַפט אין איר נײַ־געבוירענעם נביא ווי די מאַמעס־פאַרטיזאַנקעס האָבן אַרײַנגעיאָמערט אין זייערע עופעלעך. פאַר נוריתן איז קלאָר געוועזן, אַז די טונקעלע קאַש־מאַרן פון די פאַרלאָפענע טעג וועלן די פרויען נישט לאָזן רוען אַפילו אויף דער שיף פון רעטונג. ס'וועט נישט גענוג זײַן איין לעבן אויף איבערצו־דערציילן אַלץ, וואָס די געטריבענע קרבנות זענען דורכגעגאַנגען אויף דעם לאַנגן וואַנדערוועג.

— ח —

ס'איז שוין געווען נאָענט צו זונפאַרגאַנג ווען נורית איז פאַרטיק געוואָרן מיט אירע פליכטן. די יונגע מאַמעס האָט זי געהאַט באַזאָרגט מיט פלעשלעך מילך פאַר זייערע זויגקינדער. זי האָט אויסגעטיילט לײַכטע מעדיצינען צו עלטערע פּאַציענטן און אַנגעגרייט טאַבלעטן צו שטילן די נערוון בײַ די אָפּגעשוואַכטע. דערנאָך איז זי אַרײַן אין דעם קליינעם וואַשצימערל נעבן איר קאַיוטע און גענומען אַ קאַלטן שפּריץ. פון די שטראָמען וואַסער, וואָס זענען געראָנען איבערן קערפּער, האָט איר לײַב אויפגעציטערט. זי האָט אַ דערפרישטע זיך אײַנגעוויקלט אין אַ לאַנגן באַדהאַנטוך און געריבן די הויט אין דעם ווייכן געוואַנד. געטריבן פון ווײַבלעכער נײַגעריקייט האָט זי זיך געשטעלט פאַרן רונדיקן וואַנטשפּיגל. דער צוגעברוינטער נאַקן איז געווען דעליקאַט געפורעמט, די אַרעמס אויסגעשניצט איידל, די אײַנגע־שניטענע טאַליע, די היפטן צײַטיקע ווי בײַ אַ מיידל וואָס איז נאָר וואָס דערגאַנגען צו ווײַבלעכער רײַפקייט. ווי זי האָט געהאַלטן אין באַטראַכטן איר נאַקעטקייט, האָט זי זיך מיט אַ מאָל דערמאָנט אַן עברונען און ס'איז

איר אײַנגעפֿאַלן: ווי פֿיל באַדײַט האָט דער קערפּער פֿון אַ יונגער שײנער פֿרוי, וואָס בלײַבט אַנטבלויזט הינטער אַ געשלאָסענער טיר?

די טראַפּנס וואַסער האָבן נאָך אַראָפּגערונען פֿון איר האַלדז, ווען זי איז צוריק אַרײַן אין איר קאַיוטע און צעקעמט די לויזע כוואַליעס קאַשטאַנהאָר. זי האָט באַשפּריצט דאָס פֿריש געוואַשענע לײַב מיט אָדעקאָלאָן, לײַכט אָפּגערויטלט די פֿײַכטע ליפּן און אָנגעטאָן אַ בלוי האַלב קלײדל און אַ ווײַסע בלוזקע מיט אַ קאָקאַרדע. אויפֿן האַלדז האָט זי אָנגעהאָנגען אַ בײַטש דיקע בורשטין־קרעלן. זי איז געווען גרייט אַרויסצוגיין. אין יענער מינוט האָט אין טיר אָנגעקלאַפּט עברון.

— ביסט גרייט, נורית?

זי האָט לײַכט געעפֿנט די טיר.

— גרייט צו וואָס? — האָט זי געפֿרעגט.

— צו אַ מצווה, נורית.

אָן אויפֿגעהײַטערטע האָט זי געקוקט אויף אים. ער איז געשטאַנען אין זײַנע ברייטע, געפּרעסטע מאַרין־הויזן אָן אויסגעוואַשענער. זײַנע פּלייצעס, זײַן געשטעל זענען געווען אָנגעגאָסן מיט גבֿורה. די בליקן זײַנע זענען געוואָרן צערודערט ווען ער האָט זי אָפּגעמאָסטן פֿון אויבן אַראָפּ. נורית איז פֿאַר אים אויסגעוואַקסן ווי אַ יונגער עקאַליפּטוס־בוים, אויסגעשטרעקט, הויך. דאָס געפּאַסטע קלײדל, די בלוזקע זענען געווען אָפּגעגאָסן אויף איר געטאָקטן קערפּער. די אויפֿגעוועלטע האָר אײַנגענומען אין אַ בלויער טאַשמע.

ער האָט קוים באַוויזן צו באַוואונדערן איר רייץ ווי זי האָט אַ זאָג געטאָן מיט שפּאַס.

— אַזוי זעט אויס איינער, וואָס גרייט זיך צו טאָן מצוות?

— יאָ. און דו, נורית וועסט זײַן אַ שותּפֿטע צו דער מצווה.

— מצוות דאַרפֿן נישט קיין שותּפֿים.

ער האָט זי אַ צי געטאָן פֿאַר אַ האַנט.

— קום צום קאַפּיטאַן, נורית. ס׳איז ערבֿ־שבת. און ייִדישע פֿרויען באַשטייען צו בענטשן ליכט. אָבער ברענענדיקע ליכט זענען אַ געפֿאַר אויף אונדזער שיף. מען איז געקומען צו מיר, כ׳זאָל העלפֿן אַרויסקריגן אַ דערלויבעניש בײַם קאַפּיטאַן.

נורית האָט לאַכנדיק אָנגענומען זײַן אָרעם.

— דאָס איז אַ מצווה עברון, קום!

אויף דער פּראָמענאַדע האָט געליאַרעמט ווי אויף אַ יאַריד. אינעם גע־

דראַנג זענען געווען אויסגעמישט יונג און אַלט, מאַנצבילן, ווײַבער, קינדער. אַן אויפטרייסלונג, וואָס קומט פון צו פיל פרייד, האָט אַלעמען באַהערשט. די נײַגעריקע האָבן געלויערט אויף אויסטערלישע פּאַרלויפּעניש. די אומגעדולדיקע האָבן געשנאַפּט נאָך פּאַרווײַלונג. יענע, וואָס האָבן פײַנט לאַנגווײַל, האָבן געזוכט צײַטפאַרטרײַב.

נורית מיט עברונען זענען אַרײַן אין דעם געדראַנג. פון אַ רעדל איז אַרויסגעקומען אַ חסידישער ייִד מיט אַ העלער צעשויבערטער באָרד און מיט אַ פּאָר דיקע געשליפענע ברילן אויף דער נאָז. ער האָט געהאַט געפירט אַ טומלדיקן וויכוח מיט די אַרומיקע. דערזען עברונען, האָט ער אַנגענומען מיט זײַן האַנט זײַן קאַלטונבאָרד ווי מ׳נעמט אַן אַ האַלדזטיכל. ער האָט גערעדט צום עולם.

— הערטס ייִדן, ס׳איז קורץ פּאָר ליכטצינדן און די מצווה פון הדלקת־הנרות אויפן ים איז גרויס. מיר זענען טאַקע אין פאַרלעגנהייט, אָבער אָפּזאָגן זיך פון דער מצווה טאָרן מיר נישט. קומט, מיר מוזן פּועלן בײַם קאַפּיטאַן!

עברון האָט געוואָלט אויפקלערן, אַז אין די אונטערשטע דעקן, צווישן הילצערנע ווענט אין מיטן די ברעטער־געלעגערס טאָר מען קיין פײַער נישט אָנצינדן. דער קלענסטער פונק קען אָנמאַכן אַ שׂרפה. דאָס וווּנדער איז געווען גרויס וואָס פון אַ קליינעם פּראַכטדאַמפּער איז איבער נאַכט אויסגעוואַקסן אַ פּאַסאַזשיר־שיף, וואָס וועט עקשנותדיק שלעפּן די לאַסט פון צוויי טויזנט מענטשן. אָבער ברענענדיקע ליכט אין אַזאַ ענגשאַפט איז קעגן אַלע ים־געזעצן.

נורית האָט צום ערשטן מאָל געזען עברונען אין אַ פּאַרלעגנהייט. ער האָט געוואָלט ריידן געלאַסן, אָבער דאָס מויל האָט געמאַכט משונהדיקע גרימאַסן. זײַנע ברעמען האָבן געצוקט. די אויגן זענען געווען צעטומלט. זי האָט פּרובירט אים אַרויסנעמען פון דער אומבאַקוועמלעכקייט און גערעדט צו די אומגעדולדיקע.

— אויף לעגאַלע שיפן איז אַלץ פאַראַן. רויכער־צימערן, אַ קינאָ, זאַלן צום שפּילן קאָרטן, צום טאַנצן. אַפילו אַ שול מיט אַ ספר־תורה איז פאַראַן. אָבער דאָ, אויף אונדזער אָרעמער שיף?

דער ייִד מיט דער צעשויבערטער באָרד האָט שוין געהאַט אָנגעקליבן געוואָג ווערטער אויף די ליפּן צו ענטפערן. אָבער אַן אויסגעמאָגערטער יונגערמאַן מיט אַ נאַקעטן קאָפּ ווי אַ קני און אַ פּאָר געלאַקטע פּאות, האָט אים אויסגעכאַפּט. ער האָט אַרויפגעלייגט בײדע הענט אויף עברונס

אַקסלען און אַרײַנגערעדט אין אים.

— אין זכות פון שבת וועלן מיר בײַשטיין אַלע סכּנות. מ׳טאָר נישט אָפּלאָזן די הענט. קומטס ייִדן, איך וועל איבערצײַגן דעם קאַפּיטאַן!

ער האָט זיך געלאָזט גיין צום קאַפּיטאַנס בריק. אַ רעדל איז אים נאָכגעגאַנגען. עברון און נורית זענען געווען הינטער זיי.

ווי קאַפּיטאַן יוחנן האָט דערהערט זייער פאַרלאַנג, האָט ער זיך דערשראָקן. די מורא פאַר אַ שׂרפה איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט אַרויסגערופן דעם פײַער־אויפזעער, דעם שעף־אינזשעניר, וואָס האָט צו זאָגן איבער ליכט און וואַסער. עס זענען אָנגעקומען די דעקאַפּיצירן, די מאַשיניסטן פון דער מאַטאָרן־אָפּטיילונג. די באַראַטונג איז געווען אַ קורצע. דאָס קווענקלעניש האָט לאַנג נישט געדויערט. עברון האָט זיך נישט דערוועגט צו געבן קיין פאַרזיכערונג, אָבער נורית האָט די ערשטע גאַראַנטירט, אַז מ׳וועט אָננעמען אַלע באַוואָרעונישן. די שטרענגקייט בײַם קאַפּיטאַן האָט נאָכגעלאָזט. ער האָט געגעבן די דערלויבעניש צו בענטשן ליכט. ער האָט באַפוילן די מאַנשאַפט צו שטיין אויף דער וואַך. ער האָט איין מאָל און אַ צווייט מאָל אָנגעזאָגט, אַז די מינדסטע ריזיקע מוז אויסגעמיטן ווערן.

די נײַעס האָט זיך צעטראָגן איבער אַלע שטאָקן. צום דינסט איז געשטעלט געוואָרן דער עסצימער פון דער מאַנשאַפט. יעדער פרוי, וואָס איז געקומען צו הדלקת־הנרות, איז אָנגעזאָגט געוואָרן אָנצושנויצן אַ האַלב ליכטל. אויף די לאַנגע, הילצערנע טישן זענען אויסגעשטעלט געוואָרן בלעכענע פרוכט־קענדלעך אָנשטאָט לײַכטערס. די שווערע געקאָוועטע טירן זענען פאַרהאַמערט געוואָרן. צוויי מאַטראָזן האָבן זיך אָוועקגעשטעלט בײַ ביידע עקן טישן אַכטונג צו געבן דער ווינט זאָל נישט צעבלאָזן די ברענענדיקע ליכט און אַריבערשלעפּן דאָס פײַער אויף די הילצערנע ווענט. אייניציקווײַז און באַזאַכט האָבן זיך די פרויען אַרונטערגעלאָזט מיט די טרעפּ מקבל צו זײַן דעם שבת. זיי זענען אָנגעקומען אין וואַכעדיקע קופּקעס, אין שטערנטיכלעך, אין זײַדענע הײַבלעך. טייל האָבן זיך באַוויזן אין שבתדיקע קליידער, אין געבלימלטע שאַלן, אין פאַרביקע פאַטשיילעס. איינע נאָך דער אַנדערער האָבן זיי געצונדן די ליכט, פאַרכטיק פאַרלייגט די פינגער איבער די אויגן און די ליפּן האָבן מיט יראה געמורמלט די ברכה פון הדלקת־הנרות.

און ווי די ליכטקנייטלעך האָבן זיך צעפלעמלט, האָבן זיי נישט געברענט ווי פאַררויכערטע קינדלעך, נאָר געפלאַקערט ווי מנורות, ווי פאַקלפײַערן, וואָס רופן אַרײַן די שבת־מלכתא אינעם אינגעווייד פון דער שיף

און באַלויכטן דעם וועג פֿאַר די אָנקומענדיקע מלאכי־השרת.

אויף דער פּראָמענאַדע האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אַ פּאָר הונדערט ייִדן צו קבלת־שבת. עס זענען אָנגעקומען רעליגיעזע און פֿרײַדענקערס, שטרענג פֿרומע און האַלבע אפּיקורסים. מען האָט געשטראָמט איבער אַלע טרעפּ־לייטערס. אַ מאַטראָז האָט אַרויסגעבראַכט אַ שטענדער פֿאַר אַן עמוד. פֿון דעם געזעמל האָט זיך אַרויסגערוקט אַ פֿרייוויליקער בעל־תּפֿילה און, נישט אָנפּרעגנדיק בײַ קיינעם, האָט ער פֿאַרצויגן לכו נרננה. דער עולם האָט אונטערגעכאַפּט די תּפֿילה און דער כאָר זינגענדיקע קולות איז רוישיק באַגלייט געוואָרן פֿון די פּליעסקענדיקע ים־כוואַליעס.

נאָכן דאַווענען איז דער בעל־תּפֿילה אַרויפֿגעגאַנגען אויף דעם קאַפּי־טאַנס בריק און געדאַנקט דעם טאַטן פֿון דער שיף.

— יישר כּוח, קאַפּיטאַן! ווייסט איר, וואָס עס מיינט פֿאַר ייִדישע ווײַבער צו בענטשן ליכט אויפֿן וועג קיין ארץ־ישׂראל?

— כ'ווייס — וואָס דער קאַפּיטאַן געשמייכלט.

— קעגן אַזאַ קבלת־שבת וועט קיין בייזער כּוח נישט קענען בײַשטיין, קאַפּיטאַן. די מצווה איז גרויס!

— די מצווה איז גרויס, אָבער די שיף איז אײַנגעשטעלט.

— אין דעם זכות וועט מען אויסמײַדן די ענגלענדער, קאַפּיטאַן.

— מען וועט אויסמײַדן!

דער פֿרײַטאָג־צו־נאַכטס־מאַלצייט האָט זיך לאַנג נישט געצויגן, אָבער די פֿײַערלעכקייט האָט ערשט געהאַלטן בײַם אָנהויב. דאָס רירעוודיקע יונגוואַרג האָט זיך אויסגעזעצט אויף דעם אויבערשטן דעק אין גרופּעס, אין קרײַזלעך. טייל האָבן געבראַכט גיטאַרעס און מאַנדאָלינעס. איינער פֿון דער מאַנשאַפֿט איז געקומען מיט אַ פֿידל און אַ צווייטער מיט אַ צימבל. עמעצער האָט דערמאָנט, אַז גראָד דעם הײַנטיקן פֿרײַטאָג איז אויסגעפֿאַלן דער צווייטער יאָרטאָג נאָכן סוף מלחמה און באַלד האָט אַ פּאַרטיזאַנער אויפֿגעהויבן אַ הילכער ווי אַ שופֿר צום מויל און אויסגערופֿן: זאָלן די אויסגעלייזטע, די באַפֿרײַטע פֿײַערן אויפֿן אָפֿענעם ים דעם יאָרטאָג נאָכן זיג און זאָלן זיי דערמאָנען דעם אָנדענק פֿון די, וואָס האָבן נישט דערלעבט די אויסלייזונג, די מיליאָנען ריינע און הייליקע, וואָס זענען פֿאַרטיליקט געוואָרן אויף דעם קאָנטינענט פֿון אומקום.

נורית האָט אַן אויפֿגערודערטע זיך געטראָגן פֿון אָרט צו אָרט. די שלייפֿן האָבן בײַ איר געברענט. אַ פֿיבער, וואָס ברייט הייסער פֿון פֿײַער, האָט איר נישט געלאָזט אײַנשטיין. זי האָט געשפּירט ווי אַן אויסטערלישע

פאַרכטיקייט האָט דורכגענומען יעדעס גליד, יעדן נערוו אין איר לײַב. אַ ריזיק מענטשנראַד, געפלאָכטן דרײַפאַכיק און פירפאַכיק, האָט זיך אויס־געזעצט אַרום די באַריערעס פון דער פּראָמענאַדע. פון ביידע זײַטן אויפן אויבערשטן דעק זענען אַנגעצונדן געוואָרן ליכט־פּראָזשעקטאָרן. איבער די קעפּ פון די פאַרזאַמלטע איז געהאַנגען אַ הימל מיט שטערן. די כוואַליעס אויפן ים זענען פּלוצעם אײַנגעלאָפן. און אין מיטן געפלאָכטענעם ראָד איז געשטאַנען אַ יונגער פּאַרטיזאַנער, אַן אויסגעצערטער בחור מיט אַ פּאָר גרויסע, ברענענדיקע אויגן ווי אײַנער פון די לעצטע אויפשטענדלער, וואָס האָט שוין געהאַט אויסגעשריען אַלע לאָזונגען און געהאַט אויסגעטראָגן אַלע קאַמפן און ער האָט מיט אַ מיד קול אויפגעטויכט דערמאָנונגען פון דער קאַטאַסטראָפע אין זײַן דור. ער האָט אויפגעמישט יאָרן פון גאַזקאַמערן, פון סיסטעמאַטישער פאַרניכטונג פון זײַן פאָלק. דער פּאַרטיזאַנער האָט געמאַכט אַ שוידערלעכן אינווענטאַר. ער האָט אָנגעהויבן וועגן און מעסטן דעם פאַרנעם פון חורבן. ווי מוראדיק אומגלײַך איז געווען די פאַרטיילונג! טויזנטער זענען דערגאַנגען צו די מעפּילים־שיפן אויפן וועג צו באַפרײַונג, אָבער דאָס אַש פון מיליאָנען איז צעזייט איבער פעלדער און וועלדער, פאַרטראָגן פון די ווינטן.

נורית האָט באַנומען, אַז זײַן אזכרה איז דער בלוטלאָזער ציבור, וואָס עס צאָלן די געראַטעוועטע צו די אומגעקומענע. ס׳איז דער קדיש פון די מעפּילים אויף די אומענדלעכע בית־עלמינס אין אייראָפּע. ווען ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָבן פידלען אָנגעהויבן שפּילן און גיטאַרעס האָבן געזומען ברומען. די קלאַנגען האָבן נוריתן דערמאָנט אַן די טענער פון די אבלי־ציון בײַ די טײַכן פון בבל. אין דער אומעטיקער מוזיק איז אויך געווען אַן אָנקלאַגע און אַ וואָרענונג, אַז ס׳וועט נישט פאַרגעסן ווערן און ס׳וועט נישט פאַרגעבן ווערן דאָס וואָס די כּוחות פון צעשטערונג האָבן געטאָן צו דעם אײנזאַמסטן פאָלק פון די פעלקער.

מיידלעך מיט מעלאַנכאָלישע שטימען האָבן דעקלאַמירט שטילע לידער. אין די איינפאַכע ווערטער האָט געפעלט פּאַטעטישע דערהויבנקייט, אָבער בײַ נוריתן איז דורכגעגאַנגען אַ סקרוך איבערן לײַב ווען אירע אויערן האָבן אויפגעכאַפּט די טרויעריקע, נאָגנדיקע פערזן. „ס׳איז שטיל אין אייראָפּע...״ — האָט זיך געזאָגט אין אַ ליד, וואָס אַ מיידל האָט רעציטירט אויף פּויליש — „ס׳איז שטיל אין אייראָפּע״, האָט זיך איבערגעחזרט דער רעפריין אויף די ליפּן פון דער בלאַסער דעקלאַמאַטאָרין, וואָס האָט אין יענע מינוטן אויסגעזען ווי די קליינע ביבלישע רחל, די וויינענדיקע מאַמע

פאַר אַלע דורות. „ס׳איז שטיל אין אייראָפּע... נישטאָ מער קיין ייִדן, נישטאָ קיין מאַרקהענדלערס, קיין בייגל־פּאַרקויפערס, קיין ישיבה־בחורים... נישטאָ קיין וואַיאַזשאַרן, קיין פאַבריקאַנטן, קיין סטודענטן, קיין בני־תורה... ס׳איז שטיל אין אייראָפּע. אוי, ווי מוראדיק שטיל!״

פון אַן אַנדערן ווינקל אויפן דעק האָט זיך אויפגעהויבן אַ צאַרנדיקער יונגערמאַן מיט אַ קאָפּ האַרטע קנוילן האָר. ער האָט גערעדט פלאַמיקע רייד קעגן דער ענגלישער מאַכט, וואָס האָט פאַרכאַפּט די ימען און באַזעצט די יבשה צו פאַרצאַמען דעם וועג פאַר דעם צוריקקער פון דעם גערודפטן פאָלק. די קאַטאַסטראָפע פונעם יאָרהונדערט און דער בלוטאָפּלויף פון אַ גאַנצער אומה איז נישט גענוג געווען פאַר דער דעמאָנישער וועלט. די, וואָס האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון די גיהנום־פייַערן, וויל מען הייַנט דערטרינקען אין תהום פון ים, דעריבער: אַרויס צום ווידערשטאַנד, איבער־בלייַב פון ישראל.

און מיט דעם זעלבן אייפער ווי דער יונגערמאַן האָט גערעדט קעגן דעם נייַעם שונא, האָט ער אויך גערופן צו אייניקייט בייַם פאָלק. אַ הייליקע שבועה מוזן די מעפּילים באַלייגן אין מיטן ים נישט צו דערלאָזן קיין נייַע צעטיילונג פון די שבטים, נאָר אויסשמידן איין פעלדזיקע מחנה. ער האָט אויפגעמישט קאַפּיטלעך פון ווייַטן עבר, דערמאָנט אַז ברידער־מלחמות האָבן געבראַכט צו איין חורבן, צו אַ צווייטן חורבן און דעם דריטן חורבן וויל דאָך נאָר דער גרויזאַמער שונא!

די מורא פאַר אַ נייַעם חורבן האָט געבוירן אַ פאַרכטיקע שטילקייט. די שטילקייט האָט דורכגענומען די הונדערטער צוהערערס און אַנגעשטעקט די שטענדיק לוסטיקע מאַנשאַפט, וואָס איז געווען אַרייַנגעפלאָכטן אין דעם ריזיקן מענטשנראָד. פון דער שטילקייט איז אויך אָנגעשטעקט געוואָרן דער טונקעלער ים, וואָס איז פלוצעם אַזוי ווי פלאַכער געוואָרן, גלייַך די וואַסער־שטראָמען וואָלטן אַראָפּגעזונקען און אייַנגעשלונגען די אייגענע כוואַליעס.

— ט —

ביי נוריתן האָט די וואָרענונג זיך אייַנגעשניטן אין מוח ווי אַ קלין און זיך געשרייפט מיט דער שפּיציקייט פון אַ שאַרף ראָד. דער זכרון האָט צוריקגעמישט יאָרן. ווי לאַנג איז עס געווען, ווען אַראַבישע כּנופיות האָבן פאַרוויסט יישובים אין גליל און געבערנט פעלדער אין עמק יזרעאל? אויך דעמאָלט איז געקומען די וואָרענונג פון חורבן און דער רוף צו ווידער־

שטאַנד: שטיי אויף מענטש פון עמק! כּוחות פון צעשטערונג גייען אויף דיר! בײַ טאָג אויפן טראַקטאָר וויקלסטו זיך אין פלאַמיקע ווינטן, בײַ נאַכט פּיבערסטו פון קעלט און פון פּחד, אַז דאָס פעלד זאָל נישט פאַרברענט ווערן. די חורבנות האָבן קיין מאָל נישט אויפגעהערט. אַ שׂרפה יאָגט אַן אַ שׂרפה, אַ חורבן לויפט נאָך אַ חורבן. צי האָבן דען צוליב דעם אונדזערע טאַטעס זיך געפרייט מיט דער פרייד פון גאולה אויף יעדן יונגן בוים, אויף יעדן נײַעס פּלאַנץ, אויף יעדן פרישן זאָמען? צי האָבן דען צוליב דעם אונדזערע ברידער אָנגעטרונקען די שטייניקע, וויסטע ערד מיט שווייס, מיט טרערן און זי אויסגעוואַרעמט מיט אומבאַגרענעצטער ליבשאַפט? צי האָבן זיי דאָס אַלץ דורכגעטראָגן נאָר דערפאַר, אַז אַלע געווינסן, אויסגעקויפטע דורך יסורים און קרבנות, זאָלן אויפגעלייזט ווערן אין פײַער?

די חושים בײַ נוריתן האָבן געאַרבעט האַסטיקער. פאַר וואָס זאָל זי זיך שרעקן פאַר אַ געפאַר, וואָס איז נאָך ווײַט? אויך זי איז אײנע פון דער מחנה, רעקרוטירט דורך די ים־וועלף. נישט דער איבערפאַל אויף דער שיף, נאָר די דערוואַרטונג, נישט די אַטאַקע, נאָר די צוגרייטונג צום ווידערשטאַנד קענען אויסשעפּן די כּוחות. אַלע אירע אַמביציעס, באַגערן און לוסטן, אָנגעזאַמלט דורך וואָכן, חדשים, וועט זי אָנגורטן זיך צו ווערן קעגן דער נאַכגיביקייט. דעם גאַנצן שטראָם פון אירע אויפגעוואַכטע ווײַבלעכע כּוחות וועט זי אָנווענדן, אַז איר אומבויגזאַמער ווילן זאָל נישט אָפּגעשוואַכט ווערן, אַז דער אויסדויער זאָל פאַרטרײַבן די מורא, אַז דער גלויבן זאָל בײַקומען דעם צווייפל, און ווען דער גלויבן וועט אָפּווישן אַלע ספקות, וועלן די מעפּילים, די ים־וועלף הײַנט, אַזוי ווי מענטשן אין עמק פריער, נישט אָפּשטיין. צווישן פלאַמען פײַער און זײַלן רויך וועלן זיי אויסשמידן די כּוחות פון ווידערשטאַנד.

נורית האָט זיך געהאַט באַפרײַט פון די טראַכטענישן, ווען זי האָט זיך געשטעלט בײַ דער פאַדערשטער דעק־באַריערע און אַראָפּגעקוקט צו די ים־כוואַליעס, וואָס זענען ווידער אויפגעשוואָלן, זיך געשוימט און זיך צעשפּריצט. די פּראַמענאַדע איז שוין כּמעט געווען אָפּגעליידיקט. זי האָט דערפילט דעם באַריר פון אַ האַנט אויף איר אַקסל און זיך אויסגעדרייט. עברון, אײַנגעהילט אין אַ לייזן גומענעם דעקטוך, וואָס עס טראָגן ים־מענטשן אין אַ געוויטער, איז געשטאַנען און געשמייכלט.

— צײַט אַראָפּצוגיין אין דער קאַיוטע, נורית — האָט ער געזאָגט.

— פאַר וואָס?

ער האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויפן טונקעלן הימל.

— זעסט ווי די שטערן האָבן אויפגעלויכטן? ס'איז אַן אָנזאָג.
— אַן אָנזאָג, אַז ס'וועלן אויפלויכטן די מזלות?
— אַז ס'קומט אַ שטורעם.

נורית האָט אויפגענומען די נײַעס מיט דעם אָנשטעל פֿון גלײַכגילטיקייט. אָבער זי האָט זיך נישט געוועהרט ווען ער האָט אַרײַנגעפּלאָכטן זײַן אָרעם אין אירן און ביידע האָבן געמאַכט האַסטיקע קרײַזן אַרום דעם דעק. זיי האָבן לאַנג שפּאַצירט און גערעדט פֿון די אויפֿרודערנדיקע איבערלעבענישן דורכן טאָג מיט דעם ענטוזיאַזם פֿון יענע, וואָס קענען נישט באַהערשן זייער גליקזעליקייט. נורית האָט אויסגעלאָדן פֿון זיך אַלץ, וואָס איז געווען אין איר געמיט. דאָס וועטער האָט זיך האַסטיק געענדערט. אָנגעשוואָלענע כמאַרעס פֿון אויבן האָבן פֿאַרפֿינצטערט דעם הימל. און די כוואַליעס אויף דער ים־פֿלאַך האָבן זיך אויפֿגעהויבן ווי סטויגן, פֿאַרגאָסן דעם אויבערשטן דעק, פֿאַרשפּריצט די פּראָמענאַדע ביז צום קאַפּיטאַנס בריק. אַ פּאָר מאַטראָזן זענען אַרויסגעלאָפֿן און אַראָפּגעטריבן די לעצטע פּאַסאַזשירן. זיי האָבן פֿאַרפֿלאָכטן שטריק אַרום די רעטונגס־שיפֿלעך און פֿאַרלייגט פּרעזענטעס אויף די אײַזערנע טירלעך, וואָס האָבן געפֿירט צו די אונטערשטע שטאָקן.

מיט אַ מאָל האָט זיך די שיף אַ וויג געטאָן מיט אַזאַ אימפּעט, גלײַך זי וואָלט זיך געהאַלטן ביים איבערקערן. נורית מיט עברונען זענען אַראָפּ אין דעם עסצימער, ווו ס'איז נאָך געווען ליכטיק און טומלדיק. די מערסטע פּאַסאַזשירן האָט עס נאָך נישט געצויגן צום שלאָף. הײַפֿלעך פֿרויען און מאַנצבילן זענען געווען פֿאַרקאָכט אין היציקע שמועסן. די נײַגעריקע האָבן געוואָלט וויסן ווי פֿיל מײַל די שיף איז אָפּגעשוווּמען פֿון ברעג. אומגעדולדיקע האָבן געפּרוּווט טרעפֿן ווי פֿיל שטורעמס ס'איז באַשערט ביז מ'דערלעבט צו זען לאַנד. ס'האָבן זיך באַצײַטנס אָפּגעזוכט אַזעלכע, וואָס האָבן געליטן פֿון דעם ים־קראַנקייט. טייל האָבן אויסגעבראָכן דעם מאָלצייט, אַנדערע זענען בײַגעקומען די איבלענישן און אין מיטן דעם געפֿילדער, אין מיטן דעם וויגעניש פֿון דער שיף איז אַרײַנגעשפּרונגען אַ מאַטראָז מיט דעם אָנזאָג, אַז אַ קינד איז נאָר וואָס געבוירן געוואָרן, דאָס ערשטע נײַ־געבוירענע ייִנגל אויף דער פּליטים־שיף.

נורית האָט געלאָזט שטיין עברונען און זיך געלאָזט לויפֿן צו דער קליניק. זי איז געלאָפֿן אַ צעפּלאָמטע, אַן אויפֿגעהײַטערטע צו אירע פֿליכטן, גרייט אויפֿצונעמען אַל דאָס אומגעריכטע.

צווישן די פּאַסאַזשירן האָט מען נאָך פֿריער געהאַט געהערט, אַז שוין

פון פרימאָרגן אָן גייט די געווינערין צו קינד, אַז זי האָט שווערע געבורט־ווייען און מ׳וועט אפשר מוזן אַרויסנעמען דאָס עופעלע דורך אַ קייזערשניט. אָבער ווער וועט אַזוינס זיך דערוועגן צו טאָן אין מיטן ים, צווישן הימל און ערד ? ס׳האָט זיך אָפּגעזוכט אַ דאָקטאָר, אַן אָקושאָר ווילּיק צו ריזיקירן. אָבער די זאָרג פאַר דער געווינערין און דער אומצוטרוי צום דאָקטאָר איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווײַבער האָבן געבעטן גאָט די געבורט זאָל ערשט געשען נאָך דער לאַנדונג. אַציינד, אַז דער בן־זכר איז געבוירן געוואָרן, זענען אַלע צווייפלענישן אויסגערונען, די שרעק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פרייד.

פרויען, וואָס זייערע קינדער זענען געבוירן געוואָרן אין די וועלדער, בײַם אַריבערלויפן גרענעצן, אונטערן האָגל פון באָמבעס, זענען מקנא געווען די געווינערין. ס׳האָבן זיך באַלד צעטראָגן קלאַנגען, אַז אַ קינד וואָס ווערט געבוירן אויף אַ שיף, איז געגליכן צו אַ פּרינץ. אַלע גרענעצן זענען פאַר אים אָפן, אַלע לענדער זענען פאַר אים פרײַ. נישטאָ קיין פאַרבאָטן פאַר אַ מענטש, וואָס ווערט געבוירן אויפן בוזים פון ים. יעדע פאָן וועט אים שיצן. ער איז אַ בירגער פון דער וועלט.

אין דער קליניק האָט נורית געפלאָטערט אַרום דער יונגער מאַמע. דער דאָקטאָר, דער אָקושאָר, האָט געהאָט אָפּגענומען דאָס קינד און עס אײַנגע־וויקלט אין ווייכע געוואַנדן. ווי אַ וואַכזאַמע, באַרמהאַרציקע קראַנקן־שוועס־טער האָט נורית פלינק צוגעשטעלט אַלערליי זאַלבן, שמעקנדיקן אייל, פּודער, ליינענטיכער. ס׳האָט געברענט אונטער אירע הענט. זי האָט געווישט דעם שווייס פונעם שטערן בײַ דער געווינערין. זי האָט עטלעכע מאָל געמאָסטן איר טעמפּעראַטור און געטריבן די נײַגעריקע פרויען, וואָס האָבן באַלאַגערט די טיר.

הינטער דער וואַנט האָבן אַלצווייסערס אויסגערעכנט, אַז אַזוי ווי די שיף שווימט אונטער אַ געבאָרגטער פאָן, וועט דאָס נײַ־געבוירענע יינגל ווערן אַ בירגער פון יענעם לאַנד. ער וועט צו דער זעלבער צײַט ווערן אַ בירגער פון ארץ־ישראל, עגיפּטן, גריכנלאַנד, איטאַליע און פון אַלע לענדער, וואָס שפּרייטן זיך אויס בײַם מיטללענדישן ים. מאַמעס־פּאַרטיזאַנקעס, וואָס האָבן אויסגעטראָגן זייערע געווינסן אין די פוקסן־לעכער, אין די טויט־היילן, זענען נישט מקנא געווען די געווינערין, וואָס ס׳איז איר באַשערט אַזאַ גליק. זיי האָבן אָבער געליטן, וואָס זייערע עופעלעך האָבן געהאָט אַזאַ ביטערע דאָליע. די ערשטע מילך, וואָס זיי האָבן נישט געזויגן, וועט זיי שוין אייביק פעלן. די ערשטע שפּײַז, וואָס מ׳האָט נישט געהאָט זיי צו

דערנערן, וועלן זיי קיין מאָל נישט צוריקקריגן.

און ווי די נאַכט האָט אָפּגעווישט די קנאה און דער ברויזנדיקער ים האָט פאַרטרונקען די פּאַרדרוסן, איז פּלוצעם די שיף ווידער אויפגעטרייסלט געוואָרן פון געשרייען. פון דעם עסצימער זענען אַרויסגעלאָפן אַ פּאָר ווײַבער און געבראָכן די הענט. די טיר פון דער קליניק האָט אויפגעפּראַלט. פון דער אונטערשטער מאַשינען־אָפּטיילונג האָט מען אַרויפגעפירט אַ וויינענ־דיק ייִנגל מיט אַן אָפּגעהאַקטן פינגער.

נורית האָט געגעבן איין קוק אויף אים און איר האַרץ האָט אויפגעצאַפּלט. ס׳איז געווען לייבעלע, דאָס זעלבע עלנטע ייִנגל מיט דעם איינציקן קלומיקל, וואָס קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף אים אין דער ערשטער נאַכט פון אויפלאַדונג און קיינער האָט זיך מיט אים נישט אָנ־געקערט. אַ מאַטראָז האָט דערציילט, אַז לייבעלע איז אַראָפּגעקומען העלפן ביי די הייצקעסלען און האָט אַרײַנגעדרייט אַ האַנט אין אַ מאַשינראָד. די אומפאַרזיכטיקייט האָט אים געקאָסט אַ האַלבן פינגער, אַ פאַרבלוטיקטער קנויל פלייש האָט זיך געבאַמבלט אויף אַ שטיקל ביין.

אין דער צערודערונג האָט מען אַרויסגערופן דעם זעלבן דאָקטאָר, דעם אַקושאָר, וואָס האָט אָפּגענומען דאָס קינד בײַ דער געווינערין. ער האָט קוים געקענט טאַמעווען דאָס בלוט. ער האָט אונטערגעלייגט אַ ברעטל, פאַר־באַנדאַזשירט די האַנט און פאַר אַ צולאָג געטרייסט דאָס ייִנגל מיט אַ פּאָר אויפמונטערנדיקע ווערטער. ער האָט אַלץ געטאָן אויפצוהיטן בײַ אים די אילוזיע, אַז ער וועט נישט פאַרלירן דעם פינגער. דער דאָקטאָר האָט זיך איבערגעקוקט מיט נוריתן אוןביידע האָבן באַנומען, אַז מען וועט ערשט קענען אַמפּוטירן דעם פינגער, ווען די שיף וועט אַרײַנקומען אין אַ פּאָרט אין ארץ־ישראל.

ס׳איז אין יענער רגע געווען די פליכט פון דער באַרעמהאַרציקער קראַנקן־שוועסטער צו באַרויִקן דעם יונגן פּאַציענט. נורית האָט זיך איבערגעבויגן איבער אים און אַרײַנגענומען זײַן קאָפּ אין איר שויס. זי האָט געטוליעט זײַן פאַרבאַנדאַזשירטע האַנט, זי האָט געגלעט זײַן שטערן, געקעמט מיט אירע פינגער זײַנע צעשויבערטע האָר און אים געטרייסט. דאָס גאַנצע רחמנות און צערטלעכקייט, וואָס האָט איבערגעלאָדן איר ווײַבלעך האַרץ, האָט זי אַרײַנגעלייגט אין אירע רייד.

— וויין נישט לייבעלע. דו האָסט בלויז אַ וווּנד. ביסט אַ זעלנער אין קאַמף און דו ביסט פאַרווונדעט געוואָרן...

— כ׳וועל בלײַבן אָן אַ פינגער, שוועסטער — האָט לייבעלע געיאָמערט.

— בלויז מיט אַ האַלבן פינגער, לייבעלע — האָט נורית געשעפּטשעט
— די ענגלענדער וועלן דערפאַר דיך נישט פאַרשיקן קיין ציפּערן... דו וועסט בלייַבן אין ארץ־ישראל.

דאָס ייִנגל האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען.

— דו וויינסט, לייבעלע? אַ מעפּיל וויינט? אַ חייל וואָס גייט קיין ארץ־ישראל, וויינט?

זי האָט לייבעלען אַרויפגעלייגט אויפן בעטל. זי האָט זיך געזעצט נעבן אים ווי נעבן אַ יונגן ברודער און אַרייַנגערעדט.

— איז דען דיר נישט ווערט אַוועקצוגעבן אַ האַלבן פינגער, אַז דו זאָלסט קענען בלייַבן אין ארץ־ישראל? וואָס איז דען אַ פינגער, לייבעלע? ווער פון דער מאַנשאַפט וואָלט נישט אַוועקגעגעבן אַ האַלבע האַנט פאַר אַזאַ זכיה? געדענקסט די שבועה, לייבעלע: אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני?

לייבעלע האָט אויפגעהערט וויינען.

די שיף, געפירט פון דעם באַשעפער אַליין, באַוואַכט פון די ים־וועלף, האָט זיך געוויגט פאַרויס. אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט האָט זי זיך געהוידעט צווישן די פלייצנדיקע שטראָמען פון אויבן און די זודיקע אויסגוסן פון אונטן. נישט אַ וואַגלדיקע תיבה, נאָר אַ שווימענדיקע פעסטונג, מעכטיק קעגן געוויטער, אומבויגזאַם צו שטורעמווינטן, האָט זי זיך געטראָגן אויפן ברויזנדיקן ים צו דער ווייַטער, זיכערער יבשה.

אינהאַלט

אַ וואָלפיש אין יפו	7
דער תּקיף	27
דער טלית	58
אַ חלום אין מדבר	85
דער מוכטאַר	116
צירעלע, מײַן קרוין	149
אַ ווײַנגאָרטן	181
ים־וועלף	189

ביז איצט דערשינענע ביכער פון שמואל איזבאַן:

מאַסן (ראָמאַן), פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע 1929

נאָכן שטורעם (דערציילונגען), פאַרלאַג „נייע קולטור", וואַרשע, 1929

קוועך 1914 — 1918 (ראָמאַן), ווילנער פאַרלאַג ב. קלעצקין, 1934

איף רושטאַוואַניעס (ארץ ישראל־דערציילונגען), פאַרלאַג „ליטעראַרישע בלעטער" וואַרשע, 1936

צווישן הונדערט טויערן (דערציילונגען), פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי, ניו יאָרק, 1942

בבית הדין (סיפורים) תרגום: מ. ליפסון הוצאת „ספרון" (ע"י ידיעות אחרונות), תל אביב, 1947

„אומלעגאַלע" ייִדן שפּאַלטן ימען (די געשיכטע פון אַן אומלעגאַלער רייזע קיין ארץ ישראל) פאַרלאַג „דאָס פוילישע ייִדנטום" בוענאָס איירעס, 1948

„פאַמיליע קאַרפּ" (ארץ ישראל־ראָמאַן), 2 בענד, פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום" בוענאָס איירעס, 1949

די שטאָט פון צאָרן (ניו יאָרקער דערציילונגען), פאַרלאַג „זריעה", מאָנטעווידעאָ, 1955

בית קאַרפּ (רומן), תרגום: א. לביוש, מ. צרי הוצאת „מסדה" תל־אביב, תשט"ז 1957

די שפּעטע יורשים (ראָמאַן), פאַרלאַג „ייִדיש", בוענאָס איירעס, 1958

די קעניגין איזבל (היסטאָרישער ראָמאַן), 2 בענד, פאַרלאַג „ייִדבוך", בוענאָס איירעס, 1959

מסיפורי ניו־יורק (סיפורים), תרגום שמשון מלצר, הוצאת ספרים אחיאסף, ירושלים, 1962

המלכה איזבל (רומן היסטורי), תרגום: א. ווייסמן, הוצאת ספרים אחיאסף ירושלים, 1963

יריחו (היסטאָרישער ראָמאַן) פאַרלאַג „ייִדבוך", בוענאָס איירעס, 1966

רחב (רומן היסטורי מימי כיבוש יריחו) תרגום מרדכי אמיתי הוצאת „עם הספר", תל אביב 1971